STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09598

FIR DOYRES IDISH TEATER

Nechemias Zucker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח ת ו נ ה ־ ב י ל ד
פון זינא און לייזער ראַפּעל

6

צווייטער טייל

אַכצנטער קאַפּיטל:

די פינף יאָר „עליזעאום"־טעאַטער — נעמען וואָס געדענקען זיך — ה. ד. נאָמבערג און לעאָן יאַקובאָוויטש — דער טאַטע מאַכט זיך ווידער „זעלבסטשטענדיק" — די עלטערן קומען און פֿאַני האָט חתונה — פֿאַני פֿאַרלאָזט דאָס טעאַטער און די עלטערן פֿאָרן אַוועק קלאַראַ יאַנג און שערמאַן — „אַ סובּרעטן מיט זעקס צעפּלעך" — קלאַראַ יאַנג קערט וועלטן — שערמאַן צעקריגט זיך מיט די אַקטיאָרן — קלאַראַ יאַנג פֿאָרט אַוועק.

די פינף יאָר „עליזעאום"־טעאַטער

די פינף יאָר „עליזעאום"־טעאַטער, זיינען פֿאַר מיר געווען ווי אַ וויכטיקע הויך־שול פון טעאַטער־קענטעניש.

אויב איך האָב ביז צו דעם פּעריאָד געשפּילט צוערשט קינדער־ראָלן, דערנאָך פּרימאַדאָנעס און ווען מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב פֿאַרלוירן די שטים, האָב איך אויך אָנגעהויבן שפּילן דראַמאַטישע ראָלן, זיינען דאָס טאַקע געווען פֿאַר מיר גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען; אָבער וויפֿיל הייליקן ציטער איך האָב געפּילט פֿאַר יעדן אויפֿטריט אין אַ נייער ראָל, האָב איך אָבער קיינמאָל נישט געפּילט די מורא, די הייליקע שרעק, אַז איך וועל חלילה קאַליע מאַכן אַ ראָל, וואָס אַן אַנדער אַקטריסע פֿאַר מיר האָט בעסער געשפּילט.

דורך די פינף יאָר „עליזעאום"־טעאַטער, האָב איך אַ סך מאָל איבער־געפּילט אָט די הייליקע שרעק, און דערפֿאַר, האָב איך טויזנט מאָל מער איבערגעפּילט די גרויסע דערהויבונג, ווען איך האָב אונטער־גענומען און איך האָב געזיגט.

דורך די פינף יאָר עליזעאום־טעאַטער, האָבן זיך אין טרופּע געטוישט אַ סך אַקטיאָרן און אַקטריסעס, און אַלס פרוי פון איינעם פון די דירעק־טאָרן, האָב איך געהאַט גוטע מעגלעכקייטן צו אָבסערווירן די מעלות און חסרונות פון יעדער אַקטריסע, און איך האָב געזוכט, זיך צו פּערפעק־ציאָנירן לויט די אָבסערווירטע מעלות. ווען עס האָט אַקטואירט אין אונ־זער טעאַטער אַ גרויסע דראַמאַטישע אַקטריסע און איך האָב זי דערנאָך באַדאַרפֿט פֿאַרטרעטן, האָב איך מיט אַלע מיינע חושים דורכגעפּילט די הייליקע שרעק, אַז איך גיי זיך דאָ פֿאַרמעסטן מיט אַ ריז, און אָט די

שרעק, איז געווען די בעסטע טעאַטער־הויך־שול מיינע, ווייל איך האָב זיך געמוזט לערנען און טאַקע פּאַרטיפן און זיך איינלעבן און באַנעמען, און איך בין זיך מודה, אַז נישט אַלעמאָל האָב איך אַלץ באַנומען מיטן שכל, גאַנץ אָפט און אפשר מערסטנטיילס האָב איך עס בלויז באַנומען מיט מיין געפיל, מיט מיינע בלוטן; און אויב טאַלאַנט איז נישט בלויז אַ שכל זאַך, ווייל ווען יאָ, וואָלטן דאָך אַלע קלוגע מענטשן געמוזט האָבן טאַלאַנט און דעריבער, אויב טאַלאַנט איז נישט בלויז אַ שכל זאַך, האָב איך דווקא די ראָלן וואָס איך האָב מער דורכגעפילט אין מיינע בלוטן ווי מיטן שכל — אַ סך בעסער אינטערפּרעטירט און באַקומען פאַר זיי אַ סך מער אנערקענונג.

נעמען וואָס געדענקען זיך

צווישן די אָנגעזעענע אַקטיאָרן און אַקטריסעס וואָס האָבן זיך אין משך פון די פינף יאָר באַטייליקט אין עליזעאום־טעאַטער, זיינען געווען דירעזשאָר שליאָסבערג מיט זיין פרוי סאָניע; אבעלמאַן און פרוי; שעראַדזקי מיט זינאַ גאָלדשטיין; מיכל קליין, יאַקוב לערמאַן, קייזעראָוויטש און פרוי, סאַמבערג מיט פרוי העלענאַ גאָטליב, ליאָווע ברוין, שאַפּיראָ, קרויזע־מילער (וועלכע האָט זיך שוין געהאַט געגט מיט איר מאַן) און קרויזע מיט זיין צווייטער פרוי, גורענקא, וועלכע איז געווען אַן אויסגעצייכנטע פּרימאַדאָנע און עס האָבן אויך אַקטואירט די נעראָסלאַווסקי מיט איר מאַן דעם דירעזשאָר סאַנדלער, דראַנאָוו און פרוי נאַדינא, מעערכאַן האָט אָפט גאַסטראָלירט אַלס רעזשיסאָר און זיין פרוי איז אויך געווען אין טרופּע און הויך די אַלע, האָבן אויך אין משך פון די פינף יאָר גאַסטראָלירט מאָסקאָוויטש פון לאָנדאָן, די פיינמאַן, קלאַראַ יאָנג און אַנדערע.

דאָס זיינען פאַר מיר געווען פינף יאָר פון טעאַטער־בילדונג, און זייענדיק ראפּעלס פרוי, האָב איך נישט באַדאַרפט ליידן און מורא האָבן פאַר „אונטער־פיסלעך”; און ווייל איך האָב אויך קיינעם נישט געגעבן צו פילן, אַז איך, אַלס פרוי פון דירעקטאָר, האַלט זיך גרעסער, האָבן מיך אַלע ליב געהאַט און זיי האָבן מיך געצערטלט ווי געטרייע שוועסטער און מיך אפילו געמוטיקט, אין מינוטן ווען איך האָב באַדאַרפט איבערלעבן די הייליקע ציטערנישן פאַרן אויפטרעטן אין אַ נייע ראָל, וואָס אַן אַנדערע, אַ באַרימטע אַקטריסע, האָט פאַר מיר געשפּילט.

די הייליקסטע שרעק און דעם מוראדיקסטן פיבער, האָב איך איבערגעפילט, ווען איך האָב באַדאַרפט אויפטרעטן נאָך קלארא יאָנג, אין איר

ראָל פון דער פיעסע „זיין ווייבס מאַן”; אַ ראָל, נאָך וועלכער איך בין פון פּרימאַדאָנע און דראַמאַטישע שוישפּילערן, אַריבער צו אַ נייעם זשאַנר, און איך בין פּלוצלינג אַנערקענט געוואָרן אַלס ערשט- קלאַסיקע סוברעטן.

אָבער וועגן דעם וועל איך נאָך דערמאָנען שפּעטער, דערווייל וויל איך אויפמישן אַ בלעטל פון מיינע פּריוואַטע פאַמיליען-איבערלעבענישן.

ה. ד. נאָמבערג און לעאָן יאַקובאָוויטש

אודאי איז געווען גרויס מיין פרייד, ווען טאַטע-מאַמע זיינען ענד-לעך געווען מיט מיר צוזאַמען און נאָך גרעסער איז געווען מיין פרייד, ווען ראַפּעל האָט זיך צוגעהערט צו מיין געבעט און זיי אַריינגענומען אין טרופּע. אָבער איך האָב גוט געזען ראַפּעלס עגמת-נפשן צוליב מיין טאַטן, וואָס האָט זיך כסדר געוואָלט מישן אין די געשעפטן, און איך האָב געפילט ראַפּעלס פאַרדרוס, און איך האָב נאָר געציטערט, אַז דער טאַטע זאָל נישט איבערייסן דאָס שטריקל.

איך האָב גוט באַמערקט, אַז אויך דער טאַטע אַליין היט זיך, אַז ער זאָל נישט איבערייסן דאָס שטריקל. ער האָט געפילט, אַז ער האַנדלט שלעכט מיט זיין מישן זיך און גאַנץ אָפט, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ זאַך וואָלט באַדאַרפט זיין אַנדערש און ער האָט שוין געמאַכט די באַוועגונג אַף צו מישן זיך, האָט ער זיך אין לעצטן מאָמענט באַזינען; און פון פאַרדרוס, וואָס ער האָט זיך נישט געמישט, איז ער אַוועק נעמען אַ גלעזל און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער איז צוריקגעקומען בגלופינ-דיק און ערשט זיך אָנגעהויבן מישן, און זאָגן זיינע דעות, און פאַרוואַרפן די שנעקעס, אַז זיי פירן אַליין איבער די געשעפטן, ווייל זיי הערן זיך נישט צו צו אים...

עס קאָן מעגלעך זיין, אַז ראַפּעל וואָלט עס נישט געוואָלט אַזוי ליידן און אַז אויך דער טאַטע וואָלט עס נישט געוואָלט, נאָר איין סבה האָט זיי ביידע אָפּגעהאַלטן פון אַ נייעם ברוגז, די סבה איז געווען — פאַני.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז דאָס נעמען דעם „עליזעאום” אַף פינף יאָר צייט, איז געווען אַ סענסאַציע און אונזערע אויפירונגען, זיינען אויך געווען זייער דערפאָלגרייך; זיי האָבן צוגעצויגן דעם בעסערן עלעמענט פון אידישע טעאַטער-באַזוכער אין וואַרשע און עס זיינען געקומען אויך אַ סך שרייבער און דאָקטוירים.

צווישן די שרייבער וואָס האָבן באַזוכט אונזער טעאַטער, זיינען אויך געווען ה. ד. נאָמבערג און לעאָן יאַקובאָוויטש.

פאַני איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין און אירע גרויסע בלויע

אויגן האָבן טאַקע געקענט באַגייסטערן אַ קינסטלער, אַז ער זאָל אין זיי זען אומענדלעכע בלויע הימלען. אַ הויץ אַקטיאָרן און אַנדערע נאָנטע באַם טעאַטער, האָבן זיך אויך שרייבער אַרום איר געדרייט און געזוכט צו געווינען איר סימפּאַטיע, אָבער מער פון אַלע, האָבן זיך נאָמבערג און יאַקובאָוויטש, נישט נאָר געדרייט אַרום איר, נאָר טאַקע געשדכנט צו איר, איר געמאַכט ליבעס דערקלערונגען און געזוכט צו דעראָבערן איר האַרץ.

נאָמבערג און יאַקובאָוויטש האָבן זיך אַזוי ריוואַליזירט, אַז די לאַגע איז געוואָרן גאַנץ ערנסט און פּאַני האָט זיך געמוזט דעצידירן. זי האָט אויסגעקליבן יאַקובאָוויטשן.

יאַקובאָוויטש איז באַלד געקומען צו אונזערע טאַטע־מאַמע און גע־בעטן פּאַנים האַנט, אָבער דאָ האָט זיך דוקא ראַפּעל אַריינגעמישט און ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט אַזוי גלאַט איינגיין, נאָר פריער זאָל מען זען צי יאַקובאָוויטשס עלטערן זיינען מסכים צום שידוך.

און דאָס איז אייגנטלעך געווען די הויפּט־סבה וואָס ביידע, סיי ראַ־פּעל און סיי מיין פּאָטער, האָבן אַראָפּגעשלונגען די עגמת־נפש, ווייל ביידע האָבן מורא געהאַט, אַז אַ ברוגז זאָל נישט שעדיקן פּאַנים צוקונפט.

און אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָבן זיך צו אונז געיאַוועט געסט.

יאַקובאָוויטש איז געקומען און אים האָבן באַגלייט אַ הויכער איד מיט אַ שיינער ווייסער באָרד, אַן אויסערגעוויינלעך ליכטיק פּנים און קלוגע אויגן, וואָס זייערע בליקן האָבן ממש געגלעט מיט צאַרטקייט און זיין פרוי, מיט אַ שטערן־טיכל און אַ דיאַדעם אויסגעזעצט מיט דיאַ־מאַנטן אפן קאָפּ, אַ טיפּ פון אַ רביצין.

דאָס זיינען געווען יאַקובאָוויטשעס עלטערן, יאַקובאָוויטשס פּאָטער האָט גערעדט מיט פּאַנין, דערנאָך האָט ער גערעדט מיט אונזערע על־טערן און דערווייל האָט אויך יאַקובאָוויטשעס מוטער געכאַפּט אַ שמועס מיט פּאַנין און נאָך דעם זעלבן אָונט האָבן מיר געפּראַוועט פּאַנים תנאים מיט יאַקובאָוויטשן.

דער טאַטע מאַכט זיך ווידער זעלבסטשטענדיק

אַבי פּאַני איז שוין געוואָרן אַ כלה האָבן ביידע צדדים שוין נישט געוואָלט מערליידן איינער פון אַנדערן; דערווייל זיינען אויך באַ מיר אין שטוב געווען קליינע סכסוכים, ראַפּעלס מאַמע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן קאַפּריזן באַלד נאָך אונזער צוריקומען פון פּעטערבורג, האָט די קאַפּריזן דערנאָך נישט פאַרמינערט, נאָר דוקא פאַרמערט, און די

זעלבע עגמת־נפשן וואָס ראַפּעל האָט געהאַט אין טעאַטער פון מיין טאַטן, האָב איך אויך געהאַט אינדערהיים פון זיין מאַמען און עס איז אויסגעקומען, אַז אינדערזועלבער צייט, ווען ראַפּעלס מאַמע איז אַוועק וואוינען צו אַן אַנדערן זון, האָט אויך דער טאַטע פאַרלאָזן דעם עליזעאום־טעאַטער. דער טאַטע האָט צונויפגעשטעלט אַ טרופּע פאַר דער פּראָווינץ און די מאַמע איז געגאַנגען מיט אים און געטיילט זיין גורל.

צווישן די אַקטיאָרן וואָס דער טאַטע האָט דעמלט אנגאַזשירט פאַר דער פּראָווינץ, האָבן זיך געפונען אַדאָלף מידע און ראָזא פּיעקאַרניק. שייקע מיט שבען זיינען אויך געווען אין דער טרופּע און איך געדענק דעם פאַקט ווײַלכן מיר האָבן דעמלט איבערגערעדט, אַז דער טאַטע האָט דער פּיעקאַרניק געגעבן גאַנצע צוואַנציק קאָפּיקעס, אַלס אַוואַנס אַף דער גאַזשע וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט צו צאָלן...

דער טאַטע האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע. ער האָט שוין נישט „געדינט". ער האָט זיך שוין ווידער געפילט זעלבסטשטענדיק, אַלס טעאַטער־אונטערנעמער, אָבער די געשעפטן האָבן ביי אים געמוזט גיין מיט דער פוטער אַראָפּ, ווייל באַלד נאָך עטלעכע וואָכן האָבן מיר באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז איך און פאַני, מיר זאָלן קומען גאַסטראָלירן, און ראַטעווען זיי פון אונטערגאַנג.

ראַפּעל האָט באַלד אַזוי איינגעשטעלט דעם רעפּערטואַר, אַז איך זאָל קענען זיין פריי, אויך יאַקובאָוויטש האָט דערלויבט, אַז זיין כלה זאָל פאָרן ראַטעווען די געשעפטן פון טאַטע־מאַמע און מיר זיינען אַרויסגעפאָרן און געשפּילט אין אונזערע עלטערנס טרופּע „שולמית" און „זשידאָווקא". עטלעכע מאָל האָבן מיר געשפּילט די פּיעסן, דער דערפאָלג איז געווען גרויס און דער טאַטע האָט זיך געזען געראַטעוועט פון נויט, ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן נאָך בלייבן און שפּילן, אָבער מען האָט זיך גענויטיקט אין אונז אין עליזעאום און מיר, פילנדיק, אַז מיר האָבן דערפילט אונזער פליכט צו די עלטערן, האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין ווארשע און אונזערע עלטערן האָבן זיך געלאָזן אַף ווייטערדיקע נסיעות.

די עלטערן קומען... און פאַני האָט חתונה

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, בלויז עטלעכע וואָכן, ווען פאַני און יאַקובאָוויטש האָבן זיך שוין גענומען גרייטן צו זייער חתונה, האָט זיך פּלוצלינג אויפגעפראַלט די טיר פון מיין שטוב און דער טאַטע, די מאַמע, מילי און מערי און נאָך זיי נאָך עטלעכע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען אַריינגעפאַלן אין שטוב, דער טאַטע האָט זיך געשלאָגן אין

האַרצן און אויסגערופן: — טו מיט אונז וואָס דו ווילסט, מיר רירן זיך נישט פונדאַנען!...

ווען עס איז אַריבער די ערשטע איבעראַשונג, האָב איך ערשט געזען, אַז סיי די טאַטע-מאַמע ווי די איבעריקע אַקטיאָרן זיינען אָפּגעריסן און פאַרחושכט, און כדי ראַפּעל זאָל נישט טרעפן די גאַנצע קאַליאַסטרע אין אַזאַ קלעגלעכן צושטאַנד, האָב איך זיי קודם אַריינגעפירט אין מיין שטוב, דאָרט האָב איך זיי געהייסן זיך מאַכן באַקוועם און איך האָב זיך דערוואוסט אייגנטלעך דאָס, וואָס איך האָב זיך נאָך פריער משער געווען, אַז זיי זיינען געבליבן שטעקן אין אַ שטעטל און נישט האָבנדיק אַף קיין הוצאות, האָבן זיי פאַרזעצט אָדער פאַרקויפט אַלע קליידער און אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט און אַט זיינען זיי דאָ, באַ דער טאָכטער, די דירעקטאָר־שע, און זיי ווען זיך נישט רירן פון אָרט, ביז איך וועל זיי נישט העלפן.

איך האָב זיך דעמלט געפילט אין אַ מוראַדיקער פאַרלעגנהייט. וואָלטן עס כאָטש געווען בלויז די מייניקע, מילא, איך וואָלט שוין געמוזט עפּעס טאָן; אָבער וואָס טוט מען פאַר די איבעריקע אַקטיאָרן וואָס זיינען מיט־געקומען מיט טאַטע-מאַמע מאַנענדיק וואָס דער טאַטע האָט זיי צוגע־זאָגט? און דאָ איז מיר אַף די אַנדערע אויך געווען אַ ביטערער רחמנות און עס האָט מיר געשניטן דאָס האַרץ, אָבער ווי אַזוי וועל איך קענען עפּעס טאָן פאַר זיי? און וואָס וועט ראַפּעל זאָגן צו דעם גאַנצן עסק?

אָבער דוקא ראַפּעל האָט מיך אַרויסגענומען פון דער פאַרלעגנהייט.

אודאי איז ער געבליבן דערשטוינט, אַריינקומענדיק און טרעפנדיק אַ פולע שטוב מיט אָפּגעריסענע און הונגעריקע מענטשן, אָבער ער האָט זיך שנעל געפּאַסט און ער האָט צו אַלעם ערשטן איינגעלאַדן אַלע, אַ חוץ די עלטערן און מילין מיט מערין, אין אַ רעסטאָראַן און זיי געגעבן אָפּ־צועסן אַ זאַטן מאָלצייט. גלייכצייטיק האָבן מיר אינדערהיים געגרייט צום טיש און מיר, איך און פאַני, האָבן נישט וויניק טרערן פאַרגאָסן, צוזעענדיק, ווי זשעדנע אונזערע עלטערן און ברודער און שוועסטערל עסן... עס איז געווען קאָנטיק, אַז זיי האָבן געמוזט ליידן הונגער...

מיט אַ קליין ביסל טאַשן-געלט האָט ראַפּעל באַרואיקט די טרופּע וואָס איז מיטגעקומען מיטן טאַטן, און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צו האַנדלען קעגן די מייניקע.

עס קאָן זיין, אַז אין אַן אַנדער צייט, וואָלט ער פשוט געגעבן דעם טאַטן אַביסל געלט ער זאָל האָבן מיט וואָס וויטער צו פאָרן, אָבער דאָ האָט דאָך געהאַלטן פאַר פאַנים התונה, און סיי איך ווי פאַני, מיר האָבן אים אָנגעהויבן בעטן און ער האָט באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן מילין מיט מערין, אַלס דועט פאַר דיווערטיזמענס נאָך די פאָרשטעלונגען. ער

האָט פאַר זיי באַשטימט אַ לוין, אַז מיינע טאַטע־מאַמע זאָלן קענען מאַכן אַ לעבן.

מילי מיט מערין זיינען נאָך געווען כמעט קינדער און זייער דועט האָט אין טעאַטער שטאַרק אויסגענומען. ראַפּעל האָט געוואוסט ווי אַזוי צו אַנאָנסירן, און דער „ציפּקוס־דועט" האָט אָנגעהויבן שמען אין וואַרשע און אַזוי האָבן זיך געצויגן עטלעכע וואָכן, מיר האָבן געפּראַוועט די חתונה פון פאַנין מיט יאַקובאָוויטשן, מיר האָבן זיך געשמאָלצן פון נחת, זעענדיק די נגידישע און חסידישע חתונה־געסט פון חתנס צד. די צענדליקער אַקטיאָרן און אַקטריסעס וואָס זיינען געווען אויף דער חתונה פון אונזער צד, האָבן זיך אין אַנבליק פון גאַנצן ארום, געהאַלטן זייער שיין און הוירדיק, און וועגן דער שיינקייט פון פאַנים חתונה, האָבן אַקטיאָרן אין וואַרשע גערעדט אַ לאַנגע צייט.

פאַני פאַרלאָזט דאָס טעאַטער און די עלטערן פאָרן אַוועק

באַלד נאָך דער חתונה, האָט יאַקובאָוויטש באַשלאָסן אַרויסצונעמען פאַנין פון טעאַטער.

יאַקובאָוויטש האָט דעמלט מיטגעאַרבעט אין צייטונגען, ער האָט געשריבן היסטאָרישע ראָמאַנען און מען האָט אים גוט געצאָלט און פאַני, וואָס האָט אַלע יאָר געשטרעבט צו בילדונג און זי איז אפילו געהאַט אַנטלאָפן פון טאַטנס טרופע קיין אדעס, וואו זי האָט געוואָלט שטודירן, האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. זי האָט פאַרלאָזן אונזער טעאַטער און זיך בכלל אָפּגעזעגנט מיט איר קאַריערע אַלס פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע, וואָס מיינט אויך אַ פּראָפעסיאָנעלע נע־ונדניצע...

גלייכצייטיק האָט אויך דער טאַטע אַרויסגענומען מילין מיט מערין פון ראַפּעלס טעאַטער, דער טאַטע איז כסדר אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער און אַבי ער איז איבערגעקומען די חתונה פון זיין טאָכטער, האָט עס אים שוין ווידער גענומען ציען צום נע־ונד לעבן אַלס אַרומפאָרנדיקער טעאַטער־אונטערנעמער און ווידער האָט אים ראַפּעל געגעבן אַביסל געלט און טאַטע־מאַמע מיט מילין און מערין, מיט נאָך עטלעכע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו זיי, זיינען אַוועק איבער שטעט און שטעטלעך און עס האָט שוין געדויערט גענוג לאַנג, ביז איך האָב פון זיי געהערט.

פאַנים פאַרלאָזן דאָס טעאַטער און דערנאָך דאָס אַוועקפאָרן פון מיינע עלטערן, וואָס איך האָב דאָך גוט געוואוסט, אַז זיי וועלן אויף די זיגזאַג וועגן פון זייערע וואַנדערונגען קיין האַניק נישט לעקן, האָט מיר זייער וויי געטאָן און איך האָב אַ סך געוויינט; אָבער עס האָט דאָך אַנ־

דערש נישט געקאַנט זיין און דאָ האָט עס זיך באַ אונז אַזויפיל געטאָן מיט פּלענער, מיט גרייטן זיך, מיט אַנאָנסירן נייע סענסאַציעס און מיט שפּילן טעאַטער, אַז איך האָב ענדלעך געפונען אַ טרייסט אין מיין אַר־בעט, און אַנדערע איבערלעבענישן האָבן געשטילט אָדער פאַרטויבט די ווייטיקן פון בענקשאַפט נאָך טאַטע־מאַמע און שוועסטער און ברידער.

קלאַראַ יאַנג און שערמאַן

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אין משך פון די פינף יאָר אין עליזעאום־טעאַטער, האָבן ביי אונז גאַסטראָלירט גרויסע קינסטלער, אָבער נישט אַזוי לייכט האָט ראַפאַל גענומען דאָס ברענגען די אַזוי גערופענע „סטאַרס" פון אַמעריקע.

אין וואַרשע האָט מען זיך בכלל באַצויגן מיט אַ געוויסן אומצוטרוי צו די אויסלענדישע סטאַרס. האָבן די אַמעריקאַנער ציישונגען געמעגט עמי־צן באַזינגען מיט די גרעסטע לויב־געזאַנגען, האָט מען נישט געשענקט קיין צוטרוי, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער „פּייפּערס" האָבן נישט פיינט צו בלאָפן, אַז זיי דרוקן אָפּט באַצאָלטע רעצענזיעס, וואָס ווערן באַצייכנט מיט אַ שטערנדל פון אונטן, אָבער די אויסשניטן וואָס אַקטיאָרן שיקן צו קיין אייראָפּע, זיינען שוין אַזוי אויסגעשניטן, אַז דאָס שטערנדל בלייבט אין אַמעריקע...

און ווייל אַנדערע טעאַטערס זיינען שוין געהאַט דורכגעפאַלן מיט אַזעלכע אַמעריקאַנער „סטאַרס", איז ראַפאַל געווען פאַרזיכטיק און ווען ער האָט אָפּגעמאַכט אַ געשעפט מיט אבעלמאַנען, וואָס איז דעמלט גע־קומען פון אַמעריקע, האָט ער צוערשט געדונגען אַ טעאַטער אין לאָדזש און נאָכדעם ווי ער האָט געזען, אַז אבעלמאַן איז טאַקע ווערט דעם נאָמען וואָס ער האָט, האָט ער אים ערשט אַריבערגענומען אין עליזעאום־טע־אַטער קיין וואַרשע.

איינמאָל איז ראַפאַל געקומען מיט אַ פּעקל אויסשניטן פון אויסלענ־דישע ציישונגען און ער האָט זיי צעלייגט אַפן טיש און עס האָט זיך גע־זען אַנאָנסן און רעצענזיעס פון **קלאַראַ יאַנג און שערמאַן**.

זיי האָבן דעמלט געשפּילט אין לאָנדאָן און די ציישונגען האָבן זיך זייער וואַרים אָפּגערופן איבערהויפּט וועגן דעם אַרט, אָדער בעסער גע־זאָגט אייגנאַרטיקן שפּילן פון קלאַראַ יאַנג.

עפּעלבערג האָט גערדייט מיט דער נאָז. ער האָט געזאָגט, אַז אין ניו יאָרק האָט מען די יאַנג אַפילו „נישט צוגעלאָזן צום פּסוק" און מען

האָט וועגן איר כמעט נישט געשריבן און פּלוצלינג זאָל זי אין לאָנדאָן האָבן געוואָרן אַזאַ „קניאַקערן?".

ראַפּעל האָט אָבער אַלעמאָל געגלויבט אין נייע אויפגייענדיקע שטע־רן, און ווייל מען האָט זי אין ניו יאָרק נישט צוגעלאָזן צום פּסוק, האָט ער געלערנט פּשט, איז אַ סימן, אַז זי מוז יאָ עפּעס זיין און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דערויף, וואָס די לאָנדאָנער צייטונגען האָבן קיינמאָל פריער וועגן אַפּערעטן־אויפירונגען נישט אַזויפיל געשריבן און עס מוז זיין, אַז זי האָט טאַקע עפּעס אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקייט אין סובּרעט־ראָלן, וואָס וועקט די אויפמערקזאַמקייט אפילו פון פּרעטענציעזע פיינשמעקער.

און כדי צו זיין זיכער, אַז עפּעלבערג זאָל נישט האָבן צו אים קיין טענות, איז ער ווידער אַריבער קיין לאָדזש און געדונגען אַ טעאַטער און אַריבערגעבראַכט דאָס קינסטלער פּאָרל יאַנג־ שערמאַן פון לאָנדאָן.

קלאַראַ יאַנג האָט דעמלט געהאַט איין פּיעסע, דאָס איז געווען „מיין ווייבס מאַן" און זי האָט אין דער ראָל אַלס בעלא געהאַט אין לאָדזש אַזאַ שטורמישן דערפאָלג, אַז די שטאָט איז ממש געגאַנגען כאַדראָם. מען איז געלאָפן אין טעאַטער און יעדע נאַכט איז דאָס טעאַטער געווען פול געפּאַקט. עס זיינען געקומען שרייבער און פּראָפעסיאָנאַלן און אפילו קריסטן זיינען געקומען און באַוואונדערט די קוועקזילבערדיקע און דאָך אַזוי צאַרטע און עלעגאַנטע קינסטלערן. און ווען ראַפּעל איז געקומען קיין וואַרשע, האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַגייסטערטן באַריכט, אַז ער האָט נאָך אין לעבן נישט געזען אַזאַ מין אויפטריט פון אַ סובּרעטן און אַז ער וואָלט קיינמאָל אפילו נישט געוועןן געחלומט, אַז אַזוינס איז גאָר מעגלעך.

ראַפּעלס באַריכט האָט שוין אָנגעצונדן אונזער אַלעמענס נייגעריקייט און מיר שיינט, אַז מער פון אַלע האָב איך שוין מיט אומגעדולד דערוואַרט דאָס אָנקומען פון דער קינסטלערן, אָבער די געשעפטן זיינען אין לאָדזש געגאַנגען אַזוי גוט, אַז ראַפּעל האָט נישט געוואַגט איבערצורייסן און ערשט נאָך אָפּשפּילן איבער צוויי חדשים די זעלבע פּיעסע, האָבן זיך אין וואַרשע באַוויזן אויסערגעוויינלעך גרויסע פּלאַקאַטן, אַף וועלכע מען האָט מיטגעטיילט דעם עולם, אַז נישט שפּאָרנדיק קיין מי און קאָסטן, האָט די דירעקציע פון „עליזעאום" באַוויזן צו אַנגאַזשירן די וועלט־באַ־רימטע קינסטלערן, די סובּרעטן קלאַראַ יאַנג מיט איר פּאַרטנער דעם באַרימטן בוף — שערמאַן.

די אותיות פאַרן נאָמען קלאַראַ יאַנג, האָט ראַפּעל ספּעציעל געלאָזן אויסשניצן, און צום ערשטן מאָל האָט וואַרשע געזען אַ פּלאַקאַט מיט אַזעלכע גרויסע אידישע אותיות.

„אַ סוברעטן מיט זעקס צעפּלעך...״

אודאי האָט דער נאָמען מיט די גרויסע אותיות אפן פּלאַקאַט געווירקט. קאָרעספּאָנדענטן אין לאָדזש, האָבן שוין געהאַט פּאַרעפנטלעכט זייערע אָפּהאַנדלונגען אין די ווארשעווער צייטונגען וועגן קלאַרא יאָנגס גאַסטראָלן און דאָס אַליין האָט שוין אויך געמיינט א סך, ווייל די קאָרעספּאָנדענטן האָבן זעלטן ווען געפונען פאַר נויטיק צו שרייבן וועגן אַן אָפּערעטע אויפירונג אַזש קיין ווארשע; האָבן טאַקע די ווארשעווער אידישע טעאַטער-באַזוכער באַרעכטיקט די גרויסקייט פון די פּלאַקאַטן און מען האָט שוין מיט נייגעריקייט געוואַרט אַף דעם מאָמענט פון דער קינסטלערן.

אָבער אין די היימישע טעאַטער-קרייזן צווישן די אַקטיאָרן, האָט מען צוביסלעך געחוזקט; מאַנכע האָבן געזאָגט: — אודאי איז קלאַרא יאַנג גרויס, אַ נו גיט נאָר אַ קוק אַף די פּלאַקאַטן און איר וועט זען ווי גרויס זי איז... אַנדערע האָבן דעם ענין גענומען כלומרש ערנסט און זיי האָבן געחשבונט: — מילא, אסתר רחל קאַמינסקי, זי שפּילט דראַמע און זי קאָן דורכפילן און מאַכן דורכפילן אַזעלכע איבערלעבענישן און זי קאָן וויזן אַזאַ מאַיעסטעטישע „מירעלע אפרת״, וואָס קיין אנדערע אקטריסע האָט עס דערווייל נישט באַוויזן, אָבער וואָס למשל קאָן מען אַזוינס באַווייזן אין אַ לייכטער פּיעסע פון פריילעכן זשאַנר, אין דער ראָל פון אַ סוברעטן?

הערנדיק די קיבעצן, האָב איך שוין אַליין אָנגעהויבן צווייפלען און איך האָב שוין זיך אַליין אָנגעהויבן פרעגן, וואָס אַזוינס מען קאָן דאָס זען גרויסעס אין אַ סוברעטן און איך האָב שוין אפילו אָנגעהויבן מיטלאַכן מיט די איבעריקע קיבעצער, וואָס האָבן געחוזקט און געזאָגט, אַז נישט אַנדערש, נאָר אַזוי ווי ביז היינט זיינען די סוברעטנס מיט שאַרזשירטער כאַראַקטעריסטיק, אויפגעטראָטן צוערשט מיט איין צעפּל איגדערמיט קאָפּ און מיט אַ קאָקאַרדע פאַרבונדן, דערנאָך איז געקומען אַ גרעסערע סוברעטן און זיך געמאַכט צוויי צעפּלעך מיט צוויי קאָקאַרדעס, ביז עס האָט זיך געיאָוועט אַ גאָר גרויסע קניאַקערן וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס סוברעטן מיט דריי צעפּלעך און מיט דריי קאָקאַרדעס פון פאַרשיידענע קאָלירן, איז נישט אַנדערש, נאָר קלאַרא יאָנג איז אַ סוברעטן מיט גאַנצע זעקס צעפּלעך...

אָבער שנעל זיינען די אַלע קיבעצן און חוזק-מאַכערייען פאַרשטומט געוואָרן, ווי נאָר קלאַרא יאָנג איז געקומען קיין ווארשע און זי האָט זיך פּרעזענטירט מיט איר ערשטן אויפטריט.

קלאַראַ יאַנג קערט וועלטן

דער אויפטריט פון קלאַראַ יאַנג איז געווען אַן איבעראַשונג נישט נאָר פאַר די טעאַטער באַזוכער און פאַר די קריטיקער, נאָר אויך פאַר אונז אַקטיאָרן.

דאָס איז געווען עפּעס גאָר אַן אַנדער מין סוברעטן, פון וועלכער קיינער פון אונז האָט קיינמאָל נישט געחלומט. ראַפּעל האָט געזאָגט דעם אמת, כאָטש ער האָט דעמלט נישט געוואָלט אַרויסגעבן דעם סוד מיט וואָס די יאַנג צייכנט זיך אַזוי אויס.

נישט מיט קיין זעקס צעפּלעך, ווי אַקטיאָרן האָבן זיך געוויצלט, איז זי דערשינען אַף דער בינע, נאָר ווי אַן עלעגאַנטע דאַמע און די עלעגאַנץ האָט אַזוי אַראָפּגעשומערט פון דער בינע, אַזוי אַראָפּגעגלאַנצט, אַז שוין ביי איר דערשיינען, איז דער עולם געבליבן פאַרבליפט.

און איצט איר לייכטע באַוועגלעכקייט, איר אויסערגעוויינלעך ראַפּינירטער פיינער מאַניר, וועלכן זי האָט נישט פאַרלוירן אַף קיין איין סעקונדע, אפילו ביי אירע טעמפּעראַמענטפולסטע סצענעס און אַ טעמפּעראַמענט האָט זי געהאַט, אַז זי האָט מיטגעריסן מיט זיך; און אַ לידל האָט זי אויסגעזונגען, אפילו א קופּלעט, אַזוי אַנדערש ווי אַלע ביז איר; און אירע איבערגאַנגען פון די טעמפּעראַמענטפולסטע פריידיקע סצענעס צו דינער צאַרט-דראַמאַטישער עמפינדונג, האָבן ממש אַלעמען פאַרכשופט.

איך האָב שוין ביז דעמלט געהאַט געזען אַ סך סוברעטנס, און כאָטש מען האָט זיך געוויצלט איבער די צעפּלעך און שאַרזשירטע גרימען, זיינען א סך סוברעטנס געווען גאָר גרויסע קינסטלערנס מיט פייערדיקע טעמפּעראַמענטן, אָבער אַזוי אויסנוצן טאַלאַנט און טעמפּעראַמענטן, אַזוי געשולט אונטערשטרייכן די דינסטע נואַנסן פון מענטשלעכן געפיל און אַזוי פאַרעטושירן אַ צוויי-דייטיקן וויץ, אַז ער זאָל קלינגען אָנגענעם אפילו פאַר דעם אויער פון דעם פרעטענציעזן פיינשמעקער, דאָס האָבן די סוברעטנס ביז איר נישט באַוויזן.

שערמאַן איז פאַר קלאַראַ יאַנג געווען אַ גאָר פיינער פאַרטנער, כאָטש ער האָט שוין גאָר ווייניק מקפּיד געווען אַף פיינקייט פון מאַניר און איבערקלייבערישקייט אינעם אויסדרוק פון אַ וויץ; באַ זיין גאַנצן טעמפּעראַמענט און וואוילינגערישן אויסשפּילן פון אַ בוף, האָט ער קיין שום נייעס נישט מחדש געווען.

דער אַנסאַמבל וואָס האָט ביי אונז מיטגעשפּילט מיט קלאַראַ יאַנג, איז אויך באַשטאַנען פון געקליבענע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אָבער נישט שערמאַן, נישט עמיץ פון אַנסאַמבל, די וואַרשעווער אידישע טע-

אַטער-באַזוכער און אויך א סך נישט-אידן וואָס זיינען דעמלט געקומען אין היבשע צאָלן אין אידישן טעאַטער, האָבן געוואוסט נאָר איין נאָמען, איין קינסטלערן, דאָס איז געווען קלאַראַ יאַנג.

צוויי חדשים האָט קלאַראַ יאַנג געשפּילט „מיין ווייבס מאַן" מיט אומגעהויערן קינסטלערישן און מאַטעריעלן דערפאָלג און זי וואָלט נאָך געקאָנט שפּילן ווי לאַנג, ווען עס ברעכט נישט אוים אַ מחלוקה צווישן שערמאַנען און אַלע אַקטיאָרן פון טרופּע; ראַפּעל האָט געפּאָרשט די סבה פון דער מחלוקה און איינזעענדיק, אַז שערמאַן איז שולדיק, אַז ער האָט זיך געהאַלטן צופיל גרויס און געוואָלט דערנידעריקן אַנדערע חברים, האָט ראַפּעל געוואָלט אָפּזאָגן שערמאַנען, נאָר אַזוי ווי די יאַנג האָט נישט געוואָלט פּאַרלאָזן שערמאַנען מיט וועלכן זי איז געקומען פון לאָנדאָן, האָבן זיי ביידע פּאַרענדיקט און אין אַ זונטיק באַנאַכט איז פּאָרגעקומען זייער לעצטע געזעגן-פּאָרשטעלונג.

נייצנטער קאַפּיטל:

איך דאַרף פאַרטרעטן קלאַראַ יאַנג — דריי מעת־לעת אין קאַשמאַר — מיר שפּילן זעקס חדשים די זעלבע פּיעסע — „דער תּלמיד האָט זיך נישט צו שעמען קעגן רבין“ — צוריק צו דראַמע — קלאַראַ יאַנג „די אַמעריקאַנערן“ — איך מוז איבערבעטן דעם סופלער כליוונער — מיין צווייטע סוברעט־ראָל — איך וויל נישט פאַרלאָזן מיינע קינדער — פאַמיליען־לעבן און פאַמיליען־גליק — לעקציעס פון פרוי מאַסקאָוויטש — רום, פאַרערער און אייפערזוכט — שיס, אויב דיר איז ליב אַזוי — מיר פאַרן קיין אדעס

איך דאַרף פאַרטרעטן קלאַראַ יאַנג

אין פאַריקן קאַפּיטל האָב איך דערמאָנט, אַז די פינף יאָר „עליזעאום“־טעאַטער זיינען פאַר מיר געווען אַ הויך־שול פאַר טעאַטער־קענטעניש און דאָס וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין משך פון בלויז דריי טעג, פון זונטיק באַנאַכט ווען קלאַראַ יאַנג האָט פאַרענדיקט אין אונזער טעאַטער, ביז מיטוואָך פון דערזעלבער וואָך, דאָס וועל איך געדענקען ביזן לעצטן טאָג פון מיין לעבן.

נישט די איינצלהייטן פון מיינע צאַפּלענישן זיינען מיר געבליבן אין זכרון, נאָר דער אַלגעמיינער קאָשמאַר פון פיבערהאַפטער צוגרייטונג; אַזאַ קאָשמאַר מוזן אויך פילן סאָלדאַטן אויף אַ מלחמה־פראָנט, ווען זיי גרייטן זיך צו אַ שטורם־אַטאַקע, און אפשר איז מיין קאָשמאַר געווען נאָך שטאַרקער.

איך האָב געהאַט דריי טעג פון פיבערהאַפטע, גייסטיקע און פיזישע צוגרייטונגען, ווייל איך האָב שוין די זעלבע וואָך מיטוואָך, באַדאַרפט אויפטרעטן אין דער ראָל וואָס קלאַראַ יאַנג האָט געשפּילט.

וואָלט עס זיך געהאַנדלט וועגן פאַרטרעטן אַן אַנדער סוברעטן, וואָלט מיר קיינער נישט געזאָגט פאַרצווייגן אַז איך זאָל עס טאָן; און דאָס נישט דערפאַר, ווייל איך האָב געצווייפלט אין דער קינסטלערישקייט פון סוברעטן־זשאַנר, נאָר פשוט ווייל איך האָב זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען אַלס פרימאַדאָנע און אַלס דראַמאַטישע אַקטריסע און מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז איך וועל זיך אויסטויגן אַלס סוברעטן.

אָבער זעענדיק קלאַראַ יאַנגס טיפע אינטערפּרעטאַציעס פון איבער־לעבענישן אויך אין דעם לייכט־שפּילעדיקן זשאַנר, און דעם גרויסן

איינדרוק וואָס איר עלעגאַנץ האָט אַרויסגערופן, און דאָ איז די דירעקציע געווען פאַרצווייפלט, ווייל קלאַרא יאַנג און שערמאַן האָבן פאַרענדיקט באַ גרויסע געשעפטן און נאָר צוליב עגאָאיסטישע גרויסקייט-קאַפּריזן פון שערמאַנען, איז די ליכטיקע יום-טובדיקייט אין אונזער טעאַטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טריבער וואָכעדיקייט, און מען האָט באַדאַרפט געפינען די מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן און אויפהאַלטן די שטימונג פון עולם; און קיין אַנדערע אַקטריסע אין אונזער טרופּע האָט נישט געוואַגט, און נישט געוועזן אויך אַזאַ, וועמען מען זאָל עס אפילו פאַרלייגן, איז מיר נישט געבליבן עפּעס אַנדערש, נאָר איך זאָל וואַגן; איך האָב זיך אונטערגענומען, אַז ביז דריי טעג, דאָס הייסט פון זונטיק ביז מיטוואָך, וועל איך זיין גרייט אויפצוטרעטן אַלס בעלא, מיטן פאַרטנער ליאָווע ברוין, אַלס סעמקע לין. נעמענדיק מיין אַרבעט ערנסט, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ קאַשמאַר איך האָב איבערגעלעבט אין משך פון די דריי טעג.

דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז אין איינשפּילן די ראָל, און אַגב האָב איך זיך באַמיט, אַז איך זאָל נישט בלויז נאָכשפּילן, קאָפּירן הייסט עס, נאָר אויך דורכפילן און איבערלעבן די ראָל וואָס געהער צו אַ זשאַנר, אין וועלכן איך דאַרף ערשט דעבוטירן ווי אַן אָנפאַנגערין, און איך האָב אויך געוואָלט נישט ווייניקער גלאַנצן מיט מיין אויסערלעכקייט, דורך די זעלבע שיינע קליידער וואָס קלאַרא יאַנג האָט געטראָגן, און איך בין דוכט מיר דורך די דריי מעת-לעת נישט געשלאָפן קיין דריי שעה, נאָר כסדר געהאַלטן אין איין מאַכן פּראָבע, אָדער מעסטן קליידער, וואָס עטלעכע שניידערנס האָבן גענייט פאַר מיר און מיטוואָך פאַרנאַכט, איז אַלעס געווען פאַרטיק.

ערשט ווען איך האָב אָנגעהויבן מעסטן איין קלייד נאָכן צווייטן פאַר די אַלע סצענעס, אין וועלכע איך דאַרף אויפטרעטן אין נייע קליידער און זעענדיק, אַז זיי זיינען פונקט אַזוי שיין און עלעגאַנט ווי די קליידער פון קלאַרא יאַנג און זיי פּאַסן מיר אויסגעצייכנט, האָט ערשט דער קאַשמאַר אָנגעהויבן שווינדן, איך בין פאַמעלעך געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז איך האָב אָף זיך גענומען אַ שווערע אויפגאַבע און אפסניי האָט מיך אַרומגענומען דער הייליקער ציטער וואָס האָט שוין אַזוי אָנגעהאַלטן ביז באַנאַכט, און דער פיבער האָט זיך נאָך געשטאַרקט, ווען איך בין שוין געשטאַנען הינטער די קוליסן און געוואַרט אָף מיין אויפטריט.

עטלעכע מינוט פאַר מיין אויפטריט, איז ראַפּאַל צוגעקומען צו מיר און דערזעענדיק מיך, איז ער אַ שפּרונג געטאָן אָף צוריק פון איבעראַשונג און קומענדיק צו זיך, האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט און מיט טרערן

אַקטיאָרן וואַנדערן

אפן וועג קיין אפריקע.
זינאַס ליבע יונגערע
הברטע, די פרי-
מאַדאָנע
ר ו ת ר ע נ ע

א ף ד ע ר ש י ף

זינא מיטן דיריזשאָר
בייגלמאַן און
קופערבערג

זינאַם דריי טעכטער אין בראַזיל

פון לינקס אף רעכטס: — צילי, אסתר און אַנדזשע אף אַ שפּאַציר
מיט זייערע פריינט און פאַרערער נתן קלינגער,
ה׳ דרייער און זשורנאַליסט קארקאשאנסקי

אין די אויגן אויסגערופן: — איך שווער דיר, זינאַ, איך האָב געמיינט, אַז דאָ שטייט קלאַראַ יאַנג...

אין דעם מאָמענט האָט די מוזיק אָנגעשלאָגן און איך בין אַרויס אויף דער בינע.

מיר שפּילן זעקס חדשים די זעלבע פּיעסע

איך האָב אַלעמאָל פֿיינט געהאַט צו ריידן וועגן מיינע דערפאָלגן אויף דער בינע; איך האָב מיינע ראָלן אַלעמאָל גענומען אַזוי ערנסט, אַז יעדער דערפאָלג איז פאַר מיר אויסגעקומען ווי אַ זעלבסט פאַרשטענדלעכע זאַך און גיכער האָב איך באַוויינט און אַרומגערעדט דעם פאַרדרום וואָס איך האָב איבערגעלעבט, ווען איך האָב געפּילט, אַז אַ ראָל האָט זיך מיר נישט אַזוי גוט איינגעגעבן. און אַפילו היינט, ווען עס האַנדלט זיך אין מיין לעבנס-געשיכטע, פיל איך זיך אומבאַקוועם אַליין אויסצורעכענען איינצלהייטן פון דעם גרויסן פּוראָר פון מיין אויפטריט אין דער ראָל, וועגן וועלכער מען האָט ביז מיט דריי טעג צוריק געמיינט, אַז נאָר קלאַ-ראַ יאַנג קאָן זיך אין איר אויסצייכענען.

עס איז מיר אומבאַקוועם אַליין צו דערמאָנען איינצלהייטן, עס וועט גענוג זיין צו דערמאָנען, אַז פון אַלע זייטן האָט מען מיר גראַטולירט, מען האָט מיר אויסגעדריקט אויסערגעוויינלעכע באַוואונדערונג און עס איז נאָר אַ שאַד, וואָס די ווייטערדיקע וואַנדערונגען אין מיין לעבן, האָבן מיך געמאַכט פאַרלירן דאָס רעצענזיע-בוך וואָס ראַפאַעל האָט זייער שטאַרק אָפּגעהיטן, ווען נישט וואָלט איך געקאָנט ציטירן די רעצענזיעס און זיי וואָלטן געדינט אַלס דאָקומענטאַלער באַווייז פון מיין גרויסן קינסטלערישן דערפאָלג.

אַלס באַווייז פון מיין דערפאָלג קאָן אויך דינען דער פאַקט, וואָס מיר האָבן נאָך קלאַראַ יאַנגס פאַרענדיקן, געשפּילט גאַנצע זעקס חדשים די זעלבע פּיעסע און איך האָב געווינען דעם נאָמען, אַלס מאָדערנע קוועק-זילבערדיקע און דאָך ליריש-סענטימענטאַלע סוברעטן.

אודאי האָבן די קריטיקער גאַנץ אָפט דערמאָנט קלאַראַ יאַנג אַלס מיין לערערן, און עס איז אויך דער ריינער אמת, אַז ביי איר האָב איך זייער פיל געלערנט, אָבער די קריטיקער האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז די שי-לערן האָט זיך גאָרנישט צו שעמען קעגן איר לערערן און אויב דער רבי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ספּעציעלע קינסטלערישע אייגנשאַפטן אינם אופן פון אינטערפּרעטאַציע, האָט מען אויך אין מיר אנערקענט נישט ווייניקער ספּעציעלע אייגנשאַפטן און אין מיינע דערפאָלגן, האָב איך

אין משך פון די גאַנצע זעקס חדשים געשוועבט אין די הימלען פון גייסטיקן געזונט.

צוריק צו דראַמע

בעת „מיין ווייבס מאַן" איז נאָך געגאַנגען מיט גרויסע מאַטעריעלע דערפאָלגן, האָט שוין ראַפעל געטראַכט וואָס עס וועט זיין ווייטער.

מען האָט דאָך עפּעס גענומען אַ טעאַטער אויף פינף יאָר און מען מוז זען, אַז די זיבן מאָגערע קי זאָלן נישט אויפעסן די פעטע און ווייל מען האָט שוין אַזויפיל חדשים געשפּילט די איינע פּיעסע, האָט עפּלבערג געזווירעט, אַז מען זאָל אָנהייבן גרייטן אַ שטיקל סעזאָן פון ערנסטן רע־פּערטואַר און זיי האָבן זיך געזעצט אין פאַרבינדונג מיט מאָסקאָוויטש וואָס איז דעמלט געווען אין לאָנדאָן.

און ווי נאָר מיר האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיט קלאַרא יאַנגס פּיעסע, איז געקומען מאָסקאָוויטש און איך האָב פּאַרפּאַקט די אַלע קליידער פון „בעללא" און בין צוריק אַריין אין מיין ערנסטן זשאַנר.

מאָסקאָוויטש האָט אויפגעפירט גאַרדינס „גאָט מענטש און טייוול", „דער אידישער קעניג ליר" און נאָכן אויפירן עטלעכע פּיעסן פון אידישן רעפּערטואַר, האָט ער זיך גענומען צום וועלטלעכן רעפּערטואַר און איך האָב אין די אַלע פּיעסן געשפּילט די דראַמאַטישע ראָלן.

ביז עס איז געקומען צו סטרינדבערגס „פאָטער" און עס איז אויס־געבראָכן אַ קליינער אינצידענט ,ווייל איך האָב נישט געוואָלט שפּילן די מוטער.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די האַנדלונג פון דער „מוטער", ווען זי וואַרפט אַריין איר מאַן אין צווייפל צי די קינדער זיינען פון אים, אַז די האַנדלונג האָט מיך געעקלט און איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו שפּילן אַזאַ דראַסטישע ראָל, וועלכע איך האָב זיך אַמאָל אָפּגעזאָגט צו שפּילן אפילו אין מיין ווירקלעכן לעבן, ווען איך האָב זיך געוואָלט באַפרייען פון מיין מאַן דעם כיראָמאַנט. און זעענדיק, אַז איך נעם דעם ענין אַזוי ערנסט, האָט מען זיך אַביסל געוויצלט איבער מיר, אָבער מען האָט מיר מיין „קאַפּריז" נאָכגעגעבן און איך האָב געשפּילט בלויז די אַלטע ניאַניע, און מאָסקאָוויטש האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַזאַ אויסגעצייכנטע פאַרטנערן אַלס ניאַניע נישט געהאַט.

מאָסקאָוויטש האָט געשפּילט אין וואַרשע בלויז עטלעכע וואָכן און עס איז געקומען פון לאָנדאָן פעני וואַדיא עפּשטיין און כמעט אַ גאַנץ יאָר האָט זיך אונזער רעפּערטואַר געהאַלטן אין איין בייטן לויט די

גאַסטראָליאָרן וואָס זיינען געקומען; עס זיינען אויך געקומען ראָזאַ ברי און שילינג פון לעמבערג, זיי זיינען געקומען אַלס גאַסטראָליאָרן און דער־נאָך געבליבן אַלס אַנגאַזשירטע אין אונזער טרופּע.

דעמלט איז ראַפּעל קראַנק געוואָרן און דאָקטוירים האָבן פאַרדעק־טיקט, אַז ער ליידט אַף אַ קאַנסער און זיי האָבן געהייסן אים פאָרן אַף אָפּרו; בעת זיין אָפּוועזנהייט, האָב איך געהאַט אביסל אומאנגענעמלעכ־קייטן צוליב אַ ראָל.

שילינג האָט אויפגעפירט „דאָס אידישע האַרץ", האָט ער געשפּילט „למך" און די ברי — „סערקע".

באַם פאַרטיילן די איבעריקע ראָלן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט אַ פּאַסיקע אַקטריסע פאַר דעם ראָלעכל אַלס די טאָכטער פון דער משומדת און כדי איינצושפּאָרן א סך זאָרג, האָב איך זיך באַלד אַליין געמעלדן, אַז איך וועל שפּילן דאָס ראָלעכל.

עפּלבערג און אַלע אַקטיאָרן זיינען מיר געווען זייער דאַנקבאַר און באַ מיין באַשיידנקייט און נאַאיוויטעט, איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עס פּאַסט אפשר נישט אַז די באַרימט געוואָרענע זינאַ ראַפּעל, זאָל פּלוצלינג אַראָפּנידערן פון איר הויכן סטאַזש און שפּילן אַזאַ קליין ראָ־לעכל. איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז געשען, אַז ראַפּעל האָט זיך אַף זיין אָפּרו־פּלאַץ דערוואוסט וועגן דעם און איך האָב באַקומען פון אים אַ טעלעגראַפישן באַפעל, אַז אַף קיין שום פאַל און בשום אופן טאָר איך נישט שפּילן די ראָל.

עפּלבערג און די אַקטיאָרן האָבן אַליין איינגעזען, אַז זיי זיינען באַ־גאַנגען אַ פעלער און זיי האָבן מיך באַפרייט פון דעם ראָלעכל. די ראָל האָט דערנאָך געשפּילט פרוי פרידמאַן, (די מוטער פון דוד ליכטם פרוי) און מיין מאַן האָט מיר אַ לאַנגע צייט נאָכדעם נישט געקאָנט מוחל זיין, פאַרוואָס איך בין געגאַנגען שפּילן אַזאַ אומבאַדייטנדיקע ראָל.

קלאַראַ יאַנג „די אַמעריקאַנערן"

עס איז נאָך נישט געהאַט פאַרגאַנגען קיין גאַנץ יאָר זייט קלאַראַ יאַנג איז אַוועק פון אונזער טעאַטער אַ ברוגזע, און ראַפּעל האָט שוין אפּסניי פאַרהאַנדלט מיט איר וועגן קומען קיין וואַרשע, אָבער שוין אַן שערמאַנען.

נאָך אירע דערפאָלגן אין לאָנדאָן, לאָדזש און וואַרשע, איז קלאַראַ יאַנג שוין געווען זייער וועלט־באַרימט און וואו נאָר אַ אידיש טעאַטער, האָט מען זיך געסטאַרעט זי אַריינצובאַקומען אַף גאַסטראָלן. עס איז

אָבער געווען אַן עניין מיט איר מאַן בועז יאַנג, וועלכער איז געהאַט אַנט־לאָפן פון רוסלאַנד און מען האָט נישט געהאַט באַצאָלט פאַר אים די רעגלאַמענטירטע דרייהונדערט רובל שטראָף און ער האָט ניט געקאָנט קומען קיין וואַרשע; ראַפּעל האָט באַוויזן דאָס אַלעס אויסצוגלייכן און ער האָט געמאַכט, אַז בועז יאַנג זאָל קענען קומען צוזאַמען מיט קלאַראַ יאַנג און זיי זיינען געקומען.

דאַסמאָל האָט קלאַראַ יאַנג געמאַכט גרויס פוראָר מיט אַ נייער פּיעסע וואָס האָט געהייסן „די אַמעריקאַנערן" און איבער אַלע וואַרשעווער גאַסן האָבן שוין אַראָפּגעשריגן די גרויסע ספּעציעל־אויסגעשניצטע אותיות: — קלאַראַ יאַנג אַלס „אַמעריקאַנערן" און ווידער האָט די קינסטלערן געהאַט אַזאַ שטורמישן דערפאָלג ווי מיט אַ יאָר צוריק אין „מיין ווייבס מאַן" און ווידער איז דאָס אידישע טעאַטער־וועלטל אין וואַרשע געגאַנ־גען כאַדאָראָס.

און דאָ מוז איך דערמאַנען אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס איך האָב געהאַט מיטן סופליאָר כליוונער.

נייע אידישע פּיעסן פון אַמעריקע, זיינען דעמלט געווען אַ שטאַרק געזוכט אַרטיקל. די אידישע טעאַטערס אין אַמעריקע האָבן אַזוי שריי־עריש הויך אַנאָנסירט זייערע גרויסע „אַטראַקציע־פּיעסעס", אַז מען האָט די שרייערישע אַנאָנסן געהערט ביז וואַרשע און די אידישע טעאַ־טער־באַזוכער האָבן נאָכגעפרעגט וועגן די אַמעריקאַנער פּיעסן און די אידישע סופליאָרן האָבן זיך דערפון געמאַכט אַ שטיקל „אינדוסטריע"; זיי האָבן איבערגעשריבן די פּיעסן פון אַמעריקאַנער גאַסטראָליאָרן און ווען די געסט זיינען אַוועק, האָבן די סופליאָרן אָפּגענומען פאַר די אי־בערגעשריבענע פּיעסן גוטע געלט.

די אויסלענדישע גאַסטראָליאָרן האָבן שוין געוואוסט פון דעם, האָבן זיי זייערע פּיעסן שטאַרק אָפּגעהיטן; זיי האָבן די פּיעסע געגעבן דעם סופליאָר בלויז צום סופלירן און אפילו אָף דער צייט פון די פויזן, האָט מען זיי ביי אים אָפּגענומען, כדי ער זאָל נישט האָבן קיין צייט זיי אי־בערצושרייבן.

איז אָבער דער סופליאָר כליוונער געווען אַזאַ מזיק, אַז ער האָט באַ־וויזן אין סופליאָר־קעסטל בעתן סופלירן, איבערצושרייבן די פּיעסע און נאָך דריי טעג שפּילן „די אַמעריקאַנערן", קומט צו מיר כליוונער און ער זאָגט מיר: — מאַדאַם ראַפּעל, איך האָב אייך געבראַכט אַ מתנה. און דערלאַנגענדיק מיר אַ דיקן באַשריבענעם העפט, גיט ער צו: — איר ווייסט וויפיל דאָס איז ווערט? אָבער דאַסמאָל האָב איך עס געטאָן ספּע־ציעל פאַר אייך און איך בין זיכער, אַז איר וועט אין דער פּיעסע האָבן

פונקט אַזאַ דערפאָלג ווי אין „מיין ווייבס מאַן"...

איך צעעפן דעם העפט און זע — „די אַמעריקאַנערן".

איך האָב געפילט, אַז דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים. און איך האָב זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין און איך האָב אויסגערופן: — אָבער גאָט איז מיט אייך, דאָס איז דאָך פשוטע גנבה... און איך האָב אים צוריקגעגעבן די פּיעסע.

כליוונער האָט געקוקט אויף מיר האַלב מיט אַ שמייכל און האַלב מיט באַדויערן: — איר וועט זען, איר וועט די פּיעסע נאָך זוכן... אָבער איך האָב אים צוריקגעוויזן און ער האָט געהוזקט איבער מיין נאַאיוויטעט און איז אַוועק.

און עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, קלאַראַ יאַנג האָט כּסדר באַקומען טעלעגראַפישע אָנבאָטן פון פאַרשידענע שטעט און לענדער, מען האָט איר צוגעזאָגט דאָס "טעלערל פון הימל". און נאָך צוויי חדשים שפּילן מיט אומגעהויערן דערפאָלג, איז זי אַוועק פון וואַרשע.

איך מוז איבערבעטן כליוונערן...

אונזערע דירעקטאָרן, מיין מאַן און עפּלבערג זיינען געווען פאַרצווייפלט.

אַזעלכע גוטע געשעפטן נעמען און איבערשניידן ווי מיט אַ מעסער, דאָס איז פאַר זיי געווען אַ צו שטאַרקער קלאַפּ און נישט זעענדיק אַפן מאָמענט קיין אַנדער אויסוועג, האָט מען באַלד גענומען טראַכטן וועגן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון מיט אַ יאָר צוריק, דאָס הייסט, מען זאָל ווייטער שפּילן „די אַמעריקאַנערן". איז זיך דען דאָ וואָס צו שרעקן? צי האָט זינאַ נישט געמאַכט פונקט אַזאַ גרויסן דערפאָלג מיט „מיין ווייבס מאַן" ווי קלאַראַ יאַנג? — אָבער וואו נעמט מען די פּיעסע?

כליוונער האָט זיך געמאַכט טאַמעוואַטע, און די דירעקטאָרן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרצווייפלט, ביז איך האָב זיך דערוואוסט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער פּיעסע און איך האָב אויסגערופן: — כליוונער האָט דאָך די פּיעסע, ער האָט זי מיר געוואָלט אַוועקגעבן נאָך מיט אַזויפיל וואָכן צוריק!

האָט מען זיך גענומען צו כליוונערן און ער האָט געטענהט, יאָ, ער האָט די פּיעסע, אָבער זינאַ איז געווען צו נאַאיוו און נאַריש און זי האָט זי אים צוריקגעוואָרפן, וויל ער איצט, אַז זי זאָל אים איבערבעטן...

הערנדיק, אַז כליוונער האָט די פּיעסע, איז חברה געוואָרן פריילעך און מען האָט געגרייט אַ גאַנצע סצענע ווי אַזוי איך זאָל איבערבעטן

כליוונערן, מען האָט מיך געסטראַשעט, אַז ווער ווייסט וואָס כליוונער וועט פאַרלאַנגען און ראַפּעל האָט זיך כלומרשט געבייזערט, פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט נעמען באַ אים די פּיעסע און איצט ווער ווייס, צי וועל איך אים נישט מוזן איבערבעטן מיט אַ קוש, אַז ער זאָל זי מיר געבן...

אָבער ווי נאָר כליוונער איז אַריינגעקומען און מיך דערזען ווי איך שטיי אַזוי אין אַ זייט אַן איבערגעשראָקענע, האָט ער זיך וואַרים צע־שמייכלט און אויסרופנדיק מיט טריומף: — נו? האָב איך אייך געזאָגט, אַז איר וועט מיך נאָך בעטן די פּיעסע? — האָט ער מיר דערלאַנגט דעם העפט און בעת אַלע האָבן געלאַכט, האָט ראַפּעל אויסגערופן: — חברה, צו דער אַרבעט!...

מיין צווייטע סוברעט-ראָל

כאָטש מיין הייליקע שרעק איז שוין ווייט נישט געווען אַזוי גרויס ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווען איך האָב באַדאַרפט צום ערשטן מאָל אַריינ־שפּרינגען אין אַ ראָל פון אַ נייעם זשאַנר און נאָך דערצו, נאָך אַזאַ דער־פאָלגרייכע קינסטלערן ווי קלאַראַ יאַנג, פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט די זעלבע פיבערדיקע צוגרייטונגען, די זעלבע געניייעכצן פון קליידער און וואָס נענטער עס איז געקומען צו מיין אויפטריט, אַלץ מער האָט מיך ווידער באַהערשט דער הייליקער ציטער און ענדלעך, איך בין דערשינען אויף דער בינע אין מיין צווייטער סוברעט ראָל, אַלס פּעני די „אַמעריקאַ־נערן" און מיכל קליין איז געווען מיין פּאַרטנער אַלס סעם, און מיין נייער דערפאָלג איז געווען נאָך גרעסער ווי מיט אַ יאָר צוריק.

מיין צווייטער דערפאָלגרייכער אויפטריט נאָך קלאַראַ יאַנג, האָט אין ראַפּעלן אָנגעהויבן וועקן נייע פּלענער פאַר ווייטער, ער האָט אָנ־געהויבן איינזען, אַז איך וואָלט גאָרנישט געהאַט קיין קלענערע דערפאָלגן פון קלאַראַ יאַנג, ווען ער זאָל מיט מיר זיך אַזוי אַ לאָז אַרויסגעבן איבער דער וועלט און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט ער טאַקע אָנגעהויבן ריידן מיט מיר וועגן ווין, בערלין, לאָנדאָן און אפשר גאָר אַמעריקע און איך בין דערווייל געווען אַזוי פאַרשיכורט פון מיינע דערפאָלגן, אַז איך האָב אַפילו נישט איבערגעטראַכט וועגן דעם וואָס ער האָט גערעדט; איך האָב געוואוסט איין זאַך, אַז דערווייל שפּיל איך אין וואַרשע, אין מיין טעאַטער, פאַר מיין פּובליקום און איך דאַרף שפּילן מיט האַרץ, מיט געפיל און נשמה און איך דאַרף נאָר זען, אַז איך זאָל ווערט זיין דעם רום וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן.

ווידער האָבן מיר געשפּילט די „אַמעריקאַנערן" באַ די זעקס חדשים, עס איז שוין געבליבן אַ קורצע צייט צום פאַרענדיקן אונזער פינף־יעריקן קאָנטראַקט מיטן „עליזעאום", עפּלבערג האָט שוין געטראַכט וועגן אַ פּראָלאָנגאַציע, אָבער ראַפעל האָט שוין געהאַט אויסגעאַרבעט גאַנץ אַנדערע פּלענער וועגן אַן אַרויספאָר מיט מיר, פּונקט אַזוי ווי בועז יאַנג פאָרט מיט קלאַראַ יאַנג און כאַטש עס זיינען נאָך צו אונז געקומען נייע גאַסטראָליאָרן, עס זיינען געקומען צילי אַדלער מיט דער פיינמאַן, מען האָט נאָך אָנגעהאַלטן דעם פאָראָר פון שיינעם טעאַטער־שפּיל, אָבער דערוויל האָבן קאָמפּאַניעיען מיט ליבערטן אויסגעדונגען דעם „עליזע־אום" און איצט האָט שוין ראַפעל אודאי געמוזט טראַכטן וועגן אַ תכלית, און ער האָט נאָך שטאַרקער געפּרואווט ווירקן אַף מיר, אַז איך זאָל פאָרן מיט אים איבער די גרויסע אויסלענדישע שטעט.

איך וויל נישט פאַרלאָזן מיינע קינדער

פון די צוויי טעאַטער־אונטערנעמער וואָס האָבן אויסגעדונגען דעם „עליזעאום", איז קאָמפּאַניעיען געווען דער אומשולדיקער. ער האָט נישט איינמאָל געהערט פון ראַפעלן, אַז ער טראַכט נישט וועגן פּראָלאָנ־גירן זיין קאָנטראַקט און קאָמפּאַניעיען האָט זיך געפילט פריי אין זיין האַנדלונג.

אָבער ליבערט האָט נישט געוואוסט פון ראַפעלס וויטערדיקע פּלע־נער, ער האָט שוין לאַנג געהאַט אַ האַריץ אַף ראַפעלן און ער האָט זיך פּשוט געריייצט מיט אים, אַז נישט נאָר וועט ער באַלד זיין דער באַלע־באָס פון „עליזעאום", נאָר ראַפעל וועט זיך נאָך מוזן אַריינבעטן צו אים אין טרופּע...

און דאָס האָט ראַפעלן נאָך מער געערגערט און ער האָט נאָך פיבער־האַפטער גענומען טראַכטן וועגן דורכפירן זיין פּלאַן מיט מיר; אָבער איך האָב זיך דעם פּלאַן נישט געוואָלט אונטערוואַרפן צוליב די קינדער.

מאַלווינקע, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט, ווי זי וואָלט געווען מיין אייגן קינד, איז שוין געגאַנגען אין אַ שולע; צילי איז שוין געווען אַ גרוים שיין מיידעלע מיט צוויי גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן און אויך זי האָט מען באַדאַרפט איינשרייבן אין שולע; אסתרל איז אַרומגעלאָפן, און זיך אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס מען האָט גערעדט און געטאָן און אַלע דריי צוזאַמען האָבן אין שטוב „געשפּילט טעאַטער", זיי האָבן נאָכגעמאַכט סצענעס וואָס זיי האָבן געזען אין טעאַטער, און טויזנט פריידן האָבן אַרומגעכאַפּט, צוקוקנדיק ווי מאַלווינקע מאַכט נאָך די

קאַלאָראַטורן פון די פּרימאַדאָנעס און ווי זי פאַרבויגט דערביי דאָס קעפּל אַף אַ זייט און ווי צילי קאָפּירט די סוברעטנס מיטן טענצל און מיט דער קאָקעטעריע און די קליינע אסתרל שפּילט מיט דאָס קינד און פּלאָנ־טערט זיך צווישן פּרימאַדאָנע און סוברעטן און וויל זיי ביידן נאָכמאַכן...

און אַנדזשעלע איז נאָך געווען אַ קינד, וואָס מען דאַרף האַלטן אַף די הענט און ווי האָב איך געקאָנט טראַכטן וועגן איבערלאָזן זיי און לאָזן זיך איבער פרעמדע לענדער זוכן גליקן?

עס קאָן זיין, אַז ווען איך זאָל געווען פאַרלאַנגען, אַז איך וויל מיט־נעמען די קינדער, וואָלט ראַפּעל אויך געוועז איינגעגאַנגען; ער האָט אַזוי געברענט דורכצופירן זיין פּלאַן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, אַז ער וואָלט געווען צוגעטראַכט אַלערליי מעגלעכקייטן, אַז מיר זאָלן קענען די קינדער מיטנעמען, אָבער אויך דאָס האָב איך נישט געוואָלט.

איך האָב גוט געדענקט, וויפיל איך און מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך האָבן איבערגעליטן אַף די וואַנדער־וועגן צוזאַמען מיט אונזערע עלטערן אַלס די „ציפּקוס־טרופּע"; איך האָב זיך דערמאַנט ווי איך האָב זיך אַמאָל אויפגעכאַפּט אינמיטן פאָרן אַף אַ פור און די מאַמע האָט אויסגעשריגן: — זי וועט לעבן! זי האָט געעפנט די אויגן!... און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט פאַר איך אַרויס און איך נעם מיט די קינדער און זיי ווערן מיר אויך קראַנק אַף שקאַרלאַטין... איך האָב ביי אַזעלכע דעראינערונגען ממש צוזאַמענגעבראָכן.

ניין. איך האָב נישט געוואָלט איבערלאָזן מיינע קינדער, ווען אפילו איך האָב געוואוסט, אַז זיי האָבן דאָ אַ היים און עס איז דאָ אַ דינסט וואָס זאָל אַף זיי אַכטונג געבן; און ווען אפילו ראַפּעל איז שוין גרייט געווען זיי אַריינצוגעבן אין דעם דעמלט באַרימטן פּריוואַטן אַנשטאַלט פאַר קינדער דערציאונג, אין דער וויינער־ שול, האָב איך נישט געקאָנט און נישט געוואָלט איבערלאָזן די קינדער אַף פרעמדע הענט און זיך לאָזן איבער פרעמדע לענדער, און פון ראַפּעלס פּלאַן איז געוואָרן גאָרנישט.

פאַמיליען־לעבן און פאַמיליען־גליק

מיין צונישט־מאַכן ראַפּעלס פּלאַן וועגן פאָרן קיין אויסלאַנד, איז נישט געווען דער ערשטער קאָנפליקט וואָס איך האָב געהאַט מיט ראַפּעלן.

גיכער איז זיין גאַנצער פּלאַן פון וועלן פאָרן קיין אויסלאַנד, געווען אַ רעזולטאַט פון אַ רייע פריערדיקע קאָנפליקטן, אין וועלכע איך בין

אַבסאָלוט גאָרנישט שולדיק געווען.

די פריערדיקע קאָנפליקטן זיינען געווען צוליב רום, פאַרערונג און אייפערזוכט.

און כדי דאָס אויפצוקלערן, מוז איך אַביסל דערמאָנען מיין פריוואַט לעבן.

ווען איך האָב זיך באַפרייט פון דעם כיראָמאַנט מאַרקוס טעקס, האָב איך נאָך אַ לאַנגע צייט דערנאָך געזען אין חלום „דעם טויטן-קאָפּ וואָס נוצט צום געשעפט" און איבער מיין געמיט האָבן נאָך לאַנג געשוועבט די כיראָמאַנטישע סודות.

פאַרערער און אַזעלכע וואָס האָבן זיך צו מיר געשדכנט, האָב איך געהאַט אַ סך, אָבער ראַפּעל האָט באַוויזן צו געווינען מיין האַרץ און אַנדערהאַלבן יאָר נאָך מיין גט, האָב איך ערשט מיט אים חתונה געהאַט.

איך בין אים געווען אַ געטרייע פרוי און מיט מיין נאָכגיביקער נאַטור, האָב איך קיינמאָל אים גאָרנישט פאַרגעוואָרפן; ווענדיק זיין הייסע ליבע צו מיר, האָב איך אים אפילו מוחל געווען אַ סך פעלערן, ווויסנדיק, אַז אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש און אַ פעלער איז מענטשלעך.

איין זאַך האָט מיך אָבער יאָ געערגערט, דאָס איז געווען, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז כאָטש ראַפּעל האָט מיך אַזוי ליב, פונדעסטוועגן דערלויבט ער זיך אַ סך לוסטיקע מינוטן מיט אַנדערע פרויען און עס זיינען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיר צוגעטראָגן די נייעסלעך און מאַנכע וואָס האָבן זיך געוואָלט פרואוון זייער מזל ביי מיר, האָבן מיר אפילו פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס איך שווייג, אַז איך האָב מער רעכט צו וועלן אַ לעב טאָן, ווייל ראַפּעל איז עלטער פון מיר מיט גאַנצע פופצן יאָר און אַ יונגע פרוי מעג זיך פאַרגינען אביסעלע מער רעכט ווי אַ מאַן, וואָס איז מיט פופצן יאָר עלטער...

און כאָטש איך האָב די אַלע רכילותניקעס געטריבן פון זיך און זיי האָבן געמוזט איינזען, אַז זיי האָבן נישט געטראָפן דאָס ריכטיקע אָרט, פונדעסטוועגן האָבן די אַלע רכילותלעך געווירקט אַף מיין געמיט און איך האָב געליטן אַ סך שטילן האַרצווייטיק.

אָבער אָט איז צו אונז געקומען מאַסקאָוויטש, ער איז דעמלט געקומען שוין צום צווייטן מאָל און ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין פרוי, וואָס איז נישט געווען קיין אַקטריסע און זי איז געווען אַ זייער קלוגע פרוי. זי האָט זיך צוגעקוקט צו מיר און זי האָט געפילט, אַז איך לייד און זי האָט זיך צו מיר דערנענטערט און זי האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזוי-פיל וואַרימע פריינטשאַפט, אַז איך האָב זיך פאַר איר פאַרטרויעט.

מאַסקאָוויטשעס פרוי האָט מיך דורכגעדרינגען מיט אירע וואַרימע

קלוגע בליקן און זי האָט מיר אָנגעהויבן געבן לעקציעס פון לעבן בכלל און פון פאַמיליען־לעבן בפרט און איך מוז זיך מודה זיין, אַז ביז דעמלט האָב איך דאָס לעבן איבערהויפּט נישט געקענט.

קודם האָט זי זיך אַליין גענומען אַלס ביישפּיל. — אָט, זע, — האָט זי געזאָגט; — מאָסקאָוויטש, מיין מאַן, איז אַ באַרימטער קינסטלער און ער האָט אַ סך דערפאָלג ביי פרויען און איך וואָלט באַדאַרפט זיין צו נאַריש, אַז איך זאָל פון אים פאָדערן, ער זאָל אָפּשטויסן די ליבע פון אַ שיינער פרוי ווען זי טראָגט זי אים אַקעגן; איך ווייס, דאָס לעבן האָט מיך שוין געלערנט, אַז ווען אַ קאַץ זעט סמעטענע, קאָן זי זיך נישט אָפּזאָגן פון איר און אַז אַ מאַן קאָן אַריינכאַפּן אַ לוסטיקע מינוט, זאָגט ער זיך אויך נישט אָפּ פון איר, און שטערן די פרייהייטן פון מאַן, וואָלט געהייסן ווי מען זאָל זיך אַליין פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ גהינום און אגב, דער מאַן, וויפיל ער זאָל נישט „נאַשן פון פרעמדע טעפּ", איז ער אין זיין געביין אַן עגאָאיסט און ער היט אָפּ זיין אייגענע באַלעבאַטיש־קייט און ער היט אָפּ דעם כבוד פון זיין היים, פון זיין פרוי, וועלכע ער ליבט פונדעסטוועגן, כאָטש זיינע אָפטע „זייטנשפּרונגען"...

די לעקציעס פון דער קלוגער פרוי וועגן פאַמיליען־לעבן און פאַמיליען־גליק, האָב איך אָפּן מאָמענט נישט גוט פאַרשטאַנען; טראָץ מיינע אַרומ־וואַנדערונגען פון קינדווייז אָן מיט אַקטיאָרן, וועלכע ווערן אַזוי פאַר־שריגן אַלס די פרייעסטע פויגל, וואָס ביי זיי איז אַלץ הפקר־פּעטרישקע, בין איך געבליבן זייער נאַאיוו; אפילו שוין דעמלט, ווען איך האָב געהאַט אַזויפיל איבערגעלעבט אַלס פרוי פון מאַרקוס טעקס און שוין אַלס מו־טער פון ראַפּעלס צוויי ליכטיקע קינדערלעך, בין איך אַלץ געווען נאַאיוו.

ערשט דערנאָך, דורך די נעכט, ווען איך האָב נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס די פרוי מאָסקאָוויטש האָט מיר געזאָגט, האָב איך פּאַמעלעך אָנגעהויבן באַנעמען אירע רייד, איך האָב זיי אָנגעהויבן פאַרשטיין, נאָר קיין טרייסט האָב איך אין זיי נישט געפונען.

אָבער די פרוי מאָסקאָוויטש איז נישט געבליבן שטיין אינדערמיט; זי האָט מיך ווייטער אויפגעקלערט; זי האָט מיר ווידער געוויזן זיך אַלס ביישפּיל:

— זע, גרויס נאַאיוו קינדעלע, מאָסקאָוויטש פאָרט אַלעמאָל אַליין גאַסטראָלירן, פאַרוואָס האָט ער מיך עפּעס היינט מיטגענומען? דו מיינסט, אַז עס וואָלט זיך אים דאָ געבענקט נאָך מיר? מיר דאָרט, וואָלט זיך געבענקט, אָבער אים דאָ, וואָלט איך זיכער נישט אויסגעפעלט; נו, כדי עס זאָל זיך מיר נישט בענקען, האָב איך געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל מיך ווילן מיטנעמען...

און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז אויך געווען אַזאַ „שטיל קעלבל" ווי איך און זי האָט אויך נאָר געציטערט און געפלאַטערט און נאָר גע־וואָלט, אַז דער מאַן זאָל פון איר האָבן נחת, גלויבנדיק, אַז צוליב דעם נחת וואָס דער מאַן האָט פון דער פרוי, וועט ער זי קיינמאָל נישט פרו־וון פאַרבייטן אַף אַן אַנדערער...

זי איז אָבער שנעל געקומען צום שכל און איינגעזען, אַז וואָס זיכע־רער דער מאַן איז מיט דער ליבע פון זיין פרוי, אַלץ מער דערלויבט ער זיך אַ לעב צו טאָן אויך מיט אַנדערע; און ווען זי האָט דאָס אָנגעהויבן פאַרשטיין, האָט זי געמאַכט אַזוי, אַז איר מאַן זאָל אויפהערן צו זיין אַזוי זיכער מיט איר און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, וואָס ער האָט זי אָנגעהויבן מיטנעמען אַף זיינע רייזעס און ער פאָרט נישט אָן איר קיין שריט...

רום, פאַרערער און איפערזוכט

די לעצטע אָנצוהערענישן פון דער קלוגער פרוי מאָסקאָוויטש, האָבן מיך אפילו אָפגעשראָקן; עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז זי מיינט פשוט, אַז אויב דער מאַן פאַרגינט זיך צו געניסן פאַרבאָטענע פרוכט, דאַרף עס די פרוי נאָכטאָן און אַזוי האָבן דאָך אויך די אַלע רכילותניקעס זיך געפרואווט ווירקן אַף מיר... אָבער די פרוי מאָסקאָוויטש האָט עס מיר דערנאָך ברייטער אויפגעקלערט און מער אָנגעוויזן, אַז דאָ האַנדלט זיך בלויז, צו ווייזן דעם מאַן, אַז מען איז נישט זיינס אַ שטוב-חיהלע און אַז מען איז נישט זיינס אַ זאַך, נאָר מען איז אַליין אַ מענטש וואָס האָט אַן אומאָפּהענגיקן ווילן.

זי האָט מיך געלערנט, אַז אין די אָוונטן ווען איך דאַרף נישט אויפ־טרעטן אַף דער בינע, דאַרף איך נישט זיצן אין טעאַטער און היטן די טריט פון מיין מאַן אָדער פון זיינע געשעפטן, נאָר איך דאַרף אין אַזעל־כע אָוונטן גיין אין אַנדערע טעאַטערס און זען אַנדערע קינסטלער און אַנדערע פיעסן און זען אַ וועלט און אויב עמיץ טשעפּעט זיך צו דיר, זיי דו נאָר ביי דיר שטאַרק, וועט קיינער גאָרנישט אויספירן, אָבער דו וועסט אויספירן, אַז דיין מאַן וועט אָנהויבן מורא האָבן, אַז מען וועט דיך ביי אים אויסכאַפּן און ער וועט וויסן, אַז ער דאַרף דיך מער אָפּהיטן...

כדי צו לינדערן מיין האַרץ-ווייטיק, האָב איך זי געפאָלגט, איך האָב אין מיינע פרייע אָוונטן אָנגעהויבן גיין אין פוילישן טעאַטער, איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען די באַרימטע אָפּערעטן-שוישפּילער רעדאָ

דעם בוך און מעסאַל די פּרימאַדאָנע און די באַרימטע דראַמאַטישע קינסטלער קאַזשמיעזש קאַמינסקי און די פּאַטאַצקאַיאַ; אין די פּוילישע טעאַטערס האָבן מיך אַ סך אידישע געסט דערקענט און מען האָט מיך אָנגעהויבן באַגריסן און צווישן די באַגריסער, איז אויך געווען אַ דאָק־טאָר־דענטיסט טאַמאַרקין מיט זיין פרוי. זיי האָבן מיט מיר געמאַכט אַ שמועס וועגן די פּוילישע אָפּערעטן־קינסטלער און די פרוי טאַמאַרקין האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז איך געפעל איר בעסער און אַזוי איז מען באַקאַנט געוואָרן. איך בין דערנאָך געגאַנגען צום דר. טאַמאַרקין פּלאָמבירן אַ צאָן און איך האָב איינגעלאַדן אים מיט דער פרוי צו אונז אין טעאַטער און זיי האָבן מיר געשיקט אַ גרויסן בוקעט בלומען אויף דער בינע.

און דאָ האָט עס זיך אָנגעהויבן.

ראַפּעלן איז עס ווייזט אויס שוין לאַנג געווען פאַרדעכטיק, פאַרוואָס איך גיי עפּעס אַזוי אָפט אין פּוילישן טעאַטער; ער איז גאָרנישט גע־וואוינט געווען, אַז איך זאָל מאַכן אַ טראָט אָן אים און פּלוצלינג האָב איך גאָר אויפגעהערט זיין זיין קינד און איך וואַרט שוין נישט, אַז ער זאָל מיך לערנען גיין און ווען ער האָט געזען אַזאַ גרויסן בוקעט בלומען, האָט ער אָנגעהויבן פרעגן ווער, וואָס און ווען, און כאָטש די טאַמאַרקינס זיינען דערנאָך געקומען אויף דער בינע מיך באַגריסן און ער האָט געזען, אַז דר. טאַמאַרקין איז דאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי, פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעהויבן אייפערן און ווידנדיק, אַז איך בין שוין גענוג באַרימט און אַז מיר פעלן נישט קיין פאַרערער, האָט דער אייפער אים גענומען שרעקן און ער האָט טאַקע אָנגעהויבן מיך אָפּהיטן און ער איז שוין נישט אַוועק אויף לאַנגע שעהן און ער האָט שוין אָנגעהויבן פאַרלייגן, אַז אויב איך וויל גיין ערגיץ, זאָל איך אים נאָר זאָגן, וועט ער גיין מיט מיר...

שים, אויב דיר איז ליב אַזוי...

א סך מאָל האָב איך מיטגעפילט דעם צער פון מיין מאַן. א סך מאָל, ווען איך האָב געזען ווי זיינע מיסטרויאישע בליקן בלאָנדזשען און זיי האָבן זיך מורא צו באַגעגענען מיט מיינע, האָב איך געפילט אַזאַ טיפן צער, אַז איך בין שוין גרייט געווען אים אויסזאָגן דעם גאַנצן סוד, אַז דאָס האָט מיר די פרוי מאָסקאָוויטש געגעבן אַזאַ לעקציע, כדי אים אָפּצוהאַל־טן פון גיין צו אַנדערע פרויען, אָבער איך האָב זיך באַלד דערמאָנט מיי־נע פאַרביטערטע מינוטן, ווען מען האָט מיר צוגעטראָגן די רכילותלעך פון זיינע פאַרברעכנגעכצן, האָב איך פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

און כאָטש ראַפאַעל האָט מיך שוין נישט אָפּגעלאָזן, ער איז נישט גע־גאַנגען אָן מיר, און ער האָט מיך באַגלייט ווען איך האָב געוואָלט גיין, האָט ער אַליין נישט אויפגעהערט אייפערן און נישט ווייסנדיק צוליב וואָס און צוליב וועמען ער אייפערט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דר. טאמארקין און ער האָט ממש געקריצט מיט די ציין, ווען ער האָט אים געזען אין טעאַטער.

און כאָטש דר. טאמארקין איז קיינמאָל נישט געקומען אַליין, נאָר אַלעמאָל אין באַגלייטונג פון זיין פרוי און כאָטש איך האָב פון א סך פאַרערער באַקומען בלומען־בוקעטן אױף דער בינע, האָט ער קיין שום אַנדערן נישט געזען און קיין שום אַנדערע בלומען האָבן אים נישט גע־ערגערט, נאָר דעם דר. טאמארקינס און איינמאָל, ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן און אױף דער בינע זיינען געווען עטלעכע בלומען־בוקעטן, האָט ראַפאַעל דורכגעקוקט די קאַרטלעך וואָס אױף די בוקעטן און דער־זעענדיק אויך אַ וויזיט־קאַרטל פון דר. טאמארקין און זיין פרוי, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און זיך געשטעלט קעגן מיר און אָנצי־לנדיק דעם רעוואָלווער אױף מיר, האָט ער נישט מיט זיין קול אויסגערופן:
— ווילסט אוועקוואַרפן די בלומען פון דעם דאָקטערל? ווען נישט וועל איך דיך דערשיסן און דערנאָך מיך...

איך האָב זיך געפילט אַזוי אומשולדיק און עס האָט מיר עפּעס אַזאַ קלעם געטאָן באַם האַרצן, אַז איך האָב אויפגעריסן מיין בלוזע און מיט ביידע הענט צעעפנט מיין האַרץ און געענטפערט: — שיס, אויב דיר איז ליב אַזוי!... שיס אין מיין ריינעם האַרץ!...

אַקטיאָרן זיינען אָנגעלאָפן, מען האָט ביי אים אַרויסגעריסן דעם רע־וואָלווער און מיר ביידע האָבן גלייכצייטיק צוזאַמענגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין...

די זעלבע נאַכט האָב איך שוין נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן, און איך האָב ראַפאַעלן דערציילט וועגן די לעקציעס, וואָס די פרוי מאַסקאָ־וויטש האָט מיר געגעבן און, אַז איך האָב שוין נישט געקאָנט אַזוי לעבן, ווייסנדיק, אַז ער פאַרברענגט מיט אַנדערע פרויען און נאָך דערצו, ווען מען איז דאָ אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל רכילותניקעס, וואָס זוכן נאָר אָנצורייזן צו אַלדאָס בייז...

ראַפאַעל האָט מיך געקושט און מיך געבעטן, איך זאָל אים מוחל זיין און ער וועט מיר מוחל זיין און — לאָמיר שוין פון היינט אָן לעבן ווי די טייבעלעך...

מיר פאָרן קיין אדעס

פונדעסטוועגן, כאָטש ראַפעל האָט שוין געוואוסט, אַז מיין האַנדלונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ ראַפינירטער אינטריגע, ווי ער האָט אָנגערופן די לעקציעס פון דער פרוי מאַסקאָוויטש, איז ער נאָך אַלץ געבליבן אומרואיק און איך גלויב, אַז זיין אומרואיקייט צוליב מיר, איז געווען די הויפט-סבה פאַר זיין פּלאַן צו פאָרן גאַסטראָלירן קיין אויסלאַנד.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין וואַרשע בין איך שוין צופיל באַקאַנט און באַרימט און איך האָב שוין צופיל פאַרערער און ער איז אויך צופיל פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן, וועט זיין בעסער, ווען ער וועט מיט מיר אַרויספאָרן איבער דער גרויסער וועלט, ער וועט מיט מיר זיין איבעראַל צוזאַמען און וועגן געשעפט, איז ער זיכער, אַז אויב קלאַראַ יאַנג מאַכט אַזויפיל געלד, וועלן מיר אויך נישט פאַרלוירן גיין...

און זעענדיק אַז איך שטעל זיך אַנטקעגן זיין פּלאַן, האָט ער שוין ווידער אָנגעהויבן צווייפלען אין מיר; כאָטש ער האָט עס נישט אַרויסגעזאָגט, האָב איך געפילט, אַז ער איז מיך חושד, אַז נישט בלויז צוליב די קינדער וויל איך נישט פאָרן קיין אויסלאַנד, נאָר דאָ מוז איך אויך האָבן עפּעס אַן אַנדערע סבה...

און כדי ער זאָל איינזען, אַז ער באַשולדיקט מיך אומזיסט, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין גרייט מיט אים צו פאָרן וואו נאָר ער וויל, אָבער נישט קיין אויסלאַנד. זאָל ער מיט מיר פאָרן איבער גאַנץ פּוילן און איבער גאַנץ רוסלאַנד, אַבי נישט איבער גרעניצן, ווייל אין אייגענעם לאַנד וועל איך זיך פאָרט נישט פילן אַזוי אָפּגעריסן פון די קינדער.

און ראַפעל, זעענדיק אַז וועגן אויסלאַנד איז נישטאָ וואָס צו ריידן, האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט פּישאָנען אין אדעס און אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרענדיקט אונזער פינף-יאָר קאָנטראַקט מיטן עליזעאום, איז ראַפעל מיט מיר אַרויסגעפאָרן קיין אדעס אף גאַסטראָלן.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל:

פאַרערער קומען זיך געזעגענען — מיר פאַרלאָזן דעם וואַרשעווער טעאַטער־יריד — קינסטלע־ רישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — שמואל אירים, די לאַכמאַנס, עמערמאַן און קוטנער — מיין דעבוט אין אדעס אַלס סוברעטן — מיר קומען קיין וואַרשע און פאָרן קיין באָברויסק — מען פאַרגלייכט מיך צו דער פאָטאָפּטשינאַ — דאָס האַרץ פון אַ מאַמע — איך פאָר זען מיינע קינדערלעך — מיר פאָר אייערע ביינדע־ לעך — מיין שוועסטער איז מיך מקנא — ווען מען דאַרף אין זיך דערשטיקן אַ פייער.

פאַרערער קומען זיך געזעגענען

ערשט ווען מיר האָבן פאַרענדיקט דעם פינף־יאָר קאָנטראַקט אין „עליזעאום”, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען און פילן ווי שטאַרק באַליבט איך בין געוואָרן באַם אידישן טעאַטער־פובליקום.

צווישן די טעאַטער־באַזוכער זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ליבערט און קאָמפּאַניעיעץ האָבן אונז אויסגעדונגען דאָס טעאַטער און דאָס האָט קאָמפּאַניעיעצן זייער ווייי געטאָן און אַזוי ווי איך בין געווען זייער באַפריינדעט מיט לאה קאָמפּאַניעיעץ, און זי איז כמעט נישט אָפּ־ געטראָטן פון מיין שטוב, האָט זי כאָטש געזען און געהערט ווי איך האָב אַלעמען געזאָגט, אַז די קלאַנגען זיינען פאַלש, אַז מיר האָבן אַליין אויפ־ געגעבן דאָס טעאַטער, צוליב אַנדערע וויכטיקע פלענער וואָס ראַפּעל האָט זיך פאָרגענומען.

צענדליקער און הונדערטער פאַרערער זיינען יעדן טאָג געקומען און א סך פון זיי מיט בלומען; די מערסטע האָב איך אפילו פערזענלעך נישט געקענט, און אַלע האָבן מיר אויסגעדריקט באַדויערן, וואָס איך וויל פאַרלאָזן וואַרשע; עס האָט מיך אַרומגענומען אַ וואַרימקייט און אַ געפיל פון פריידיקן שטאָלץ, ווען זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן שטאַרק בענקען נאָך מיר.

מיר פאַרלאָזן דעם וואַרשעווער טעאַטער־יריד

אין אידישן טעאַטער־וועלטל אין וואַרשע, האָט זיך דעמלט געקאָכט ווי אַף אַן אמתן יריד.

די געשעענישן זיינען געווען באמת זייער אינטערעסאַנטע; דער עליזעום וועלכער איז גאַנצע פינף יאָר אָנגעפירט געוואָרן פון לייזער ראַפּעל מיט עפּעלבערגן, איז איבערגעגאַנגען צו קאָמפּאַניִיעצן און ליבערטן, און אַ קורצע צייט פריער איז פאַרטיק געוואָרן דער קאַמינסקי־טעאַטער, וועלכן אַ רייע מעצענאַטן האָבן פינאַנסירט און עס זיינען פאָרגעקומען איבערגרופּירונגען פון טרופּעס. אַקטיאָרן האָבן פאַרשטאַנען אויסצונוצן די קאָניוקטור און מען האָט זיך געהאַנדלט און געברוגזט און זיך איבערגעבעטן און קאָנטראַקטן זיינען געשריבן געוואָרן און מען האָט גאָט געבעטן, אַז די קאָנטראַקטן זאָלן נישט דאַרפן געבראָכן ווערן און אין דער צייט האָבן מיר זיך געקליבן אין וועג.

אַקטיאָרן האָבן אונז נישט געלאָזן אַזוי לייכט אַוועקפאָרן; לייזער ראַפּעל, כאָטש אַלס דירעקטאָר, איז צו אַלעמען געווען אַ גוטער חבר און אַקטיאָרן האָבן אים ליב געהאַט. לערמאַן, אַבעלמאַן און פּרוי, מיכל קליין, ווינער און קרוויזע־מילער, האָבן אונז צוגערעדט, אַז מיר זאָלן פאָרמירן אַ טרופּע אויף אַ טורנע, אָבער ראַפּעל האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט מיט פּישזאָנען און ער האָט די אַקטיאָרן צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר מיר וועלן צוריקקומען פון אדעס, וועלן מיר פאָרמירן אַזאַ טרופּע מיט זיי אַריינגערעכנט.

און דאָ האָבן שוין די געשעענישן אָנגעהויבן לויפן מיט בליציקער שנעלקייט; איך האָב זיך געמוזט גרייטן צו דער רייזע, איך האָב אַנדזשעלען גענומען אויף די הענט, צוגעדריקט צו מיין ברוסט און געוויינט און צילי, מאַלווינקע און אסתּרל האָבן זיך געקלאַמערט אַרום מיינע פיס — מאַמולאַ, מאַמולאַ... און שוין האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מוראדיקע בענקשאַפט און ווען נישט ראַפּעלס אינסיסטירן אַז מיר זיינען שוין אַנאָנסירט אין אדעס און מען וואַרט שוין אויף אונז, וואָלט איך אפשר נאָך געווען הרטה געטענהט אפן גאַנצן אַרויספאָר.

פאַרן אַרויספאָרן בין איך נאָך אַוועק צו מיין שוויגער, איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר איר, אויב איך האָב איר ווען פאַרשאַפט אַביסל פאַרדרוס און זי האָט זיך אויך פאַר מיר אַנטשולדיקט, איך האָב געקושט לוטעקן און נאָכדעם ווי די שוויגער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך מעג זיין רואיק, אַז זי וועט גאַנץ אָפט באַזוכן די קינדער און שרייבן צו אונז וועגן זייער געזונט, זיינען מיר ענדלעך אַרויסגעפאָרן קיין אדעס.

דאָס איז געווען מיין ערשטער וויכטיקער אַרויספאָר אין אַ גרויסער שטאָט, אַלס אָנגאַזשירטע גאַסטראָליאָרשע וואָס דאַרף זיך שטעלן בראש פון אַ טרופּע.

קינסטלערישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט

ווען עמיץ זאָל מיך געוועזן נאָך מיין אָנקומען אין אדעס אַ פרעג טאָן:
— וואָס האָסטו געזען איבערן וועג פאַרנדיק אַזאַ שטרעקע פון וואַרשע ביז אדעס?

איך וואָלט אַבסאָלוט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

איך האָב געזען דורכן באַן פענסטערל ווי טעלעגראַפן-סלופּעס לויפן שנעל אַנטקעגן אונזער באַן און זיי פאַרשווינדן הינטער אונז; איך האָב זיי געזען, ווייל זיי האָבן שומערירט פאַר מיינע אויגן מיט זייער קומען און פאַרשווינדן; איך האָב אויך געזען ווי שטעטלעך, קלויסטער-שפּיצן ווייזן זיך פונווייטן און זיי דרייען זיך פונווייטן פאַר אונזער פענסטערל ביז אויך זיי ווערן פאַרשווינדן.

באַטראַכט זיי האָב איך נישט; איך האָב געטראַכט אין זיך אַריין. איך האָב זיך דערמאָנט ווי מיין טאַטע האָט אַמאָל אין אַ פּרייטיקצו-נאַכט, בעת אַ דיסקוסיע געזאָגט, אַז אַ גוטער אַקטיאָר איז געגליכן צו אַ פרומען חזן, אַ פרומער שליח-ציבור, וואָס ציטערט און פלאַטערט אין די ימים-נוראים, איידער ער גייט צו צום עמוד אויסבעטן אַ גוט קוויטל פאַר זיינע אידן.

איך האָב זיך דערמאָנט דעם טאַטנס ווערטער און איך האָב זיך טאַקע געפילט אַזוי ווי אַזאַ פרומער חזן; איך האָב געפילט אַזאַ ציטער-ניש און אַזאַ פלאַטערניש, אַ קליינינקייט, איך פאַר דאָך עפּעס איצט כדי זיך צו שטעלן בראש פון אַ טרופּע, וואָס נאָר מיין דערפאָלג, מיין אויס-נעמען באַם פּובליקום, קאָן זיי געבן שפע! צי בין איך שוין טאַקע אַזוי זיכער, אַז איך וועל אויסנעמען?

און איך בין זיכער, אַז אויב אַקטיאָרן וואָס פאָרן אַלעמאָל אַרום און זיי באַשרייבן פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט זייערע רייזע-איינדרוקן, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל דער הייליקער ציטער, אַז מען זאָל נאָר אויסנע-מען, זעט מען גאַרנישט און מען טראַכט נאָר אַריין אין זיך גופא און מען ציטערט איבער דער קינסטלערישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַזוי ווי איך האָב געציטערט און געפלאַטערט איבערן גאַנצן וועג פון וואַרשע קיין אדעס.

און מיין קינסטלערישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט אויסגעהאַלטן די ערשטע פּראָבע.

איך בין געקומען קיין אדעס און מיין אויפטריט אַלס די „אַמעריקאַ-נערן", איז געווען אַ גאָר גרויסער קינסטלערישער און מאַטעריעלער דערפאָלג.

שמואל אירים, די לאַכמאַנס, עמערמאַן און קוטנער

ווען מיר זײַנען אָנגעקומען קיין אדעס, האָט אונז פּישזאָן אָפּגעוואַרט און מיט אים איז געווען אַ גאַנצע סוויטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

פּישזאָן האָט זיך מיט מיר צעקושט ווי מיט אַן אייגענע און אויסגע־דריקט זײַן פרייד, וואָס איך האָב געמאַכט אַ גרויסע קינסטלערישע קאַ־ריערע; ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געזען, אַז איך וואַקס אַ לייט און אַז איך וועל זײַן אַ ברכה פאַרן טעאַטער. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זײַנע באַגלייטער אַלס גרויסע קינסטלערן און ער האָט נישט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז איך בין זײַנע אַ קרובה און, אַז זײַן פאָטער מיט מײַן זיידן זײַנען געווען לאַנג־יאָריקע שותפים.

מען האָט אונז געפירט אין אַ רייכן האָטעל נישט ווייט פון פּישזאָנס זייער רייכע וואוינונג, און איבערן וועג האָט מען אונז געוויזן די גרויסע פּלאַקאַטן וואו איך בין אַנאָנסירט און דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר גע־צאַפּלט פון פרייד, דערוואַרטונג, האָפענונג און שרעק.

מיר האָבן זיך נאָך רעכט נישט באַוויזן אויסצורוען פון דער רייזע, ווען מען האָט אונז שוין גערופן צו פּראָבע. פּישזאָן האָט געזאָגט אױף ענגליש: — „טיים איז מאָני" און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

בײַ דער ערשטער פּראָבע, האָב איך זיך ערשט אָנגעהויבן באַקענען מיטן אַנסאַמבל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען דער דירעזשאָר עמער־מאַן, דער שוין דעמאָלט באַרימטער בוף־קאָמיקער און טענצער ש. קוטנער, דאָרט איז אויך געווען דער שוין דעמאָלט זייער באַליבטער קאָמיקער שמואל אירים און מען האָט מיר אויך פאָרגעשטעלט אַ כאָריסטן־פּאָרל, יצחק און סאָניע לאַכמאַן, אָנווייזנדיק, אַז יצחק לאַכמאַן האָט אַלע שאַנסן צו שטייגן פון כאָריסט ביז צום ערשטן זינגער־שוישפּילער.

מײַן דעבוט אין אדעס אַלס „אַמעריקאַנערן" איז — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — געווען אַ גרויסער דערפאָלג. און אויב די אדעסער צייטונגען האָבן דעמאָלט וועגן מיר געשריבן אַ סך לויב־געזאַנגען, וויל איך דאָ דער־מאָנען, אַז אַזאַ פאַרטנער ווי איך האָב געהאַט אין קוטנערן אַלס „סעם", האָב איך מער נישט געהאַט, און אַזוי אָפּשפּילן דעם „ליטוואַק", ווי אירים האָט אים אָפּגעשפּילט, האָט קיין שום אַנדערער קאָמיקער נישט באַוויזן.

קוטנער מיט זײַן טעמפּעראַמענט, מיט זײַן טאַנצן און מיט זײַן זינ־גען, האָט מיך אַליין איבעראַשט, און יעדע נאַכט בין איך געשטאַנען הינטער די קוליסן און אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט, צו זען ווי אַזוי

שמואל אירים, טאַקע אַפּ מיט זיינע ספּעציפישע הנדלעך דעם „ליטוואַק".

מיר האָבן געשפּילט מיט גרויסע מאַטעריעלע דערפאָלגן און אונזערע גאַסטראָלן וואָלטן זיך נאָך געקאָנט לאַנג פּאָרציען; אַגב האָט אונז פישזאָן פאַרגעלייגט מיר זאָלן צוטרעטן אַלס שותפים צום טעאַטער און ראַפּעל האָט געזאָגט, אַז ער האָט באַלד ביי אונזער אָנקומען, ווען פישזאָן האָט דערמאָנט, אַז זיין פאָטער איז געווען מיין זיידנס שותף פאַרשטאַ־נען, אַז פישזאָן וועט אים פאָרלייגן אַ שותפות און ראַפּעל וואָלט אפשר געווען איינגעגאַנגען, אָבער פון איין זייט האָב איך זייער שטאַרק גע־בענקט נאָך די קינדער און איך האָב נישט געוואָלט לענגער פאַרבלייבן אין אדעס און פון דער צווייטער, האָט ראַפּעל נישט געקאָנט צוזען דעם שטרענגן הערשערישן רעזשים, וואָס פישזאָן האָט אָנגעהאַלטן אין זיין טעאַטער און ראַפּעל האָט מיר געזאָגט, אַז אין וואַרשע וואָלט אַזאַ פישזאָן לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, ווייל די אַקטיאָרן וואָלטן זיך נישט געלאָזן שפּייען אין קאַשע און זיי וואָלטן פון אים אַנטלאָפן.

און עס האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר אין וואַר־שע, אויך אין אדעס האָבן זיך די אַקטיאָרן נישט געוואָלט לאָזן שפּייען אין קאַשע, ווייל ווי נאָר די אַקטיאָרן האָבן געהערט, אַז מיר ווילן שוין פאַרענדיקן מיט אונזערע גאַסטראָלן, האָבן אַ היבשע צאָל פון זיי אונז אָנגעהויבן צוריידן, אַז מיר זאָלן פאָרמירן אַ טרופּע אַף אַ טורנע און זיי וועלן גיין מיט אונז, ווייל זיי וואַרטן נאָר אַף אַ גינסטיקער געלעגנהייט זיך צו קענען באַפרייען פון פישזאָנס טעאַטער.

ראַפּעל וואָלט שוין אפשר געווען איינגעגאַנגען, ווייל די אויסזיכטן זיינען געווען אַף גאָר גוטע געשעפטן; אָבער איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט, איך האָב געוואָלט זען די קינדער און עס איז געבליבן, אַז אַבי איך וועל זיין אין וואַרשע און זען מיינע קינדער, קאָן זיין, אַז מיר וועלן צוריקומען און זיי וועלן קענען זיין מיט אונז.

פישזאָן האָט געפילט, אַז עפּעס האָט מען געמוזט אָפּמאַכן הינטער זיינע פּלייצעס, ער האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעטראָגן מיט חשדים קעגן יעדן פון זיין טרופּע און כאָטש מיר האָבן פאַקטיש גאָרנישט אָפּגעמאַכט און מיר האָבן זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט קעגן אים, ווייל איך בין באמת גאָרנישט מער אויסן געווען, ווי צו זען מיינע קינדערלעך, פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך מיט אונז נישט געזעגנט אַזוי וואַרים ווי ער האָט אונז אויפגענומען בעת אונזער אָנקומען, אָבער דערפאַר האָבן אונז עמערמאַן און די לאַכמאַנס מיטגעגעבן טויזנט ברכות און אונז נאָר געבעטן, אַז מיר זאָלן ווידער קומען און זיי וועלן זיין מיט אונז.

מיר קומען קיין ווארשע און פארן קיין באברויסק

און די געשעענישן זיינען זיך שנעל געלאפן זייער וועג.

מיר זיינען געקומען צוריק קיין ווארשע; די קינדערלעך האבן מיר געטראפן געזונטע און גוט אפגעהיט און מיר האבן אויך געטראפן בריוו און טעלעגראמעס פון פארשידענע שטעט און לענדער, ראפעל איז ארומגעלאפן פאריאכמערט און אקטיארן זיינען געקומען און געלאפן און די זעלבע אקטיארן וואס האבן אונז נישט געוואלט לאזן אוועקפארן, האבן טאקע געווארט אף אונז, זיי האבן נאר געוואלט, אז לייזער ראפעל זאל פארמירן א טרופע פאר א טורנע און דערווייל איז דער טעאטער־אונטערנעמער כאימאוויטש, וועלכער האט שוין פון לאנג פארהאנדלט מיט ראפעלן, געקומען קיין ווארשע און געזאגט אז איצט איז די בעסטע צייט, אז מיר זאלן וואס שנעלער ארויספארן מיט א טרופע קיין באברויסק און ער האט גאר גרויסע פלענער פאר גוטע געשעפטן אין רוסלאנד.

איך האב קוים באוויזן איינמאל צו זיין אין קאמינסקים טעאטער, וועלכער איז דעמלט געווען דער שטאלץ פון בעסערן אידישן טעאטער־באזוכער אין ווארשע און שוין האבן מיר געפאקט די זאכן און ווידער אוועקגעפארן.

מיר זיינען געפארן קיין באברויסק און איך ווייס אפילו נישט, ווי אזוי זיי האבן זיך אזוי שנעל דערוואוסט דערפון, נאר באלד נאך אונזער אנקומען אין באברויסק, זיינען אויך אנגעקומען אהין דער דיריזשאר עמערמאן, יצחק לאכמאן מיט זיין פרוי סאניא און נאך עטלעכע אקטיארן, וועלכע ראפעל האט באלד ארייגענומען אין טרופע.

דעמלט איז לאכמאן געווארן אוים כאריסט. ער האט געהאט א וואונדערשיינע שטים און ער האט זיין ארבעט גענומען אזוי ערנסט, אז ראפעל האט אים אנפארטרויט וויכטיקע ראלן און ער האט אפילו געשפילט מיין פארטנער און מיט גאר פיינעם דערפאלג.

נאך עטלעכע וואכן שפילן אין באברויסק, האט לאכמאן באוויזן, אז ראפעל האט זיך אין אים נישט טועה געווען; ער האט געשפילט ליב־האבער־ראלן און בוף־ראלן און ער האט געהאט אלע שאנסן פאר א היבשער קינסטלערישער קאריערע.

און ווען מיר זיינען נאך די עטלעכע וואכן דערפאלגרייכע גאסטשפילן אין באברויסק אפגעפארן קיין יעקאטערינאסלאוו, זיינען עמערמאן און די לאכמאנס מיט אונז מיטגעפארן און אין יעקאטערינאסלאוו, האבן מיר געהאט אזא קאלאסאלן אויסערגעוויינלעכן דערפאלג, און עס איז געווען אזא שפע, אז ממש גאלד האט געפלאסן צו אונז פון אלע זייטן.

די צייטונגען אין יעקאַטערינאָסלאַוו זיינען אַרוים מיט באַגייסטערטע רעצענזיעס, איינער פון די קריטיקער האָט מיך פאַרגליכן צו דער דעמלט באַרימטער רוסישער סוברעטן פּאָטאָפּטשינאַ, וואָס האָט אין מאָסקווע געהאַט אַן אייגן טעאַטער און מיין רום האָט געריייצט די אַפּעטיטן פון טעאַטער־אונטערנעמער און מען האָט מיך געפאָדערט פון אַלע זייטן און איך האָב כסדר געשוועבט ווי אין אַ גאָלדענעם חלום און עס איז מיר געווען אַזוי גוט, אַז עס זיינען גאָרנישט פאַראַן אַזעלכע ווערטער, מיט וועלכע מען זאָל קאָנען באַצייכענען מיין הייליקן געפיל פון גליקזע־ליקייט...

איך פאַר זען מיינע קינדערלעך

פאַראַן אַן אַלטע פאַבל, וואָס שילדערט די פילבאַרקייט פון אַ מאַמעס האַרץ.

דראַמאַטורגן האָבן די פאַבל אַריינגעפלאָכטן אין אַ סך פּיעסן און אין מיין לאַנג־יעריקער אַקטואַציע אויף דער בינע, איז מיר שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן און אַליין צו מאַנאָלאָגירן די פאַבל אויף דער בינע.

די פאַבל דערציילט וועגן אַ בחור וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט אַ מיידל, אָבער דאָס מיידל האָט נישט געוואָלט גלויבן אין זיין ליבע און זי האָט פון אים געפאָדערט באַווייזן, אַז ער האָט זי טאַקע באמת ליב.

כדי איר צו באַווייזן, אַז ער האָט זי באמת ליב, איז ער גרייט געווען פאַר איר צו שפּרינגען אין פייער און אין וואַסער; ער איז גרייט געווען צו גנבנען און גזלנען; ער איז גרייט געווען אויף אַלץ וואָס זי וועט נאָר פאַרלאַנגען, אַבי זי זאָל אים גלויבן, אַז ער האָט זי ליב.

און דאָס מיידל האָט פאַרלאַנגט נישט מער און נישט וויניקער, נאָר ער זאָל אַרויסשניידן דאָס האַרץ פון זיין מוטער און איר דאָס ברענגען אַלס מתנה.

דער בחור האָט זייער ליב געהאַט זיין מוטער, אָבער אַ כשוף האָט אים געצויגן צו זיין מיידל און ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן, ער האָט אויסגעשניטן דאָס האַרץ פון זיין מוטער, אַרויפגעלייגט עס אויף אַ גאָלדן טעצל און שנעל זיך געלאָזן לויפן צו זיין געליבטער מיטן באַווייז, ווי שטאַרק ער האָט זי ליב.

און לויפנדיק אַזוי, איז ער געשטרויכלט געוואָרן און אומגעפאַלן און ווען דער בחור וואָס איז געווען אַ בן־יחידל איז געפאַלן, האָט זיך זיין מוטערס האַרץ וואָס איז געלעגן אויף דער טאַץ אַ צאַפּל געטאָן און דאָס

אויסגעשניטענע מוטער־האַרץ האָט אויסגערופן: — קינד מיינס! האָסטו זיך באַם פאַלן נישט שטאַרק צעקלאַפּט?...

איך בין דעמלט געווען אַזוי גליקלעך, איך בין געווען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ליבע און פאַרערונג, אַז איך האָב געקאָנט פאַרשיכורט ווערן פון איבערמוט און מאָמענטנווייז האָב איך טאַקע פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט, אָבער ווי נאָר עס זיינען אַריבער די אַפּלאָוזן, וואָס זיינען פאַרן קינסטלער דאָס העכסטע גליק, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיינע קינדער וואָס זיינען געבליבן אין וואַרשע, און מיט טויזנט צוואַנגען האָט עס מיך געצויגן ציען צו זיי און איך האָב פּשוט די בענקעניש נישט געקאָנט איבערטראָגן.

אַ גאַנצן טאָג און באַנאַכט בעת די פאַרשטעלונגען האָב איך געשוועבט אין גליקלעכע ליכטיקע הימלען; נאָר אַף מיין געלעגער, ווען איך האָב באַדאַרפט רוען, ווי נאָר די אויגן האָבן זיך מיר פאַרמאַכט, האָב איך אָנגעהויבן זען שווידערלעכע חלומות. איך האָב געזען ווי די קינדער שטרעקן די הענטלעך צו מיר און בעטן מיך, מאַמעלע, קום צו אונז... און איינמאָל, ווען איך האָב אין חלום געזען ווי אסתרל האָט זיך פאַרשטאָכן אַ פינגער און מאַלווינקע באַמיט זיך איינצושטילן דאָס בלוט און זי קאָן נישט און צילי וויינט און אַנדזשעלע וויינט און אַלע זיינען פאַרצווייפלט, האָב איך זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און געזאָגט ראַפּעלן אַז איך מוז פאָרן קיין וואַרשע.

ראַפּעל האָט מיך געזוכט צו באַרואיקן, ער האָט מיר אויפגעוויזן, אַז ער איז אַלס פאָטער פּונקט אַזוי געטריי זיינע קינדער ווי איך; ער האָט זיי גוט פאַרזאָרגט, מען גיט דאָרט אַכטונג אַף זיי און עס פעלט זיי גאָרנישט; אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט באַרואיקן און ווען עס איז אויסגעקומען, אַז ראַפּעל איז געפאָרן קיין אָדעס וועגן דונגען אַ טעאַטער, האָב איך באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער קומט צוריק, מוז איך פאָרן קיין וואַרשע.

ראַפּעל איז געפאָרן קיין אָדעס פאַרהאַנדלען מיטן עמפּרעסאַר בודמאַן וועגן דונגען דעם טעאַטער „נאָווי" אַף דער יעווריסקאַ־גאַס און פּלוצלינג באַקום איך אַ טעלעגראַמע אין וועלכער ראַפּעל פרעגט מיך אָן, צי ער מעג שליסן אַ קאָנטראַקט אַף צען יאָר.

אונזער טעאַטער־טורנע איז דערווייל אָנגעגאַנגען לויטן אָנגעצייכנטן פּלאַן, די טרופּע האָט שוין באַדאַרפט פאָרן קיין סימפעראָפּאָל און איך האָב טעלעגראַפיש געענטפערט ראַפּעלן, אַז ער זאָל אָפּמאַכן מיטן טעאַטער, נאָר עס מוז נישט זיין אַף צען יאָר און גלייכצייטיק האָב איך אים טעלעגראַפיש מיטגעטיילט, אַז בעת די טרופּע פאָרט קיין סימפעראָפּאָל,

וועל איך פאָרן קיין ווארשע זען די קינדער און איך וועל דאַן צוריקקומען קיין סימפעראָפּאָל.

און דאָס איז ביי מיר געווען געזאָגט און געטאָן.

אין דעם לאַנגן קאַמף וואָס האָט זיך אין מיר אָפּגעשפּילט צווישן מוטער און קינסטלערן, האָט די מוטער געזיגט, איך בין אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט דער טרופּע, נאָר די טרופּע איז געפאָרן אַף איין וועג — קיין סימפעראָפּאָל און איך אַף אַ צווייטן — קיין ווארשע.

מיר פאַר אייערעביינדעלעך...

איך האָב דאָך שוין עפּעס געזען און אַליין געשפּילט פאַרשידענע מעלאָדראַמעס אַף דער בינע און איך האָב דאָך שוין אין די פאַרשידענע הונדערטער ראָלן געהאַט איבערצולעבן און איבערצופילן מאָמענטן פון בענקשאַפט און צער און מאָמענטן פון מוטערלעכע פריידן און גליק, אָבער מיר שיינט, אַז די אַלע איבערלעבונגען אַף דער בינע, קאָנען זיך נישט פאַרגלייכן צו מיינע איבערלעבונגען און געפילן, וואָס האָבן מיך באַהערשט, בעת איך בין געפאָרן קיין ווארשע זען מיינע קינדער.

איך בין געפאָרן מיט אַ שנעל-צוג ערשטע קלאַס, און דער באַן איז געפלויגן ווי געטריבן פון אויסערגעוויינלעכע כחות און עס האָט אויסגעזען ווי אַלץ וואָלט געלאָפן און זיך געסטאַרעט פאַר מיר, אַז איך זאָל וואָס שנעלער זען מיינע קינדער, און דאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער באַן גייט פּאַמעלעך און אַז עס דויערט און דויערט און ווער ווייס, צי וועט אין מיר נישט פריער צוגיין דאָס האַרץ פון בענקשאַפט, איידער איך וועל דערלעבן קומען קיין ווארשע.

און וואָס נענטער איך בין געקומען צום ציל, האָט זיך אין מיר שטאַרקער אָנגעהויבן באַוועגן מיין האַרץ; עס האָט זיך אין מיר געצאַפּלט, נאָר ווי עס וואָלט געוואָלט אַרויסשפּרינגען און לויפן פאָראויס צו די קינדער און ווי די שענסטע מוזיק האָט פאַר מיר געקלונגען די פּיי-פּעריי און דער ליאַרם וואָס האָט זיך אויפגעהויבן, ווען דער באַן איז אַריינגעפאָרן אין ווארשעווער וואָקזאַל.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, האָבן אַף מיר געהאָנגען די קינדערלעך און זיי האָבן זיך געטולעט צו מיר מיט ליבשאַפט און די קליינע אַנדזשעלע האָט מיר געוויזן אַ פינגערל און געזאָגט: — מאַמושאַ, עס טוט שוין גאָרנישט וויי...

איך האָב זיך דערשראָקן. — וואָס איז דיר געשען מיטן פינגערל?

און איך דערוויס זיך אַ מעשה, אַז אַנדזשעלע האָט אַראָפּגעשלעפּט עפּעס אַ רינגל פון אַ שירם און זיך אָנגעטאָן אַפן פינגער און מען האָט

מער דאָס רינגל נישט געקאָנט אַראָפּשלעפּן פון פינגערל און דאָס פינ־געדל איז געשוואָלן געוואָרן און מען האָט דאָס רינגל געמוזט אַראָפּפיילן פון פינגערל און אַנדזשעלע האָט דערביי א סך געליטן און דאָס איז גע־שען פונקט דעמלט, ווען איך האָב געהאַט דעם שווידערלעכן חלום, אַז אַ קינד האָט זיך פאַרשטאָכן אַ פינגער און דאָס פעסטשטעלן, אַז דאָס איז געווען פונקט אין יענער דאַטע, ווען איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און געזאָגט ראַפּעלן, אַז איך מוז פאָרן קיין וואַרשע זען די קינדער, האָט נאָך שטאַרקער געווירקט אויף מיר, אַז איך זאָל מער די קינדער נישט איבערלאָזן אַליין.

די קינדערלעך האָבן זיך גאָרנישט געוואָלט פון מיר אָפּרייסן. זיי האָ־בן געקלעפּט אויף מיר און אַרום מיר און עס האָט אויסגעזען, אַז זיי ווילן מיט איינמאָל אָפּנעמען די גאַנצע ליבשאַפט פון דער מאַמען, וועלכע איז אַזאַ לאַנגע צייט נישט געווען מיט זיי צוזאַמען און אויך איך האָב געפילט דאָס זעלבע, אַז איך דאַרף איצט קוויקן מיין מוטער־האַרץ פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב נישט געזען מיינע קינדער און אין דעם טייערן קלייד וואָס איך האָב געטראָגן אויף זיך, האָב איך זיך אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד און די קינדערלעך האָבן אָנגעהויבן טאַנצן אַרום מיר... צילי און מאַלווינקע, שוין אַביסל גרעסערע, האָב אָנגעפירט מיטן קאַראַהאָד און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַסתּרלען מיט די קליינע אַנדזשעלע און פלוצלינג האָבן זיך אַלע פיר אַ וואָרף געטאָן אויף מיר און איך האָב זיי אַלע געכאַפּט אויף מיין שויס און געדריקט זיי צו מיין האַרצן און בעת די טרערן האָבן זיך מיר געקייקלט פון די אויגן און געגליטשט זיך איבער מיינע באַקן, האָב איך שטיל און פרום געשעפּצעט: — מיר, קינדערלעך, פאַר אייערע ביינדעלעך!...

מיין שוועסטער איז מיך מקנא...

געטראָפן די קינדערלעך געזונט און פריש, האָט זיך אַ גרויסער שטיין אַראָפּגעקייקלט פון מיין האַרץ.

איך האָב געזען, אַז די קינדערלעך ווערן גוט אָפּגעהיט פון דעם אי־דישן מיידל נאַטשע, וואָס איז געווען זייער גובערנאַנטין און זי האָט זיי זייער פיין דערצויגן און געלערנט און ווי נאָר פאַמיליאַנטן און אַקטיאָרן האָבן דערהערט אַז איך בין געקומען, האָט שוין די טיר ביי מיר נישט גערוט, יעדע מינוט האָב איך געהאַט אַן אַנדער וויזיט, מען האָט זיך געפרייט מיט מיר און מאַנכע אַקטיאָרן האָבן מיר געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זיי וואָלטן געוואָלט פאָרן מיט מיר און אַרבעטן אין לייזער ראַפּעלס טרופּע און אַזוי האָבן אָנגעהויבן גיין טעג פון מוטערלעכע פריידן פון

איין זייט און באַפרידיקונג פון קינסטלערישן שטאָלץ פון דער צווייטער; אַלע וואָס זיינען געקומען האָבן אויסגעדריקט זייער פרייד, וואָס איך האָב געמאַכט אַזאַ קאַריערע, אַז זיי האָבן וועגן מיר געהערט פון דער ווייט און נישט ביי איין אַקטריסע האָב איך אפילו געזען קנאה־פייער־לעך אין זייערע בליקן.

נאָך אַ דריי פיר טעג, האָבן אָנגעהויבן קומען טעלעגראַמעס פון סימפּעראָפּאָל, אַז איך מוז זיך צו איילן, אַז מען דאַרף מיך דאָרט און מורא־האָבנדיק, אַז עס זאָל נישט אָנקומען אַ טעלעגראַם, אַז איך מוז שוין אַרויספאָרן, האָב איך קודם געוואָלט זען מיין שוועסטער פאַני.

פאַני מיט איר מאַן יאַקובאָוויטש, האָבן דעמלט געוואוינט אין פּרוש־קאָוו; פאַני איז שוין געווען אַ מאַמע פון אַ קינד און זי האָט זיך זייער גוט געלעבט, אָבער דאָס גוטע לעבן איז איר נישט איינגעגאַנגען, ווייל זי האָט געבענקט צו דער בינע.

יאַקובאָוויטש, איר מאַן, האָט איר אַלעס נאָכגעגעבן, נאָר שפּילן טע־אַטער, ווייטער זיין אַן אַקטריסע, דאָס האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן און ער האָט זיך דערפרייט מיט מיין אָנקומען, האָפנדיק, אַז איך וועל אים העלפן אַרויסשלאָגן פון פאַנין איר בענקשאַפט צו דער בינע.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו פאַנין אין שטוב, איז עס געווען פּלוצ־לינג און איך האָב זי געטראָפן עסנדיק און פונוויטן האָט זיך מיר אויס־געוויזן, אַז איך זע מיין מאַמען. עס האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן. די ענלעכקייט פון פאַנין צו דער מאַמען, איז געווען ווי פון צוויי טראָפּן וואַסער און אפן מאַמענט האָט זיך מיר אַ טראַכט געטאָן: — וואו איז איצט מיין מאַמע? צי זיצט זי איצט אויך אַזוי רואיק ווי פאַני און עסט זי אויך אַזוי רואיק אַ פיינעם מאַלצייט? צי האָב איך אפילו לעצטנס, אין מיינע גוטע צייטן, כאָטש איינמאָל געקאָנט זיצן אַזוי רואיק ביי אַ טיש און עסן, וויסנדיק, אַז מיינע קינדער זיינען אונטער פרעמדער אויפ־זיכט און זיי פעלט אפשר מוטערלעכע צערטלעכקייט?

און איך האָב טאַקע באַלד נאָכן באַגריסן זיך מיט איר, אויסגעפּאַקט פאַר איר אַ פּעקל מוסר־רייד, אַז זי דאַרף נישט טראַכטן וועגן טעאַטער, אַז דער מאַן וויל עס נישט, זאָל זי נאָכגעבן און בעסער זיין אַ גוטע מאַמע און אַבי עס פעלט איר נישט קיין פרנסה, זאָל דער האָבער זי נישט קוועטשן...

איך האָב געזען ווי מיינע ערלעך־געמיינטע ווערטער האָבן אַרויסגע־רופן פאַרשידענע קאָלירן אף איר פנים און ענדלעך האָט זי זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אָרעמס און אָנגעהויבן כליפּען און עס האָט מיך געקאָסט אַ סך מי, ביז איך האָב זי באַרואיקט און ווישנדיק זיך די אויגן,

האָט זי אָנגעהויבן:

און דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט דאָס אַלעס? איך ווייס און פיל דאָס אַלעס און מיך פאַרדריסט אָפּט אַף זיך אַליין, וואָס איך מאַך יאַקובאָוויטשן פאַרדרוס, אָבער ווי אַזוי דערשטיקט מען אין זיך אַזאַ פייער פון בענקשאַפט צו דער בינע? אוי, זינאַ, עס פעלט מיר גאָרנישט און מיליאָנען אַנדערע פרויען וואָלטן זיכער געווען די גליקלעכסטע, ווען זיי האָבן אַזעלכע מענער און אַזאַ באַלעבאַטישקייט ווי איך, נאָר איך בין דיך מקנא, דו הערסט, דיך, מיט דיינע וואַנדערונגען, ווייל דו קאָנסט זיך אויסלעבן דאָס טאָפּלטע לעבן, סיי אַלס קינסטלערן, ווי אַלס מענטש און מאַמע...

מיר האָבן לאַנג דיסקוטירט, איך האָב געזען, אַז מיין שוועסטער פילט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו איר מאַן און צו איר קינד און איר היים, אָבער איך האָב אויך געזען, אַז עס ציט זי צו די הויכקייטן פון קינסטלערישער אויסלעבונג און איך האָב געזוכט זי צו באַרואיקן און איפּוווייזן, אַז נאָך אַלעס, איז דער מוטערלעכער געפיל העכער פון אַלע אַנדערע געפילן, אַט האָב איך אַליין שטיין געלאָזן מיין טרופּע און די אַפּלאָוזן און בין געקומען צו לויפן קיין וואַרשע זען מיינע קינדער.

פאַנין האָט דאָס פאַרדראָסן: — אויב דו רעדסט אַזוי שיין, פאַרוואָס טראַכסטו וועגן צוריקפאָרן שפּילן טעאַטער און די קינדער וועלן ווייטער דאָ בלייבן אַף יענעמס הענט?

איך האָב זיך צעוויינט. איך האָב געזען אַז זי איז מיך מקנא און איך האָב גוט מיטגעפילט ווי אַזוי זי, ציפּקוסעס אַ טאָכטער, מיין שוועסטער, וואָס איז פון געבוירן אָן מיטגעוואַנדערט מיט טאַטע-מאַמע אַף די שוועסטער רע וואַנדער-וועגן מיט אידיש טעאַטער, ווי אַזוי זי פילט איצט ריידנדיק מיט מיר, איר שוועסטער, וועלכע ברענט אַ וועלט שפּילנדיק אַלס באַרימטע אַקטריסע און עס האָבן מיר שוין אָנגעהויבן אויספעלן אַרגומענטן אַף צו קענען זי באַרואיקן, האָב איך פּלוצלינג אויסגערופן: — און וועסטו זען, אַז איך וועל די קינדער מער נישט איבערלאָזן! אָדער ראַפאַעל וועט מיר ברענגען די קינדער, אַז זיי זאָלן זיין מיט מיר, אָדער איך וועל באַלד צוריקקומען קיין וואַרשע און זיין מיט זיי!...

און ווען איך האָב באַקומען אַ טעלעגראַמע: — דו מוזט שוין אַרויספאָרן קיין סימפעראָפּאָל, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין שוועסטער און דערנאָך אין וואַרשע מיט מיינע קינדערלעך און מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז איך וועל באַלד מוזן האָבן די קינדער נעבן זיך, בין איך אַוועק פון וואַרשע קיין סימפעראָפּאָל, וואו אונזער טרופּע האָט געוואַרט אַף מיר מיטן דעבוט.

איינאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש ראָמאַנאָוו — ערשטע קלאַס עקספּרעס־צוג — די וויזיט־קאַרטע — ראַפּעל פאָרט ברענגען די קינדער — מיין ערן־וואָרט אין סימפעראָפּאָל — מיר זעצן פאָר אונזער טורנע — דאָס שטעטעלע קאַמינקא און אונזער מאַטעריעלער דורכפאַל — שלעכט, ביטער און נאָך ערגער — אסתרל און אנדזשעלע געפערלעך קראַנק — דיפטעריט און קרופּ — איך ציטער פאַר זייער לעבן — מען רופט מיך קיין יעקאַטערינאָסלאַוו — זומער־טעאַטער און ווינטער־טעאַטער — אסתר און אַנדזשע טרעטן אויף צום ערשטן מאָל — די קינדער טוען אונז אָפּ אַף טעריקיש — איך הייליק זיי פאַרן אידישן טעאַטער.

„ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש ראָמאַנאָוו“

נישט נאָר, ווייל איך האָב כמעט ווי צוגעשוואוירן מיין שוועסטער, אַז איך וועל די קינדער נעמען צו זיך, אָדער איך וועל צוריקומען צו זיי, נאָר ווייל איך האָב טאַקע געפילט, אַז איך וועל מער נישט אויסהאַלטן צו זיין ווייט פון מיינע קינדער, דערפאַר האָב איך באַלד נאָך מיין צוריקומען קיין סימפעראָפּאָל, נישט אויפגעהערט מאָנען ביי ראַפּעלן, אַז ער זאָל מיר ברענגען די קינדער, ווען נישט, וועל איך שטיין לאָזן די טרופּע און וועל ווידער פאָרן קיין וואַרשע.

און איך האָב אויסגעפירט. ראַפּעל איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און אַ קורצע צייט שפּעטער, זיינען שוין מיינע פיר קינדערלעך געווען צוזאַמען מיט מיר.

אָבער איידער איך שילדער דעם מאָמענט ווען ראַפּעל האָט מיר גע־בראַכט די קינדער און זיי האָבן אָנגעהויבן מיטמאַכן דאָס וואַנדער־לעבן מיט אידיש טעאַטער, אַזוי ווי איך האָב עס אַמאָל מיטגעמאַכט מיט מיי־נע טאַטע־מאַמע, וויל איך דערמאָנען אַן עפּיזאָד וואָס איך האָב דורכגע־מאַכט אַף מיין רייזע צוריק פון וואַרשע.

נישט מיט קיין פור און נישט אפילו גלאַט אַזוי מיט אַ באַן, נאָר פון וואַרשע קיין סימפעראָפּאָל, בין איך געפאָרן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן שנעל־צוג, וואָס האָט בלויז אַן ערשטע קלאַס. איך בין געפאָרן ווי אַ גראַפיניע אין אַ באַזונדערן קופּע וואָס איז געווען אויסגעטאַפּעצירט מיט רויטן פּליוש און אַ שווייצער איז געשטאַנען ביי דער טיר פון קופּע און נאָר געוואַרט אַף מיין רוף, אַז ער זאָל מיר דינען.

און דאָך בין איך געזעסן פאַרטיפט אין ווייטיקלעכע מחשבות; נאָך האָב איך געפילט די גרויסגעוואקסענע-קושן פון מיינע קינדער און די בענקשאַפט האָט מיך אַזוי געגאַגט, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען און איך האָב זיך אין דעם פיין-איינגעאָרדנטן קופּעע נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען.

דער וועג איז געווען אַ ווייטער און וואָס מער דער צוג האָט זיך דערווייטערט פון וואַרשע, אַלץ שטאַרקער האָב איך אָנגעהויבן פילן די בענקשאַפט, ביז עס איז צוגעקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז איך האָב פשוט מורא געהאַט צו בלייבן אַליין אין מיין קופּעע און איך בין אַרויס אין קאָרידאָר פון צוג.

דער שווייצער האָט מיר שנעל געהאָלפן עפענען די טיר, געמאַכט פּלאַץ פאַר מיר און מיך געפרעגט, צי פאַרלאַנג איך נישט עפּעס; ער האָט מיר געזאָגט, אַז באַלד וועט מען עסן מיטיק און צי וויל איך נישט גיין אין שפּייזע-וואַגאָן; איך האָב אים צוריקגעוויזן, און געבעטן אַז דאָס עסן זאָל מען מיר ברענגען אין קופּעע און איצט וויל איך בלויז שטיין אַביסל אַט אַזוי אַ, באַם פענסטערל, און אַרויסקוקן אין די ווייטקייטן.

בעת איך בין געשטאַנען באַם פענסטערל און אַרויסגעקוקט, האָט זיך געעפנט אַ טיר פון אַ צווייטן קופּעע, פון דאָרט האָבן זיך געהערט פאַרשידענע פריילעכע שטימען און פון דאָרט איז אַרויסגעקומען אַ הויכער מאַן אין אַ מיליטערישן מונדיר, דער מאַנטל האָט געהאַט אַ פּורפּורוויטן אונטערשלאַק און אַ גאָלדענער גאַרטל, מיט אַ גאַנצע ריי גרויסע גאָלדענע עפּאָלעטן, האָבן באַצירט זיין מונדיר.

איך האָב געפילט, אַז ער קוקט אויף מיר, האָב איך שטאַרקער אָנגעשטרענגט מיין בליק צו קוקן אין דער ווייטקייט, ביז דער מאַן איז צוגעקומען און אַנטשולדיקנדיק זיך, האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכל, צי איך פאָר דאָ אַליין.

איך האָב געפילט אַז דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין, דער הויכער מאַן האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך פאַרנעמען אויסזען, אַ קיילעכיק פּנים מיט שאַרפע און דאָך גוטמוטיקע בליקן און די באַקן-בערד האָבן אים צוגעגעבן אַזאַ הדרת-פּנים, אַז איך האָב זיך ווי פאַרלוירן און געוואָלט זיך שנעל צוריקציען אין מיין קופּעע. דער מאַן האָט אַ לאַך געטאָן און געזאָגט, אַז איך זאָל זיך נישט שרעקן, ער מיינט נאָר, אַז אויב איך פאָר אַליין, וויל ער האָבן דעם כבוד איך זאָל אַריינגיין אין זיין קופּעע, וואו עס זיצט אַ גרעסערע געזעלשאַפט פון הערן און דאַמען און עס וועט זיך מיר וויניקער לאַנגווילן...

און כדי מיך צו איבערצייגן, אַז ער זאָגט אמת, האָט ער צעעפנט

די טיר פון זיין קופּעע און פון דאָרט האָבן זיך טאַקע אויך געהערט פּרוי-ען־שטימען, און דערמאַנענדיק זיך ווי איך האָב געפילט זיצנדיק אַליין אין מיין קופּעע, וואָלט איך שוין געווען גרייט אָנצונעמען די איינלאַדונג, אָבער די פּאַרנעמקייט פון דעם מאַן, האָט מיך עפּעס געשראָקן און איך האָב מורא געהאַט, ווער ווייס, צי וועל איך זיך ווייסן ווי צו האַלטן אין אַזאַ געזעלשאַפט.

דער פּאַרנעמער הויכער מאַן האָט מיך געפרעגט אָף אַן איידעלן אופן ווער איך בין, און ווען ער האָט געהערט דאָס וואָרט אַקטריסע, האָט ער זיך גאָר דערפרייט און ער האָט מיך שוין צוגעפירט צו זיין קופּעע און אַריינגערופן אין דער צעעפנטער טיר, אַז אָט וועט די געזעלשאַפט באַ־רייכערט ווערן מיט אַ קינסטלערן, אַן אַקטריסע.

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין וועג אָף צוריק און איך האָב גע־מוזט אַריין.

אין קופּעע זיינען געזעסן הויך־ראַנגיקע אָפיצירן און עטלעכע רייך־געקליידטע דאַמען, דער קופּעע איז געווען אַ גרויסער, ממש אַ סאַלאָן און אָף אַ טיש זיינען געשטאַנען שאַמפּאַניער־פלעשער און אַלע געסט האָבן מיר פריינטלעך צוגעשמייכלט און דער הויכער פּאַרנעמער מאַן האָט מיך איינגעלאַדן טרונקען עפּעס און איך האָב זיך גאַנץ איידל אָפּ־געזאָגט, ביז אַ דאַמע האָט מיך טראַקטירט מיט אַ ליקאָר און דערנאָך איז געוואָרן פריילעך; מען האָט אַריינגעבראַכט עסן און איך האָב נאָר געקוקט ווי אַזוי זיי עסן און זיך באַמיט נאָכצוטאָן, כדי זיך נישט צו דאַרפן פאַרשעמען און פּלוצלינג האָט איינער אַרויסגענומען אַ פליים און אָנגעהויבן שפּילן און אַלע האָבן אָנגעהויבן זינגען און ווען זיי זיינען פון קאַווקאַזער לידער איבערגעגאַנגען צו מאַלאָרוסישע לידער, האָב איך שוין אויך אונטערגעהאַלטן און דער פּאַרנעמער מאַן האָט שטאַרק גע־לויבט מיין שיינע שטים און ער איז גאָר געווען באַגייסטערט. און אַזוי איז די רייזע געווען אָנגענעם און אינטערעסאַנט און ענדלעך האָט מיר דער שווייצער אָנגעזאָגט, אַז באַלד קומט סימפעראָפּאָל און איך האָב זיך געזעגנט אין קופּעע און געדאַנקט פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט און זיי האָבן מיר געדאַנקט פאַר מיין געזעלשאַפט־לייסטונג און איך בין שוין ווידער געווען אין מיין קופּעע און זיך געגרייט צום אָפּשטייגן.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סימפעראָפּאָל, האָב איך דורכן פענסטער געזען לייזער ראַפּעל מיט עטלעכע אַקטיאָרן, איך האָב זיי געגעבן אַ צייכן, אַז באַלד קום איך אַראָפּ, אָבער אין קאָרידאָר האָט מיך דער פאַרנעמער מאַן מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט און אַראָפּ באַגלייט פון צוג און נאָך אים

איז נאָכגעקומען די גאַנצע סוויטע אָפּיצירן, אויך די דאַמען זיינען אַרויס אין קאָרידאָר און זיך געזעגנט מיט מיר און געוואונטשן מיר גרויסע דער־פאָלגן און ווען איך בין אַראָפּ פון די טרעפּלעך און דער פאַרנעמער מאַן נאָך מיר, האָב איך דערזען ווי ראַפּעלס בליקן קוקן דערשטוינט און מיט שרעק און ער מיט די אַקטיאָרן וואַגן נישט צוצוגיין צו מיר; ענדלעך האָט מיר דער פאַרנעמער מאַן דערלאַנגט זיין וויזיט־קאַרטע און ער זאָגט מיר, אַז זיי פאָרן קיין ראַסטאָוו און אויב איך וועל מיט מיין טרו־פּע זיין אין ראַסטאָוו און איך וועל זיך אין עפּעס נויטיקן, זאָל איך זיך ווענדן צו אים.

זעענדיק מיין מאַן און די אַקטיאָרן, וואָס זיינען מיך געקומען אָפּ־וואַרטן, האָב איך שוין אָנגעהויבן פיבערן מיט טעאַטער, האָב איך זיך שוין שנעל געזעגנט מיט דעם פאַרנעמען אַנשיקעניש, איך האָב די וויזיט־קאַרטע פאַרקנייטשט אין דער האַנט און בין צוגעלאָפן צו ראַפּעלן און ער האָט מיך אויפגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס.

די באַן האָט געגומען רירן פון אָרט, דער פאַרנעמער הויכער מאַן און די אָפּיצירן האָבן מיך נאָך געגרוסט דורך די פענסטערלעך פאָכנדיק מיט ווייסע טיכלעך, ביז דער באַן איז געווען ווייט ווייט.

ערשט דאַן האָט מיך ראַפּעל געפרעגט ווער עס זיינען דאָס די הויכע מיליטער־לייט וואָס האָבן מיך אַזוי האַרציק געזעגנט און איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, נאָר דאָ האָב איך זיך דערמאַנט אָן דער וויזיט קאַרטע, וואָס איך האָב געהאַלטן צוניפגעוועטשט אין האַנט, און איך האָב זי דערלאַנגט ראַפּעלן, זאָגנדיק, אַז איך ווייס נישט ווער זיי זיינען. זיי האָבן זיך באַקענט מיט מיר אפן וועג, זיי פאָרן מיט זייערע פרויען און זיי האָבן מיך אַריינגעבעטן אין זייער קופּע.

ראַפּעל האָט גענומען די וויזיט־קאַרטע, אויסגעגלייכט זי און איבער־געלייענט און איך האָב דערזען, אַז זיין פּנים באַקומט אַלערליי קאָלירן און אַזש ציטערנדיק האָט ער אויסגערופן: — דו ווייסט כאָטש מיט וועמען דו ביסט געפאָרן? דו ווייסט מיט וועמען דו האָסט גערעדט — און ווי נישט גלויבנדיק זיך אַליין, האָט ער נאָך אַמאָל געקוקט אף דער וויזיט־קאַרטע, ער האָט צוגערופן די איבעריקע אַקטיאָרן און אויסגע־רופן: — זעט, זעט, דאָ איז דער צאַרישער הערב, דער גרויס־פירשט האָט זינאָן געזעגנט! און ער האָט הויך איבערגעלייענט די וויזיט־קאַרטע: — „ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש ראָמאַנאָוו!...“

ראַפּעל פאָרט ברענגען די קינדער

אף וויפיל עס האָבן מיך באַרוישט די קינסטלערישע דערפאָלגן אין

סימפּעראָפּאָל, האָב איך פונדעסטוועגן קיין מינוט נישט פאַרגעסן אָן מיין באַשלוס, אַז איך מוז האָבן די קינדער נעבן זיך.

איך האָב נישט דורכגעלאָזן די קלענסטע געלעגנהייט צו פאָדערן ביי ראַפּעלן, אַז ער זאָל פאָרן נאָך די קינדער און וויפיל אונזער טעאַטער־געשעפט האָט ראַפּעלן צוגעהאַלטן, ווייל ער איז געווען דער הויפּט־נערוו פון דער גאַנצער אונטערנעמונג, האָט ער אָבער גוט איינגעזען אַז ער וועט זיך פון מיר אַזוי לייכט נישט אָפּטשעפּען און אגב, האָבן אַף אים אויך זייער שטאַרק געווירקט מיינע שילדערונגען ווי שיין און ווי קלוג די קינדערלעך זיינען און ווי זיי בענקען און וויפיל מאָל זיי האָבן גע־פרעגט אפן טאַטוניא און ער האָט דאָך די קינדער אויך שטאַרק ליב גע־האַט און האָט אודאי געגוג געבענקט נאָך זיי, נאָר ער האָט געלעבט אונ־טער דער כסדרדיקער פאַרטויבונג פון די קאָמפּליצירטע טעאַטער־גע־שעפטן און ער האָט די בענקשאַפט נישט אַזוי שטאַרק געפילט.

עס איז געבליבן, אַז ווי נאָר מיר וועלן פאַרענדיקן אונזער אַקטואַציע אין סימפּעראָפּאָל, וועט ער פאָרן נאָך די קינדער און ווי גרויס עס זיינען געווען מיינע דערפאָלגן אין דער שטאָט, האָב איך פונדעסטוועגן געוואַרט מיט אומגעדולד ווען מיר וועלן שוין פאַרענדיקן, כדי איך זאָל וואָס שנע־לער זען מיינע קינדער.

פונדעסטוועגן זיינען געווען גענוג מאָמענטן, ווען איך האָב פאַרגעסן אָן מיינע מוטער־פליכטן. אַזעלכע מאָמענטן האָב איך אָבער נאָר געהאַט אַף דער בינע, אונטער דעם שיין פון ראַמפּע־ ליכטער, ווען דער עולם האָט מיר אַפּלאָדירט און מיך כסדר אַרויסגערופן אַף בים.

און ווי האָב איך אַלס אַקטריסע נישט געזאָלט פאַרגעסן אָן מיינע מוטערלעכע פליכטן, ווען איך האָב אין אַזעלכע מאָמענטן געשוועבט אין די הויכן און איך האָב נישט געפילט מיין פיזישע עקזיסטענץ, נאָר בלויז די גייסטיקע, די קינסטלערישע, וואָס מאַכט, אַז מען זאָל נישט פילן דעם באָדן אונטער די פיס?...

איך האָב געשפּילט אַלס סוברעטן און עפּעס ווי טויזנט רוחות וואָלטן אין מיר פייערן געצונדן, אַז איך זאָל מיט די פייערן אויך אָנצינדן דעם עולם אין טעאַטער!

מיין „אַמעריקאַנערן" האָט אין סימפּעראָפּאָל געמאַכט אַזאַ פוראָר, אַז אפילו דער גובערנאַטאָר איז מיך געקומען זען שפּילן, און ער איז דערנאָך געקומען אַ צווייט מאָל מיט זיין גאַנצער סוויטע, און די בינע איז דעמלט געווען פול מיט בלומען־בוקעטן; ווי האָב איך אין אַזעלכע מאָמענטן געקאָנט טראַכטן וועגן די קינדער און ווי קאָן דען אַ קינסטלער אין אַזעלכע מאָמענטן פון דערהויבונג בכלל טראַכטן?

אָבער ווי נאָר איך בין געקומען אַהיים, האָט דער מוטערלעכער געפיל גענומען די אויבערהאַנט און אַלע דערפאָלגן זיינען געלעגן פאַר מיינע פיס ווי פאַרוויאַנעטע בלומען און איין געפיל האָט מיך באַהערשט, דער געפיל פון בענקשאַפט נאָך מיינע קינדער.

אפילו מיין ערך־אָוונט אין סימפעראָפאָל, וואָס האָט ארויסגערופן אַזאַ גרויסן אינטערעס, אַז שוין אכט טעג פאַרן אָוונט, זיינען אין די פענסטער פון די גרעסטע געשעפטן געווען אויסגעשטעלט די מתנות וואָס וועלן מיר געשענקט ווערן און די מתנות האָבן ארויסגעשריגן פון די שויפענסטער — זינאַ ראַפעל, מיר גרויסן זיך מיט דיר! אפילו דאָס האָט נאָר באַוויזן מיך מאָמענטאַן צו פאַרשיכורן, און באַלד, קומענדיק אַהיים, האָב איך ווידער געפילט די בענקשאַפט און איך האָב געוואָרט, אַז אויך דאָס זאָל אַריבער און איך זאָל וואָס שנעלער זען מיינע קינדער.

וועגן מיינע גרויסע קינסטלערישע דערפאָלגן האָב איך גענוג עדות; אין אונזער טרופע האָבן דעמלט אקטואירט דער אַרטיסט קאַלמאַנאָוויטש מיט די גאָלדבערג, נאָזשיק האָט געשריבן פיעסן ספּעציעל פאַר מיר, מוזיק האָבן געשאַפן צוערשט עמערמאַן און דערנאָך מרדכילע האָכבערג און אין טרופע זיינען געווען יצחק און סאָניא לאַכמאַן, אויך קלאַראַ, די פרוי פון אַדאָלף שטרייטמאַן האָט דעמלט געשפילט אין אונזער טרופע און זיי זיינען די לעבעדיקע עדות וואָס וואָלטן געקאָנט דערציילן וועגן מיינע דעמלסדיקע דערפאָלגן; אָבער וועגן מיין בענקשאַפט נאָך די קינדער, וואָלט נאָר מיין גאָטזעליקער מאַן לייזער ראַפעל געהאַט א סך צו דערציילן, ווייל איך האָב נישט אויפגעהערט אים געבן צו פילן מיין בענקשאַפט, ביז ער איז ענדלעך געפאָרן קיין וואַרשע נאָך די קינדער.

מיר זעצן פאָר אונזער טורנע

פאָרן ארויספאָרן קיין וואַרשע, האָט ראַפעל אָפגעשלאָסן דעם קאָנטראַקט מיטן טעאַטער „נאָווי" אין אדעס, אָבער ביז צום איבערנעמען דאָס טעאַטער, איז נאָך געווען גענוג צייט פאַרצוזעצן אונזער טורנע.

איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז עס איז ראַפעלן נישט אַזוי לייכט איבערצולאָזן זיין גאַנצע קאַסטשפּיליקע אונטערנעמונג און אַוועקפאָרן קיין וואַרשע, אָבער עס האָט געמוזט געשען; ראַפעל האָט איבערגעגעבן געוויסע אָנווייזונגען צו אונזער געשעפט־פירער כאימאָוויטש און ער איז אַוועק.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ראַפעל איז צוריקגעקומען מיט

אַלע פיר קינדערלעך, מיט זייער גובערנאַנטין נאַטשע און ער האָט אַנ־גאַזשירט אַף גאַסטראָלן די נעראָסלאַווסקי מיט סאַנדלערן, די נעראָס־לאַווסקי האָט געהאַט נייע פּיעסן מיט וועלכע זי האָט געמאַכט אַ גרויסן פוראָר, דאָס זיינען געווען די פּיעסן: — „שושנה די צנועה", „עוואַ" און „ציגיינער ליבע".

מיר זיינען דעמלט געפאָרן קיין מילעטאָפּאָל, פון דאָרט אין יעליסאַ־וועטגראַד און וואו מיר זיינען געקומען, האָבן מיר געוואוינט אין אַ רייכן האָטעל וואו מיר האָבן פאַרנומען עטלעכע שטיבער און דעמלט איז געווען מיין צייט פון העכסטן גליק, ווייל נישט נאָר אַף דער בינע, נאָר אויך אינדערהיים, אַלס מאַמע, בין איך געווען גליקלעך.

אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז עס דעם אידישן אַקטיאָר נישט באַשערט צו געניסן צופיל גליק, ווייל באַלד האָט זיך ביי אונז דאָס רעדעלע אַ דריי געטאָן אַף צוריק און עפּעס ווי נאָר מיט נסים, האָט זיך ראַפּעלן איינגעגעבן צו ראַטעווען אונזער טעאַטער־שיף פון פולקומען אונ־טערגאַנג.

כאימאָוויטש האָט זיך דערוואוסט, אַז ראַפּעל האָט אין אדעם אָפּגע־מאַכט מיט אַן אַנדער געשעפטס־פירער, דאָס איז געווען רודמאַן, וועלכער האָט פאַר אונז פאַרהאַנדלט מיטן טעאַטער „נאָווי" און כאָטש ראַפּעל האָט כאימאָוויטשן פאַרזיכערט, אַז ער וועט ווייטער בלייבן אַפן פּאָסטן, האָט כאימאָוויטש געזוכט זיך נוקם צו זיין און ער האָט פּלוצלינג אָפּגעמאַכט, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין קאַמינקאַ אַף עטלעכע פאָרשטעלונגען.

איך האָב זיך קיינמאָל נישט געמישט אין די טעאַטער־געשעפטן; איך בין געווען אַף דער בינע — אַן אַקטריסע און אינדערהיים — אַ מאַמע און דאָס איז פאַר מיר געווען גענוג, אַז איך זאָל זיין גליקלעך.

אָבער דערהערנדיק, אַז מען גרייט זיך פאָרן קיין קאַמינקאַ, האָב איך זיך דערמאַנט אַן דעם שטעטל פון מיינע אַמאָליקע וואַנדערונגען מיט טאַטע־מאַמע, און איך האָב געדענקט, אַז דאָס איז אַ קליין שטעטע־לע, וואו מיר האָבן קיינמאָל נישט געקענט פאַרדינען גענוג, אַז מיר זאָלן האָבן אַף הוצאות זיך אַרויסצובאַקומען פון דעם. העק און מיין פאָטער האָט געמוזט אָנקומען צו די „בעלי־עגלות־מעצענאַטן", אַז זיי זאָלן אונז אַרויסשלעפּן פון בלאָטע און דעמלט האָב איך זיך שוין אָנגערופן און געזאָגט ראַפּעלן, אַז פאַר אַזאַ טרופּע ווי מיר האָבן, טאָרן מיר נישט וואָגן אַריינצופאָרן אין אַזאַ קליין שטעטעלע.

ראַפּעלן האָט פאַרדראָסן וואָס איך נעם זיך פּלוצלינג מישן אין די טעאַטער־געשעפטן; כאימאָוויטש האָט צו־נישט געמאַכט מיין מורא,

זאגנדיק, אַז וואָס עס איז געווען אַמאָל, איז נישט היינט, אַז קאַמינקע איז געוואָרן אַ גרויסע שטאָט.

איך האָב געשוויגן; אָבער ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן און איך האָב זיך דערמאַנט די אַמאָליקע פאַרצווייפלונג פון מיין טאַטן, ווען מיר זיינען געבליבן שטעקן אין קאַמינקע, וואָס דעמלט האָט מען בלויז באַדאַרפט האָבן עטלעכע רובל אַף צו דינגען אַ פור און פאָרן ווייטער און היינט, פאָרן מיר אַ גאַנצער שטאַב, אונזער טרופע האָט באַדאַרפט אַן עקסטרע וואַגאָן פאַרן גרויסן אַנסאַמבל, כאָר, אייגענעם אָרקעסטער, רעקוויזיטאָר, אַן אייגענעם שניידער און אַ מיידל וואָס האָט מיך אָנגעטאָן און באַדינט און אַן אַ שיער באַגאַזש, פונוואַנען ווערט דאָס קליינע קאַמינקע האָבן פאַר דאָס אַלץ צו באַצאָלן?

האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און ווידער געלאָזט הערן מיין וואָרט, איך האָב געזאָגט, אַז פאָרן מיט אַזאַ טרופע וואָס מען דאַרף אַלעמען צאָלן גאַזשע אין אַזאַ קליין שטעטל, איז אַן אומזין, אָבער מען האָט זיך נישט צוגעהערט, כאַימאָוויטש האָט געהאַט אַ געשליפן צינגל און ער האָט איבערגערעדט, זיינען אונזערע קינדער דערווייל געבליבן אין האָמעל אין יעליסאַוועטגראַד און מיר זיינען געפאָרן קיין קאַמינקע.

שלעכט, ביטער און נאָך ערגער

עס האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז איך בין געווען גערעכט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. מיר זיינען שוין געווען אין קאַמינקע.

פון אונזער אָנקומען איז דאָס שטעטל אויפגערודערט געוואָרן און יונג און אַלט זיינען געקומען צו לויפן קוקן אַף דעם בייז-וואונדער, וואָס אַזאַ גרויסע „גראַמאַדע" אַקטיאָרשטשיקעס זיינען געקומען אין אַזאַ קליין שטעטל. עטלעכע אינטעליגענטע בחורים האָבן באַלד אָנגעהויבן אויסדריקן באַדויערן, וואָס ראַפּעל האָט געוואָגט אַזוינס, ווייל אונזער טרופע פאַרמאָגט באַלד מער מענטשן ווי דאָס שטעטל... אָבער פאַרפאַלן, מען איז געקומען און מען דאַרף שפּילן טעאַטער און נאָך יאָרן פון שפּילן שוין אין די גרעסטע און שענסטע טעאַטער-סאַלאָנען, איז מיר ווידער אויסגעקומען צו שפּילן אין דער שאַפּע פון דער „פאַזשאַרנער קאָמאַנדע", וואו איך האָב אַמאָל געשפּילט בעת די וואַנדערונגען מיט מיינע טאַטע-מאַמע.

דאָס גאַנצע שטעטל איז טאַקע געקומען צו דער פאָרשטעלונג, אָבער די גאַנצע חכנסה האָט קוים געקאָנט קלעקן אַף די באַן-הוצאות און אפשר דאָס אויך נישט, בעת ראַפּעל האָט באַדאַרפט צאָלן גאַזשע יעדן באַזונדער.

און אַז עס הויבט זיך אָן אומגליק קומט עס פון אַלע זייטן.

זע איך פלוצלינג אױף צומאָרגנס נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג אין דעם קראָך קאַמינקע, ווי ראַפאַעל גייט אַרום אַ צעטראָגענער און איך פרעג אים, און ער דרייט זיך אַוועק פון מיר. מיין איך אַז דאָס איז ער אַזוי באַזאָרגט וועגן שלעכטן געשעפט וואָס ער האָט געמאַכט. אָבער באַלד כאַפּ איך זיך, אַז געשעפטלעכע דורכפאַלן האָט ראַפאַעל שוין געהאַט אַ סך און פונדעסטוועגן האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען אַזוי טרויעריק; איך האָב אים אין אַזעלכע פאַלן געזען בלויז נערוועז, אָבער נישט טרויעריק און דאָס האָט מיך זייער באַאומרואיקט און איך האָב אָנגעהויבן צושטיין, האָב איך ביי אים אַרויסבאַקומען אַ וואָרט, אַז ער איז עפּעס אומרואיק צוליב די קינדער און עס וואָלט כדאי געווען, אַז איך זאָל פאָרן צו זיי.

עס האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין האַרצן. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז מסתם האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַפישע ידיעה, אַז עמיץ איז קראַנק און נישט פרעגנדיק מער ביי אים, בין איך געלאָפן צום באַן. איבער צוויי שווערע פיינלעכע שעה האָב איך געהאַט צו וואַרטן און ענדלעך בין איך געפאָרן צו די קינדער קיין יעליסאַוועטגראַד.

אין קאַמינקע האָב איך געפילט וועט אונז זיין שלעכט און גאָר ביטער איז מיר געווען אַפן וועג פון קאַמינקע קיין יעליסאַוועטגראַד; פאָרנדיק האָט זיך מיר יעדע מינוט פאָרגעשטעלט אַן אַנדער טרויעריק בילד, וואָס עס טוט זיך דאָרט אָפּ מיט מיינע קינדער און ענדלעך, קומענדיק אין יעליסאַוועטגראַד, האָב איך אין קאָרידאָר פון מיין האָטעל, נעבן דער טיר פון מיין וואוינונג, געטראָפן עטלעכע מענטשן מיט ערנסטע פּנימער און נישט טויט נישט לעבעדיק האָב איך אויפגעריסן די טיר און אַריינגעפאַלן אין שטוב.

יאָ, פון שלעכט און ביטער, איז מיר געוואָרן נאָך ערגער. אסתרל און אַנדזשע זיינען געלעגן אין בעט אין הייסן פיבער, נאַטשע איז געזעסן נעבן בעט אַ פאַרוויינטע און אין טויט־שרעק האָב איך אויסגערופן: — און וואו זיינען צילי און מאַלווינקע? עס האָט נישט געדויערט קיין גאַנצע סעקונדע ביז נאַטשע האָט מיר געענטפערט, אַז צילי און מאַלווינקע האָט מען אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער שטוב, אָבער דורך דער האַלבער סעקונדע, האָב איך געפילט ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך אין מיר אָפּגעריסן.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אױף די קינדערס בעטל און אָפּגעוואַשן זייערע פּנימער מיט מיינע טרערן.

אסתר האָט געעפנט די אויגן און אין אירע צעשראָקענע בליקן, האָב איך געזען, אַז זי דערקענט מיך נישט און איך האָב אָפּסניי אויסגעבראָכן

אין געוויין און קושנדיק זי האָב איך געשעפּצעט; — אסתרל... קוק אַף מיר... דערקענסטו מיך? דיין מאַמע איז דאָ ביי דיר... און עפּעס האָט זיך געענדערט אין איר בליק; אַ ליכטיקייט האָט אויפגעבליצט, און דאָס פיבערדיקע קינד האָט זיך צעשמייכלט און אין דעם שמייכל איז געווען אַזויפיל בענקשאַפט און געבעט, אַז עס האָט מיך אַ צי געטאָן אין האַלז און איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן; אַלץ האָט זיך גענומען דרייען אַרום מיר און ווי אַ גערדיכטע כמאַרע וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן פאַר מיינע אויגן און פאַרשטעלט פאַר מיר די שיין פון טאָג; איך האָב גאָרנישט געזען, נאָר בלויז אסתרלס צעשמייכלטע פּנימל האָט ווי אַ זון צו מיר אַרויסגעלויכטן פון דער געדיכטער כמאַרע.

איך ווייס נישט, צי בין איך געווען אין הלשות, צי האָב איך זיך גלאַט אַזוי איינגעקלאַמערט אין בעט וואו עס זיינען געלעגן מיינע צוויי קראַנקע קינדערלעך, איך ווייס נאָר, אַז ווען איך האָב די אויגן געעפנט, איז געווען דער דאָקטאָר אין שטוב און די פּאַרוויינטע נאַטשע האָט מיך צערטלעך און דאָך אַף כח אַוועקגעריסן פון בעט.

דער דאָקטאָר איז צו און נאָך אַ ווײַלע האָט ער אויסגערופן מיט פרייד, אַז דער קריזיס איז אַריבער און צום גוטן. די קינדער וועלן לעבן.

און ערשט איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אסתרל מיט אַנדזשעלען זיינען אוועקגעפאַלן אַף דיפטעריע און קרופּ און זיי האָבן געשוועבט צווישן לעבן און טויט און נאַטשע האָט געזאָגט, אַז נאָר מיין קומען האָט אָפּגעגליקט, אַז די קינדער זאָלן אַריבער דעם קריזיס בשלום.

די קינדער האָבן נאָך זייער שווער געאָטעמט און איך וואָלט גרייט געווען זיי צו שענקען מיין אָטעם, אבי זיי זאָלן נישט ליידן און ביז אַפּצו־מאָרגנס בין איך געזעסן אַף זייער בעטל און געוואַכט איבער זיי און עס פעלן מיר ווערטער צו שילדערן מיין פרייד, ווען איך האָב שוין ביידע קינדער געזען עפענען די אייגעלעך און ווען אַנדזשעלע האָט צו מיר אויסגעשטרעקט די הענטלעך און אויסגערופן: — מאַ־מו־לאַ!...

מען רופט מיך קיין יעקאַטערינאָסלאַוו

גאַנצע נעכט בין איך נישט אַפּגעטראָטן פון די קינדערס בעטל, בלויז באַטאָג האָב איך זיך גוט דעזינפעקציאָנירט מיט קאַרבאָל און בין געגאַנגען זען צילין מיט מאַלווינקען; זיי זיינען זיך צעוואַקסן ווי בלומען אין אַ זוניקן און זאַפטיקן גאָרטן און איך האָב נאָר גאָט געבעטן, אַז דער נחת זאָל מיר נישט פאַרשטערט ווערן.

עטלעכע נעכט האָב איך אַזוי געוואַכט איבערן בעט פון מיינע קראַנ־

קע קינדער, דערוויל האָט ראַפּעל מיט גרויסע געלט־פּאַרלוסטן דאָך באַוויזן זיך אַרויסצובאַקומען מיט דער טרופּע פון קאַמינקע און כדי זיך צו ראַטעווען פון דער שווערער מאַטעריעלער סיטואַציע, האָט ער געענ־דערט דעם פּלאַן פון טורנע, ער האָט זיך שוין נישט געוואָלט פאַרלאָזן אַף כאַימאָוויטשן און ער איז מיט דער טרופּע געפאָרן קיין יעקאַטערי־נאָסלאַוו.

די נעראָסלאַווסקי מיט אירע דריי פּיעסן, האָט געגעבן גוטע אוים־זיכטן אַף געשעפט, און ראַפּעל האָט געהאָפט זיך צו קענען אַרויסדרייען פון די מאַטעריעלע שוועריקייטן. די ערשטע פּיעסע „שושנה די צנועה" איז טאַקע געווען אַ גרויסער דערפאָלג, אָבער מען האָט שוין באַדאַרפט גרייטן די צווייטע, דאָס איז געווען „ציגיינער־ליבע", אין דער פּיעסע האָב איך באַדאַרפט מיטשפּילן די קאַסקאַדנע ראָל און איך האָב אָנגע־הויבן באַקומען טעלעגראַפישע רופן, אַז איך מוז קומען קיין יעקאַטע־רינאָסלאַוו.

צוערש האָב איך די רופן אפילו נישט אין אַכט גענומען, נאָר ווען דער דאָקטאָר האָט מיך באַרואיקט און פאַרזיכערט, אַז אַבי די קינדער זיינען אַרוים פון דער געפאַר, וועלן זיי שוין אינגאַנצן געזונט ווערן און פון ראַפּעלן האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז איך זאָל גוט באַזאָרגן די קינדער און באַלד קומען, ווייל נאָך קאַמינקע, פעלט אים פּשוט אוים „אָטעם" און איך מוז קומען און שפּילן אין „ציגיינער ליבע" כדי צו ראַ־טעווען די סיטואַציע און אַזוי ווי איך האָב געזען, אַז נאַטשע איז זייער געטריי און זי היט אָפּ די קינדער, האָב איך געדונגען אַ קראַנקן־שוועס־טער וואָס זאָל וואַכן ביי די קינדער דורך די נעכט און איך האָב פאַר־פאַקט צילים און מאַלווינקעס זאַכן און צוזאַמען מיט זיי געפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

זומער־טעאַטער און ווינטער־טעאַטער

ווען ראַפּעל איז געפאָרן מיט דער טרופּע קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט שוין דאָרט אין זומער טעאַטער געשפּילט פישזאָן מיט זיין טרופּע.

צוויי טעאַטערס אין דערזעלבער צייט, איז אפילו פאַר אַזאַ טעאַטער־שטאָט ווי יעקאַטערינאָסלאַוו געווען אַביסל צופיל און ראַפּעל וואָלט זיכער נישט געוועזן געוואַגט; אָבער דער גרויסער מאַטעריעלער דורכפאַל אין קאַמינקע, האָט אים געצוואונגען צו דעם ריזיקאַלישן שריט און נאָך מער ריזיקאַליש איז עס געווען צוליב דעם, וואָס אויב פישזאָן האָט אָקטואירט אין זומער טעאַטער, האָט ראַפּעל געמוזט נעמען דעם ווינטער טעאַטער, וואָס האָט געהאַט אַ סך מער הוצאות.

אָבער די אונטערנעמונג האָט זיך איינגעגעבן. „שושנה די צנועה״ האָט געבראַכט אַ גרויסן דערפאָלג און נאָך גרעסער איז געווען דער דערפאָלג פון דער צווייטער פּיעסע, די „ציגיינער-ליבע״.

ווי שוין דערמאָנט, האָב איך אין „ציגיינער-ליבע״ געשפּילט די צווייטע ראָל, אָבער איך האָב זייער שטאַרק אויסגענומען און דאָס האָט סאַנדלערן פאַרדראָסן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן הינטער-קוליסן ריי־בונגען. נאָר ווען ער האָט געזען, אַז דער עולם ווייזט מיר פּאָרט אַרויס גאָר אַ סך באַציאונג, האָט ער זיך געאייניקט מיטן גורל און זיך צוגע־וואוינט צום געדאַנק, אַז נישט בלויז אין זכות פון דער נעראָסלאַווסקי לעבט אונזער טרופּע.

דערווייל האָבן מיר באַקומען יעדן טאָג טעלעגראַפישע ידיעות וועגן צושטאַנד פון די קינדער און באַלד איז ראַפעל אַרויסגעפאָרן און גע־בראַכט אסתרלען מיט אַנדזשעלען און אין דעם טאָג איז ביי אונז געווען אַ גרויסער יום-טוב.

איך האָב אַלע פיר קינדער, פיר מיידעלעך איינע קלענער פון דער אַנדערער, אָנגעטאָן אַלצאיינע קאָסטיומלעך און ווער קאָן זיך פאָרשטעלן דעם נחת וואָס איך האָב איבערגעפילט און איבערגעלעבט, ווען די פיר קינדערלעך זיינען געקומען אין טעאַטער און מען האָט אָנגעוויזן אויף זיי, אַז דאָס זיינען די ראַפעלס פיר מלאכימלעך און דער עולם האָט זיי אָוואַ־ציאָנירט און ווען איך האָב זיך באַוויזן אויף דער בינע איז דער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס האַרץ איז מיר איבערגעגאַנגען פון פרייד.

אסתר און אַנדזשעלע טרעטן אויף צום ערשטן מאָל

אין „ציגיינער-ליבע״ איז פאַראַן אַ סצענע, אין וועלכער עס שפּילן מיט צוויי קליינע קינדער. איין קינד ווערט געפירט אויף אַ וועגעלע און דאָס צווייטע גייט מיט.

ראַפעל האָט געהאַט „אַנגאַזשירט״ אַזעלכע צוויי קינדער, אָבער פלוצלינג, צי איז עס געווען צוליב אינטריגעס, אָדער איז עס דעם פאָטער אַליין איינגעפאַלן, ער האָט פלוצלינג געזאָגט, אַז פאַר דעם געלט וואָס מען צאָלט אים, וויל ער נישט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין „אַקטיאָרשטשי־קעס״...

ראַפעל האָט געפּרוּווט האַנדלען מיט אים, אָבער דער איד איז געווען האַרט, נישט אַנדערש, נאָר מען האָט אים געמוזט איינריידן, אַז נאָר זיינע קינדער ברענגען דעם דערפאָלג און פון די פאַרהאַנדלונגען

איז גאָרנישט געוואָרן און עס איז אַרויפגעשוואומען דער געדאַנק, אַז אסתר מיט אַנדזשעלען וועלן אויך קענען באַווייזן די קונץ.

אַנדזשעלע איז נאָך דעמלט געווען אַ ברעקל, נאָך אַפּילו נישט אַלט געווען קיין צוויי יאָר און דאָ האָבן זיך די קינדער ערשט אַרויסגעראַטע־וועט פון אַזאַ לעבנס־געפאַר, האָב איך נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן אויפטרעטן, אָבער נאָר אַ מענטש וואָס קען גוט טעאַטער, קאָן פאַרשטיין וואָס דאָס הייסט אַזוינס, אַז מען דאַרף שפּילן אַ פּיעסע און וואָס מען איז נישט גרייט צו טאָן, ווען מען געפינט זיך אין אַ פאַר־לעגנהייט.

אויסשטרייכן די סצענע פון די קינדער האָט מען נישט געקאָנט און קיין אַנדערע קינדער זיינען נישט געווען און שפּילן מוז מען און אגב, האָב איך דאָך געוואוסט, אַז די קינדער האָבן גאָרנישט צו טאָן אויף דער בינע, עס איז בלויז אַ סצענע וואו די קינדער דאַרפן זיין אויף דער בינע, איין קינד אין וועגעלע און דאָס צווייטע נעבן וועגעלע און דערביי שפּילט זיך אָפּ אַ סצענע, וואָס די קינדער דאַרפן בלויז זיין דערביי.

האָב איך ענדלעך מסכים געווען און איך האָב גאָרנישט פאַרגעזען און קיינעם האָט עס נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז די קינדער וועלן אונז אָפּטאָן אויף טערקיש און אַליין וועלן מיטשפּילן טעאַטער...

אסתרל איז פון איר יונגסטער קינדהייט געווען אַן אַמביציעזע און שטאָלצע און זי האָט נאָר געזוכט צו באַווייזן זעלבסטשטענדיקייט. ווען זי האָט אַמאָל צוגעזען אַ פּראָבע, האָט זי זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און זי האָט פאַר זיך אַליין געפּרואווט נאָכמאַכן די זשעסטן און נאָכטאַנצן די טענץ וואָס זי האָט געזען און דאָס האָט אונז אַלעמאָל פאַרשאַפט אַ סך פרייד און הייטערקייט.

היינט גיי ווייס, אַז אויך אויף דער בינע וועט זיך איר אָפּגלוסטן צו ווערן זעלבסטשטענדיק און זי וועט וועלן מאַכן שבת פאַר זיך...

עס איז געקומען צו דער סצענע. מען פירט אַרויף אויף דער בינע דאָס וועגעלע, די קנאַפּע צוויי יעריקע אַנדזשעלע זיצט אין וועגעלע און די פינף יעריקע אסתרל גייט דערנעבן און מען שטעלט זיי אַוועק אַן אַ זייט אוואַנס סצען און אויף דער צווייטער זייט בינע שפּילט זיך דערוויל אָפּ אַ סצענע און אסתר דאַרף אַזוי שטיין באַם וועגעלע מיט אַנדזשען און וואַרטן ביז מען וועט זיך אָן זיי דערמאָנען.

איך דאַרף באַלד האָבן דעם אויפטריט און איך שטיי אין די קוליסן און שעפּ נחת זעענדיק מיינע צוויי ברעקעלעך קינדער אויף דער בינע, ווי זייערע פנימלעך לייכטן קעגן די ראַמפּע־לאָמפּן און פלוצלינג זע איך, ווי אסתר ווערט אומגעדולדיק, זי רוימט אַנדזשעלען עפּעס אַריין אין

אויער און צו מיין שטוינען זע איך, ווי אַנדזשעלע הויבט זיך אונטער און אסתּר העלפט איר צו אַרויסקריכן פון וועגעלע, דער סופליאַר שרייט צו איר פון קעסטל און מיר, אין די קוליסן, גיבן אסתּרלען צייכנס, מיר ווילן זי פאַרהאַלטן, מיר ווייסן נישט וואָס זי איז דאָ אויסן און וואָס דעם קינד קאָן אַלץ נישט איינפאַלן און מיר ווילן פאַרהיטן די פאַרשטעלונג פון אַ צרה, אָבער אסתּרל טוט זיך דאָס איריקע, זי זעט נישט די צייכנס און זי הערט נישט דעם סופליאָר, זי איז זיך זעלבסטשטענדיק, זי נעמט אַרויס אַנדזשעלען פון וועגעלע און נעמט זי אָן ביי די הענטלעך און זיי הויבן אָן טאַנצן.

זעענדיק די סצענע, האָט דער עולם אויסגעבראָכן אין אַ שטורמישן אַפּלאָוז און דאָס גאַנצע טעאַטער האָט געיובלט פון פרייד און די צוויי קינדערלעך, ווי קיינמאָל גאָרנישט, זיי טאַנצן און ווען איינער פון די אַקטיאָרן איז שוין אַרויס אָף דער בינע און זיי אַראָפּגעפירט, האָט ערשט אויסגעבראָכן אַ נייער דונער אַפּלאָוזן און געשרייען „בים" און דער עולם האָט נישט געלאָזן גיין ווייטער, מען האָט די קינדער נאָכאַמאָל געמוזט אַרויסלאָזן אָף דער בינע און ווען איך האָב דערנאָך געהאַט מיין אויפטריט, איז דער יובל פון עולם געוואָרן נאָך שטאַרקער און מען האָט געמוזט אַרויסברענגען די קינדער און איך האָב זיך צוזאַמען מיט מיינע צוויי קינדערלעך געמוזט נייגן פאַרן עולם און דעמלט האָב איך דערפילט אַזאַ מין גרויסע הייליקייט אין מיין באַרוף, אַז איך האָב אַ טראַכט גע־טאָן וועגן מיין מאַמען, אַז אַמאָל בעת מיין ערשטן אויפטריט, האָט אויך מיין מאַמע געמוזט אַזוי פילן און איך האָב איצט געפילט ווי מיין מאַמע אַמאָל, אַז איך האָב היינט געהייליקט מיינע קינדער פאַר דער אידישער בינע, פאַר דעם אידישן טעאַטער...

צוויאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

באָריס טאָמאַשעווסקי — לייזער ראַפּעל אַלס גרויסער טעאַטער־אונטערנעמער — לוטעק איבעראַשט אונז אויף אַ סטאַציע — צוויי ריזן־טרופּעס און גרויסע פאַמיליע — טעאַטער „נאָווי“ און „באַלגאַראָוו־טעאַטער“ — שייקע, טאַטע־מאַמע און מילי מיט מעריון — עס קומט אויך ראַפּעלס אַ ברודער פון וואַרשע — ליאָווקע ברוין מיט מאַקסן פאַרמירן אַ טרופּע — פאַמיליען־מענטשן און טעאַטער־מענטשן — „כאַנטשע אין אַמעריקע“ — „רייזע“ (רוסלאַנד) און „ביילע“ (ביילים) — מיר לאָזן זיך אויף דער פּראָווינץ — מאָביליזאַציע! מאָביליזאַציע! מאָביליזאַציע!... — מיר פאָרן צוריק קיין אדעס.

באָריס טאָמאַשעווסקי

אין דער צייט, איז באָריס טאָמאַשעווסקי געווען אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אַקטואירט ביי פּישזאָנען אין זומער־טעאַטער.

טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט „בערטשע פון אַמעריקע“, אָבער די געשעפטן האָבן נישט געמוזט זיין קיין גוטע, ווייל באַלד האָט טאָמאַשעווסקי גערעדט וועגן צוריקפאָרן קיין אַמעריקע און ווייזט אויס, אַז סאַנדלער האָט אַליין נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס די נעראָסלאַווסקי איז נישט געווען ביי אונז די איינציקע „ערשטע פידל“ און ער האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט טאָמאַשעווסקין. טאָמאַשעווסקי האָט טאַקע אַנגאַזשירט די נעראָסלאַווסקי מיט סאַנדלערן און זיי האָבן פאַרלאָזן אונזער טרופּע.

גראָד האָבן זיי פאַרלאָזן אונזער טרופּע, ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביי פאַרלאָזן יעקאַטערינאָסלאַוו; מיר זיינען געפאָרן נאָך אין עטלעכע גרעסערע שטעט, קיין סך צום ווינטער האָט שוין נישט געפעלט און מיר האָבן זיך שוין באַדאַרפט קלויבן קיין אדעס, וואו מיר האָבן באַדאַרפט איבערנעמען דעם טעאַטער „נאָווי“. מיר האָבן נאָך אויסגענוצט אונזער טורנע, כדי אויף וויפיל נישט איז, זיך גלייכצושטעלן נאָך אונזער מאַטעריעלן דורכפאַל צוליב קאַמינקע.

אין אַלעקסאַנדראָווסק, בין איך אויפגעטראָטן אין דער נעראָסלאַווסקיס אַטראַקציע־ראָל, אַלס „שושנה די צנועה“, און איך האָב געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. ווען איך האָב שפּעטער אויך אין אדעס געהאַט אַ ריזן דערפאָלג אַלס „שושנה די צנועה“, האָב איך אַ סך מאָל געטראַכט

מיט דאנקבארקייט וועגן טאמאשעווסקין, וואס האט אנגאזשירט די נעראסלאווסקי, כדי איך זאל האבן די מעגלעכקייט צו שפילן די ראל אלס „שושנה"...

און ווען איך גיב היינט א קוק צוריק צו יענער צייט, נעמט מיך ארום אזא ליבע הייליקע ווארימקייט און איך לעב ווידער איבער דאס גאנצע גליק, דאס גליק פון א קינסטלערן ווען זי שטייגט פון איין דער־פאלג צום צווייטן און דאס גליק פון א מאמע וואס האט איר גאנץ לעבן געוואנדערט און געוואגלט, ווען זי איז צוזאמען מיט אירע קינדער און עס פעלט איר גארנישט פאר זייער אויסהאלטונג און די קינדער וואקסן ווי בלומען און די מאמע קוקט אף זיי און שמעלצט זיך פון נחת.

ביידע עלעמענטן, די מאמע אין מיר און די קינסטלערן, וועלכע האבן אלעמאל צווישן זיך געקעמפט, זיינען אין דער צייט געווען געאיי־ניקט און פאראייניקט אין איין גרויסן אומענדלעכן געפיל פון גליקזע־ליקייט.

לייזער ראפעל אלס גרויסער טעאטער־אונטערנעמער

אויב איך האב בעת מיין אריינפארן קיין אדעס, שוין געהאט דער־גרייכט א גרויסן רום אלס פלאס־פייערדיקע סוברעטן, און מיינע קינסט־לערישע דערפאלגן האבן געהאלטן אין איין שטייגן, האט אויך ראפעל מיט זיין קומען קיין אדעס, דערגרייכט דעם גרעסטן אנזען, אלס אויסער־געוויינלעך טיכטיקער און געוואגטער טעאטער־אונטערנעמער.

א חוץ דעם קאנטראקט, וואס ער האט געשלאסן מיטן באלעבאס פון טעאטער „נאווי", וואו איך האב באדארפט שפילן בראש פון אן אפערע־טן־טרופע, האט ראפעל אויך געדונגען דעם טעאטער „באלגאראווא" אף סטארי־רעזניטשנע־גאס.

ראפעל האט זיך נאך אין ווארשע אלעמאל פארנומען אף גרויס, ער האט געהאט א סך שוואונג און אונטערנעמונגס־גייסט, דאס האט שוין באוויזן זיין נעמען דעם „עליזעאום" אין ווארשע אף גאנצע פינף יאר און איצט האט ער זיך אין אדעס אויך פארמאסטן אף גרויס־צוגיקע אונטערנעמונגען.

אגב, האט ראפעל אלעמאל געשטרעבט צום ערנסטן טעאטער; ער איז געווען אן אינטעליגענטער מענטש און ער האט נישט איינמאל גע־זאגט, אז טעאטער איז נישט בלויז א געשעפט וואס דארף געבן פרנסה פאר אקטיארן, נאר טעאטער דארף זיין א טריבונע פון וועלכער אקטיארן זאלן בילדן דעם עולם און זוכן צו פארפיינערן דעם געשמאק פון ליבן פובליקום.

האָבנדיק אַזאַ קוק אויף טעאַטער, האָט ער זיך נישט געפּילט אײַנ־גאַנצן באַפּרידיקט מיט זײַן גרויסער אונטערנעמונג אין „נאָווי“, פאַר אַפּרעטן, האָט ער דעריבער געמאַכט אַ גרויסן פאַרמעסט, גלײַכצײַטיק אַנצופירן אויך מיטן טעאַטער „באַלגאַראָוו“ פאַר ערנסטן רעפּערטואַר.

ראַפּעלס נאָמען איז שנעל באַוואוסט געוואָרן, אַלס דער גרעסטער טעאַטער־אונטערנעמער און אַקטיאָרן האָבן זיך געיאָוועט פון אַלע זײַטן, און ראַפּעל האָט אַלעמען אַנגאַזשירט אויף גאַזשע און בײדע טעאַטערס זײַנען באַזאָרגט געוואָרן מיט גרויסע טרופּעס און מען האָט זיך אין זײ געגרייט צו די פאַרשטעלונגען מיט פאַרנעס, אַזוי, אַז בײדע טעאַטערס אונטער ראַפּעלס דירעקציע, האָבן זיך מיט גאָרנישט געהאַט צו שעמען קעגן די באַדײַטנדיקע רוסישע טעאַטערס אין אָדעס.

אָבער אײדער איך שילדער מײַנע איבערלעבונגען אין אָדעס, וויל איך דערמאָנען אַן איבערלעבעניש אויפן וועג, אויף אַ סטאַציע פון אַ קלײן שטעטל בעת מיר זײַנען געפאָרן קײן אָדעס.

לוטעק איבעראַשט אונז אויף אַ סטאַציע

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז חוץ מאַלווינקען וואָס איז געוואָרן ווי מײַן אײגן קינד, האָט ראַפּעל געהאַט אַ זונדל, לוטעק.

פון לוטעקן האָט ראַפּעל געהאַט אַ סך עגמת־נפש; ער האָט זיך דער־צויגן בײַ ראַפּעלס מוטער, אָבער עס האָט נאָר געהײסן, אַז זי דערציט אים; פאַקטיש האָט ער זיך אַלײן דערצויגן און זיך נישט צוגעהערט צו קײן שום מוסר־רייד און ער האָט פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נייגונג צו אַוואַנטורעס.

שוין אַלס יונגער אינגל, האָט ער ראַפּעלן פאַרשאַפט אַ סך צרות און ווען ראַפּעל איז געפאָרן קײן וואַרשע נאָך די קינדער, האָט ער אים אויך געוואָלט מיטנעמען, אָבער לוטעק האָט מורא געהאַט, אַז דער פאָטער וועט אויף אים צופיל אַכטונג געבן און ער האָט בעסער געוואָלט בלײַבן אין וואַרשע.

און אָט פאָרן מיר קײן אָדעס און אויף אַ סטאַציע פון אַ קלײן שטעטל, דערהערן מיר אַ רוף: — ראַפּעל! ראַפּעל! — מיר קוקן אַרום דורך אַ פענסטערל, ערשט מיר דערזעען ווי אַ יונג בחורל לויפט פון וואַגאָן צו וואַגאָן און רופט אונזער נאָמען.

ראַפּעל האָט אים דער ערשטער דערקענט און אויסגערופן — לוטעק!

יאָ, עס איז געווען לוטעק. ער האָט זיך צונויפגענומען מיט נאָך עט־לעכע אינגלעך און זײ זײַנען געפאָרן „שפּילן טעאַטער“ און לוטעק האָט

זיך אין די שטעטלעך אנאנסירט — „ל. ראפעל מיט זיין טרופע״ און אויסנוצנדיק דעם אזוי באקאנטן נאמען, האט זיך אים איינגעגעבן אפ־צונארן די אידן אין א רייע שטעטלעך, פארשטייט זיך, בלויז צום ערשטן מאל און באלד האבן זיי געמוזט אנטלויפן אין אן אנדער שטעטל און אזוי זיינען זיי אנגעקומען אין רוסלאנד און זיי זיינען געבליבן שטעקן אין דעם קליינעם פארווארפענעם העק און נישט געהאט נישט אף הוצאות ווייטער צו פארן און נישט קיין מעגלעכקייט דארט צו בלייבן.

די ידיעות אין די צייטונגען אז ל. ראפעל פארט מיט זיין טרופע קיין אדעס, האט פאראטן לוטעקן מיט זיין „טרופע״, דער עולם האט פאר־שטאנען, אז דאס איז נישט דער ל. ראפעל און איצט, ווייסנדיק, אז מיר דארפן דא פארבייפארן, האט לוטעק אונז אפגעווארט ביי דער סטאציע און אונז איבערראשט מיט זיין פלוצלינגדיקער אנוועזנהייט.

צוערשט האט ראפעל אפגעשפילט א שטארקע סצענע פון אויפרע־גונג, כמעט פונקט אזא סצענע ווי אמאל אף דער בינע, ווען ער האט מיך כלומרש געוואלט שיסן... און ערשט איצט האב איך געזען, אז ער שפילט נאר אזוי די סצענע, ווייל באלד האט ער ארומגענומען זיין זון און אים צערטלעך געדריקט צו זיך און אים איינגענומען מיט גוטמוטיקע מוסר־רייד און ער האט אים טאקע מיטגענומען קיין אדעס, וואו מיר האבן נאך פון אים געהאט גענוג צו זינגען און צו זאגן...

צוויי ריזן־טרופעס און גרויסע פאמיליעס

אויב ראפעלס נאמען האט זיך געהערט איבעראל וואו עס האט זיך נאר געפונען א אידישער אקטיאר, איז עס נישט געווען אומזיסט.

זיין אונטערנעמונג צו זיין דירעקטאר פון אזעלכע צוויי טעאטערס ווי דער „נאווי״ און דער „באלגאראוו״, איז געווען א קאלאסאלע און איך, וואס איך האב זיך גאנץ ווייניק געמישט אין מיין מאנס געשעפטן, האב אפילו נישט געוואוסט ווי אזוי און מיט וועלכע געלטער ער האט עס דערגרייכט אזוי גרויס.

ווען מיר זיינען געקומען קיין אדעס, האט שוין ראפעל געהאט פאר־גרייט פאר אונז א גרויסע און רייך אויסגעשטאטעטע דירה פון זיבן צימער.

כאטש אן אקטיאר וואס האט נאר געאטעמט מיט טעאטער, האט ראפעל אויך פארשטאנען ווי אזוי פיין איינצוארדנען די שטוביקע באַ־לעבאטישקייט. ער האט געוואוסט, אז מיר זיינען מיט פיר קינדער און באטשע און א דינסט וואס מען וועט נאך דארפן צונעמען, זיינען שוין

אַכט פּערזאָן; און ער האָט געוואוסט, אַז אין אַדעם האָב איך אַ סך
קרובים און ער האָט זיך געריכט אף געסט און זיי זיינען טאַקע געקומען;
נו, האָט ער פאַרגרייט אַ דירה ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסן טעאַטער־
דירעקטאָר און נאָך איידער מיר זיינען געקומען קיין אַדעס, איז שוין
צוגעקומען דער אומגעריכטער גאַסט ראַפּעלס זונדל לוטעק און קוים
עטלעכע טעג שפּעטער האָבן שוין ביי אונזער טיש אויך געגעסן מיינס אַ
מומע אַן אַלמנה מיט איר טאָכטער, שוין נישט רעכענענדיק די געסט
פון קרובים און פון אַקטיאָרן, וואָס האָבן גאַנץ אָפט געגעסן מיט אונז
צוזאַמען.

ווען איך גיב היינט אַ טראַכט וועגן יענער צייט, זע איך דעם גרויסן
חילוק און איך וואונדער זיך: — איז דאָס פאָרשריט פון אונזער אידיש
טעאַטער? וואו זיינען היינט פאַראַן אַזעלכע טעאַטער אונטערנעמער?
און וואו קאָן היינט אַ טעאַטער אונטערנעמער פירן אַזאַ ברייטע באַלע־
באַטישע הוים פון טעאַטער־פאַרדינסטן?

זעענדיק ראַפּעלס האווענישׂ אָט אין איין טעאַטער און אָט אין אַנ־
דערן און אָט איז ער גאָר אין שטוב און ער זוכט אויך די שטוב צו באַ־
צירן מיט שיינע זאַכן, האָב איך נישט איינמאָל אַ טראַכט געטאָן, צי האָט
זיך ראַפּעל נישט צו גרויס פאַרמאָסטן? אָבער ניין, ראַפּעל האָט אויס־
געהאַלטן; זיין שם אַלס דירעקטאָר וואָס האַלט אוים צוויי גרויסע טרו־
פּעס און ער צאָלט פּינקטלעך די גאַזשעס, איז איבעראַל צווישן אַקטיאָרן
באַקאַנט געוואָרן און פון אַלע זייטן האָבן זיך אַקטיאָרן פאָרגעשלאָגן,
אַז זיי ווילן זיין ביי אים.

די ערשטע צייט, האָט ראַפּעל יעדן אַקטיאָר וואָס האָט זיך אָנגע־
באָטן, באַלד אַריינגענומען, ביז ענדלעך האָט ער שוין געהאַט אַזויפיל
אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אַז ער האָט שוין געמוזט זאָגן גענוג!

עס איז מיר שווער צו דערמאָנען די אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס
וואָס זיינען געווען אַנגאַזשירט פאַר אונזערע צוויי טעאַטערס, אַ טייל
פון זיי קאָן איך אָבער יאָ אויסרעכענען, דאָס זיינען: — דער רעזשיסאָר
מערסאָן מיט זיין פרוי, גאַרטעלעוויטש, ליאָווקע ברוין, קאַלמאַנאָוויטש
מיט זיין פרוי, קעלטער, אַדאָלף בערמאַן, עפּלבוים מיט זיין פרוי די וויינ־
שטיין, די פּרימאַדאָנע מעדוויעדעווא, יצחק און סאָניא לאַכמאַן, די פּרי־
מאַדאָנע מאַלווינא צוקער, די טרילינג, די פּיבער, זאַלאָטניצקי און פרוי,
מיכל קליין, אַבערבערג און פרוי, נאַדינאַ דראַגאָוו, דער דירזשאָר עמער־
מאַן און אַנדערע אַ סך אַ סך, וואָס די צייט האָט אין מיין מוח צונויפגע־
מישט די נעמען, און איך קאָן זיי נישט אָנגעבן גענוי.

אף אויסצוהאַלטן אַזאַ שטאַב מיטאַרבעטער און אַזאַ הוים, און

טאָקע אַזעלכע גרויסע אויפירונגען, האָבן זיך גענויטיקט א סך קאַפּי־טאַלן און דאָ איז די צייט פאַר טעאַטער דוקא נישט געווען קיין זייער גינסטיקע, עס האָט זיך נאָך אין אַדעם שטאַרק געפילט די דעפּרעסיע וואָס דער ביילים־פּראָצעס האָט פאַראורזאַכט צווישן די אידן איבער גאָר דער וועלט בכלל און בא די רוסישע אידן בפרט, אָבער ראַפאַל האָט אַזוי געפירט די געשעפטן, און ער האָט די אַנגאַזשירטע אַקטיאָרן אַזוי פאַרטיילט אַמאָל אין איין טעאַטער און אַמאָל אין אַנדערן, אַז די גע־שעפטן האָבן געטראָגן אויב נישט אַף צו שפּאָרן געלט, איז כאָטש אַף אויסצוהאַלטן אַלע הוצאות.

און עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אונזערע טעאַטערס האָבן געמאַכט אין פאַרהעלטעניש צו דער דעפּרעסיע־צייט — גאָר גרויסע דערפאָלגן, אויב ראַפאַל האָט געקאָנט אויסהאַלטן.

עס איז אויך איבעריק צו זאָגן, אַז כאָטש דער „באַלגאַראָוו"־טעאַטער איז אויך געווען אונזער, האָט עס אונז פאַרשאַפט אַ באַזונדערן נחת, ווען דער „נאָווי" וואו איך האָב אַקטואירט, האָט געמאַכט בעסערע געשעפטן.

מיין אויפטריט אַלס „שושנה די צנועה" האָט אין אַדעם אַרויסגערופן אַזאַ סענסאַציע, אַז, די פּיעסע איז געגאַנגען און געגאַנגען און דערנאָך האָב איך געשפילט אַ פּיעסע נאָך אַ פּיעסע פון מיין רעפּערטואַר און זיצנדיק אין מיין רייך־אויסגעשטאַטעטן קאַמערין, וואָס האָט מיך נאָר דערמאָנט אַן קאַמערין פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל וואו די באַרימטע סאַראַ בערנאַרד האָט זיך גרימירט, האָב איך אין זיך געפילט עפּעס אַזאַ הייליקן שטאָלץ, אַז נישט איינמאָל האָבן זיך פון מיינע אויגן אַרויסגעריסן טרערן פון איבערמוט.

בכלל איז מיט מיר געווען אַ מאָדנע זאַך; איך בין אַלעמאָל געווען באַשיידן און נאַאיוו און זייט מיין ערשטן אויפטריט אין „עליזעאום", האָב איך יעדעס מאָל בעת אַ דערפאָלג אין אַ נייער ראָל, געפילט ווי איך וואָלט שוין דערגרייכט די העכסטע שטאַפּל אַף דער לייטער פון מיין קינסטלערישער קאַריערע, אָבער יעדעס מאָל איז צוגעקומען אַ נייער דערפאָלג און איך האָב אינעווייניק, אין זיך געזעטיקט מיין דורשט נאָך אַנערקענונג, נאָר אויסערלעך האָב איך זיך ווייטער געהאַלטן חבריש מיט חברים און קיינמאָל זיך פאַר אַנדערע נישט געגרויסט מיט מיינע דערגרייכונגען.

און אויב איך האָב אין „עליזעאום" געפילט, אַז איך האָב שוין דער־גרייכט די העכסטע שטאַפּל פון אַנערקענונג, האָב איך עס אין אַדעם נישט בלויז געפילט, נאָר איך בין געווען זיכער דערין, ווייל דאָ האָט

זיך שוין געפּאָרט מיין קינסטלערישער מיט מיין מאַטעריעלן וואוילזיין.

שייקע, טאַטע-מאַמע און מילי מיט מערין

צו די צוויי גרויסע טרופּעס, כאָרן און אָרקעסטערס, שניידערס און פאַריקמאַכערס און אַנדערע טעאַטער אַנגעשטעלטע, האָט ראַפּאַל גע־האַט צוויי טיכטיקע געשעפט-פירער און די געשעפטן זיינען זיך אָנגע־גאַנגען לויט ראַפּעלס אָנגעצייכנטע פּלענער, אַזוי, אַז די טעאַטער-גע־שעפטן האָבן אונז אין אדעס פאַרשאַפט פיל וויניקער זאָרגן ווי די היי־מישע פאַמיליערע פּאַסירונגען.

פון לוטעקן האָבן מיר געהאַט גענוג אויסצושטיין, צוליב זיינע אַוואַנ־טוריסטישע נייגונגען און בלויז אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי מיר זיינען געקומען קיין אדעס, האָט זיך פלוצלינג אין אַ שיינעם נאָכמיטיק גענאַ־וועט מיין ברודער שייקע און טאַקע נישט אַליין, נאָר מיט זיין ווייב שבע, מיט צוויי קינדער.

איך האָב זיך זייער דערפרייט מיט מיין ברודער און ער האָט מיר דערציילט, אַז די עלטערן וואָגלען וויטער אַרום איבער קליינע שטעט־לעך און, אויב איך וועל זיי נישט ראַטעווען, וועלן זיי נאָך ערגיץ בלייבן שטעקן און אויסגיין פון הונגער...

דאָס הערנדיק, האָבן אין מיין זכרון אויפגעשוואומען זכרונות פון מיין קינדהייט און איך האָב זיך דערמאַנט סצענעס פון פאַרצווייפלונג, ווען מיינע טאַטע-מאַמע האָבן נישט געהאַט אויף הוצאות אַרויסצופאָרן פון אַ שטעטל און ווי דער טאַטע איז אַרומגעלאָפן זוכן אַ בעל-עגלה וואָס זאָל אונז אַרויספירן אַף באָרג...

איך האָב זיך געפילט זינדיק, כאָטש איך בין זיכער גאָרנישט שולדיק געווען אין מיינע עלטערנס ליידן, ווייל איך האָב אפילו נישט געוואוסט וואו זיי געפינען זיך און זיי האָבן דאָך יאָ געוואוסט וואו מיר געפינען זיך און זיי האָבן נישט געשריבן.

ראַפּאַל האָט שייקען באַלד אַריינגענומען אין טעאַטער און נישט לאַנג נאָך שייקעס אָנקומען צו אונז, האָבן אויך אָנגעהויבן קומען בריוו פון מיינע עלטערן, זיי האָבן געשריבן, אַז אויב גאָט האָט זיי שוין גע־האָלפן, אַז זייער טאָכטער זאָל ווערן אַזאַ באַרימטקייט, טאָ זאָלן זיי כאָטש זיין נעבן איר און שעפּן נחת...

און ראַפּאַל האָט מיר געהאָלפן זיי פאַרשאַפן דעם נחת, ער האָט געשיקט געלט און מיינע עלטערן מיט די שוין גענוג דערוואַקסענע מילי און מערי, זיינען געקומען צו אונז קיין אדעס.

עס קומט אויך ראַפּעלס אַ ברודער פון וואַרשע

איך האָב זיך טאַקע זייער שטאַרק געפרייט, ווען מיינע טאַטע־מאַמע זיינען אָנגעקומען קיין אַדעס. די מאַמע האָט מיך אַרומגעכאַפּט און מיך אַזוי פעסט געדריקט צו זיך, און אַ טייך טרערן האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע אויגן און איך האָב מיטגעוויינט; אונזערע טרערן זיינען געווען פון פרייד, וואָס ווידער זיינען מיר צוזאַמען. אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ אונז פאַמיליען־סכסוכים, ראַפּעל האָט געהאַט צוויי גרויסע טרופעס און אַפּזאַגן עמיצן האָט ער נישט געוואָלט און דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז פאַר אַזאַ פאַרדינסטפּולן אַקטיאָר, וואָלטן זיך אַלע אַנדערע אַקטיאָרן באַדאַרפט אָפּזאָגן און אים צולאָזן, אַנדערע האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט און ווען ראַפּעל האָט דעם טאַטן געמאָלדן זיין באַשלוס, אַז ער וועט אים צאָלן אַ פיינעם געהאַלט, נאָר ער זאָל פאַרנעמען אַן אַנדער אַמט אין זיינע טעאַטער־געשעפטן, האָט זיך דער טאַטע באַליידיקט און זיך געשלאָגן אין האַרצן אויף זיין אַלטן שטייגער ווען עס האָט אים וויי געטאָן און ער האָט פאַרגעוואָרפן: — „שיין, אַזוי גיט מען אָפּ כבוד דעם טאַטן וואָס האָט דערצויגן אַזאַ טאָכטער פאַרן אידישן טעאַטער!...״

איך האָב אין האַרצן געפילט אַז דער טאַטע איז גערעכט, אָבער מיטן שכל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך ראַפּעל איז גערעכט; איך האָב גוט געדענקט וויפיל עגמת־נפש ראַפּעל האָט געהאַט פון מיין טאַטן אין וואַרשע און איך בין געווען צופרידן, וואָס ראַפּעל האָט זיך דערמיט נישט גערעכנט און אים פאַרגעלייגט אַ געהאַלט, אַז ער זאָל קודם זיין באַזאָרגט מיט פּרנסה.

די מאַמע האָט אַליין איינגעזען, אַז כאָטש זי איז נאָך נישט אַזוי אַלט און זי וואָלט נאָך זיכער געקאָנט אַ „דערלאַנג טאָן די סחורה״, האָט זי אָבער פאַרשטאַנען, אַז נאָכן אָפּוואָגלען אַ גאַנץ לעבן אין קליינע שטעטלעך מיט געציילטע אַקטיאָרן, קאָן זי זיך איצט נישט אונטערנעמען צו שפּילן אין אַזעלכע טעאַטערס און ביי אַזעלכע מאָדערנע באַדינגונגען און פאַר אַזאַ ראַפינירטן עולם.

האָט די מאַמע זיך לייכט אונטערגעוואָרפן דעם גורל, זי איז ערשט היינט געוואָרן אַ געטרייע מאַמע צו אירע קינדער און אַ ליבע באָבע צו אירע אייניקלעך און זי האָט געפירט די ווירטשאַפט אין אונזער היים.

אָבער דער טאַטע האָט זיך נישט אַזוי לייכט אונטערגעוואָרפן דעם גורל; ער האָט כסדר געהאַט טענות, ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט אָנעמען אַן אַנדער אַמט באַם טעאַטער און דאַרפן צוקוקן ווי אַנדערע

דזשעני גאָלדשטיין

די באַרימטע אידישע אַקטריסע פון אַמעריקע אין אירם אַ קרוין-ראָל בעת אירע גאַסטראָלן אין אַרגענטינע.

רעכטס: -- זינאַ ראַפּעל אין דער מאַמע-ראָל פון ה. ליבערמאַנס „דער נדר”. לינקס: — אַ סצענע פון דערזעלבער פּיעסע צוזאַמען מיט קלאַראַ שטראַמער אין טעאַטער עקסעלסיאָר רעזשי: דזשעני גאָלדשטיין.



ז י נ אַ
מיט בנציון
בערדיטשעווסקי
אין אַ סצענע
פון מ. גאָרקיס
„מעשטשאַנין“

אונטן רעכטס: —
שושנה
בערדיטשעווסקי
וועמען זינאַ
האָט אין איר
בענקשאַפט
נאָך אירע קינדער
אַדאָפּטירט און
ליב געהאַט
ווי אַן אייגן
קינד

שפּילן טעאַטער און ער דאַרף זיין בלויז אַן אַכטונג געבער, ווער ער צעפּלאַצט ווערן פון וויטיק. מיר האָבן עס אים מיטגעפּילט, און מיר האָבן אים געצאָלט געהאַלט פּונקט אַזוי ווי אַלע אַקטיאָרן און ער איז געזעסן אינדערהיים און געשריבן פּיעסן און ביי די שאַפּונגען, וואָס איך ווייס נישט צי וועלכע האָט אַמאָל געזען די בינע, האָט ער זיך געטרייסט זיין פאַרביטערט געמיט, און נישט זעלטן, האָט ער פונדעסטוועגן נישט אויסגעהאַלטן, נאָר אפסגיי אַנגעהויבן פאָדערן, אַז ראַפאַעל זאָל אים לאָזן שפּילן טעאַטער און ער וועט ווייזן, אַז ער קאָן נאָך אַלעמען געבן פאָר...

און טאָמער האָבן מיר נאָך געהאַט ווייניק האַרצווייטיק פון מיטפּילן דעם פאַרדינסטפולן אַלטן אַקטיאָר ציפּקוס, האָט זיך פּלוצלינג געיאָוועט לייזער ראַפּעלס ברודער מאַקס צוזאַמען מיט זיין ווייב.

מאַקס ראַפּעל האָט אין וואַרשע געהאַט אַ הוט-פאַבריקל און עס האָט אים אָנגעהויבן גיין שלעכט און אַזוי ווי ער האָט געהערט אַז „לייזער גייט דאָ אַרום אין גאָלד", איז ער געקומען נאָך הילף.

ראַפּעל וואָלט אים זיכער געווען געהאָלפן מיט אַביסל געלט, אָבער מאַקס האָט דאָך שוין דאָס פאַבריקל אין וואַרשע פאַרמאַכט, טאָ וואָס קאָן ער אים דאָ העלפן?

האָט אָבער ראַפּעל געהאַט אַ שנעלע אָריענטאַציע, און אַבי ער האָט געוואָלט העלפן זיין ברודער, האָט ער שוין צוגעטראַכט עפּעס, און עס האָט זיך איינגעגעבן.

ער האָט מאַקסן אָפּגעגעבן די גאַרדעראָב אין טעאַטער „נאָווי" און ער האָט איינגעקויפט לאָרנעטן צום אויסבאָרגן און דאָס האָט מאַקסן געגעבן פּרנסה בכבוד און עס וואָלט אים זיכער גאָרנישט געפעלט, ווען ער איז נישט צופיל מקנא זיין ברודער און ער הויבט נישט אָן אינטריגירן קעגן אים און די אינטריגעס האָבן שיער נישט אונטערגעגראָבן די גאַנצע עקזיסטענץ פון אונזערע ביידע טעאַטערס, און נאָר די געשיקטע האַנדלונג פון ראַפּעלן, האָבן אונז געראַטעוועט פון אַ גרויסן דורכפאַל.

ליאָוועקע ברוין מיט מאַקסן פאַרמירן אַ טרופּע

זעענדיק זיין ברודערס פיינעם שטאַט און גרויסצוגיקע געשעפטן, האָט מאַקס ראַפּעל אים פון דער ערשטער מינוט אָנגעהויבן מקנא זיין און בעת לייזער האָט געטראַכט ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן זיין ברודער, האָט שוין מאַקס געטראַכט ווי אַזוי ער אַליין וואָלט געקאָנט קומען אויף זיין ברודערס שטייגער און האָבנדיק שוין אָפּגעשפּאָרט פון דער גאַרדעראָב און פון אויסבאָרגן די לאָרנעטעס אַ היבשע סומע געלט, האָט ליאָוועקע

ברוין דערשפירט, אַז מאַקס איז אומצופרידן און אַזוי ווי ער אַליין האָט אויך געפילט אין זיך די כחות צו ווערן אַזאַ „קניאַקער" ווי לייזער ראַ־פעל, האָט ברוין זיך פאַרשטענדיקט מיט מאַקסן און ביידע צוזאַמען האָבן אָנגעהויבן אין געהיים צו אינטריגירן און אָפּריידן אַ טייל אַרטיסטן און אין איינעם אַ טאָג, ווערן מיר געוואויער, אַז ליאָזוקע ברוין צוזאַמען מיט מאַקסן האָבן פאַרמירט אַ טרופּע טאַקע פון די שוישפּילער וואָס האָבן ביי אונז אַקטואירט און זיי זיינען אָן אַ זיי געזונט אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ אויף אַ טורנע.

די זאַך איז געשען אַזוי פּלוצלינג, אַז עס האָט געדראָט אַ צוזאַמענ־קראַך פון אונזערע טעאַטערס. אָבער ראַפּעל, ווי שטאַרק די געשעעניש האָט אים פאַרדראָסן, האָט זיך שנעל געמוטיקט און ווי אַ געניטער קאַ־פּיטאַן וואָס זעט, זיין שיף גייט אונטער און עס איז נאָך דאָ אַן אויסזיכט זי צו ראַטעווען, אַזוי האָט ראַפּעל באַלד אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס צו זיינע צוויי געשעפט־פירער, ער האָט אָפּגעשטעלט די פאַרשטעלונגען אין באַלגאַראַוו־טעאַטער און אַריבערגענומען די געבליבענע אַקטיאָרן אין „נאָווי". מיט די באַלעבאַטים פון „באַלגאַראַוו" האָט ער זיך אויסגע־גליכט, פאַרזיכערנדיק, אַז ביי די ערשטע מעגלעכקייט וועט ער דאָס טעאַטער צוריק איבערנעמען און אַזוי האָט ראַפּעל געראַטעוועט די סי־טואַציע און מיר זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אונזער אַרבעט, זאָל זיין בלויז אין איין טעאַטער.

דאָס געמיינע שטיקל אַרבעט האָט ראַפּעלן זייער שטאַרק געערגערט און כאָטש ער האָט ברוינען אַלעמאָל זייער גוט באַהאַנדלט און אים קיינמאָל נישט געגעבן קיין סבה צו וועלן אַנטלויפן פון אים, האָט עס אים אויף ברוינען נישט אַזויפיל פאַרדראָסן,ווי אויף זיין ברודער. אויף ברוי־נען האָט ער נאָך געפונען אַ זכות, וואָס ער איז אַן אַקטיאָר און ער גלויבט אין זיך אַ סך, האָט ער געוואָלט פּרוּוון זיין מזל אַלס דירעקטאָר. אָבער אויף מאַקסן, אויף זיין אייגענעם ברודער וועמען ער האָט מיט אַזויפיל אי־בערגעגעבנקייט אַרויסגעהאָלפן און אים געגעבן אין האַנט אַ גוטע פּרנסה, אַז ער זאָל אים דאָס האָבן אַזוי אָפּגעדינט, דאָס האָט אים גע־טראָפן ביז טיף אין דער נשמה.

און אויף וויפיל לייזער ראַפּעל איז נישט געווען קיין נוקם ונוטר און איך אַליין אודאי נישט, מוז איך זיך מודה זיין, אַז ווען מיר האָבן אַ קורצע צייט שפּעטער באַקומען פון ברוינען אַ טעלעגראַמע אין וועלכער ער בעט ביי ראַפּעלן אַנטשולדיקונג און ער לייגט פאָר, אַז ער וויל צוריק־קומען, אַז מיר ביידע האָבן דערפון געהאַט אַ גרויסע סאַטיספאַקציע און ראַפּעל האָט נישט אַזוי שנעל געענטפערט, נאָר ווען עס איז אָנגעקומען

פון קעשענעוו אַ טעלעגראַמע אין וועלכער ברוין בעט הילף. — ראַטעװעט, מיר הונגערן! — האָט ראַפאַל אַרויסגעשיקט געלט נאָך ברוינען. ברוין איז געקומען און די איבעריקע אַקטיאָרן פון זיין טרופּע זיינען איינציק געקומען, ווער אַ דאַנק קצבה און אַנדערע צופוס...

אויך מאַקס האָט אָנגעהויבן בעטן רחמים ביי לייזערן. — ער איז געבליבן אָן אַ קאָפּיקע און ער ווייס נישט, נאָר אַ שיגעון האָט אים געשטויסן צו דער ווילדער טאַט און ער פאַרזיכערט, אַז ער וועט שוין דינען געטריי זיין אַרבעט, אַבי לייזער זאָל אים מוחל זיין...

האָט לייזער ענדלעך באַשלאָסן אים מוחל צו זיין, עס איז דאָך פאָרט זיין ברודער, נאָר אין זיינע געשעפטן, וועט ער אים מער נישט אַריינעמען.

ער האָט אים געשיקט געלט אויף הוצאות און אים דערנאָך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ היבשער סומע, אַז ער זאָל עפענען אַ קליין פאַבריקל פון היטלעך און אָנגיין ווייטער מיט דער אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן אין וואַרשע.

פאַמיליען-מענטשן און טעאַטער-מענטשן

אין די אידישע היימען האָט אַלעמאָל געהערשט די מיינונג, אַז טעאַטער-מענטשן זיינען גאָר עפּעס אַנדערש ווי פאַמיליען מענטשן; אַז טעאַטער-מענטשן זיינען באַהעמען, זיי שפּייזן זיך מיט אַפּלאָדזן און מיט גוטע ווערטער אין רעצענזיעס און זיי האָבן נישט קיין שום חוש, פאַר פאַמיליען-אָנגעלעגנהייטן און פאַמיליען-צוגעהעריקייט.

אין אַ געוויסער מאָס, איז עס אויך אמת, אַז טעאַטער-מענטשן לעבן אין אַ גאָר אַנדערער וועלט; אַ טעאַטער-מענטש, אַן אַרטיסט, וואָס שפּילט טויזנט מינים לעבנס און יעדעס מאָל דאַרף ער זיך איינלעבן אין אַנדערע כאַראַקטערן און אינטערפּרעטירן אַנדערע טיפּן, קומט אויס, אַז דער אַקטיאָר לעבט פאַרשידענע לעבנס נאָר נישט זיין אייגנס.

דאָס אָפטע שפּרינגען פון איין מענטשלעכע הויט אין דער צווייטער, מאַכט זיינע נערוון זייער פילבאַר און דער אַרטיסט וואָס שפּילט אויף דער בינע אַלעמאָל העלדישע ראָלן, קאָן זיך ביי דער קלענסטער קלייניקייט אין זיין פּריוואַטן לעבן אַזוי צעוויינען אָדער צעלאַכן, און ער איז אין זיין פּריוואַטן לעבן אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי אַ קליין קינד.

אָבער ווייזט אויס, אַז אין אונזער בלוט, אין מיין בלוט ווי אין ראַפעלס, האָבן זיך צונויפגעמישט ביידע עלעמענטן; סיי דאָס בלוט פון פאַמיליען-מענטש, ווי דאָס בלוט פון טעאַטער-מענטש.

איך האָב דאָס בלוט באַקומען פון מיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך

נישט געוואָלט שיידן פון זייערע קינדער, נאָר אונז מיטגענומען אויף זייערע לאַנגע נע־ונד־וועגן מיט אידיש טעאַטער און ראַפאל האָט אויך געהאַט אַזאַ בלוט, ווייל איך ווייס נישט, צי עס זיינען געווען אַ סך אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל פאַרן טעאַטער, וואָס זאָלן אַזויפיל ליידן פון פאַמיליע ווי מיר, און דאָך בלייבן צוגעבונדן צו זיי.

נאָך אַזאַ פאַראַט פון אַן אייגענעם ברודער, האָט אים לייזער פונדעסטוועגן געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס און האָבנדיק נאָך געגנוג עגמת־נפש צוליב מיין טאַטנס כסדרדיקע טענות און פּרעטענזיעס, האָט ער זיך פּלוצלינג פאַרבענקט נאָך זיין מוטער אין וואַרשע און זוכנדיק פאַרשידענע פּרעטעקסטן צוליב וואָס ער מוז פאָרן, איז לייזער ראַפאל אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע.

לויט זיין בריוו, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן זיין מוטער אַלט און שוואַך, ער האָט דאָרט דערלעדיקט אַ רייע וויכטיקע ענינים אין שייכות מיט די באַלעבאַטישקייטן וואָס מיר האָבן דאָרט נאָך געהאַט איבערגעלאָזן און דערווייל האָט עפּלבערג אים אָנגעהויבן צורייַדן, אַז ער זאָל ווידער נעמען דעם „עליזעאום", ווייל זייט מיר האָבן אים פאַרלאָזן נאָך פינף יאָר טעטיקייט, האָט דער טעאַטער נישט געהאַט דאָס מזל אויסצוהאַלטן כאָטש איין גאַנצן סעזאָן... לייזער האָט מיר געשריבן וועגן דעם, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון פאָרן נאָכאַמאָל קיין וואַרשע. איך האָב נישט געוואָלט נאָכאַמאָל צוברעכן אַ שוין איינגעפונדעוועטע היים, וואו עס לעבט אונזער גאַנצע פאַמיליע און ראַפאל האָט זיך באַגניגנט, וואָס ער האָט דאָרט געקויפט אַן אָפשריפט פון „כאַנטשע אין אַמעריקע", אַ פּיעסע וואָס קלאַראַ יאַנג האָט דעמלט געשפּילט מיט גאָר גרויס דערפאָלג אין קאַמינסקי־טעאַטער, ער האָט אויך געקויפט ביי שליאַסבערגן די נאָטן, און ער האָט אָפּגעמאַכט מיט קאַנאַפּאָוון, אַז ער זאָל אין קורצן קומען קיין אדעס. ראַפאל איז צוריקגעקומען.

„כאַנטשע אין אַמעריקע"

מענטשן וואָס האָבן געזען קלאַראַ יאַנגס אויפטריט אין וואַרשע אַלס „כאַנטשע אין אַמעריקע" האָבן פאַרזיכערט, אַז מיין אויפטריט אין דער ראָל, האָט אין אדעס אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערע סענסאַציע.

דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז גרויס און קליין אין אדעס האָט געזונגען: — „כאַנטשע איז אַ קנאַקערן אַ גאַנצע" און אין די שויפענסטער פון מאָדע־געשעפטן האָט מען אַרויסגעשטעלט קליידער מיט אויפשריפטן — „מאָדע כאַנטשע" און דאָס טעאַטער איז צו יעדער פאַר־

שטעלונג געווען פול געפּאַקט און מיר וואָלטן זיכער דעמלט געווען גע־מאַכט אַ סך געלט, ווען עס קומט נישט אַ פּלוצלינגדיקער איבערשלאָג, צוליב אַ אידישן מסור.

די מעשה איז געווען אַזאַ:

לייבל ווינער, וועלכער האָט מיטגעשפּילט אין דער פּיעסע, האָט זיך געמאַכט אַ ספּעציעלן קופּלעט, וואָס האָט געהייסן „רייזע און ביילע". אין דעם קופּלעט וואָס האָט געהאַט אַ רעפריין „נעם זי צו", האָט ווינער אויסגעלאַכט די שונאים וואָס האָבן פאַרטראַכט דעם ביילים־פּראָצעס" (ביילים איז געווען „ביילע" און „רייזע" וואָס האָט געמיינט רוסלאַנד מיטן צאַר, איז געבליבן דער נאַר און דערפאַר „נעם זי צו"...)

דאָס לידל האָט געמאַכט אַ גאַר גרויסן פּוראָר און ווינער האָט עס געמוזט יעדע נאַכט אַ סך מאָל ביסירן, ביז אַ אידישער „שפּיצל" האָט זיך געכאַפּט, אַז מען מאַכט דאָ חוזק פון צאַר און ער האָט אָנגעהויבן שאַנ־טאַזשירן און געוואָלט שלעפּן געלט. ראַפּעל האָט קיין געלט נישט גע־וואָלט געבן, ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל קיינעם נישט אונטערקויפן אַף צו קענען שפּילן טעאַטער. האָט זיך טאַקע דער מסור נישט געפוילט און אין איין אָוונט, אינמיטן דער פאָרשטעלונג, פאַלט אַריין פּאָליציי, מען לויפט גלייך צום סופליאָר־קאַסטן און מען קאָנפיסקירט די פּיעסע, צום גליק איז דער קופּלעט נישט געווען אין טעקסט, ווייל ווינער האָט געזונגען אויסנווייניק, אָבער דאָס נישט געפינען דאָס לידל אין טעקסט האָט נישט געהאָלפן, מען האָט פאַרבאָטן שפּילן די פּיעסע.

די מסירה איז געווען אַזאַ ערנסטע, אַז דער גראַדאָ־נאַטשאַלניק סאָם־נאָווסקי, האָט נאָך געוואָלט פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן ראַפּעלן און ראַ־פּעל האָט געמוזט זוכן פּראָטעקציעס און שטאַלץ ווי ראַפּעל איז געווען און איינגעשפּאַרט אַף צו פאָדערן גערעכטיקייט, האָט ער דאָך געמוזט איינזען, אַז מיטן גראַדאָ־נאַטשאַלניק קאָן ער זיך נישט פאַרמעסטן און מען האָט געמוזט זוכן אַן אַנדער פּיעסע וואָס זאָל קענען פאַרטרעטן „כאַנטשען".

און אַזאַ פּיעסע איז באַלד געפונען געוואָרן.

ראַפּעל האָט גראָד געהאַט איבערגעזעצט פון דייטש די דעמלט באַ־רימטע פּיעסע „אלמא וואו וואוינסטו?" און גראָד איז קאָנאַפּאַוו געקו־מען פון וואַרשע וואו מען האָט דעמלט געשפּילט די פּיעסע מיט גרויס דערפּאָלג און „אלמא" האָט אונז שנעל אויסגעהיילט פון דעם קלאַפּ וואָס מיר האָבן באַקומען מיטן קאָנפיסקירן און נישט לאָזן אונז שפּילן „כאַנטשע".

מיר לאָזן זיך אַף דער פּראָווינץ

אונזער אַקטואַציע אין אדעס איז געווען אַ שיינע גאָלדענע קייט פון אויסגעצייכנטע דערפאָלגן. אָבער טעאַטער איז אַ זאַך פון נערוון וואָס רוען נישט און וואָס לאָזן נישט רוען און אַפשפּילנדיק טעאַטער אין אדעס ביז אין וויטן זומער אַריין, האָט ראַפּעל ענדלעך באַשלאָסן, אַז עס איז נויטיק אַ פּויזע פאַר אדעס, און ער האָט די גאַנצע טרופּע גענומען אויסשטאַטן אין וועג אַריין אַף אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ.

איצט איז די טרופּע געווען נאָך גרעסער ווי פאַריקעס מאָל, ער האָט קיינעם פון זיין גאַנצן גרויסן שטאַב נישט אָפּגעזאָגט און עס זיינען צוגעקומען פרויען און קינדער, וועלכע ראַפּעל האָט נישט געוואָלט לאָזן אין אדעס אומבאַזאָרגט, אַזוי איז שייקע געהאַט אַוועק צו די מאַנעווערעס און זיין פרוי איז געפאָרן מיט אונז, עס איז אויך געווען אין טרופּע די פרוי ברעסטאָוויצקי מיט צוויי קליינע קינדער און קלאַראַ שטרייטמאַן מיט איר זונדל און ראַפּעל האָט געזאָגט, אַז עס מאַכט נישט אויס; ער האָט ליב גרויס און ווען אפילו מען וועט נישט אָפּשפּאָרן, אַבי מען זאָל זיך דורכשלאָגן עטלעכע זומער חדשים און לאָזן אויסרוען אדעס, וועט שוין גוט זיין.

פאַרן אַרויספאָרן פון אַדעס, האָט נאָך ראַפּעל געליטן אַ פּיינלעכע איבערלעבונג. זיין זונדל לוטעק, האָט אָפּגענומען אַ געלט-אַנווייזונג וואָס איז געקומען ראַפּעלן אַלס אויטאָרן-האָנאָראַר, די סומע פון 180 רובל איז געקומען אַפן נאָמען ל. ראַפּעל און לוטעק האָט אָפּגענומען דאָס געלט און איז באַלד צוזאַמען מיט אַ חבר אַוועק קיין אַמעריקע.

ראַפּעל האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת-נפש, ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז וויבאַלד דער זון איז מיט אים, וועט ער זיך פאַרט ענדערן צום בעסערן און אַט איז ער גאָר אַוועק קיין אַמעריקע און ווער ווייס וואָס פון אים וועט דאָרט ווערן.

עס איז אָבער נישט געווען קיין סך צייט צו טראַכטן, אַלעס איז שוין געווען גרייט צו דער רייזע, ראַפּעל האָט נאָך אַנגאַזשירט מיין ברודער מילי אַלס געהילף-רעזשיסאָר און מיר זיינען אַרויסגעפאָרן.

מאָביליזאַציע! מאָביליזאַציע! מאָביליזאַציע!

אונזערע געשעפטן אַף דער פּראָווינץ, האָבן זיך דוקא אָנגעהויבן ווייזן בעסער ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט. אונזער רום איז געווען באַקאַנט אויך איבער דער פּראָווינץ און די אידן האָבן אונז אָפּגעוואַרט און אונז

אויפגענומען מיט פריידיקן יובל, נאָר לאַנג האָט עס נישט אָנגעהאַלטן.

פון ערגיץ־וואו האָבן אָנגעהויבן יאָגן שוואַרצע ווינטן, אין סאַראַיע־וואָ האָט אַ רעוואָלוציאָנער דערהרגעט דעם עסטרייכישן קרוין־פּרינץ און עפּעס האָט זיך אין דער לופט געפּילט אַ שפּאַנונג ווי פאַר אַ גרויסן שטורם און ווען מיר האָבן אָנקומענדיק קיין אַלעקסאַנדראָווסק אָנגעהויבן „אויפשלאָגן אונזערע געצעלטן" און זיך גענומען גרייטן צו דער ערשטער פאָרשטעלונג, האָט זיך דער שטורם אַראָפּגעלאָזן מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס האָט אויסגעזען, אַז די וועלט עקט זיך שוין.

דער שטורם וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין איין וואָרט און דאָס וואָרט האָט אַלעמען דורכגעשטאָכן ווי אַ שאַרפע שפּיז. דאָס וואָרט איז געווען — **מאָביליזאַציע!**

ווי אַן הוראַקאַן וואָס רייסט דעבער און צעוויגט הייזער; ווי אַן ערד־ציטערניש וואָס טרייבט מענטשן פון די שטיבער און יעדער זוכט אַ פּלאַץ וואו זיך צו ראַטעווען; ווי אַ פאַרפּלייצונג וואָס רייסט זיך פון אַ צעבראָכענער דאַמבע און פאַרפּלייצט שטעט און דערפער, אַזוי האָט דאָס וואָרט אויפגעטרייסלט דאָס לעבן ביז צום פונדאַמענט און וואו מען איז געשטאַנען און וואו מען איז געגאַנגען האָט מען נישט געהערט עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס איינע שרעקלעכע אויפשוידערנדיקע וואָרט — **מאָביליזאַציע!**

און נישט וואַרטנדיק ביז די רעזערוויסטן וועלן זיך אַליין מעלדן צו זייערע מיליטער־אָפּטיילונגען, האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן זשאַנדאַרן אי־בער די גאַסן און וואו זיי האָבן געטראָפן אַ יונגן מענטש אין מיליטערישן עלטער, האָבן זיי אים געכאַפּט און אונטער אויפזיכט פון באַיאָנעטן אָפּגעפירט אין קאַזאַרמע.

עטלעכע אַקטיאָרן פון אונזער טרופּע האָבן אויך באַדאַרפט גיין אויפן רוף פון צאַר און פון שפּילן טעאַטער האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד און אַלעם וואָס מיר האָבן געוואָלט, איז געווען, נאָר צו קענען קומען צוריק קיין אַדעס.

ראַפּעל האָט שנעל באַזאָרגט בילעטן אויף דער שיף וואָס גייט פון אַלעקסאַנדראָווסק קיין אַדעס און ווען מיר זיינען געקומען אויף דער שיף, איז שוין נישט געווען קיין פּלאַץ נישט נאָר וואו צו זיצן, נאָר אַפילו שטיין האָט מען געמוזט אין ענגשאַפט און פונדעסטוועגן, האָבן זיך כסדר גע־יאָוועט זשאַנדאַרן, וואָס האָבן געפירט גאַנצע גרופּעס רעזערוויסטן און מען האָט זיי געוואָרפן אויף דער שיף.

דאָס איז געווען אַזאַ שוידערלעך בילד, אַז איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

פרויען און קינדער האָבן זיך געקלאַמערט אָן די פֿאַרכאַפּטע רעזער־וויסטן, זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט די זשאַנדאַרן און נישט געוואָלט לאָזן אַוועקפֿירן זייערע ברויט־געבער צו דער שחיטה, אָבער די זשאַנדאַרן האָבן געפּאַכעט מיט די שווערדן און אָן רחמנות צעטריבן די פרויען און קינדער און די מענער ווי לעמער געוואָרפֿן אַף דער שיף און די שיף־סירענע האָט כסדר געפּייפֿט און אינם פּייף האָט זיך אויך געהערט דער מוראדיקער אויסרוף: — מאָביליזאַציע!...

נאָך שווידערלעכער האָט עס אויסגעזען, ווען די שיף האָט שוין באַדאַרפֿט אָפּגיין.

פרויען און קינדער זיינען געקראָכן אין וואַסער ביזן האַלז, זיי האָבן געשטרעקט די הענט צו זייערע מענער וואָס זיינען געווען אַף דער שיף און די מענער האָבן געוואָלט כאָטש וואַרפֿן אַ לעצטן בליק אַף זייערע ליבע און טייערע און אַלע האָבן זיך געריסן אַף דער זייט שיף צום ברעג צו, און די שיף האָט זיך אַף דער זייט אַזוי אַראָפּגעבויגן, אַז עס האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט און זי קערט זיך איבער און זי וואָלט זיך זיכער געווען איבערגעקערט, ווען עס יאַווען זיך נישט מאַטראָזן מיט רעוואָלווערן אין די הענט, צווינגענדיק אַ טייל פֿון די אומגליקלעכע מענער אַריבערצוגיין אַף דער צווייטער זייט שיף.

די שיף איז אָפּגעגאַנגען אַפֿן וועג קיין אדעס און לאַנג לאַנג, און ווייט ווייט, האָט זיך נאָך געהערט דער מאיומדיקער געוויין פֿון די געבליבענע פרויען און קינדער אין וואַסער און אַפֿן ברעג פֿון אַלעקסאַנדראָווסק.

די סירענע האָט הייזעריק אויסגעפּייפֿט און אַן אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן כדי צו פֿאַרטויבן דאָס געוויין פֿון די אומגליקלעכע מענער, וואָס מען האָט אַזוי פּלוצלינג אָפּגעריסן פֿון זייערע היימען און פֿאַמיליעס.

מיר זיינען געפֿאָרן קיין אדעס.

דרייאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

איז קאַשמאַר פון אַנהויב מלחמה — ראַפאַל זוכט אַ סענסאַציע — קאָאָפּעראַטיווע יסודות — פּעפּי ליטמאַן איז דער קאַפּאַטקע — מען שרייבט פּיעסן ספּעציעל פאַר מיר — וואָלף זילבערבערג און די פּיעסע „יעדע פרוי" — מערי שפּילט שוין טעאַטער — כאַצקל כל־בויניק" דאַרף ראַטעווען — די טרופּע וואַקסט און עס קומען נאָך אַקטיאָרן — קלאַרא יאַנג קומט קיין אדעס — מען וויל אונז אַפּריידן די טרופּע — דער רעצענזענט „איגלא" (גאָדל) — די אַקטריסע און דער רעצענזענט — דער דאָקטאָר זאָגט אַז איך שוואַנגער — טורנע פון באַקו ביז אדעס — „סוואַבאַדאַ" „סוואָבאָדאַ" און די מאַר־סעליעזע — מיר פאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו — דער רייכער סוחר עליא באַרו.

אין קאַשמאַר פון אָנהויב מלחמה

איך ווייס נישט אַף וויפיל עס וועט מיר געלונגען אין מיינע זכרונות אַרויסצופּלאָנטערן פון דעם פּאַרוויקלטן קנויל געשעענישן, די איינצעלנע איבערלעבונגען לויט אַ סדר.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין אדעס, האָט מען שוין געוואוסט, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן און עס האָט אין שטאָט געהערשט אַזאַ קאָשמאַר, אַז וועגן שפּילן טעאַטער האָט אפילו נישט געקאָנט זיין קיין רייד.

די קאַזאַרמעס זיינען שנעל פול געוואָרן מיט רעזערוויסטן און מען האָט געזוכט פּלעצער וואו איינצוקוואַרטירן די אַלץ נייע אָנגעקומענע רעזערוויסטן־שטראָמען. אַ סך שולן זיינען פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַ־זאַרמעס און אויך מאַנכע טעאַטערס, זיינען געוואָרן גענומען פאַר די מענ־טשן־קינדער, וואָס האָבן באַלד באַדאַרפט גיין באַשיצן דאָס לאַנד און אָפּגעבן דאָס לעבן פאַרן צאַר.

מיינע עלטערן, וועלכע זיינען בעת אונזער טורנע געבליבן די באַ־לעבאַטים פון אונזער היים, האָבן באַלד דערשפּירט, אַז עס קומט אַ שווע־רע צייט און דער טאַטע האָט געדונגען אַן אַנדער דירה וואָס זאָל זיין מער עקאָנאָמיש, אָבער אויך די דירה איז געווען אַ גענוג גרויסע און שיינע און אין דעם קאָשמאַר פון אָנהויב מלחמה, האָבן מיר נאָר געבעטן, אַז מיר זאָלן קאָנען אויסהאַלטן די דירה און אונזער לעבן זאָל נישט צעשטערט ווערן.

ראַפעל איז אַלעמאָל געוואוינט געווען צו באַוועגלעכקייט און ער האָט אויך אין דער צייט נישט געקאָנט רוען; ער איז אַרומגעלאָפן, געזוכט, געשפּאַנט, און כאָטש ער האָט געזען, אַז טעאַטער קאָן מען אין אַזאַ צייט אַלצאיינס נישט שפּילן, פונדעסטוועגן האָט עס אים זייער שטאַרק ווי געטאָן, ווען ער האָט געהערט, אַז אַ טעאַטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַזאַרמע.

אונזער היים איז יעדן טאָג פול געווען מיט אַקטיאָרן און אַקטריסעס וואָס זיינען געקומען נאָכפרעגן וואָס וועט זיין, צי ראַפעל טוט עפּעס, צי ראַפעל טראַכט עפּעס — איר זייט דאָך עפּעס אונזער גרעסטער אויפ־טוער, האָבן זיי אים געשמייכלט און געוואָלט צוגעבן מוט, און ראַפעל האָט דערויף סאַרקאַסטיש געענטפערט: — אודאי טראַכט איך, איך וועל דאָ באַלד צוטראַכטן ווי אַזוי איך זאָל אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה, כדי מיר זאָלן ווידער קאָנען אַרבעטן אַזוי ווי איך האָב ליב...

און כאָטש זיין ענטפער האָט אָנגעווייעט מיט פּעסימיזם, פונדעסט־וועגן האָט ראַפעל נישט אויפגעהערט זוכן און שנאָפּן, ער האָט געפאַרשט די שטימונגען אין גאַס, ער איז אַרומגעלאָפן איבער אַלע שטאָט־ווינקלען און אַזוי ווי די טויב פון נחס תבה, האָט ער געזוכט אַ סימן, אָן אָנהויב פון באַרואיקונג, אָבער ער האָט דאָס גרינע באַרואיקונגס־בלעטל נישט געפונען.

געענוי, ווי לאַנג עס האָט אָנגעהאַלטן דער קאָשמאַר פון אָנהויב מל־חמה, קאָן איך נישט געדענקען. איך געדענק נאָר, אַז איינמאָל איז ראַ־פעל געקומען אַביסל לעבעדיקער און ער האָט געזאָגט, אַז ווען עס זאָל זיין עפּעס אַ גאַר גרויסע סענסאַציע־פּיעסע, וואָלט מען שוין געקאָנט אַ פּרוואו טאָן.

און ראַפעל האָט באַלד קאָמענטירט זיין געדאַנק, אויפווייזנדיק, אַז כאָטש מען איז נאָך זייער שטאַרק אונטער דעם איינדרוק פון מלחמה־אויסברוך און עס ליגט נאָך קיינעם נישט אין זינען צו גיין אין אַ טעאַ־טער, פונדעסטוועגן, ווען עס קומט אַ גרויסע טעאַטער־סענסאַציע, קאָן זיין, אַז עס וואָלט אַ טרייסל געטאָן די געמיטער און מען וואָלט געקומען זען די סענסאַציע.

אָבער וואו נעמט מען אַזאַ סענסאַציע?

דערווייל איז שוין די מלחמה אַריין אין איר פייערדיקן ריטם פון טויט און פאַרניכטונג, מען האָט שוין געזען פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן פון די פראָנטן און עס זיינען שוין געקומען ידיעות, אַז די רוסן זיינען אַריין קיין גאַליציען און הערנדיק, אַז די רוסישע סאָלדאַטן זיגן אויפן פראָנט, האָט מען שוין פאַרגעסן זיך אָפּצוגעבן רעכענונג, אַז יעדער זיג קאָסט טויזנטער

קרבנות און די שטימונג האָט זיך פאַמעלעך געהויבן און אפילו ווען מען האָט געהערט, אַז אין פוילן גייט עס נישט אַזוי פייגלדיק, אַז דער דייטש דערלאַנגט, פונדעסטוועגן האָט מען זיך אָנגעהויבן צוגעוויינען און די אַקטיאָרן האָבן געפילט, אַז מען וואָלט שוין געקאָנט מאַכן אַ פּרואוו, נאָר טאַקע מיט עפּעס גאָר אַ גרויסער סענסאַציע־פּיעסע, ווי ראַפּעל האָט געזאָגט.

ראַפּעל האָט שוין נישט גערוט, ער האָט אָנגעהויבן ווערבירן אַ טרופּע, ער האָט באַלד אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז קיין דירעקציע וועט ער נישט מאַכן, ער קאָן נישט וואַגן אונטערנעמען אַ געשעפט אין אַזאַ צייט, ווייל ווען ער נעמט אונטער, מוז ער צאָלן; האָט ער דעריבער פאַר־מירט אַ גרויסע חברים־טרופּע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און ער האָט זיך נישט געציילט מיט דער צאָל אַקטיאָרן, נאָר אַריינגענומען אין קאָ־לעקטיוו יעדן ווער עס האָט נאָר געוואָלט.

פּעפּי ליטמאַן אין דער קאַפּאָטקע

אין דער צייט ווען ראַפּעל האָט געהאַט צו טאָן מיטן צונויפשטעלן אַ טרופּע אויף זיין גרויסן שטייגער און זוכן אַ טעאַטער, האָב איך געהאַט צו טאָן מיט היימישע ענינים.

שייקע איז געווען אַ רעזערוויסט פון צווייטן ראַנג און מען האָט אָנ־געהויבן שמועסן, אַז באַלד וועט ער אויך דאַרפן גיין און מיר האָבן אָנגע־הויבן זוכן אַ מיטל ווי אַזוי אים צו פאַרהיטן פון פראָנט.

ראַפּעל האָט מיר געהאַט געגעבן ניין הונדערט רובל, איך זאָל זיי אָפּהיטן פאַר אַ שווערן מאָמענט וואָס קאָן חלילה אָנקומען, האָב איך געטראַכט, אַז דער שווערער מאָמענט איז שוין דאָ, מען דאַרף ראַטעווען אַ ברודער און איך האָב דעם טאַטן געגעבן געלט, ער זאָל „שמירן" וואו מען דאַרף און ער האָט טאַקע געשמירט און עס האָט זיך אונז פאַר די ניין הונדערט רובל איינגעגעבן, אַז שייקע זאָל נאָך עטלעכע חדשים בלייבן אינדערהיים.

ראַפּעל האָט דערווייל צונויפגעשטעלט די טרופּע. די לאַכמאַנס זיינען געווען די ערשטע וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין קאָלעקטיוו, עס זיינען געווען קייזעראָוויטש און פרוי, קאַלמאַנאָוויטש און פרוי, יעקב לערמאַן, ליאָווע ברוין, די אָנגעקומענע זאַנדבערג מיט זיין פרוי סאָניא אריעל, (די אריעל איז געווען די שוועסטער פון רחל האָכבערג און בעלא האַנד־פּוס), אויך האָכבערג מיט זיין פרוי זיינען דעמלט אָנגעקומען קיין אדעס און האָכבערג האָט געשאַפן מוזיק צו אַ רייע נייע פּיעסן; עמערמאַן איז

געווען דער דירײזשאָר אין אונזער טרופּע און גראָד איז אָנגעקומען די דעמלט באַרימטע פּעפּי ליטמאַן, און ראַפּעל האָט זי באַלד אנגאַזשירט ספּעציעל פאַר „קאַפּאָטקע-ראָלן" און מען האָט ענדלעך אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער.

זאַנדבערגס פרוי, די אריעל, איז געווען אַ פיינע סוברעטן און זי האָט געוויינלעך מיטגעשפּילט אין די פּיעסן מיט פּעפּי ליטמאַן און איך האָב געשפּילט די הויפּט-ראָלן אין מיין רעפּערטואַר און עס האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט זיך שוין מער-ווייניק צוגעוואוינט צו די גרוילן פון מלחמה און מען גייט יאַקאַש אין טעאַטער.

געשפּילט האָט מען דעמלט אין רוסקי טעאַטער אױף גרעצקאיא גאַס און פּעפּי ליטמאַן מיט אירע חנישע לידלעך וואָס זי האָט אויסגעזונגען זייענדיק כאַראַקטעריזירט אַלס חסידיש בחורל אין אַ קאַפּאָטקעלע און פּאהלעך, האָבן זייער שטאַרק אויסגענומען און דער עולם האָט זיך גוט פאַרווײלט, פאַרגעסנדיק דערוויל די מלחמה-גרוילן.

איך אַליין האָב ליב געהאַט צו זיצן אין טעאַטער און איך האָב גרויס הנאה געהאַט צו זען די שטיפערישע פּעפּי ליטמאַן און הערן ווי פיין זי זינגט אוים אַ לידל, כאָטש עס איז מיר צומאָל אויסגעקומען פריקרע איר אונטערשטרייכן די וואולגאַרע שטעלן אין אירע קופּלעטן.

און מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען איך שפּיל, קומט אויך פּעפּי ליטמאַן אין טעאַטער און זי האָט הנאה פון מיין שפּילן און זי ווייזלט זיך ווען איך גיי אַמאָל אַריבער אַ צווײדײטיקן וויץ אױף אַ נאאיוון אופן און איך שטרייך אים נישט אונטער...

מען שרייבט פאַר מיר פּיעסן

ווידער האָט אָנגעהויבן אויפשיינען די זון פאַרן אידישן טעאַטער, וואָס איז אויך געווען מײן זון. עס איז אָנגעקומען דער פּיעסן-שרייבער בוימוואָל און אים איז שטאַרק געפעלן מיין שפּילן און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן פּיעסן ספּעציעל פאַר מיר.

ראַפּעל האָט אין אים געזען אַ וויכטיקע קראַפט פאַר טעאַטער און ער האָט אים צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד אַריינגענומען צו זיך אין דירה, אָפּגעבנדיק אים אַ באַזונדער צימער, צוגעזאָגט אַ געהאַלט און געהייסן אים שרייבן פּיעסן. בוימוואָל האָט טאַקע פאַר מיר אָנגעשריבן אַ רייע פּיעסן אין וועלכע איך האָב געהאַט גאָר גרויסע דערפאָלגן.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז די ערשטע פּיעסע וואָס ער האָט פאַר מיר אָנגעשריבן, האָב איך צוריקגעוויזן, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז די פּיעסע פּאַסט זיך בעסער פאַר פּעפּי ליטמאַן.

די פיעסע איז געווען — „כאַצקעלע כל-בוניק״.

אמת, איך האָב זיך טאַקע דעמלט זייער שטאַרק אויסגעצייכנט אין די אינגלישע הויזן-ראָלן, אָבער דאָס זיינען געווען די עלעגאַנטע הויזן-ראָלן און איך האָב פאַרשטאַנען אַז אַזאַ קאַפּאָטקע-ראָל פון אַ „כאַצקל״, פּאַסט זיך בעסער פאַר פּעפּי ליטמאַן און די פיעסע איז דערוויל געבליבן ליגן.

האָט בוימוואָל זיך אַ נעם געטאָן און אָנגעשריבן פאַר מיר „לעבעדיק און לוסטיק״ און „מאַדאַם-פריילין״ און באַלד האָט ער אויך באַארבעט פון אַנדערע שפּראַכן די פּיעסן „דאָס יונגע ווייבל״ און „וואָס מענער ליבן״, די שטימונג אין טעאַטער האָט זיך געהויבן, און די געשעפטן זיינען געגאַנגען כסדר בעסער און צו אונזער שוין גרויסער טרופּע זיינען כסדר צוגעקומען נייע מיטגלידער און ווען עמיץ פון די אַקטיאָרן האָט געפּרוּווט זאָגן ראַפּעלן פאַרוואָס ער הויפּט אָן אַזויפיל אַקטיאָרן, האָט ער געענטפערט קורץ, אַז זיי דאַרפן אויך עסן, און בעסער יעדן עפּעס ווייניקער און אַלע זאָלן האָבן, איידער איינעם אַלעס און דעם צווייטן גאָרנישט...

דערוויל האָבן זיך ווידער דערטראָגן שלעכטע ידיעות פון די פראָנטן און באַלד האָט זיך עס אָפּגערופן אויף די טעאַטער-געשעפטן און ווידער האָט מען אָנגעהויבן איינזען, אַז מען מוז האָבן אַ גרויסע טעאַטער-סענסאַציע וואָס זאָל בכח זיין אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די סענסאַציאָנעל-טראַגישע ידיעות פון די פראָנטן און גראָד האָט זיך דעמלט אַזאַ סענסאַציע געיאַוועט.

וואָלף זילבערבערג און די פיעסע „יעדע פרוי״

צוזאַמען מיט די שלעכטע ידיעות פון די פראָנטן, איז אויך אָנגעקומען אַ נייער פּליטים-שטראָם און ווידער זיינען צווישן די פּליטים געווען אַ סך אַקטיאָרן, צווישן זיי איז אויך געווען מיין שוועסטער פאַני מיט איר צווייט קינדער; איר מאַן האָט אין אָנבליק פון דער געפאַר פאַרן דערנעענטערטן פראָנט, פאַרגעסן אָן זיין באַשלוס, אַז זי טאָר נישט שפּילן קיין טעאַטער און ער האָט זי געשיקט צו אונז קיין אדעס און ראַפּעל האָט זי טאַקע באַלד אַריינגענומען אין טרופּע.

דעמלט איז אויך געקומען דער אַרטיסט וואָלף זילבערבערג און ער האָט געהאַט אַ קאָפּיע פון דער איבערזעצטער דראַמאַטישער פּאָעמע „יעדע פרוי״ פון דעם ענגליש-אידישן שרייבער בראון.

אויף אויפצופירן די פּאָעמע, האָט מען באַדאַרפט אַ פּערסאָנאַל פון אַ

פופציק אַקטיאָרן און אַקטריסעס און מאַסן-סצענעס און זעענדיק די גרויסע טרופּע ביי אונז, האָט ער פאַרגעלייגט, אַז ראַפּעל זאָל אים לאָזן אויפירן די פּיעסע.

ראַפּעלן איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט אין דער פּיעסע געזען די גרויסע טעאַטראַלע סענסאַציע אַף וועלכער ער האָט געוואַרט און אגב האָט ער דאָך אַזוי ליב געהאַט אַ בעסערע פּיעסע, האָט ער זיך טאַקע גענומען גרייטן צו דער גרויסער אויפירונג, די ראָלן זיינען פאַרטיילט געוואָרן, איך האָב באַדאַרפט שפּילן די הויפּט-ראָל אַלס דער סימבאָל פון „יעדע פרוי”, פאַני וואָס איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין, האָט באַקומען די ראָל „שיינהייט”, מערי איז דעמלט שוין אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אין דער ראָל אַלס „אומשולד” און יצחק לאַכמאַן האָט געשפּילט דעם „קעניג פון ליבע”. פאַר דער פּיעסע האָט מען געמוזט אַנגאַזשירן צוויי גרויסע אָרקעסטערס און אַ סימפאָנישן אָרקעסטער וואָס קומט פאַר אַף דער בינע און ראַפּעל האָט געהאָוועט און געשמייעט און אין דער היימישער אַרבעט פאַר דער אויפירונג פון אַזאַ ווערק, האָט ער זיך ממש געשמאָלצן פון נחת און ער האָט אפילו נישט קיין טראַכט געטאָן, צי איז מעגלעך אין אַזאַ צייט, אַז די הכנסות אין אַ אידיש טעאַטער, זאָלן קענען דעקן אַזעלכע ריזן-הוצאות פון אַזאַ ספּעקטאַקל.

און די גאַנצע טרופּע איז באַהערשט געוואָרן פון דעם הייליקן פיבער און מען האָט מיט פולן ערנסט שטודירט די ראָלן און ווער שמועסט איך, איך האָב ווידער איבערגעפילט דעם הייליקן ציטער פון אַמאָל, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַדאַרפט אויפטרעטן אין אַ נייער ראָל וואָס איז פריער געשפּילט געוואָרן פון אַ גרויסער קינסטלערין און אפשר האָב איך איצט נאָך מער געציטערט, ווייל איך האָב דאָך שוין אַ לאַנגע צייט געשפּילט נאָר סוברעט-ראָלן און פלוצלינג דאַרף איך ווידער זיך אַריינפּאַסן אין אַ דראַמאַטישער ראָל.

די נאָטיצן, אַז מיר גייען אויפירן די דעמלט אַזוי באַרימטע דראַמאַטישע פּאָעמע, האָט טאַקע אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע; דער אָפּקלאַנג האָט זיך אָבער פיל מער געהערט אין די קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ, ווי אין דער אידישער גאַס און אָט האָבן מיר געגעבן די פּרעמיערע, עס זיינען געקומען קריטיקער פון אַלע אָדעסער צייטונגען, עס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „אָדעסקע נאָוואָסטי” ה׳ חפץ צוזאַמען מיט זיין רעצענזענט לאַרענסאָ און זיי זיינען געווען אַזוי באַגייסטערט פון דער פאָרשטעלונג, אַז זיי זיינען אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן און אונז געקושט און צומאָרגנס איז אין „אָדעסקע נאָוואָסטי” דערשינען

אַ גרויסע אַפּהאַנדלונג וועגן אונזער גרויסן קינסטלערישן אויפטו און נאָכן צוטיילן אונז אַ סך לויב-ווערטער פאַר אונזער פיינעם באַנעמען די ראָלן, האָט דער שרייבער געמוסרט די רוסישע אַקטיאָרן, פאַרוואָס זיי ווייזן נישט אַרויס אַזאַ דרייסטקייט, צו וואָגן אויפצופירן אַזאַ ריזן און קאָסטבאַרן ספּעקטאַקל.

איך האָב מיט מיין שפּילן די טיף דראַמאַטישע ראָל געצויגן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פון די קריטיקער און זיי האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרוואונדערונג, ווי אַזוי איך האָב געקאָנט ווי איבער נאַכט זיך פאַרוואַנדלען פון אַ קוועקזילבערדיקע סוברעטן, אין אַ צאַרטן געוועב וואָס איך האָב מיט זיך פאַרגעשטעלט אַלס דער סימבאָל פון „יעדע פרוי".

און ווידער האָב איך איבערגעלעבט דעם הימלשן גענוס פון מיין קינסטלערישן דערפאָלג און איך האָב געשוועבט אין די הויכן פון גייסטיקן תענוג.

וויניקער תענוג האָבן מיר אָבער געהאַט בא די אָפּרעכענונגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די הכנסות, קאָנען זיי אַלין נישט דעקן די ריזן-הוצאות און פון בלויזן לויב וואָס מען האָט אונז געגעבן אין די צייטונגען, האָט מען נישט געקאָנט לעבן און אויב מיר האָבן פונדעסטוועגן געשפּילט די פּיעסע גאַנצע דריי וואָכן, איז עס נאָר געווען ראַפּעלס עקשנות, וואָס ער האָט נישט געוואָלט אַראָפּנעמען די פּיעסע פונעם אַפיש, ביז ענדלעך ער האָט עס געמוזט טאָן, כדי נישט צו שטעלן אין געפאַר די גאַנצע עקזיסטענץ פון טעאַטער.

נאָך דער גרויסער אויפירונג וואָס האָט אונז היבשלעך פאַראָרימט, האָט מען באַדאַרפט אַ פּיעסע וואָס זאָל אַפּעלירן צום ברייטן עולם און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אָן „באַצקל כל-בוינקי" וועלכע איך האָב צוריקגעוויזן ווייל זי האָט בעסער געפּאַסט פאַר פּעפּי ליטמאַן. האָט מען טאַקע גענומען די פּיעסע און פּעפּי ליטמאַן האָט אַלס באַצקל געהאַט אַזאַ שטורמישן דערפאָלג, אַז מיר האָבן זיך שנעל אויסגעגליכט אונזערע פאַרלוסטן פון דער שיינער אויפירונג.

די טרופּע וואַקסט און עס קומען נאָך אַקטיאָרן

ווידער האָבן מיר אָנגעהויבן שפּילן געמישטן רעפּערטואַר. עס זיינען צוגעקומען נאָך אַקטיאָרן און אַקטריסעס, די פּיבעך איז געקומען און ראַפּעל האָט אויך זי אַריינגענומען און ער האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס טעאַטער וועט גאַרנישט פאַרלירן דערביי, ווייל דער עולם האָט ליב אין טעאַטער כסדר עפּעס נייעס, האָט ער איינגעשטעלט, אַז איינמאָל בין

איך אויפגעטראָטן אין דער הויפּט-ראָל פון מיינס אַ פּיעסע, איינמאָל די ליטמאַן און דערנאָך די פּיבער און מיר זיינען געבליבן ניי פאַרן עולם און די געשעפטן זיינען געווען גאַנץ גוטע.

אָבער די כסדרדיקע צופלוסן פון נייע אַרטיסטישע כחות, האָט פונ־דעסטוועגן געמוזט אָפּ צופּיל איבערפילן אונזער טרופּע און עס איז שוין געווען אַזוי, אַז פיל מער זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיק וויפל עס האָבן געאַרבעט און עס האָט פּשוט נישט געקאָנט קלעקן אָפּ צו שפּייזן אַזויפיל פאַמיליעס.

ראַפּעל האָט זיך אָבער אַלץ נישט געוואָלט אונטערגעבן, האָט ער פאַרמירט אַ טרופּע מיט מיר בראש און ער האָט אונז אַרויסגעשיקט אָפּ גאַסטראָלן קיין ניקאָלאַיעוו.

איך האָב אפילו זייער נישט געוואָלט פאָרן, עס איז מלחמה, האָב איך זיך געטראַכט און איך וויל זיין צוזאַמען מיט די קינדער; אָבער ראַ־פּעל איז באַשטאַנען אָפּ דאָס זייניקע און איך בין אַרויסגעפאָרן און גע־שטעלט אין ניקאָלאַיעוו „אלמא וואו וואוינסטו" און איך האָב געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז מיר האָבן דאָרט אָפּגעשפּילט עטלעכע וואָכן צייט און צוריקגעקומען קיין אדעס אָפּגעפּרישטע און מיט היבשע פאַרדינסטן אין קעשענע.

ראַפּעל האָט געהאַט אַ סך אַרבעט, ער האָט מאַניפּולירט, אַז די הוצאות זאָלן זיין וואָס קלענער און עס זאָל זיך דערביי נישט אָפּרופן אָפּ דעם פאַרנעם פון די ספּעקטאַקלען און ער האָט שפּילנדיק אין איין טעאַ־טער, באַלד פאַרהאַנדלט מיט אַ צווייטן און אַבי ער האָט עס געקאָנט באַ־קומען אָפּ בעסערע קאָנדיציעס, האָט זיך די טרופּע באַלד אַריבערגעקליבן און אַזוי האָט מען אין משך פון צוויי יאָר איבערגעשפּילט אין טעאַטער „רוסקי", אין „באָלגאַראָוו" און אין „נאָווי" און צום דריטן מלחמה-יאָר, האָבן מיר געשפּילט אין „באָלגאַראָוו", וואו איך בין אויפגעטראָטן אין די פּיעסן וואָס זיינען ספּעציעל פאַר מיר געשריבן געוואָרן און דעמלט איז אויך נאָזשיק געווען ביי אונז אין טעאַטער און ער האָט מיך זייער שטאַרק ליב געהאַט און ער האָט געזאָגט, אַז איך סטימוליר אים צו שרייבן פּיעסן און ער האָט פאַר מיר אָנגעשריבן „מלכהלע סאָלדאַט", „דוואָשע די סופּראַזשיסטקע", „אדעס נאָך האַלבער נאַכט" און „רייזעלע דעם רבינס".

דעמלט איז שוין מרדכילע האָכבערג אויך געווען אין אונזער טרופּע און ער האָט געאַרבעט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט שרייבנדיק מוזיק פאַר די פּיעסן און יעדער אויפטריט מיינער אין איינער פון די נייע פּיעסן, איז פאַר מיר געווען אַ נייער דערפאָלג מיט נייע שיינע איבערלעבונגען.

זינאַס

ערשטע טאָכטער

האָט חתונה

אױף דער בינע

אין טעאַטער

„אָמבו" איז

פאָרגעקומען

די חתונה

פון

צילי טעקס

מיט

נתן קלינגער

זלמן הירשפעלד, אסתרס חבר פון מיכאל וויכערטס דראַמ-
שולע אין וואַרשע, קומט קיין אַרגענטינע און האָט
חתונה מיט זיין אויסדערוויילטער.

„די מיזיניקע אויסגעגעבן"
אַנדזשעלע מיט דעם טאַנץ-קינסטלער אַ. גערדיסמאַן האָבן חתונה

קלאַראַ יאַנג קומט קיין אדעס

פלוצלינג האָט זיך געהערט די נייעס, אַז בועז און קלאַראַ יאַנג, צוזאַמען מיט דער גאַטליב (סאַמבערגס פרוי) זיינען געקומען פון רומעניע און באַלד האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז יאַנג האָט געדונגען דעם טעאַטער „נאַווי" און ער פאַרהאַנדלט שוין מיט אַקטיאָרן און ער זאָגט צו גרויסע גאַזשעס און ער באַמיט זיך אַפּצוציען פון אונז לאַכמאַנען מיט זיין פרוי, ליאָוקע ברוין און נאַזשיקן.

סאַמבערג, וועמען ראַפּעל האָט אַזוי פיין אויפגענומען ווען ער איז געקומען קיין אדעס, איז באַלד אריבער צו יאַנגן, נאָר דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל זיין פרוי איז דאָך געווען מיט זיי; עס זיינען אָבער אויך געווען נאָך אַנדערע וואָס עס האָט זיי געלאָקט צו באַקומען גאַזשע און אַזוי ווי ראַפּעל האָט שוין אַלצאיינס געטראַכט וועגן אַ גרעסערע טורנע מיט אַ גרויסער טרופּע, האָט ער אויך אָנגעהויבן אַנגאַזשירן אַלס דירעקטאָר און באַלד האָט ער געהאַט אַ שיין־צונויפגעשטעלטע טרופּע און דער איינציקער פאַרדרוס איז געווען, וואָס ליאָוקע ברוין, וועלכער האָט נישט איינמאָל, נאָכדעם ווי מיין מאַן האָט אים מוחל געווען זיין פאַראַט צוזאַמען מיט ראַפּעלס ברודער, געזאָגט, אַז מער וועט ער זיך נישט אַרויסרירן פון אונזער טרופּע און נאָכמער האָט אונז פאַרדראָסן אַף נאַזשיקן, וועלכער האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזויפיל ליבשאַפט און געזאָגט אַז איך בין זיין מוזע, און דאָך האָבן זיי געהאַלטן ביי אָפּמאַכן מיט יאַנגן.

ראַפּעל האָט דערווייל פיבערהאַפט געאַרבעט ביי די צוגרייטונגען צום אַרויספאָרן, ער האָט דעם באַלגאַראָוו־טעאַטער נישט אויפגעגעבן, ער האָט אָרגאַניזירט אַ טרופּע אַף הברישע יסודות און איבערגעלאָזן מיין טאַטן אַלס אָנפירער פון די געשעפטן ביז מיר וועלן צוריקומען און אונזער רייזע־פּלאַן האָט ראַפּעל אויסגעשטעלט, אַז מיר זאָלן פון אדעס פאָרן גלייך קיין באַקו און פון דאָרט זאָלן מיר ערשט מאַכן אונזער טורנע צוריקפאָרנדיק איבער שטעט ביז אַהיים קיין אדעס. די איינציקע וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזן איבעררײדן אַף אַריבערצוגיין צו יאַנגן, זיינען געווען לאַכמאַן מיט זיין פרוי. לאַכמאַן איז ביי אונז אין טרופּע געווען נישט בלויז אַן אָנגעזעענער אַקטיאָר, נאָר אויך אַ געטרייער סאָלדאַט און אַ ליבער פריינט און ער האָט געזאָגט, אַז ווען מען זאָל אים אָפּגילטן, וועט ער אונז נישט פאַרלאָזן.

אָבער אויך מיט נאַזשיקן און ברוינען איז עס יאַנגן נישט געגאַנגען אַזוי לייכט. זיי האָבן שוין געהאַט צוגעזאָגט, נאָר אונטערשרייבן קאָנ־

טראַקטן האָבן זיי נאָך נישט געוואָלט און כדי צו זיין זיכער, האָט יאַנג גענומען זייערע קופּערטעס צו זיך אין האָטעל און דער סוף איז געווען, אַז ווען נאַזשיק מיט ברוינען זיינען געקומען צו דער באַן זיך געזעגענען מיט מיר, האָבן זיי ביידע זיך צעוויינט און באַדויערט פאַרוואָס זיי האָבן זיך געלאָזן איבערריידן און זיי האָבן זיך מיט מיר אַזוי לאַנג געזעגנט, ביז דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן און זיי זיינען מיט אונז מיטגעפאָרן..

בײַ דער ערשטער סטאַנציע האָבן זיי טעלעגראַפירט צו זייערע פרוי־ען, אַז זיי זאָלן אָפּנעמען די קופּערטעס פון יאַנגס האָטעל און קומען מיט די זאַכן קיין באַקו, ווייל זיי קענען נישט פאַרלאָזן זינאַן און זיי מוזן פאָרן מיט אונז.

אַזוי האָב איך אויך געהאַט אַ סאַטיספאַקציע, וואָס די ליבע חברים זיינען געפאָרן מיט אונז און נאָך דריי טעג פאָרן, זיינען מיר אָנגעקומען אין דער קאַווקאַזער שטאָט באַקו.

דער רעצענזענט „איגלא“ (נאָדל)

איך ווייס נישט אַף וויפיל עס זיינען אמת די מיינונגען, אַז כדי צו באַקומען גוטע רעצענזיעס, האָבן אפילו די בעסטע אַקטריסעס געמוזט זיין נאָענט באַפריינדעט מיט די רעצענזענטן; וואָס שייך צו מיר אַליין, קאָן איך פאַרזיכערן, אַז איך האָב קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן מער אויפמערק־זאַמקייט צו אַ רעצענזענט, ווי צו יעדן אַנדערן אינטעליגענטן מענטש, איך האָב ליב געהאַט באַציאונגען פון געגנזייטיקן רעספּעקט און איך האָב זיך אַלעמאָל געהאַלטן אין געהעריקער דיסטאַנץ וואָס זאָל אויך נישט באַליידיקן און אָפּשטויסן.

חברים אַרטיסטן וואָס האָבן מיט מיר אַקטואירט, האָבן גוט געוואוסט דערפון, און ווען עס איז נאָך מיין ערשטן אויפטריט אין באַקו דערשינען אַ רעצענזיע מיט אויסערגעוויינלעכע לויב־געזאַנגען פאַר מיר און אונטער דער רעצענזיע איז געווען אונטערגעשריבן „איגלא“, האָט עס ביי אַלע־מען אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג.

מען האָט געזאָגט, אַז דער רעצענזענט וואָס שרייבט זיך אונטער „איגלא“ (נאָדל) איז שאַרף ווי אַ נאָדל און ער שטעכט ווי אַ נאָדל, אַז זעלטן־ווען האָט ער געזאָגט וועגן אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע אַ גוט וואָרט; און פּלוצלינג אַזאַ באַגייסטערטע רעצענזיע, אַז מען האָט זיך אַזש אָנגעהויבן אינטערעסירן, צי ער קען מיך און צי ער איז שוין געווען ביי אונז אַף אַ וויזיט.

אָבער נישט אינגלא איז געווען ביי אונז און נישט איך האָב אפילו

געוואוסט ווער דאָס איז און ווען איך בין אויפגעטראָטן אין אַ צווייטער פּיעסע, איז ווידער דערשינען אין זיין רוסישער באַקוער ציַיטונג אַ באַ־גייסטערטע רעצענזיע און איך האָב נאָך אַלץ אפילו נישט געוואוסט ווי דער רעצענזענט זעט אויס.

האָבן מיר אַזוי אָפּגעשפּילט אַ לענגערע צייט אין באַקו און כסדר זיינען דערשינען אַזעלכע לויב-ווערטער וועגן מיין טאַלאַנט, אַז איך דער־הויב דעם לייכטן טעאַטער-זשאַנר צו אמתער קונסט, ביז מיר האָבן שוין געהאַט אונזער לעצטע געזעגן-פאָרשטעלונג.

נאָכן צווייטן אַקט, האָט מען מיר געבראַכט אַ סך בלומען-בוקעטן אויף דער בינע און צו מיין פרייד, האָב איך צווישן די בוקעטן געפונען איין בוקעט מיט אַ וויזיט-קאַרטע „איגלא".

נאָך דער פאָרשטעלונג קומט הינטער די קוליסן אַ יונגערמאַן וואָס בעט, אַז ער וויל מיך זען, דאָס איז געווען איגלא.

איך בין איבעראַשט פון זיין שיינקייט און נאָך מער האָט מיך אי־בעראַשט זיין שיינע אידישע אויסשפּראַך, זיינע שטים-וויבראַציעס, וואָס האָבן ממש געגלעט ביי דער נשמה.

ער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד וואָס ער קאָן מיר פּערזענלעך אויסדריקן זיין וואַרימסטע אנערקענונג און מיר ווינטשן א סך דערפאָלג אין מיין שיינער קינסטלערישער טעטיקייט.

ער איז אויך אַפּצומאַרגנס געקומען צו דער באַן זיך געזעגענען מיט אונז, און אַקטיאָרן ווי אַקטריסעס האָבן מיר גראַטולירט צו מיין דער־פאָלג, וואָס אַ רעצענזענט מיט וועמען איך האָב פריִער נישט אויסגערעדט קיין צוויי ווערטער און איך אים אפילו נישט געקענט, האָט וועגן מיר גע־שריבן אַזויפיל לויב ווערטער און אפילו געקומען ספּעציעל צו דער באַן זיך געזעגענען מיט מיר.

דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איך שוואַנגער

בעת מיר זיינען פון באַקו געפאָרן צוריק, האָב איך זיך געפינען אין אַ גאָר פיינלעכן מצב, וואָס האָט מיך אַראָפּגעריסן פון די הימלען פון מיינע גרויסע דערפאָלגן.

איך האָב זיך געפילט מוראדיק שוואַך און עס האָט מיך געפּייניקט דער פאַרדאַכט צי איך בין נישט שוואַנגער. דער געדאַנק האָט מיך אַזוי געפּייניקט, אַז איך האָב זיך באַמיט נישט צו טראַכטן דערפון, אָבער עס האָט זיך געטראַכט און שנעל זיינען אויפגעשוואומען בילדער פון מיין אַמאָל, איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין מאַמעס אָפטע שוואַנגערשאַפטן

און קינדלעך אױף די לאַנגע װעגן פון נע־װנד און איך האָב זיך דערמאָנט מײן אומגעהױערע אױפרעגונג, װען די מאַמע האָט באַדאַרפט געבױרן מערין און אָן דעם פּאַטש װאָס דער טאַטע האָט מיר געװאָלט געבן... און אָט געפין איך זיך איצט אין אַזאַ מצב, איך האָב שױן פיר קינדער, (מאַל־װינקען האָב איך אַלעמאָל, פון דערערשטער מינוט נאָך מײן חתונה מיט ראַפאַלן, באַטראַכט פאַר אַן אײגן קינד) און אָט, װאָס? װידער קינדלען? האָט מיך טאַקע דער געדאַנק זײער געפּײניקט און װי נאָר מיר זײנען אָנגעקומען אין ראָסטאָװ, איז סאָניאַ לאַכמאַן מיט מיר געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט מיך אונטערזוכט, דערנאָך פרעגט ער מיך װיפיל קינדער איך האָב: זאָג איך אים פיר. צעשמײכלט זיך דער דאָקטאָר און זאָגט — נו, װאָס איז דען, װעט איר האָבן פינף...

דער פאַקט אַז איך שװאַנגער, האָט מיך אַזױ צעטרײסלט, אַז עס האָט געװירקט אױף מײן געזונט און אױף מײן גײסטיקן צושטאַנד. איך האָב זיך געפילט זינדיק קעגן מײנע קינדער, פונקט װי איך האָב מײן מאַמעס שװאַנגער מיט מערין באַטראַכט אַלס זינד קעגן מיר און די איבעריקע שװעסטער און ברידער און איך האָב כסדר געװײנט און װי װעלנדיק אױסקױפן מײן זינד, האָב איך געפאָדערט, אַז ראַפאַל זאָל שנעל פאָרן קײן אדעס זען די קינדער און מיר באַלד טעלעגראַפירן צי אַלע זײנען געזונט און ראַפאַל האָט טאַקע באַלד געמוזט אַרױספאָרן פון ראָסטאָװ קײן אדעס.

אַקטריסעס פון טרופּע און איבערהױפּט סאָניע לאַכמאַן, אַלע האָבן מיך צוגערעדט, אַז עס איז נישט קײן גרױסע זאַך, איך האָב גענוג קינ־דער און אַ מפּלינג איז נישט געפערלעך, עס זײנען אין ראָסטאָװ פאַראַן גוטע דאָקטױרים, אָבער איך האָב זיך צו אַזאַ זאַך נישט געקאָנט באַ־שליסן; האָב איך יעדע נאַכט געשפּילט טעאַטער, געשפּילט די פרײלעכע זאַרגלאַזע סוברעטן און געצונדן פרײד אין מענטשנס הערצער, נאָר באַ מיר אין האַרצן איז געװען אַזױ מוראדיק ביטער און טרױעריק, אַז װי נאָר עס האָט זיך געענדיקט אַ פאָרשטעלונג און איך בין אַראָפּ פון דער בינע, בין איך אַרײנגעפאַלן אין אַ ספּאַזמאַטישן געװײן און עס האָט די מיטגלידער פון אונזער טרופּע געקאָסט אַ סך מי, ביז זײ האָבן מיך באַרואיקט.

דערװײל האָבן זיך אָנגעהױבן הערן קלאַנגען װעגן אַ רעװאָלוציע; די קלאַנגען האָבן אַזױ שטאַרק געװירקט, אַז נישט נאָר װאָס אַנדערע האָבן פאַרגעסן אָן מיר, נאָר איך אַלײן האָב כמעט אױך פאַרגעסן אָן זיך און פונקט װי מיר זײנען מיט עטלעכע יאָר צוריק װי עלעקטריזירט

געוואָרן פון דעם איינעם וואָרט „מאָביליזאַציע", אַזוי האָט היינט גע־
ווירקט עלעקטריזירנד דאָס איינע וואָרט: — „סוואָבאָדאַ"!

סוואָבאָדאַ! סוואָבאָדאַ! און די מאַרסעליעזע

עס איז געווען אַ פרימאָרגן אין ראָסטאָוו, נאָך אַ דערפּאָלגרייכע פּאָר־
שטעלונג; איך בין נאָך געלעגן אין בעט אין האַלבן דרימל, ווען איך האָב
געהערט קלאַנגען פון מוזיק און פאַרשידענע אויסגעשרייען פון גאַס.

די מוזיק איז מיר אויסגעקומען באַקאַנט און אומבאַקאַנט און איך
האָב אָנגעשטרענגט מיין אויער צו כאַפּן אַ וואָרט פון די אויסרופן, אָבער
די אויסרופן זיינען געקומען פון אַזאַ כאַראַלער מאַסע, אַז מען האָט קיין
וואָרט נישט געקאָנט כאַפּן. די מוזיק־קלאַנגען זיינען געקומען כסדר
נענטער און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז שייקע האָט אַ סך מאָל אינדער־
שטיל געפּלעגט אונטערזונגען דעם מאָטיוו, יאָ, עס איז די מאַרסעליעזע!...
די מוזיק איז שוין געווען נאָנט און איך האָב געהערט אויסשאַלן די
פרייהייטס־קלאַנגען און איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, געכאַפּט
אָף זיך אַ שלאָף־ראָק און בין אַרויס אָפן באַלקאָן.

די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן און איינער איז געפּאַלן אין
די אָרעמס פון צווייטן און מען האָט זיך צעקושט און די קלאַנגען פון דער
מוזיק זיינען כסדר איבערגעשריגן געוואָרן פון דעם מאַסנהאַפטן כאָראַלן
אויסרוף: — ס וו אָ ב אָ ד אַ ! דעמאָקראַטיאַ! רזאַוונאַ־אָפּראַוויעניאַ!
און צווישן די מאַסן האָב איך געזען אויך אידן און אידן האָבן זיך גע־
קושט מיט קריסטן און אַלע האָבן מאַרשירט אין רייען אַזוי ברודערלעך,
און איך האָב זיך דערמאָנט וויפיל לייד און פּיין מיר האָבן זיך אָפּגעליטן,
ווען דער טאַטע איז אַרומגעלאָפן אויסכלאָפּאָטשען אַ דערלויבעניש צו
שפּילן אידיש טעאַטער... און אַט קומט פרייהייט און גלייכע רעכט פאַר
אַלעמען, אידיש טעאַטער וועט אויך זיין פריי און טרערן פון פרייד האָבן
זיך אָנגעהויבן גליטשן פון מיינע אויגן און ווי איך שטיי אַזוי אַ באַגייס־
טערטע, הער איך נעבן זיך אַ שלוכצן, איך קוק זיך אום און זע, אַז אויך
מיין דינסט שטייט אָפן באַלקאָן, אויך זי וויינט, נאָר ווי אַנדערש איז
איר געוויין! זי וויינט און אירע ליפּן פליסטערן דערביי: — „זשאַל צאַר
באַטיושקאַ... זשאַל צאַר באַטיושקאַ"!... און עפּעס ווערט מיין גאַנצע
פרייד ווי אָפּגעווישט, איך דערמאָן זיך פלוצלינג אָן אַמאָל, ווען עס זיינען
אויך געגאַנגען מאַסן אין די גאַסן און געזונגען די מאַרסעליעזע און מיט
רויטע פאָנען און דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען...

די דינסט מיט איר באַדויערן דעם צאַר, האָט מיר צעשטערט די פרייד
און איך האָב צו אַלעם ערשטן אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו ראַפּעלן

קיין אדעס, אַנפרעגנדיק אַף די קינדער און צי ער קומט באַלד צוריק און נאָך דעמזעלבן טאָג האָב איך געהאַט ענטפער, אַז אַלעס איז אין בעסטער אָרדענונג און געזונט און מזל־טוב צו דער געבורט פון רייזען.

צוערשט האָב איך נישט גענוי פאַרשטאַנען די לעצטע ווערטער. ווער איז דער מזל־טוב און וואָס פאַר אַ רייזע? נאָר באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיינט ער די „רייזע" פון ווינערס לידל, רייזע־רוסלאַנד, דאָס הייסט מזל־טוב צו רוסלאַנדס געבוירן ווערן אַלס פריי לאַנד...

מיר פאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו

דער ערשטער איינדרוק פון קערענסקים איבערקערעניש איז אַריבער, אָבער די פרייד איז געבליבן און די פרייד האָט געוועקט די ענערגיעס וואָס האָבן זיך געשטיקט אונטער דעם צאַרס נאַהייקע און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעטיקייט פון פאַרטייען. אונזער טעאַטער איז יעדע נאַכט געווען פול־געפּאַקט און אַזוי ווי פריער האָט מען פאַר יעדע פאָרשטעלונג געמוזט שפּילן דעם „באָזשע צאַרא אכראַני", האָט מען היינט מיט פרייד אויסגעשפּילט די מאַרסעליעזע און דער גרעסטער טייל פון עולם האָט מיטגעזונגען און די פאָרשטעלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן ביי דערהויבענע שטימונגען און די געשעפטן זיינען געווען זייער גוטע.

איך ווייס נישט, צי עס איז געווען מיין שוואַנגערשאַפט, צי גאָר מיין עגמת־נפש צוליב דער שוואַנגערשאַפט, איך האָב אָנגעהויבן אונטערצוקרענקען, איך האָב צומאָל געמוזט אויפטרעטן אַף דער בינע מיט הויכן פיבער און ווידער האָט מען מיך אָנגעהויבן צוריידן, איך זאָל פּאַטערן מיין שווערע לאַסט, אָבער דערווייל האָבן מיר שוין פאַרענדיקט אין ראָסטאָוו און מיר האָבן זיך געקליבן אַרויספאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

און גראָד איז עס געווען אַזוי, אַז דער דניעפּר האָט זיך געהאַט צעגאָסן, די נידעריקערע טיילן פון יעקאַטערינאָסלאַוו זיינען פאַרפלייצט געוואָרן און דער זומער־טעאַטער וואו מיר האָבן באַדאַרפט שפּילן, איז געווען פאַרפלייצט און מיר האָבן געמוזט איבערוואַרטן ביז דאָס וואַסער וועט אַפּפאַלן.

דריי וואָכן האָבן מיר געהאַט צו וואַרטן, און אין משך פון די דריי וואָכן, האָב איך זיך געדאָקטאָרט, איין דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז אויב איך זאָל פאַרזעצן מיין שוואַנגערשאַפט, איז מיין לעבן אין געפאַר און ער האָט מיך געראַטן, אַז איך זאָל „קאַליע מאַכן" כדי זיך אַליין צו ראַטעווען.

און ווי פאַרצווייפלט איך בין אַליין געווען צוליב מיין שוואַנגער־

שאַפט, האָב איך זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַשליסן צו אַזאַ שריט, ערשט ווען אַ פּראָפעסאָר צוזאַמען מיט דעם דאָקטאָר האָבן אַלס קאָנסוליום מיך געראַטן דאָסזעלבע, איז שוין נישט געבליבן עפּעס אַנדערש, ווי אויספאָלגן און אַזוי בין איך באַפרייט געוואָרן פון מיין האַרץ-ווייטיק, פאַרוואָס איך האָב מיין מאַמען אַמאָל קריטיקירט און אַליין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ זעלבער לאַגע...

ווען דער זומער-טעאַטער איז שוין געווען גלייכגעשטעלט און גרייט מען זאָל קענען שפּילן אין אים, בין איך נאָך נישט געווען אינגאַנצן געזונט און ראַפאַל האָט דערווייל אַ שפּיל-געטאָן זיין „הערשעלע דובראָוונער" אין וועלכן ער האָט זיך אַלעמאָל אַזוי אויסגעצייכנט, דער עולם האָט הנאה געהאַט פון דער פאָרשטעלונג און ראַפאַעלן שטאַרק אַפּלאָדירט, אָבער פונדעסטוועגן האָט מען אָנגעהויבן פרעגן — „וואו איז זינאידא?" און מען האָט געמוזט מעלדן, אַז איך בין נישט געזונט און ווען איך בין דערנאָך אויפגעטראָטן אין „וואָס אַ מויד קען" האָט מען מיר געמאַכט אַזעלכע אָוואַציעס און מען האָט מיך באַשאָנקען מיט אַזויפיל בלומען, אַז איך האָב באַלד פאַרגעסן אָן מיינע פיינלעכע איבערלעבונגען. די קינסטלערישע דערהויבונג האָט אין מיר פאַרטויבט די פּערזענלעך-קערפּערלעכע עמפּפינדונגען.

דער רייכער סוחר עליא באַרון

מען רעדט היינט גאַנץ אָפט מיט פאַרדרוס, פאַרוואָס עס קומען נישט צו קיין נייע יונגע כחות צום אידישן טעאַטער. ווען איך טראַכט וועגן מיין אַמאָל, ווילט זיך אַ פרעג טאָן אַף צוריק: — פאַרוואָס זאָלן זיי יאָ קומען, די יונגע כחות? שטייט דען דאָס הייניקע אידישע טעאַטער אַף אַ בעסערן מצב ווי אַמאָל? און צי קאָן עס זיך אפילו פאַרגלייכן צום אַמאָל? ווי האָט איר היינט די באַגייסטערטע ליבהאָבער פון אידישן טעאַטער? און ווען אַ פאָרשטעלונג נעמט היינט אפילו גאָר שטאַרק אוים, צי געפינט זיך כאָטש אַמאָל עמיצער פון פובליקום, וואָס זאָל פרואוון דערפרייען דאָס האַרץ פון אַ גוטער אַקטריסע מיט אַ בוקעט בלומען? אַזאַ בוקעט בלומען קאָסט דאָך גאָרנישט אַזויפיל און וויפיל אַזאַ אויפמערקזאַמקייט מוטיקט אַן אַקטריסע! און וויפיל יום-טוב און דערהויבונג אַזאַ בוקעט שאַפט נישט בלויז פאַר דער אַקטריסע, נאָר פאַרן גאַנצן עולם! און דאָך, אַמאָל איז עס געווען און עס איז מער נישטאָ... די געשעפטן זיינען אויך נישט ווי אַמאָל, און עס איז נישטאָ דער רייץ וואָס זאָל צוציען יונגע כחות צו דעם אינטערעסאַנטן, און דאָך אַזוי שווערן לעבן פון אידישן אַקטיאָר.

שפילנדיק אין יעקאטערינאסלאוו, האט מיר דער עולם ארויסגעוויזן אזויפיל ליבע און איך האב יעדע נאכט באקומען אזויפיל בלומען, אז מען האט זיי געמוזט ארויפלאדענען אף א דראזשקע אפצופירן אהיים.

צווישן די בוקעטן, האט זיך אויסגעצייכנט איין בוקעט, אין וועלכן איך האבן אלעמאל געפינען אויך א מתנה, א גאלדן רינגל מיט א דיא־מאנט, א גוטע שפילקע און אנדערע ווערטפולע זאכן.

איך האב נישט געוואוסט פון וועמען דאס איז, ביז איינמאל האב איך באקומען א בוקעט מיט א מתנה און עס איז געווען בייגעלייגט א וויזיט־קארטע מיט א וואונטש, אז דער מתנה־געבער וויל זיך מיט מיר באקענען. אונטערגעשריבן — **עליא בארו**, סוחר.

כדי זיך מיט מיר פערזענלעך צו באקענען, האט ער איינגעארדנט א וועטשערינקע פאר דער גאנצער טרופע און צו דער וועטשערע האט ער מיר געבראכט א שאל פון הערמאלין, ער האט זיך פאר מיר פארגע־שטעלט און ער האט אף מיר געמאכט א זייער פיינעם איינדרוק און נאך בעסער איז ער מיר געפעלן, ווען ער האט מיר געוויזן, אז ער האט גע־קויפט צוויי אזעלכע שאלן, איינע האט ער צוגעשיקט פאר זיין פרוי קיין זשיטאמיר, (ער איז געווען פון זשיטאמיר) און ער האט מיר געזאגט, אז די אלע מתנות וואס ער גיט מיר, קויפט ער באלד צו צוויי, איינע פאר זיין פרוי און די צווייטע פאר מיר און אז ער שרייבט זיין פרוי, אז ער טוט אזוי, ווייל ער וויל, אז זי זאל טראגן די זעלבע זאכן וואס די קינסט־לערן זינאידא ראפעל...

איך בין זיכער, אז אקטריסעס פון אונזער טרופע, זעענדיק וויפיל דער מענטש לאזט זיך קאסטן פאר מיר, האבן אודאי געווארט אף א סענסאציעלע, אבער זיי האבן זיך גארנישט דערווארט, אונזער בא־ציאונג איז געווען א רעספעקטפולע און דער רייכער סוחר האט מיר געשענקט די מתנות אן א שום כוונות, נאר בלויז פון ריינער באציאונג צו א קינסטלערן וועמענס פארערער ער איז געווען.

פארשטייט זיך, אז אויב די געוויינלעכע פארשטעלונגען זיינען גע־ווען געהויבענע, קאן מען זיך לייכט פארשטעלן וואס פאר א יום־טוב עס איז געווען ווען מען האט מיר געפראוועט מיין ערן־אוונט.

די מתנות פון גאלד און זילבער און בלומען, זיינען געווען אזוי פיל, אז מע האט אנגעפאקט א פולן וואגן אף אהיימצופירן און טאקע דערזעלבער בארו האט געפראוועט א וועטשערינקע לכבוד מיר, וואס האט זיך פאר־צויגן ביז פארטאג און איך בין דעמלט באמת שיכור געווען פון גייסטיקן געגוס און דערהויבונג, און איך האב געשוועבט אין הויכע הימלען א געגלעטע פון געטלעכן תענוג...

פיראונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

אַקטיאָרן אָרגאַניזירן זיך — איך שטרייק צוזאַמען מיט דער טרופּע קעגן מיין מאַן דעם דירעקטאָר — מיין פאָטער פירט דורך אַ „רעוואָלוציע" — אַלבערט סיגאַלעסקאָ אין אדעס — „רייזעלע דעם רבינס" אַ ריזן־דערפאָלג — די באָלשעוויסטישע איבערקערע־ניש — די מאַלדאַוואַנקע און מישקע יאַפּאַנטשיק — מישקע יאַפּאַנטשיק טיילט ברויט פאַר אידישע אַקטיאָרן — דאָס אידישע טעאַטער און אונטערוועלט־העלדן — מיר שפּילן טעאַטער אויף דער „מאַלדאַוואַנקע" — מישקע יאַפּאַנטשיק „בעט" אונז אויף אַ חתונה — העטמאַן סקאָראָפּאַדזקי מיט דייטשע סאָלדאַטן אין אדעס.

אַקטיאָרן אָרגאַניזירן זיך

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז קערענסקים איבערקערעניש האָט באַפרייט די פון פריער אונטערגעדריקטע ענערגיעס. פּאַרטייען האָבן זיך פאָרמירט, קאַמפן זיינען פאָרגעקומען פאַר פּאַרטיי־העגעמאָניע, עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן סינדיקאַטן פון אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און בכלל פון אַלע וואָס האָבן געאַרבעט אויף לוין, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אויך אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן.

געווען אַ סטודענט, וואָס האָט געענדיקט די אדעסער הויך־שול, ווערעטע האָט ער געהייסן, האָט ער — זעענדיק אסתר רחל קאַמינסקי שפּילן, זיך פאַרליבט אין אידישן טעאַטער און ער איז געוואָרן אַזאַ הייסער פאַרערער פון אסתר־רחלען, אַז ער איז מיט איר מיטגעפאָרן אויף אירע טורנעען איבער רוסלאַנד און מיט זיין הויכער אינטעליגענץ, האָט ער אַ סך ביי געטראָגן פאַרן אידישן טעאַטער.

דער ווערעטע האָט זיך דאָס גענומען אָרגאַניזירן די אידישע אַקטיאָרן און ער האָט אָנגעהויבן גרייטן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אַקטיאָרן קיין קיעוו.

דערוויל, זייענדיק אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט ער אָרגאַניזירט אונזער טרופּע.

איך, כאָטש דעם דירעקטאָרס פרוי, האָב זיך געהאַלטן אַזוי חבריש מיט חברים, אַז מען האָט מיך אפילו צוגעלאָזן צו די זיצונגען און די אַקטיאָרן האָבן זיך דערנאָך איבערצייגט, אַז איך האָב ראַפּעלן נישט אי־

בערגעגעבן אפילו קיין איין װאָרט פון דעם, װאָס עס איז ביי די זיצונגען גערעדט געװאָרן.

ראַפּעל איז געװען אַ דירעקטאָר װאָס האָט איינגעפירט אַ דיסציפּלין; ער איז געװען אַ פאָרמאַליסט און אַבי מען האָט דערפילט די פליכטן פאַרן טעאַטער, איז ער אַזאַ אַקטיאָר גרייט געװען אװעקצוגעבן זיין לעבן. װען ער איז צוריקגעקומען פון אַדעם נאָך איידער מיר זיינען גע־פאָרן פון ראָסטאָװ קיין יעקאַטערינאָסלאַװ, האָט ער אפילו פאַר מאַנכע ערנסטע און גוט־דיסציפּלינירטע אַקטיאָרן געבראַכט מתנות און פאַר־שטייט זיך, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז װער עס דאַרף זיך אָרגאַניזירן, אָבער נישט זיינע אַקטיאָרן, װעלכע האָבן אַזאַ דירעקטאָר װי ער.

נאָזשיק האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג; ער האָט געזאָגט, אַז אויב אַלע פאַכן און פּראָפעסיעס אָרגאַניזירן זיך, טאָר דער אַקטיאָר נישט בלייבן קיין לומפּן־פּראָלעטאַריער און ער האָט ביי װערטעטען אי־בערגענומען דירעקטיװן װי אַזוי אונז צו אָרגאַניזירן און פאָדערן, אַז דער דירעקטאָר זאָל אַנערקענען אונזער אָרגאַניזאַציע.

עס איז געװען אַ האַלבע שעה פאַר דער פאָרשטעלונג, װען נאָזשיק האָט צוגעשטעלט ראַפּעלן אַ פאָרמולאַר, אונטערצושרייבן, אַז ער אַנער־קענט די אַקטיאָרישע אָרגאַניזאַציע און ראַפּעל האָט זיך באַלד אָפּגע־זאָגט אונטערצושרייבן. ער האָט געטענהט, אַז דאָס איז פאַר אים אַ אַ באַליידיקונג, אַז ער װיים אַליין זיינע פליכטן אַלס דירעקטאָר און ער דאַרף נישט, אַז עמיין זאָל אים דערמאַנען...

עס איז געקומען דערצו, אַז נאָזשיק האָט צוגעשטעלט אַן אולטימאַ־טום, אַז אויב ער שרייבט נישט אונטער, שפּילט מען נישט און ראַפּעל האָט זיך זייער שטאַרק אויפגערעגט, און דערװייל איז געװאָרן שפּעט, דאָס טעאַטער איז געװען פול געפּאַקט און דער עולם האָט געפּאָדערט מען זאָל אויפהויבן דעם פאָרהאַנג און װען ראַפּעל האָט דערקלערט פאַרן עולם, אַז די טרופּע האָט פאַרשטרייקט פאַר גאָרנישט, האָט דער עולם געפּאָדערט, אַז איך זאָל כאָטש אַרויסגיין אָפּזונגען מיינע לידער פון דער פּיעסע און ראַפּעל האָט זיך גענומען צו מיר, אויפגעפּאָדערט מיך, אַז איך זאָל אַרויס אויף דער בינע, כדי צו ראַטעװען מען זאָל נישט דאַרפן צוריקגעבן דאָס געלט פאַר די בילעטן, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין, איך האָב אים דערקלערט, אַז ער איז טאַקע מיין מאַן און איך בין די מיט־באַלעבאָסטע פון טעאַטער, אָבער איך בין אַזוי געקנופּט און געבונדן מיט מיינע חברים, אַז איך װעל זיי נישט פאַראַטן און אַזוי לאַנג װי דער שטרייק װעט אָנהאַלטן, װעל איך מיטהאַלטן מיט זיי...

דער סוף איז געװען אַז ראַפּעל האָט נאָכגעגעבן, אונטערגעשריבן

זיין אנערקענונג פון דער אָרגאַניזאַציע, און מען האָט געשפּילט די פאָר־שטעלונג.

ראַפּעלס נאָכגעבן דער אָרגאַניזאַציע האָט אויך געווירקט אַז אַנדערע אונטערנעמער זאָלן נאָכגעבן און ווען בלויז עטלעכע טעג שפּעטער, האָבן זיך אויך די טעאַטער־מוזיקער אָרגאַניזירט און געפאָדערט די זעלבע באַשטעטיקונג פון ראַפּעלן, האָט זיך ראַפּעל ווידער געקווינקלט, אָבער צום סוף אונטערגעשריבן און דאָס האָט ווידער געווירקט, אַז אַנ־דערע זאָלן אויך אַנערקענען די אָרגאַניזאַציעס און אַזוי זיינען אָרגאַני־זירט געוואָרן די אידישע אַקטיאָרן און ווערטעט האָט געגרייט דעם אַקטיאָרישן צוזאַמענפאָר אין קיעוו.

מיין פאָטער פירט דורך אַ „רעוואָלוציע"

די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד און דאָס אָרגאַניזירן די אַקטיאָרן, האָט ווייזט אויס, געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אַף מיין טאַטן און ער האָט אויך געוואָלט זיין באַטייליקט אין די גרויסע געשעענישן. אַזוי ווי ער האָט באַדאַרפט אָפּהיטן דאָס טעאַטער און די געשעפטן פון טעאַ־טער וואָס ראַפּעל האָט אים איבערגעלאָזן, און פון אַנדערע זאַכן אַ חוץ טעאַטער האָט ער נישט געהאַלטן, האָט ער געוואָלט עפּעס אויפטאָן כאָטש אין טעאַטער און ער האָט אָנגעהויבן בונטעווען די אַקטיאָרן פון טרופּע, אַז אויב מיר אַרבעטן, אויב מיר זיינען אַ חברים־טרופּע, פאַרוואָס זאָל עפּעס פיגורירן אַפן קאָפּ פון אונזער טעאַטער — „אונטער דער די־רעקציע פון לייזער ראַפּעל"?

און ווען מיר זיינען צוריקגעקומען קיין אדעס, האָט דער טאַטע טאַקע שוין געהאַט דורכגעפירט די „רעוואָלוציע", דאָס טעאַטער איז שוין גאַנגען אָן דעם נאָמען פון דירעקטאָר, אָבער אַזוי ווי דער טעאַטער האָט לויטן קאָנטראַקט געהערט צו לייזער ראַפּעל, האָט ער באַלד איבער־גענומען דאָס טעאַטער און אַקטיאָרן האָבן מורא געהאַט, אַז ראַפּעל וועט זיי פאַר דעם שטיקל אַרבעט אַרויסוואַרפן, האָבן זיי אים אָנגעהויבן באַווייזן, אַז קיינער האָט עס נישט געוואָלט, נאָר ציפּקוס האָט זיך איינגעשפּאַרט און ער האָט עס אַליין געמאַכט...

עס קאָן זיין, אַז ראַפּעלן האָט עס אינערלעך פאַרדראָסן אַף מיין טאַטן, אָבער די אַקטיאָרן האָט ער באַרואיקט מיט אַ שמייכל, — „ליגט נישט אַרויף די שולד אַף דעם אַלטן, עס איז היינט אַזאַ צייט, און מען מוז די צייט לאָזן אויסשוימען זיך..."

אָבער קיין דירעקציע, האָט ראַפּעל שוין נישט געקאָנט איינשטעלן;

עס איז גראָד פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר אין קיעוו, אפשר פינף הונדערט אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען געווען אפן צוזאַמענפאָר און מען האָט באַשטימט, אַז דער הויפּט-זיץ אָרט פון דער אַקטיאָרן אָרגאַ־ניזאַציע זאָל זיין אין כאַרקאָוו, ווערעטע זאָל זיין דער אָנפירער און אַלע אידישע טעאַטערס איבער רוסלאַנד, זאָלן האָבן איין הויפּט-קאַסע, וואָס זאָל זיך געפינען אין דער אָרגאַניזאַציע אין כאַרקאָוו.

די הויפּט-קאַסע אין כאַרקאָוו, האָט אָבער לאַנג נישט געקאָנט אָנ־האַלטן, ווייל עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז בלויז די אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך געפינען אין כאַרקאָוו גופא און נאָנט פון כאַרקאָוו, האָבן געמאַכט אַ זייער גוט לעבן פון דער הויפּט-קאַסע וואו עס זיינען אריינ־געשוואומען אַלע געלטער פון אַקטיאָרישער פּראַצע, נאָר די אַקטיאָרן וואָס זיינען געווען ווייט פון כאַרקאָוו, זיינען פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער, וואַרטנדיק מען זאָל זיי שיקן געלט פון דער הויפּט-קאַסע.

אַלבערט סיגאַלעסקאָ אין אדעס

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין אדעס, האָב איך אין אונזער טעאַטער געטראָפן אַ זייער אינטערעסאַנטן שוישפּילער און זינגער אױף דער בינע.

דער שוישפּילער-זינגער איז מיר אַזוי געפעלן מיט זיין ספּעציעלן אופן פון אויסזינגען אַ לידל און אָפּשפּילן אַ סצענע, אַז איך האָב גע־פרעגט באַם טאַטן ווער ער איז און דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַלבערט סיגאַלעסקאָ פון רומעניע.

און דער טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, זיינען מיר געווען אין רומעניע און מיר האָבן געשפּילט צוזאַמען מיט אַלבערטס פאָטער און ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, זעט ער ווי אַן אָפּגעריסענער, ווילד פאַרוואַקסענער מענטש שטייט באַם אַריינגאַנג פון טעאַטער און עפּעס האָבן זיינע בליקן צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט און ער פרעגט אים ווער ער איז און ער שטעלט זיך פאָר: — אַלבערט סיגאַלעסקאָ פון רומעניע.

ער האָט אים באַלד אַריינגענומען, געפירט אים אין אַ באָד, געלאָזט אָרומשערן און אָפּראַזירן און אים געגעבן אָן אויפּטריט.

אין דעם אָוונט ווען איך האָב געזען סיגאַלעסקאָן אױף דער בינע, האָב איך איבערגעלעבט נאָך אַן אינטערעסאַנטן איינדרוק.

איך בין דעמלט געווען אין טעאַטער מיט אַ חברטע, אַ רייכע פרוי, אַ געוויסע אַנאַ קאַראַפּאַטניצקאַיאַ און ווי מיר זיצן אַזוי בעת דער פויזע צווישן ערשטן און צווייטן אַקט, ווערט פלוצלינג דער טעאַטער באַלויכטן

ליכטיקער ווי געוויינלעך און הער אָרקעסטער שפּילט אויף אַ פריילעכן מאַרש, ווי געוויינלעך מען האָט געטאָן, ווען אַ הויכע רעגירונגס־פּער־זענלעכקייט איז געקומען אין אַ טעאַטער. איך קוק זיך אום, זוך צו זען פאַר וועמען מען מאַכט דאָס אַזאַ פּאַראַד און דאָ שטורמט שוין דער עולם מיט אַפּלאָדיסמענטן און איך זע אַלץ נישט וועמען מען מיינט און איך פרעג עס בא מיין חברטע און זי שיסט אוים מיט אַ פריידיקן געלעכטער:

— נאַרעלע, זעסט דען נישט, דאָס איז דאָך פאַר דיין כבוד ווענן!...

און איך האָב ערשט איצט געזען, אַז פאַר דעם פאָרהאַנג איז געווען אַרויסגעשטעלט אַ שילד מיט אַן אויפשריפט: — מיר באַגריסן דיך זינאַידאַ ראַפּעל, צו דיין צוריקקומען קיין אדעס!

איך האָב זיך פאַרשעמט און געפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז מיר געקומען אין פּנים און דער עולם האָט אַזוי לאַנג אַפּלאָדירט, אַז איך האָב זיך געמוזט אויפשטעלן און זיך עטלעכע מאָל פאַרנייגן.

ווען ראַפּעל האָט איבערגענומען צוריק דאָס טעאַטער, האָט ער צוויי־שן אַנדערע אויך אַנגאַזשירט סיגאַלעסקאָן; ראַפּעל האָט זיך דערמאַנט, אַז פון נאָזשיקס פּיעסן איז איינע געבליבן נישט אויפגעפירט, דאָס איז געווען „רייזעלע דעם רבינס" און מיט דער פּיעסע האָב איך זיך דאָסמאָל באַדאַרפט אַפּסניי באַווייזן פאַרן אדעסער אידישן פּובליקום.

„רייזעלע דעם רבינס" האָט געהאַט אַ שטורמישן דערפאָלג און די צייטונגען האָבן מיך אַפּסניי געלויבט און אויך געלויבט די ענערגישע איניציאַטיוועס פון לייזער ראַפּעל, אַז ווען ער קומט קיין אדעס, לעבט ער אויף דעם אינטערעס צו טעאַטער. די געשעפטן זיינען געווען זייער גוטע און ראַפּעל האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַן אַרבעטס־פּלאַן אַף אַ לענגערער צייט, אָבער דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט און עס האָבן פּלוצלינג אָנגעיאָגט אַזעלכע פּאָליטישע ווינטן און עס זיינען געקומען אַזעלכע געשעענישן, וואָס האָבן בכלל אוממעגלעך געמאַכט צו שפּילן טעאַטער.

די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש

צוזאַמען מיט די קלאַנגען וועגן אַ נייער איבערקערעניש אין פּעטער־בורג, זיינען אויך קיין אדעס אָנגעקומען אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן גע־האַלטן רעדעס אין די גאַסן, אָנווייזנדיק, אַז די אידן האָבן דאָס געמאַכט די איבערקערעניש, כדי די רוסן זאָלן זיך אויסקוילען איינער דעם אַנדערן אין ברידער־קאַמפּן.

די אַגיטאַטאָרן האָבן געהאַט אַרום זיך געדונגענע פּאָגראָמשטשיקעס,

וועלכע האָבן פּראָוואָצירט געשלעגן מיט אידן און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלט, אַז די אידן שלאָגן די רוסן און די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אויסגעפירט לינטש-געריכטן אינמיטן גאַס און יעדן טאָג האָט מען געהערט וועגן נייע אידישע קרבנות.

און וואָס אַ טאָג איז עס געוואָרן ערגער. קיין באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן זיינען נאָך נישט געווען אין אדעס, נאָר כדי צו באַווייזן, אַז די באָלשעוויקעס זיינען פּשוטע מערדער און רויבער, האָבן זיך אַ סך פון די אַגיטאַטאָרן און פּאָגראָמשטשיקעס אָנגעטאָן צעריסענע סאָלדאַטן-מונדירן און זיי האָבן געמאַכט איבערפאַלן אויף רייכע הייזער און פאַרשטעלנדיק זיך אַלס באָלשעוויקעס, האָבן זיי כלומרשט „רעקווירירט" גאָלד און געלט און פאַרשטייט זיך, אַז די מערסטע רויב-אָנפאַלן און מאָרדן, האָבן זיי דורכגעפירט אין אידישע הייזער.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז דאָס לעבן געוואָרן אַזוי אומזיכער, אַז מען האָט מורא געהאַט צו גיין אין גאַס און מען האָט אפילו מורא געהאַט צו בלייבן אין די שטיבער, נאָר מען איז געלעגן אין די קעלערס און אויף די בוידעמער און מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט מען געציטערט, אַז די באַנדיטן זאָלן כאָטש נישט טרעפן צו די באַהעלטענישן.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען, האָט מען אפילו נישט געקאָנט טראַכטן וועגן שפּילן טעאַטער.

עס איז מיר שווער צו שילדערן ווי איך האָב דעמלט געפילט. אינמיטן גרעסטן גלאַנץ פון מיינע דערפאָלגן, האָב איך פּלוצלינג זיך געמוזט איינשליסן אינדערהיים, און יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך דערנענטערט אַ שיסעריי אויף אונזער גאַס, האָב איך געמוזט כאַפּן די קינדער און לויפן מיט זיי אין קעלער אָדער אויפן בוידעם, וואו מיר זיינען געלעגן איינגעטוליעט איינער אין אַנדערן און מען האָט פאַרהאַלטן די אָטעמס פון שרעק.

אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, ביז עס האָט אויסגעפעלט ברויט אין שטוב און מען האָט געמוזט פאַרבויגן די שרעק און אַרויסלאָזן זיך אין גאַס זוכן אַ שטיקל ברויט, און כדי צו באַקומען אַ שטיקל ברויט, האָט מען מערסטנס געמוזט גיין אונטער אַ האָגל פון קוילן, וואָס די באַנדיטן האָבן געשאָסן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן פּאַטרולן פון לינקע און אויך פּאַטרולן פון אַ אידישן זעלבסטשוץ און עס זיינען פאָרגעקומען כסדרדיקע שיסערייען צווישן זיי און די באַנדיטישע האָרדעס, און אדעס איז דעמלט פּאַקטיש געשטאַנען אונטערן צייכן פון פולשטענדיקער אַנאַרכיע.

די מאָלדאַוואַנקע און מישקע יאַפּאָנטשיק

געוועזן טעג, ווען מיר האָבן איבערגעלעבט אויסערגעוויינלעכע שרעק. עס זיינען געקומען באַנדיטן-פּאַטרולן וואָס האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי אַרויסגעבן ראַפּעלן. ראַפּעל איז געלעגן באַהאַלטן און מיר האָבן זיך קוים אויסגעקויפט פון די באַנדיטן אַוועקגעבנדיק זיי וואָס עס איז גע־קומען אונטער די הענט פון אונזער האָב און גוטס.

די רוב-איבערפאַלן אף אידישע הייזער האָבן זיך כסדר פאַרמערט און די אידישע זעלבסטשוץ האָט געהאַט וויניק וואָפן אף צו קענען באַ־שיצן די אידישע היימען און אידן האָבן זיך אָנגעהויבן פילן ווי די שע־פעלעך וואָס מען פירט צו דער שחיטה, ביז פּלוצלינג האָט מען זיך דער־וואוסט, אַז אַ גרויסע באַנדע כוליגאַנעס האָט געפּרואווט אָנפאַלן אף דער אידישער געגנט, אף דער מאָלדאַוואַנקע און אַז די באַנדיטן האָבן דאָרט באַקומען אַזאַ אָפּשניט, אַז זיי וועלן מער נישט וואַגן אַהינצוקומען.

אַ גרופּע אידישע יונגעלייט האָבן זיך געלאָזן אף דער מאָלדאַוואַנקע און זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די אידישע אונטערוועלט-העלדן מיט מישקע יאַפּאָנטשיק בראש, זיינען באַלד בעת דער איבערקערעניש אי־בערגעפאַלן אַ מוניציע-מאַגאַזין און זיי האָבן אים אינגאַנצן אויסגערויבט און די אונטערוועלט-העלדן האָבן היינט אַן אַרסענאַל מיט וואָפן און באַמבעס, אַז זיי קענען אויפרייסן גאַנץ אָדעס.

מישקע יאַפּאָנטשיק האָט באַלד פאַראָרדנט, אַז מען זאָל פאַר דעם אידישן זעלבסטשוץ אַרויסגעבן וואָפן, ביקסן, רעוואָלווערן, האַנט-גראַ־נאַטן און באַמבעס און מישקע האָט אויך אַרויסגעשיקט פּאַטרולן איבער אַנדערע אידישע גאַסן אויסער דער מאָלדאַוואַנקע און ווי איז געווען צו די באַנדיטן, וואָס האָבן זיך באַגעגנט מיט מישקעס פּאַטרולן; זיי האָבן פון די כוליגאַנישע שוואַרץ-מאַהדיקע באַנדעס נישט איבערגעלאָזן קיין שריד ופליט.

זעענדיק זיין קראַפט ,האָט מישקע יאַפּאָנטשיק זיך מער נישט באַ־גנוגנט מיט זיין „רעזידענץ" אף דער מאָלדאַוואַנקע, ער האָט אָרגאַני־זירט פּאַטרולן וואָס האָבן נישט בלויז באַשיצט אידישע היימען, נאָר וואָס האָבן אויך באַרויבט רייכע אידישע היימען, זאָגנדיק אַז מען דאַרף געלט און זאַכן פאַר די אָרימע היימען וועלכע שטאַרבן היינט פון הונ־גער און זיי האָבן אפילו אַרויפגעלייגט גרויסע „שטייערן" אף רייכע אידן, כדי צו קענען אויפהאַלטן זייער אַרמיי קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

און מישקע יאַפּאָנטשיק, דער דעמאָלסדיקער הויפּטמאַן פון די אידישע און אפילו נישט-אידישע אונטערוועלט-העלדן אין אָדעס, איז אויך געווען

דער, וואָס האָט זיך דער ערשטער דערמאנט אָן די אידישע אַקטיאָרן און ער איז עס געווען דער, וואָס האָט פון ערגיץ פּאַצאַפּעט אַ גרויסע פור מיט ברויט און באַפוילן, אַז אַקטיאָרן קענען קומען נעמען וויפיל זיי ווילן.

דאָס אידישע טעאַטער און די אונטערוועלט-העלדן

עס איז נישט געווען קיין נייעס, אַז די אידישע אונטערוועלט-העלדן זיינען געווען גאַנץ אָפטע באַזוכער פון אידישן טעאַטער. אַזוי איז געווען אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט און אַזוי אויך אין אדעס.

צוליב די אונטערוועלט-העלדן, זיינען אין די אידישע טעאַטערס פון איבעראַל גאַנץ אָפט אויסגעבראָכן סקאַנדאַלן און מען האָט זיך באַמיט זיי צו באַזייטיקן פון טעאַטער, אָבער זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט דאָס אידישע טעאַטער, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן און אַ סך פון זיי האָבן אַף זיך גענומען, אַז זיי זאָלן זיך אין טעאַטער האַלטן רואיק און אויסמיידן גנבות, אַבי מען זאָל זיי לאָזן קומען אין טעאַטער.

איך האָב שוין דערמאנט א פאַל וואָס האָט געטראָפן אין וואַרשע, ווען א גנב האָט אָפּגעגעבן אַ געגנבעטן בייטל, כדי נישט צו שעדיקן די אינטערעסן פון טעאַטער; און אַזעלכע פאַלן זיינען געווען א סך, נישט בלויז אין וואַרשע, נאָר איבעראַל און אויך אין אדעס.

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס מער עס זיינען געקומען אנשטענדיקע פאַמיליען-מענטשן, האָט מען די „העלדן" ווייניקער אָנגעזען און זיי האָבן זיך במילא געמוזט האַלטן רואיקער און דאָס קומען פון אַ סך פאַמיליען-מענטשן, איז שוין געווען געוועגדעט אין דעם, וואָס פאַר אַ רעפּערטואַר מען האָט געשפּילט און אַזוי ווי בלויז בעסערן רעפּערטואַר האָט מען נישט געקאָנט שפּילן ווייל עס האָט נישט געגעבן גענוג אַף צו דעקן די הוצאות, זיינען טאַקע די אונטערוועלט-העלדן כסדר געווען היבש פאַרטראָטן אין די אידישע טעאַטערס.

און אַט, אין דער שווערער צייט, ווען אַ מענטש האָט נישט געוואַגט אַרויסצוקומען אין גאַס, האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל פון מישקע יאַפּאַנטשיק, אַז מיר מוזן געבן אַ פאָרשטעלונג צום בענעפיט פון זייערס אַ העלד וואָס האָט אין קאַמף מיט די פּאָגראָמשטשיקעס פאַרלוירן ביידע פיס.

פון זאָגן ניין, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד; און דוקא האָבן זיי געפאָדערט, אַז סיי פעפי ליטמאַן און סיי איך, און טאַקע מיט אַ גרויסער פּרופע מוזן אויפטרעטן מיט אַ פיעסע וואָס זאָל „רייסן שטיקער"...

ראַפּעל האָט זיך געפּרואווט אַרויסדרייען, זאָגנדיק, אַז עס איז נישטאָ קיין טעאַטער און אַז קיינער וועט נישט קומען, אָבער זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט, אַ טעאַטער וועט שוין זיין און טאַקע אַף דער מאָלדאוואַנקע, זיי וועלן שוין אויסליידיקן אַ סאַלאָן. און פּובליקום? זיי אַליין וועלן זיין גענוג אויסצופילן דאָס טעאַטער.

און אין אַ שיינעם פאַרנאַכט, ווען אין דער לופט האָט זיך געהערט די שווייטשעריי פון קוילן, זיינען צו אונזער הויז צוגעקומען צוויי גרויסע לאַסט-אויטאָס, פון די אויטאָס זיינען אַראָפּגעשפּרונגען עטלעכע „סאָלדאַטן" אין צעפליקטע אוניפאָרמען, נאָר באַהאנגען מיט וואָפן ביז צו די ציין און מיט אָנגעשטעלטע באַיאָנעטן צו אונזערע ברוסטן, האָבן זיי אונז „איינגעלאַדן" צו גיין מיט זיי, אפן באפעל פון מישקע יאפּאָנטשיק, אין טעאַטער אַריין.

אַף איין לאַסט-וואָגן זיינען שוין געווען אַקטיאָרן מיט פּעפּי ליטמאַן און אונז, מיך מיט די אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס וואָס האָבן געוואוינט, אָדער גראָד געווען ביי מיר, האָבן זיי אַרויפגעטאַסקעט אפן צווייטן לאַסט-אויטאָ און היידא! מיר פאָרן שפּילן אידיש טעאַטער, אַ פריילעכע אַפּערעטע...

איך גלויב, אַז הונדערט ביכער וואָלטן נישט געקלעקט, אַף אָנצושרייבן וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין דער איינער נאַכט.

דער סאַלאָן איז שוין געווען פול געפּאַקט און אַלע דורכגענג זיינען געווען פול מיט בלויז מענער און אַלע אין אָפּגעריסענע מיליטערישע מונדירן און באַהאָנגען מיט וואָפן ביז צו די ציין. ווען פּעפּי ליטמאַן איז אַרויס אַף דער בינע און דערזען אין דער ערשטער ריי די ווילד-פאַרוואַקסענע פּנימער פון די צושויער און די קראַנצן מיט באָמבעס וואָס זיינען געהאָנגען אַף זייערע העלזער און די רעוואָלווערן און קינזשאַלן אין זייערע גאַרטלען, האָט עס איר פון שרעק אַ שניר צוגויף געטאָן דעם האַלז, און זי האָט נישט געקאָנט אָנהויבן עפענען דאָס מויל.

דאָ איז איינער פון „עולם" אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן: — העי, וואָס איז דאָרט, עס פּאַסט איר נישט צו זינגען? אַ נו, דערלאַנגט איר דאָרט מיט אַ קניידל אַף דער בינע!...

דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער, האָט פּעפּי שוין פאַרגעסן אָן איר ערשטער שרעק און אין דער צווייטער פּאַנישער שרעק האָט זי אָנגעהויבן אַזוי הויך זינגען, און זי איז אַזוי ווילד איבערגעשפּרונגען פון איין ליד צום צווייטן, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסזינגען איר גאַנצן רעפּערטואַר.

אָבער זינגענדיק, האָט זי זיך ווייזט אויס באַרואיקט, זי איז פּאַמעלעך

געקומען צו זיך און איז צוריק אריין אין איר ראָל און באַלד האָב איך געהאַט מיין אויפטריט און ווען עס עפּעס זיך פאַר מיר פלוצלינג אַ קבר, וואָלט איך זיך נישט מער איבערגעשראָקן ווי אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב דערזען דאָס „ווערטע פּובליקום" פאַר וועמען איך דאַרף דאָ באַווייזן מיין קונסט.

אָבער שפּילן האָט מען געמוזט און מען האָט געשפּילט און אין צווייטן אַקט איז שוין יעדער פון אונז געווען צוגעוואוינט צו דער סיטואַציע און אַט האָט מען שוין באַדאַרפט אָנהויבן דעם דריטן אַקט, ווי עס האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ פּייפעריי און אין איין אויגנבליק, איז קיין איינער פון יאַפּאַנטשיקס חברה נישט געבליבן אין זאַל. פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ שיסעריי און באַמבע־אויפרייסן, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כוליגאַנעס האָבן זיך ווידער געפּרוּווט אַריינרייסן אין דער מאָלדאַוואַנקע און זיי האָבן ווידער באַקומען אַזאַ גאָב, אַז זיי האָבן געלאָזן גאַנצע קופּעס מתים און אַ היבש ביסל וואָפן.

מיר האָבן זיך אין טויט־שרעק שנעל אויסגרימירט און בעת אינדרויסן איז נאָך די שיסעריי געווען אין פולן ברען, האָבן אונז דריי באַוואָפנטע פאַרשוין אַרויסגעפירט דורך אַ הינטער־טיר, אַרויפגעזעצט אויף די לאַסט אויטאָס און אונז אָפּגעפירט צוריק אַהיים.

מען „בעט" אונז אויף אַ חתונה

אַ קורצע צייט איז אַריבער און ווידער האָבן מיר געהאַט צו גאַסט אַ „דעלעגאַציע" פון מישקע יאַפּאַנטשיקס חברה. אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, זיינען זיי אויך איצט געקומען באַלאַדנט מיט וואָפן, און מיט די באַיאָנעטן צו אונזערע ברוסטן, האָבן זיי אונז „איינגעלאַדן" אויף דער חתונה, פון אַ צווייטן פאַרדינסטפולן אינוואַליד זייערן.

פון אַ ליסטע האָבן זיי אויסגערופן די נעמען פון די איינגעלאַדענע און מיר האָבן געמוזט אויסרופן, אַז מיר זיינען דאָ און אַז מען „בעט" איז דאָך נישט שייך, מוז מען גיין.

און עס איז געווען טראַגי־קאָמיש צוצוקוקן ווי מיין שוועסטער פאַני, וועלכע איז געווען אַ גרויסער פּעדאַנט און אַז עמיץ האָט זי באַרירט, האָט זי געקאָנט דערלאַנגען אין די ציין און דאָ האָט זי געמוזט טאַנצן מיט די אָפּגעריסענע און ווילד־פאַרוואַקסענע און פאַרבלאָטיקטע, ביז צו די ציין באַוואָפנטע חברה־לייט... אַזוי האָבן אַלע פון אונז געמוזט טאַנצן מיט יעדן ווער עס האָט איינגעלאַדן און נאָך היינט, ווען איך דערמאָן זיך, שטיקט מיך דער שווערער ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פון

דעם איינפּוסיקן וואָס האָט מיט מיר געטאַנצט און צוגעקלאַפּט צום טאַקט מיט דער קוליע...

באַלד האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מען האָט אונז נישט סתם איינגעלאַדן אַף דער חתונה, נאָר מיט אַ באַשטימטן צוועק. דער צוועק איז געווען, צו ליציטירן לידער, כדי עס זאָל זיין אַ גרויסע חתונה־מתנה פאַר דעם אינוואַליד מיט דעם שיינעם מיידל וואָס מישקע יאַפּאָנטשיקס חברה האָבן פאַר אים אויסגעזוכט.

מען האָט ליציטירט אונזערע לידער און יעדער פון אונז האָט באַלד געמוזט זינגען און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַף דער חתונה ביז פאַרטאָג, ווען מען האָט אונז ווידער אַף א לאַסט־אויטאָ אָפּגעפירט אַהיים.

און דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען מיר זיינען אַהיימגעקומען פון דער חתונה, האָט זיך געהערט דאָס שאַלן פון טרומייטן און באַלד דערויף האָט אַן אָרקעסטער אויסגעשפּילט אַ טריומפאַלן מאַרש און עס האָבן זיך געהערט סאָלדאַטן־טריט מיט הוראַס און ווען מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, האָבן מיר געזען דאָס אָנקומען פון לאַנגע רייען מיט דייטשע סאָלדאַטן.

דאָס האָט דער העטמאַן סקאָראָפּאַדזקי אַריינגעפירט די דייטשע סאָלדאַטן קיין אדעס, כדי צו באַקעמפן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, און פאַרנעמען אוקראַינע.

פינפאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

דער שטערן פון לייזער ראַפעל הויבט אָן פאַלן — אַ מאַניפּאַרגע ווי אַמאָל מיט זיין ווייזנס מונדירן — מען שטעלט מיר אונטער אַ פיסל און איך פאַל — דער רעצענזענט „סאַלנצא" — זיין בייזוויליקייט איז קלאָר — מען גיט מיר סאַטיספּאַקציע — פעפּי ליטמאַן און אירע וואולגאַריזמען — „סאַלנצא" בעט מיך איבער — עליא באַרו באַזעצט זיך אין קיעוו — ראַפּעלס אייפערזוכט, אָדער קרענקלעכקייט? — מיין געזעגן־אַוונט אין קיעוו — אַ שנור פּערל — אָנגעהויבן מיט געוויין און פאַרענדיקט מיט פרייד — מיר לאָזן זיך אַפּן וועג קיין וואַרשע — ראַפעל דערקענט נישט זיין וואַרשע — אַ נייער קעניג וואָס קען נישט יוספן — דייטשקעס וואָס האָבן געשפּילט אידיש טעאַטער — ראַפעל זעט איין דורכפאַל נאָכן צווייטן — מאַלווינע ווערט אַ כלה און ראַפעל שטאַרבט.

דער שטערן פון לייזער ראַפעל הויבט אָן פאַלן

דאָס קנאַפּע יאָר פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, ווען אין אדעס האָט געהערשט א פולשטענדיקע אנארכיע, ביז צום אריינקו־מען פון דייטשן מיליטער, האָט אַף מיין מאן אַזוי שווער געווירקט, אַז ער האָט זיך אפילו דערנאָך שוין נישט געקאָנט אויפריכטן.

אין דעם פינצטערן יאָר פון די שוואַרץ־מאהדיקע פּאָגראָמשטשיקעס פון איין זייט און מישקע יאפּאָנטשיקס באַנדעס פון דער צווייטער; אין דעם וויסטן יאָר ווען פון שפּילן סטאַביל טעאַטער האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, און לעבן האָט מען דאָך געוואָלט, האָבן זיך אַקטיאָרן איינגעשטעלט דאָס לעבן, טאַקע כדי צו לעבן, מען איז אַרויס זוכן אַ שטיקל ברויט און אַ שטיקל ברויט האָט געקאָסט א סך געלט, האָט מען געמוזט זוכן וואו צו פאַרדינען און אַזוי האָבן אַקטיאָרן, אנשטאט צו שפּילן טעאַטער, זיך גענומען צו שפּעקולאַציע, מען האָט געקויפט וואָס עס האָט זיך געלאָזן און אַלץ האָט געגעבן פאַרדינסט און מאַנכע אַק־טיאָרן האָבן זיך צו די טריפהנע שפּעקולאַציעס בעסער אויסגעטויגט ווי צום טעאַטער און זיי האָבן געמאַכט אַ סך געלט. און ראַפעל, כאָטש מיר האָבן געהאַט גענוג געלט און טייערע זאַכן, האָט מורא געהאַט, אַז „אַ ברונעם שעפּט זיך דאָך אויך אויס" און ער האָט אויך געזוכט עפּעס צו פאַרדינען און ער האָט זיך אויך גענומען איינהאַנדלען וואַליוטע, זעקלער

מעל און אַנדערע שפּייז-אַרטיקלען, אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגע־ וויזן, אַז דער אויסגעצייכנטער טעאַטער-אונטערנעמער, וואָס האָט גע־ קאָנט אויסהאַלטן לאַנג-יעריקע קאָנטראַקטן און וואָס האָט געקאָנט פירן צוויי און דריי טעאַטערס מיט אַמאָל און אַנגאַזשירן ריזן-פּערסאָנאַלן און מאַכן, אַז אַלע זאָלן ביי אים האָבן פּרנסה און ער אַליין זאָל נאָך פאַרדינען אַ סך געלט, דערזעלבער גרויסער טעאַטער-דירעקטאָר איז פאַר די שפּע־ קולאַציע-געשעפטן געווען ווי אַ קינד און מיט יעדן קויף וואָס ער האָט געמאַכט, איז ער אַריינגעפאַלן און דערלייגט געלט, אָדער גאָר פאַרלוירן דאָס גאַנצע אינוועסטירטע געלט.

דאָס ביטערע יאָר האָט אויף ראַפּעלן אַזוי געווירקט, אַז ווען די דייטשן זיינען שוין אַריין און זיי האָבן ווי נישט איז איינגעשטעלט אַביסל אָר־ דענונג, אַז מען זאָל קענען גיין אין גאַס וויניקסטנס באַטאָג, אפילו דאַן, האָט ראַפּעל מורא געהאַט איינצושטעלן אויף נעמען אַ טעאַטער און אַנ־ גאַזשירן אַ טרופּע אויף גאַזשע.

ראַפּעל האָט געטענהט, אַז אויב זיין אַ דירעקטאָר, מוז מען זיין זיכער, אַז מען וועט אויסהאַלטן די אָפּמאַכן און אין אַזאַ צייט, ווען אפילו די דייטשן זיינען שוין דאָ, נאָר עס קומען פונדעסטוועגן פאָר אַזעלכע אָפּטע איבערפאַלן און מאָרדן אינמיטן גאַס, טאָר מען אויף זיך נישט נע־ מען קיין גרויסע אחריות.

און דערווייל האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז אין קיעוו האָבן קאָנאַ־ פּאָוו, יונגוויץ (יאַנג) און ליבערט מיט נאָך צוויי פּריוואַטע אידן, פאַר־ מירט אַ שותפותדיקע דירעקציע און זיי האָבן געדונגען צוויי טעאַטערס און באַלד האָב איך באַקומען אַ פאָרשלאַג, אַז איך זאָל קומען קיין קיעוו און זיך שטעלן בראש פון אַ טרופּע.

הערנדיק, אַז אין קיעוו גייט מען שוין שפּילן טעאַטער, האָט ראַפּעל זיך אפסניי גענומען צו דער אַרבעט, אָבער זיין אַ דירעקטאָר האָט ער נישט געוואַגט; האָט ער פאַרמירט אַ חברים-טרופּע און מען האָט גע־ שפּילט טעאַטער, אָבער נישט סטאַביל און ווייט נישט מיט דעם פאַרנעם ווי ער איז עס געווען געוואוינט, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך צער.

אויפן פאָרשלאַג פון קיעוו, האָב איך נאָך אַ באַראַטונג מיט ראַפּעלן געענטפערט, אַז אויב די דירעקטאָרן קאָנען מיר פאַרזיכערן, אַז איך וועל האָבן דעם אַנסאַמבל וואָס איך דאַרף, און דערביי האָב איך אויסגערעכנט די נעמען פון די אַקטיאָרן, וועל איך אָנעמען דעם אָנבאָט. די שווערע קאָנדיציעס האָב איך געשטעלט, צוליב מיין פאַרגעפיל, אַז מען קאָן מיר אין קיעוו וועלן אונטערשטעלן אַ פּיסל און בלויז אַ צוויי טעג שפּע־ טער, האָבן יונגוויץ, ליבערט און קאָנאַפּאָוו אַקצעפּטירט מיינע קאָנדי־

ציעס, פאַרזיכערנדיק מיר, אַז איך וועל האָבן די אַלע פּערזאָנען וואָס איך האָב געפאָדערט.

קיין מאַטעריעלע נויט צו מוזן פאָרן קיין קיעוו, האָב איך נישט געהאַט, אָבער עס האָט זיך מיר נאָך דעם שווערן פינסטערן יאָר שוין פאַרבענקט ווידער אַ שפּיל צו טאָן אפן גרויסן שטייגער, און איך בין ענדלעך אַרויס־געפאָרן קיין קיעוו.

אַ מאַניפאָרגע ווי אַמאָל מיט די מונדירן

און מיין פאָרגעפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט.

די פינף דירעקטאָרן האָבן טאַקע געהאַט אַנגאַזשירט די אַלע אַק־טיאָרן און אַקטריסעס וואָס איך האָב אָנגעגעבן אין מיינע קאָנדיציעס, אָבער דערוויל האָט שוין קלאַרא יאַנג אָנגעהויבן שפּילן און זי האָט דעם גרעסטן טייל פון די אויסגערעכנטע אַקטיאָרן גענומען פאַר זיך און ווען איך בין געקומען צו דער רעפּעטיציע, האָב איך געזען, אַז מען האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַן אומגליק.

איך האָב זיך דערמאָנט ווי מיין מאַמע האָט אַמאָל געפּלעגט דערציילן ווי אַזוי די אַנטיסעמיטישע אָפיצירן האָבן מיין זיידן געמאַכט פאַר אויס־פּאַדריאַטשיק, ווי אַזוי זיי האָבן אָנגעטאָן די קליינע מונדירן אויף הויכע סאָלדאַטן און די גרויסע אויף קליינע און דאַרע סאָלדאַטן און זיי האָבן צוליב בייזוויליקער מאַניפאָרגע, געטריבן מיין זיידן אין דער ערד; איך האָב געזען, אַז פּונקט אַזוי האָט מען דאָ פאַר מיר צוגעגרייט אַ פּאַסטקע, כדי צו שעדיקן מיין פּרעסטיזש.

האָב איך טאַקע פּראָטעסטירט און געוואָלט באַלד צוריקפאָרן קיין אָדעס, נאָר דאָ זיינען קאָנאַפּאָוו און יונגוויץ געקומען צו לויפן און אָנגע־הויבן מיך איבעריידן, אַז עס איז נאָר אַ צופאַל, קלאַרא יאַנג האָט פאַר איר ערשטער פּיעסע באַדאַרפט די מענטשן און איך זאָל נאָר זיין רואיק, צו דער צווייטער פּיעסע וועל איך שוין האָבן אַלע וואָס איך וויל.

פון די אַלע וואָס איך האָב געוואָלט האָבן מיט זיך, זיינען געווען בלויז די לאַכמאַנס און די פּיבעך. דער דירעזשאָר איז געווען זאַלים. איך האָב נישט געהאַט קיין בוף־קאָמיקער און די ראָלן האָבן אַזוי אויסגעזען, ווי טאַקע נאָר מיין זיידנס מונדירן וואָס זיינען בייזוויליק שלעכט פאַר־טיילט געוואָרן און צו דעם צו, איז נאָך דאָרט געווען אַ רעצענזענט, איי־נער וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן „סאָלנצאַ" (זון) וואָס איז געווען קלאַרא יאַנגס אַ „געשוואוירענער" פריינט און אויב עס איז טאַקע געווען — ווי איך בין זיכער — אַ צוגעגרייטע פּאַסטקע, האָט עס זיך די צוגריי־

טער גוט איינגעגעבן און איך בין אַריינגעפאַלן.

איך בין אויפגעטראָטן אין „מלכהלע סאָלדאַט". מיט דער פיעסע האָב איך אַלעמאָל געהאַט שטורמישע דערפאָלגן, אָבער דאַסמאָל, האָט עס נישט געקאָנט אַרויס אַזוי גוט, צוליב די דערמאָנטע סבות וואָס עס האָבן געפעלט די פּאַסיקע ראַליסטן און דער „סאָלנצא" איז אַרויס אַפּצומאַרגנס מיט אַזאַ באַליידיקנדיקע רעצענזיע, אַז איך האָב געפילט, אַז עס רייסט זיך אין מיר אָפּ דאָס האַרץ.

ער האָט נישט אָנגעוויזן וועך עס האָט נישט געטויגט, נאָר ער האָט אַלעמען גלייך אַראָפּגעריסן און געמאַכט פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג אַש און פּאָראָך און פאַרשטייט זיך, אַז אַפּצומאָרגנס האָב איך שוין נישט געוואָלט שפּילן, איך האָב געוויינט און זיך געביסן די פינגער כדי צו פאַרטויבן מיין אינערלעכן ווייטיק.

יונגוויץ איז געקומען מיך טרייסטן און איך האָב געפילט, אַז אַט דער ערלעכער מענטש, האָט באמת גרויס צער פון דעם געשעעניש און איך בין געווען זיכער, אַז ער איז נישט מיט-שולדיק. ווען יונגוויץ האָט גע-זען אַז איך נעם נישט אָן זיינע טרייסט ווערטער, איז ער באַלד נאָכאַמאָל געקומען מיטן רעדאַקטאָר קאַץ, אין וועמענס צייטונג דער „סאָלנצא" האָט פאַרעפנטלעכט די בייזוויליקע רעצענזיע. דער רעדאַקטאָר האָט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט, ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען מיך נישט פון היינט און ער איז אַלעמאָל מיין פאַרערער און אַז ער וועט זיין יונגן מיטאַרבעטער נישט פאַרשוויגן זיין נאַרישן אַרויסטריט קעגן אַן אַק-טריסע, וואָס האָט טויזנט מאָל מער אָנזען ווי ער.

די צווייטע נאַכט איז אויפגעטראָטן פעפי ליטמאַן און אויך זי האָט דער זעלבער „סאָלנצא" אַראָפּגעריסן אויף אַ מוראדיקן אופן און דאָס האָט שוין דערפירט צו אַ סקאַנדאַל, ווייל עס האָט זיך שוין בולט אַרויסגעוויזן, אַז מען וויל שעדיקן דעם נאָמען פון דעם טעאַטער וואָס גייט אונטער מיין מאַרקע און דערווייל איז מיר אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון אדעס, ראַ-פּעל האָט שוין געלייענט די רעצענזיע און ער פאָדערט מיך אויף, איך זאָל שוין קומען.

איך וואָלט אפשר אויסגעפאָלגט ראַפּעלס באַפעל, אָבער דאָס איז פּאַקטיש געווען מיין ערשטער אַרויספאָר אָן ראַפּעלן, צו אַן אַנדער אונ-טערנעמער, און עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט צוריקומען ווי אַן אָפּ-געשמיסענע.

האָב איך זיך געלאָזן צוריידן פון קאָנאַפּאָוון און יונגוויצן, די רעצענזיע פון „סאָלנצא" האָט אַלציינס אַרויסגערופן אַ סקאַנדאַל אין שרייבער-קרייזן וואו מען האָט מיך געקענט און געהאַלטן פון מיר אַלס קינסטלערן,

און „סאַלנצא״ איז אַלס שטראָף אָפּגעשטעלט געוואָרן פון זיין אַרבעט אַלס רעצענזענט אַף אַ געוויסער צייט און יונגוויץ האָט מיר באַלד צוגעגעבן מיכל קליין, גאַרטעלעוויטשן און קאַנאַפּאָוון און די פּיעסע איז שוין גאַנץ אַנדערש אַרויסגעקומען און באַלד האָב איך געשטעלט „דאָס יונגע ווייבל״, דער דערפאָלג איז געווען גאָר גרויס, עס זיינען געקומען אַ סך שרייבער, צווישן זיי דער טונקעלער, אַלע האָבן מיך געלויבט און איך האָב אָנגעהויבן פילן סאַטיספאַקציע, וואָס איך דאַרף פאַרט נישט צוריקפאָרן קיין אדעס אָן אַדורכגעפאַלענע.

דערווייל איז פאַרגעקומען עפּעס אַנדערש.

פעפי ליטמאַן און אירע וואולגאַריזמען

פעפי ליטמאַן איז געווען באַרימט מיט איר ספּעציעלן זשאַנר אַלס קאַפּאַטקע־אַקטריסע און אירע חזנישע שטיקלעך האָבן געצויגן אַ גרויסן עולם; אָבער זי פלעגט אַזוי שטאַרק אונטערשטרייכן די „סעקס־אַפּילן״, אַז פאַר דעם פיין־שמעקער האָט עס געמוזט ווירקן ווי רויע וואולגאַריטעט.

נאָך אין אדעס האָב איך געהערט ווי דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים, האָט זיך אַמאָל ביי אונז אין טעאַטער אויסגעדריקט: — אַזוי שיין און מיט אַזויפיל חן ווי זי זינגט אַ לידל, צו וואָס טויג איר, זי זאָל אויסשמירן דאָס שיינע וואָס זי פאַרמאָגט מיט אַזויפיל בלאָטע?...

און כאָטש פעפי ליטמאַן האָט שוין איינמאָל באַוויזן איר זשאַנר אין קיעוו, און קיינמאָל האָט מען זי נישט אַראָפּגעריסן, האָט זיך פּלוצלינג דאָסמאָל אויפגעהויבן אַ שטורם פון פּראָטעסטן קעגן אירע וואולגאַריזמען און אַזוי ווי דאָס טעאַטער איז געגאַנגען אַף מיין נאָמען, האָט מען אויך צו מיר געהאַט טענות פאַרוואָס איך דערלאָז אַזוינס.

אַזוי ווי פעפי ליטמאַן האָט נאָך בלויז געהאַט פופצן טעג צום פאַרענדיקן איר אָפּמאַך, און מורא האָבנדיק, אַז איך וועל צוליב די אַרויסטריטן וועלן צוריקפאָרן קיין אדעס, האָט יונגוויץ מיר פאַרגעלייגט פופצן טעג אורלויב, איך זאָל פאָרן אין דעם נאָענטן קור־אָרט פון קיעוו, קיין „פּושטשא וואָדיצא״ און מען וועט מיר אַלצאיינס אויסצאָלן די גאַזשע.

האָב איך טאַקע אין פּושטשא וואָדיצא (וואו דער צאַר האָט געפלעגט קומען אַף יאַגד) אויסגעצייכנט פאַרבראַכט, איך האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט רייכע אידישע פאַמיליעס וואָס האָבן מיך געקענט פון יעקאַטערינאָסלאַוו און פון אַנדערע שטעט און מען האָט מיר פון אַלע זייטן אַרויסגעוויזן אַזויפיל פאַרערונג, אַז איך האָב שנעל פאַרגעסן מיין עגמת נפש צוליב דעם „סאַלנצאס״ בייזוויליקע רעצענזיעס.

און נאָך מער סטיספּאַקציע האָב איך געהאַט, ווען איך בין נאָך פּעפּי־ליטמאַנס פּאַרענדיקן צוריקגעקומען קיין קיעוו און אויפגעטראַטן אין דער פּיעסע „וואָס מענער ליבן" און עס איז געווען אַזאַ שטורמישער דערפאָלג, אַז דאָס טעאַטער האָט זיך ממש געהויבן פון פריידּ און נאָך דער פאָר־שטעלונג, באַקום איך אַ גרויסן בוקעט בלומען מיט אַ וויזיט־קאַרטע: — „סאָלנצא" און אַ ווײַלע שפּעטער יאַווועט זיך אַ יונגערמאַן, ער וויל מיט מיר ריידן צוויי ווערטער.

צוערשט האָב איך אים אפילו נישט געוואָלט צולאָזן, אָבער ווען מען האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס איז נישט „סאָלנצא", האָב איך אים אויפ־גענומען און ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס סאָלנצאס אַ נאָנטער פריינט און אַז ער קומט אין סאָלנצאס נאָמען זיך אַנטשולדיקן פאַר דעם עגמת־נפש וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט און אַז ער וויים אַליין נישט ווי אַזוי עס איז געשען און ער איז גרייט אָנצונעמען די גרעסטע שטראָף, אַבי די קינסטלערן זינאַידא ראַפּעל, זאָל אים מוחל זיין.

גוט איז מיר געווען אפן געמיט און איך האָב געשמייכלט און מוחל געווען די אינגלשע נאַרישקייט וואָס דער שרייבער איז באַגאַנגען.

עליא באַרו באַזעצט זיך אין קיעוו

דערווייל האָט שוין קלאַרא יאַנג פאַרענדיקט איר באַשטימטן סעזאָן אין קיעוו. מיך האָבן די דירעקטאָרן נישט געלאָזן אוועק און איך בין געבליבן אין קיעוו בראש פון איינציקן טעאַטער, וואָס האָט אַקטואירט מיט גרוים דערפאָלג. אין איינעם אַ אָוונט, איך באַקום אַף דער בינע אַ ריזן־בוקעט מיט אַ וויזיט־קאַרטע — עליא באַרו.

איך האָב זיך געפרייט ווידער צו באַגעגענען דעם ברייט־האַרציקן וואוילן מענטש און נאָך מער האָב איך זיך געפרייט, דערהערנדיק פון אים, אַז ער איז געקומען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער באַזעצן זיך אין קיעוו.

איך האָב זיי איינגעלאַדן אין מיין שיינער האָטעל־וואוינונג אַף טיי, זיי זיינען געקומען און די פרוי האָט אַף מיר געמאַכט פונקט אַזאַ האַרציקן ליבן איינדרוק ווי דער מאַן. זי האָט גערעדט אַ פיינעם זשיטאָמירער אידיש, גערעדט אָפנהאַרציק און פריי:

— און אַט זיינען מיר אין דער היים פון אונזער ליב־האַרציקער קינסטלערן!... האָט באַרו געזאָגט צו זיין פרוי און עס האָבן זיך פון זיי־נע ווערטער אַרויסגעפילט די פרייד און דער שטאָלץ, וואָס ער און זיין פרוי האָבן זוכה געווען צו דעם, וואָס נישט יעדער טעאַטער באַזוכער קאָן זוכה זיין.

פון דאַן אָן, האָב איך זייער אָפּט פאַרבראַכט אין געזעלשאַפט פון דער פאַמיליע בארו, זיי זיינען געקומען צו מיר און איך אין באַגלייטונג פון מיין ליבער הברטע די מעדוויעדעווא, בין געגאַנגען צו זיי און מיר האָבן געמאַכט צוזאַמען שיינע אויספלוגן; די מעדוויעדעווא האָט אַזש געוויינט פון גליק, וואָס איך בין זי מקרב און מאַך, אַז זי זאָל קענען פאַרברענגען אַזוי גוט צוזאַמען מיט מיר.

פון אדעם האָב איך גאַנץ אָפּט באַקומען בריוו. די קינדער האָבן מיר געשריבן, מאַלווינע האָט געמונטערט די קלענערע שוועסטערלעך זיי זאָלן צושרייבן גרוסן און איך בין געווען רואיק וועגן זייער געזונט; אָבער פון ראַפּעלן האָב איך וואָס ווייטער כמעט מער נישט באַקומען קיין שרייבן.

ראַפּעל האָט געמוזט זייער א סך ליידן; איך ווייס נישט, צי האָט זיין געזונט געליטן צוליב דעם, וואָס ער האָט שוין נישט באַוויזן אָנצופירן אַזעלכע גרויסע טעאַטער-געשעפטן, צי האָט ער נישט באַוויזן אָנצופירן אָדער אונטערנעמען אַזעלכע טעאַטער געשעפטן צוליב זיין שלעכטערן געזונט-צושטאַנד.

ווי עס זאָל נישט זיין, איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז זיין נישט-שרייבן צו מיר, שמעקט מיט אַביסל איפערזוכט; איך קאָן נישט זאָגן אָף זיכער, צי די אייפערזוכט איז געווען צוליב צוויפל אין מיין געטריישאַפט צו אים, גיכער בין איך גענייגט צו גלויבן, אַז דאָס איז בלויז געווען קינסט-לערישע אייפערזוכט; עס האָט אים אינערלעך געמוזט ווי טאָן, וואָס בעת מיין נאָמען וואַקסט נאָך אַלץ אַף אַרויף, איך פיגוריר בראש פון א טרופּע און מען וויל מיך אַנגאַזשירן אין פאַרשידענע שטעט, בעת ער זיצט אין אדעם מיט פאַרלייגטע הענט, פירט אָן מיט א נישט סטאַביל טעאַטער, וואָס אָט איז עס עפּעס און אָט גאָרנישט...

איינמאָל, בעת פראָבע אין טעאַטער, דערזע איך פון בינע ווי א מענטש דערנענטערט זיך אין דער טונקלקייט פון סאַלאָן, דער מענטש איז געווען לייזער ראַפּעל.

ער איז געקומען פלוצלינג און עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז זיין קומען איז געווען, כדי א קוק צו טאָן ווי אַזוי איך לעב דאָ עפּעס אָן אים.

ראַפּעל האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיין שוועסטער פאַני איז שוין לאַנג צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע צו איר מאַן און אַז די צייט ווערט דאָ בסדר ערגער, און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז אין אַרגענטינע בויט זיך א שיינער אידישער ישוב, אידיש טעאַטער „עסט מען דאָרט מיט ברויט", האַלט ער, אַז עס וואָלט געווען דאָס בעסטע אַריבערצופאָרן און בויען זיך דאָרט א נייע נעסט.

איך האָב זיך אָבער געהאַט אָנגעהערט אַזויפיל אויסטערלישע מעשות

ווענן אַרגענטינע, אַז איך האָב אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן פאָרן אַהין און דערוויל האָב איך באַקומען א סך פאָרשלאָגן פון אונטערנעמער און געגפערם פאָרשלאָג פון יעקאַטערינאָסלאַוו איז מיר אמבעסטן געפעלן, האָב איך געבעטן ראַפעלן אַז ער זאָל פאַר מיר פאַרהאַנדלען, און ער האָט אָפּגעמאַכט, אַז איך פאָר צוזאַמען מיט אים צו די גענפערם.:

מיין געזעגן-אָוונט און אָפּפאָר פון קיעוו

פאַר אונזער אָפּפאָרן פון קיעוו, האָט ראַפעל גענומען גרייטן מיין געזעגן-אָוונט.

שוין אַ וואָך פאַרן אָוונט, זיינען די בילעטן כמעט געווען אויספאַר־קויפט און דער אָוונט איז געווען אַ גרויסער יום-טוב פאַר מיר, און ממש אַ מאַניפעסטאַציע פאַרן אידישן טעאַטער-וועזן.

ווידער איז די בינע פול געווען מיט בלומען און דער פריינט באַרו, האָט מיך באַשאַנקען מיט אַ פּרעכטיקן שנור פערל און אפצומאַרגנס, ווען ער איז געקומען מיט דער פרוי זיך געזעגענען, האָט די פרוי געטראָגן אָף איר האַלז אַזאַ זעלבן פערל-שנור און מיט אַ האַרציקן שמייכל האָט זי מיר געדאַנקט און געזאָגט: — אַ דאַנק אייך, זינאידא ראַפעל, האָב איך באַקומען דעם פערל-שנור...

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען; אויך מיט די איבעריקע פריינט האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט, די מעדוויעדעווא האָט זיך גאַרנישט געקאָנט פון מיר אָפּרייסן און די לאַכמאַנס זיינען געקומען צו דער באַן און לאַכמאַן האָט געזאָגט: — איר ווייסט דאָך יאָ, אַז איך מוז אַקטואירן דאָ וואו איר אַקטואירט, וועלן מיר זיכער ווידער באַלד צוזאַמען שפּילן... מיר האָבן זיך געזעגנט און קיינער פון אונז האָט נישט געטראַכט, אַז עס וועלן דאַרפן איבערגיין שיינע עטלעכע יאָר, ביז מיר וועלן זיך ווידערזען און נישט ביי אַזעלכע גוטע אומשטענדן, ערשט אין דער ווייטער אַרגענטינע.

מיין קינסטלערישע און מאַטעריעלע סאַטיספאַקציע איז געווען זייער גרויס. איך האָב אָנגעהויבן אין קיעוו מיט אַ סך געוויין און פאַרענדיקט מיט א סך פרייד.

מיר לאָזן זיך אפן וועג קיין וואַרשע

אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָבן מיר אַקטואירט אונטער גענפערם די־רעקציע, באַ די צוויי חדשים.

איך האָב דאָרט געהאַט אַ גרויסן אַנסאַמבל. אין טרופּע האָבן זיך באַטייליקט די סטרעלסקאַיאַ, זאַנגער, מנחם רובין און אַ סך באַקאַנטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס פון מיינע פריינט. די סטרעלסקאַיאַ האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. זי האָט דאָך מיך נאָך געקענט פון מיין יונגס-טער יוגנט, ווען זי איז אַרומגעפאָרן אַלס מיטבאַטייליקטע אין מיינע עלטערנס טרופּע, אויף די פיינלעכע וואַנדער-וועגן; זי האָט זיך צו מיר אַזוי צוגעקלעפּט, אַז איך האָב געפילט אין איר די וואַרימקייט פון אַ געטרייער מוטער.

מיין אַקטואַציע אין יעקאַטערינאָסלאַוו איז געווען אַ גרויסער דער-פאָלג, די אידישע טעאַטער-באַזוכער האָבן מיך געקענט און זייער ליב געהאַט און זיי האָבן מיך באַשאָנקען מיט בלומען און מתנות, אָבער ווידער איז די צייט געוואָרן דראַענדיק, אין די נעכט האָבן זיך געהערט פון ערגיץ-וואו מוראדיקע אויפרייסן, שיסערייען זיינען געווען אָפטע דערשיינונגען און מען האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז די קאַמפן דערנענטערן זיך, פון אדעס זיינען געקומען ידיעות, אַז מישקע יאַפּאָנטשיקס חברה פון דער מאָלדאַוואַנקע האָבן דערהאַרגעט אַ דייטשן גענעראַל און עט-לעכע אָפיצירן, עס האָבן זיך פאַרמערט די צוזאַמענשטויסן צווישן לינקע און רעכטע און אָן קרבנות האָט זיך אַזאַ צוזאַמענשטויס נישט געענדיקט; איך האָב זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַרן גורל פון מיינע קינדער וואָס זיינען געבליבן אין אדעס און מיר האָבן שנעל גענומען פאַרפּאַקן אונזערע זאַכן און אַהיימגעפאָרן קיין אדעס.

די לופט אין אדעס איז שוין געווען אָנגעפילט מיט שוועבל און עס האָט זיך געפילט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט דאָס אויפרייסן און מאַכן אַ תל פון דער שטאָט. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו אַ ווייטערער נסיעה, מיר האָבן באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין וואַרשע, אין דער היים-שטאָט פון מיין מאַן לייזער ראַפאַל.

צו אונז האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך אַקטיאָרן מיט זייערע פאַמיליעס, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קיין וואַרשע; דאָס זיינען געווען קייזעראָוויטש מיט זיין פרוי, שטאָקפעדער מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, ליפּינסקי מיט זיין פרוי (סקולניקס שוועסטער) און אַזוי זיינען מיר, איך, ראַפאַל און אונזערע פיר קינדער אַרויסגעפאָרן פון אדעס אפן וועג דורך רומעניען איבער גאַליציען קיין וואַרשע.

מיינע קינדער זיינען זיך געהאַט צעוואַקסן ווי שיינע בלומען; מאַל-ווינאַ איז שוין געווען אַ היבשע פריילין און בהורים האָבן זיך שוין אָנגע-הויבן שאַרן צו איר; זי האָט שוין פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען דאַרף זיך אומגיין מיט זיי, אַז זיי זאָלן נישט ווערן צו פרעך און צילי האָט געהאַט

אַ ברענענדיקן בליק פון אַ ציגיינערן און אסתר מיט אַנדזשעלען האָבן זיך נאָך געהאַלטן און טאַקע געווען גענוג קינדיש, אָבער אסתר איז געוואַקסן צוזאַמען מיט איר געפיל פון זעלבסטשטענדיקייט און זי האָט דוקא גע־וואָלט, אַז די עלטערע שוועסטער זאָלן זי פאָלגן...

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון אדעס מיט אַ היבשן פאַרמעגן, אַ חוץ געלט אין דאָלאַרן, רובל און גאַנצע פעק מיט קערענסקים באַנקנאָטן, האָבן מיר געהאַט אַ היבש זעקל מיט טייערע צירונג, דאָס זעקל צירונג האָב איך געטראָגן אָנגעהאַנגען אַפן האַלז און פאַרשטעקט אין בוזעם און מיר האָבן געהאַט טייערע קליידער, זילבערן עס־צייג, בקיצור — אַ היבש פאַרמעגן אין געלט און ווערט זאַכן.

אַפן וועג צו דער רומענישער גרעניץ, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין טערעספּאָל וואו מיר האָבן געשפּילט עטלעכע פאָרשטעלונגען, די פּרופע איז געווען אַ קליינע און מיר האָבן באַדאַרפט אַ דינסט־מיידל אַף דער בינע, האָט צילי גענומען די ראָל און זי האָט מיט איר ערשטן אויפ־טריט געמאַכט אַ גרויסן פוראָר, כאָטש מען האָט געלאַכט פון איר שלעכ־טער אידישער אויסשפּראַך.

נאָך טערעספּאָל, זיינען מיר בשלום אַריבער די גרעניץ קיין רומעניע; אין טשערנאָוויץ האָט ראַפּעל באַזוכט רחל אקסלראד און הערנדיק, אַז איך בין אויך דאָ און מיט די קינדער, איז זי באַלד געקומען צו דער באַן מיט אַ גרויסן קויש אָנגעפּאַקט מיט כל־טוב, זי האָט מיך געקושט און געוויינט און באַוואונדערט ווי שיין איך בין אויסגעוואַקסן און ווי שיין עס זיינען מיינע קינדער און זי האָט דערמאַנט די טרויעריקע לאַגע פון אַמאָל, ווען מיינע עלטערן זיינען געווען אין טשערנאָוויץ ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד...

רחלע אקסלראד איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון מיר, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן און זי איז מיט אונז מיטגעפאָרן צוויי סטאַנ־ציעס, ביז ענדלעך האָט זי זיך מיט אונז האַרציק און מוטערלעך צעקושט, זי איז אַראָפּ פון באַן און מיר זיינען געפאָרן ווייטער.

פון רומעניע זיינען מיר אַריבער די פּוילישע גרעניץ קיין גאַליציע און דורך לעמבערג, זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען קיין וואַרשע.

ראַפּעל דערקענט נישט זיין וואַרשע

קומענדיק קיין וואַרשע, זיינען מיר פאַרפאָרן אין אַ רייכן האָטעל. אַ חוץ קייזעראָוויטשן מיט זיין פרוי וועלכע זיינען פאַרפאָרן צו זייערע קרובים, האָט ראַפּעל מיטגענומען די איבעריקע אַקטיאָרן וואָס זיינען

מיט אונז געפֿאָרן, צו זיך אין האָטעל און ער איז אַרויס אין די גאַסן פֿון זיין וואַרשע, זען וואָס פֿון זיין שטאָט איז געוואָרן אין מעשעך פֿון דער מלחמה.

און ער האָט זיין וואַרשע שוין אויך נישט דערקענט.

זיין מוטער איז שוין לאַנג געווען טויט, פֿון זיין גאַנצער פֿאַמיליע איז דאָרט בלויז פֿאַרבליבן איין ברודער, אבא ראַפּעל, אַ פֿאַבריקאַנט פֿון הענטשקעס און עפּעס זיינען די אַקטיאָרן געווען גאַנץ אַנדערע, נייע, און ווען ער איז אַהיימגעקומען, איז ער געווען אין שלעכטן הומאָר; ער איז געווען טרויעריק און בייז און ענדלעך האָט ער אַרויסגעזאָגט וואָס אים טוט וויי; ער האָט עס פֿאַרגליכן מיט אַ זאַץ פֿון דער תורה, וואו עס שרייבט זיך, אַז עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ נייער מלך, וואָס האָט זיך געמאַכט, אַז ער קען נישט יוספֿן... ער האָט זיך פֿאַרגליכן צו יוספֿן, וואָס האָט אין וואַרשע געשאַפֿן אַזויפֿיל שפּע פֿאַר אידישע אַקטיאָרן און היינט זיינען דאָ נייע, יונגע און זיי מאַכן זיך, אַז זיי קענען אים נישט...

איך האָב ראַפּעלן פֿאַרשטאַנען און מיטגעפֿילט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ראַפּעל האָט געוואָרט, אַז זיין אָנקומען וועט זיין אַ סענסאַציע, אַז אַקטיאָרן וועלן באַלד קומען צו לויפֿן און אים בעטן, אַז ער זאָל עפּעס אונטערנעמען, אַז ער זאָל ווערן דירעקטאָר און זאָל באַנייען זיין טעטיקייט אַזוי ווי אַמאָל, אין טעאַטער „עליזעאום” און ער וואָלט זיך זיכער טאַקע גענומען צו דער אַרבעט, אָבער עס האָט אויסגעזען ווי קיינער וואָלט דאָ נישט געוואָרט אויף אים...

און עס קאָן זיין, אַז נאָך מער האָט אים געקרענקט דער פֿאַקט, וואָס אָן מיר האָבן אַקטיאָרן נישט פֿאַרגעסן, עס זיינען צו מיר געקומען אונטערנעמער און אַקטיאָרן און מען האָט מיר פֿאָרגעלייגט קאָנטראַקטן איך זאָל אויפֿטרעטן בראש פֿון אַ טרופּע און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז איך בין געוואָרן אַלץ און ער גאָרנישט.

אין וואַרשע האָבן דעמלט געשפּילט דריי טעאַטערס.

אויף קאַראָווא האָט געשפּילט די „ווילנער טרופּע”; אויף אָבאָזשנע — קאַמינסקים טעאַטער און אויף לעשנאָ, דער „צענטראַל” אונטער דער דירעקציע פֿון צעלמייסטער.

מיין אָנקומען קיין וואַרשע האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג און באַלד האָב איך באַקומען אַ פֿאָרשלאַג אויך פֿון קאָמפּאַניִיעצן אין לאָדזש, אָבער איך האָב באַזוכט דעם טעאַטער צענטראַל און געזען שפּילן אַן אייראָפּעאישע אָפּערעטע און עס איז מיר געפֿעלן, האָב איך אָנגעהויבן פֿאַרהאַנדלען מיט צעלמייסטערן און כדי ראַפּעלן אַרויסצוהויבן פֿון זיין אַפּאַ-

טיע, האָב איך געפּועלט, אַז צעלמייסטער זאָל ראַפּעלן צונעמען אַלס שותּף צו דער דירעקציע.

ווייזט אויס, אַז די שווערע מלחמה־יאָרן האָבן פּאַרט נישט באַוויזן צו מאַכן פאַרגעסן מיין נאָמען, ווייל ווי נאָר מיין אויפטריט אין „כאַנטשע״ איז אַנאָנסירט געוואָרן, האָבן זיך די בילעטן שנעל אויספאַרקויפט און צום דעבוט איז געווען אַזאַ געדרענג באַם טעאַטער, אַז מען האָט געמוזט רופן פּאָליציי, וואָס זאָל צעטרייבן דעם עולם און האַלטן אָרדענונג.

דייטשקעס וואָס האָבן געשפּילט אידיש טעאַטער

אין וואַרשע זיינען נאָך געהאַט געבליבן פון מלחמה־צייט אַ היבשע צאָל דייטשע אַקטריסעס. צעלמייסטער האָט זיי געהאַט אַנגאַזשירט פאַר די אייראָפּעאישע אָפּערעטן און מיר איז געווען זייער פּריקרע זייער שלעכטער דייטש, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז עס איז שוין אידיש און זיי, די דייטשקעס, האָבן ווידער אינדערשטיל געחוזקט פון מיין אידיש און איך האָב געפילט, אַז איך וועל מיט זיי לאַנג נישט אויסהאַלטן.

זיכער האָבן זיי אויך דאָסזעלבע געפילט, ווייל איינמאָל, האָט איינע פון זיי, מיצי אָפּי, אַ פרעג געטאָן ביי ראַפּעלן: — ווען פאָרן זי שאָן וועק? און דאָס האָט ראַפּעלן אַזוי פאַרדראָסן, אַז ער האָט באַשלאָסן זי „אַרויס־צורויכערן״ פון טעאַטער און טראָץ די באַציאונגען וואָס די מיצי אָפּי האָט געהאַט מיט וויכטיקע טעאַטער־מענטשן, האָבן מיינע גוטע גע־שעפטן געווירקט און ראַפּעל האָט באַוויזן, אַז די דייטשקעס זיינען אָפּ־געזאָגט געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן אין צענטראַל טעאַטער שפּילן אמת אידיש טעאַטער.

אָבער ראַפּעל, אפילו שוין אַלס מיט־דירעקטאָר פון טעאַטער, איז נישט מער געווען דערזעלבער דינאַמישער און ענערגישער אונטערנעמער ווי אַמאָל.

אינדערזעלבער צייט ווען איך האָב אין זיך אָנגעהויבן פילן טויזנט לעבנס און נאָך די שווערע טעג אין אדעס, ווען עס האָט אויסגעפעלט ברויט צו דער זעט, כאָטש קערענסקים געלט האָט זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, האָב איך אין וואַרשע זיך געפילט זייער גוט און איך בין יעדן טאָג געגאַנגען מיט חברטעס אַקטריסעס אין פאַרשידענע קאָנפיטעריעס און זיך געלאָזן וואוילגיין מיט די אַלע פיינע זאַכן וואָס מען האָט באַקומען וויפיל דאָס האַרץ האָט געגלוסט, איז ראַפּעל דעמלט געווען מרה־שחורה־דיק און בייז און ער האָט געהאַלטן, אַז וואַרשע האָט היינט חוצפּהדיקע אַקטיאָרן וואָס ווילן אים נישט קענען.

און אפשר האָט שוין אין אים געגאָגט אַ קראַנקהייט וואָס האָט אים געמאַכט אַזוי? איך האָב געפילט, אַז ער אייפערט און עס ערגערט אים מיין פרייליכקייט און עס ערגערט אים מיין דערפאָלג, איך האָב אים מיטגעפילט און געהאַט אַ סך צער פון זיין צער, אָבער וואָס האָבן איך געקאָנט העלפן מער, ווי אויסריידן אים און אים צום הונדערטסטן מאָל פאַרזיכערן מיין ליבשאַפט און רעספעקט צו אים?

אין טרופּע האָבן דעמלט אַקטואירט מיכאַלעסקאַ, קאַראַז, סאַמבערג מיט דער גאָטליב און אַנדערע און ראַפּעל האָט נאָר געוואַרט, אַז עמיץ זאָל אים זאָגן — טו עפּעס פאַר אונז; אָבער די צייט איז געווען אַן אַנ־דערע, די אַקטיאָרן האָבן זיך געהאַלטן גדולדיק, זיי האָבן נישט געוואָלט זעיזן, אַז זיי לעבן אין זכות פון עמיצנס אויפטוען.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפּרואווט צו פאַרמעסטן אַף אַ גרויסן אויפטו.

דער סאַלאָן וואו עס איז שפּעטער געווען דער טעאַטער „סקאַלאַ“, איז געשטאַנען צום פאַרקויפן און ער האָט אים געוואָלט קויפן.

מען האָט פאַרלאַנגט 86 טויזנט מאַרק און ער האָט שוין געוואָלט געבן אַכציק און ער איז געקומען מיך פרעגן, האָב איך אים געזאָגט, אַז אויב עס איז ווערט אַכציק טויזנט, מעג ער געבן נאָך פינף טויזנט. האָט ער מיך געפאָלגט און ער איז שוין געגאַנגען מיט אַ היבשן האַנט־געלט כדי צו קויפן.

טרעפט ער זיך אַפן וועג מיט אַבעלמאַנען און אַבעלמאַן רעדט אים אָפּ, אַז ער זאָל עס נישט קויפן, אַז עס איז נישט ווערט און ראַפּעל האָט זיך געלאָזן צוריידן און באַלד אַפּצומאָרגנס האָט זיך ראַפּעל דערוואוסט, אַז דער סאַלאָן איז פאַרקויפט געוואָרן מיט אַ היבשן פּרייז טייערער און דער דורכפאַל האָט אים אַזוי געערגערט, אַז ער האָט געמוזט ליגן עט־לעכע טעג צו בעט.

ראַפּעל זעט איין דורכפאַל נאָכן צווייטן

עס איז געווען זייער טרויעריק צוצוזען, ווי אַזוי עס האָט בײַ דעם ענערגישן מענטש אָנגעהויבן גיין אַלץ מיט דער פוטער אַראָפּ און ווי ער האָט זיך כסדר אַליין געגריזשעט, אנשטאַט אָנצוטאָן זיך אַ כח אַרויס־צוהויבן פון דער פּאַטאַליטעט.

נאָכן דורכפאַל מיטן נישט קויפן דעם סאַלאָן, האָט די וואַליוטע אָנגע־הויבן פאַלן דאָס האָט אים געמאַכט זייער נערוועז, אַזוי, אַז איינמאָל, האָט ער געפּאָדערט, איך זאָל אים אַרויסגעבן פון מיין צירונג־זעקעלע

אַ גרויסן רינג מיט דריי בריליאַנטן; איך הויב אָן זוכן דעם רינג אין זע־סעלע און קאָן אים אפן מאָמענט צווישן די אַנדערע זאַכן נישט געפינען און איך זע שוין ווי ראַפּעל ווערט ווייס ווי קאַלך און ער ציטערט אינ־גאַנצן און ער הערט נישט אויף צו פרעגן — וואו איז דער רינג? עס איז מיר שלעכט, דער רינג איז נישטאָ!... איך זוך אים צו באַרואיקן, אָבער ער הערט אפילו נישט און שרייט אַלץ, אַז דער רינג איז נישטאָ. כאַפּ איך דאָס זעקל און שיט עס אויס און צווישן די פילע זאַכן איז אויך דאָ דער רינג.

ראַפּעל האָט זיך דערפרייט, אָבער דאָס געזעונט וואָס ער האָט פאַר־לוירן צוליב זיין נערוועזער שרעק, איז שוין געווען פאַרפאַלן.

דערווייל האָבן זיך אַקטיאָרן אָנגעהויבן בונטעווען, זיי האָבן גע־שטעלט נייע באַדינגונגען און ראַפּעל, ווען ער האָט נישט דעם פּאַראור־טייל, אַז זיי זיינען אים פוגע בכבוד, וואָלט אודאי געהייסן נאָכגעבן; אָבער אין זיין קרענקלעך־קאַפּריזנעם צושטאַנד, האָט ער זיך איינגעעק־שנט און געזאָגט, אַז ער וויל מיט די „חוצפהניקעס" נישט האָבן צו טאָן און מיר זיינען אַרויס פון טעאַטער.

ראַפּעל איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פול האַרץ מיט צער און גריזאָטעס, ביז ער איז קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן דאָקטאָרן; ער האָט זיך דוקא נישט לייכט אונטערגעגעבן; מיך האָט ער דערווייל געלאָזן אַנ־גאַזשירן קיין לאָדזש צו קאָמפּאַניעיעצן, איך האָב אין לאָדזש אויך גע־האַט אַ ריזן־דערפאָלג און ווייזט אויס, אַז ראַפּעל האָט ווידער אָנגעהויבן פילן אייפער, האָט ער מיך צוריקגערופן פון לאָדזש, וואו מאַלווינא האָט שוין געשפּילט מיט מיר צוזאַמען און זיך זייער פיין אויסגעצייכנט און ראַפּעל האָט אָנגענומען אַ פאָרשלאָג פון גאַליציאַנער דירעקטאָר הארט, צו קומען גאַסטראָלירן קיין דראָהאָביטש.

ראַפּעל איז מיט אונז (מיט מיר און מיט מאַלווינען) געפאָרן קיין דראָהאָביטש.

אין דראָהאָביטש, האָט זיך ראַפּעל געכאַפּט, אַז ער האָט זיך איינגאַנצן אָפּגענאַרט מיט זיין אָפּמאַך. די דערפאָלגן זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז אין איין אָוונט האָט הארט געהאַט הכנסה מער וויפיל ער האָט אונז געדאַרפט צאָלן פאַר אַ חודש אין דאָס האָט ראַפּעלן נאָך מער גע־קרענקט און ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן פאַרלירן דעם גלויבן אין זיך, אַז ער קאָן נאָך עפּעס אויפטאָן.

פון דראָהאָביטש, האָט אונז הארט אויך אַריבערגעפירט קיין באָריס־לאַוו אָף אַ פאָרשטעלונג, עס איז נאָר געווען אַ פופצן מינוט רייזע און איינמאָל, האָט ראַפּעל פאַרגעסן אין האָטעל פון באָריסלאַוו אונטערן קי־

שן זיין טייסטער מיט געלט און א גאָלדענעם פּאָרט-ציגאַר אויסגעזעצט מיט שטיינער.

ווען ער האָט זיך געכאַפּט אין דראָהאָביטש וואָס מיט אים איז געשען, איז ער געפאַלן אין חלשות און מען האָט אים קוים אָפּגעמונטערט.

מיר האָבן אים געהייסן צוריקפאָרן קיין בּאָריסלאַוו און ער האָט געשריגן, אַז עס איז שוין אומזיסט דאָס פאָרן, פונדעסטוועגן איז ער געפאָרן און ער האָט נאָך טאַקע זיין געלט-טייסטער מיטן פּאָרטציגאַר געפונען אונטערן קישן אַזוי ווי ער האָט עס אַוועקגעלייגט.

אָבער די אַלע גריזשעניש און איבערגעלעבטע שרעקן, האָבן אים צום איבעריקן רואינירט און ער איז קראַנק געוואָרן און געמוזט צוריקפאָרן אַהיים.

הארט האָט געהאַט טענות, אַז מיר רואינירן אים, אָבער איינזעענדיק, אַז ראַפּעל איז טאַקע קראַנק, האָט ער געבעטן, אַז מיר זאָלן כאָטש לאָזן מאַלווינען, כדי ער זאָל אַליין קענען אַנאָנסירן דעם נאָמען ראַפּעל אין זיין טרופּע און ווויסנדיק, אַז מאַלווינע איז אַ באַוואוסטזיניק קלוג מיידל און מען קאָן זיך אַף איר פאַרלאָזן, זיינען מיר איינגעגאַנגען און מיר זיינען געפאָרן קיין וואַרשע און מאַלווינע איז געבליבן.

מאַלווינע ווערט אַ כלה און ראַפּעל שטאַרבט

און די געשעענישן זיינען זיך געלאָפן זייער וועג.

איך בין מיט ראַפּעלן געווען אַ שטיקל צייט אין וואַרשע און ווען ער האָט זיך געפילט בעסער, האָט ער מיך געהייסן אָנעמען דעם אָנבאָט צו פאָרן גאַסטראָלירן קיין לאָדזש און דערוויל האָב איך באַקומען פריילעכע ידיעות וועגן מאַלווינאַס קינסטלערישע דערפאָלגן אין גאַליציען און איך האָב געהערט, אַז אַ רייכער יונגערמאַן פון טאַרנאָוו, האָט זיך פאַרליבט אין איר און ער וויל מיט איר חתונה האָבן.

און דאָ מוז איך דערמאָנען, אַז די קינדער מיינע זיינען געווען וואויל-דערצויגענע; נאַטשאַ, זייער גובערנאַנטין, האָט אין זיי איינגעפלאַנצט פיינע באַנעמונג און ליבע צום לערנען און זיי האָבן טאַקע געלערנט אין דערביי איבערגענומען פון מיר די ליבע צום אידישן טעאַטער און קומענדיק קיין וואַרשע, זיינען צילי מיט אסתרן אַריינגעטראָטן אין דער טעאַטער-סטודיע און שפּעטער אויך אַנדזשע און מאַלווינא האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער און איך בין געווען שטאָלץ מיט מיינע גערןאָטענע קינדער און ווען אַ יונגערמאַן איז געקומען צו מיר קיין לאָדזש און מיר איבערגעגעבן, אַז דעם פאַרמעגלעכן טאַרנאָווער סוחר ה׳

לייבל׳ס אַ זון איז פאַרליבט אין מאַלווינען און ער קומט איצט אין דעם בחורס נאָמען בעטן מאַלווינאַס האַנט. האָב איך קוים באַהערשט מיינע טרערן און איך האָב געזאָגט, אַז דאָס דאַרף מען פרעגן ביי ראַפּעלן אין וואַרשע.

דערווייל האָט מאַלווינאַ אליין געשריבן וועגן דעם בחור, ווער ער איז, אַז ער געפעלט איר זייער און ראַפּעל האָט מסכים געווען צום שידוך און עס איז באַלד פון טאַרנאָוו אָנגעקומען אַ מזל טוב.

אָבער נאָך האָב איך נישט באַוויזן זיך גענוג אָנצופרייען מיט מאַל־ווינעס גליק, ווי מען האָט מיך שנעל אַרויסגערופן קיין וואַרשע און איך האָב אַלעם געמוזט שטיין לאָזן, ראַפּעל איז געווען געפערלעך קראַנק.

איך האָב ראַפּעלן געטראָפן אין אַ זייער טרויעריקן צושטאַנד.

דאָקטוירים זיינען נישט געווען אייניק; איינער האָט געזאָגט אַ קאַנ־סער און דער אַנדערער — גאַלשטיינער און בעת די דאָקטוירים האָבן שטודירט וואָס אים איז, איז אים געוואָרן ערגער און ערגער, ער האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל צואיילן מאַלווינעס חתונה, ער וויל נאָך דערלעבן דעם נחת צו זען זי אונטער דער חופה...

איך האָב וועגן דעם טעלעגראַפירט קיין טאַרנאָוו. מאַלווינאַ איז באַלד געקומען צו פאָרן, איר חתן האָט זיך דערווייל דורכגעשמועסט מיט זיינע עלטערן און ער איז אויך געקומען קיין וואַרשע, ער איז געווען גרייט צו שטעלן אַ חופה אפילו שוין, נאָר ראַפּעל האָט נאָך בלויז באַוויזן צו זען מאַלווינאַס חתן, ער האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן און געוואָלט אויסשטרעקן צו אים די האַנט אַף צו באַגריסן אים, נאָר די האַנט איז צוריקגעפאַלן און מיטן שמייכל פון צופרידנקייט, וואָס ער האָט דער־לעבט צו זען זיין טאָכטערס חתן, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם...

זעכצונצוואנציקסטער קאפיטל:

דער איינדרוק פון לייזער ראפעלס טויט — „זיי צופרידן, ער איז געשטארבן אין עושר און אין כבוד" — „דאס געזעץ פאדערט אז מען דארף אלץ פארשרייבן" — „נו יא, אבער מאמע, דו ווייסט..." — פריינט שטעלן זיך אף מיין זייט — מאלווינא באדויערט און זי ווערט קראנק — די גרעסערע רינגלעך וויל ער מאכן פאר מענער־רינגלעך — איך פארקויף מאזאן די קאסטיומען פון אלע עפאכן — איך בעט זיך איבער מיט מאלווינאן — פארקויפט די זאכן און מאלווינאס חתונה — נחת פון א מוטער.

דער איינדרוק פון לייזער ראפעלס טויט

אויב א מענטש פילט עפעס נאכן טויט, וויניקסטנס ביז מען פאר־שיט זיין קבר מיט דער לעצטער לאפעטע ערד, האט לייזער ראפעל ערשט נאך זיין אפשטארבן זיך געמוזט איבערצייגן, אז ער האט א טעות געהאט, אז אקטיארן האבן גוט אפגעשאצט זיינע קאלאסאלע לייסטונגען פארן אידישן טעאטער, אז זיי האבן אים גוט געקענט און נישט פארגעסן זיינע גרויסע אויפטוען.

ראפעל איז אפשר גערעכט געווען, אז זיי מאכן זיך בלויז ווי זיי קע־נען אים נישט, ווייל אנדערע צייטן זיינען געקומען און נייע שוישפילער, וואס יעדער פון זיי האט געהאט אייגענע גרויסע אמביציעס און זיי האבן זיך אליין געהאלטן פאר גרויסע אויפטוער, אבער ווי נאר ראפעל איז גע־שטארבן, האבן זיי שוין נישט געקארגט מיט ארויסווייזן זייער אמתע גרויסע פארערונג צו אים.

נישט געווען קיין אקטיאר אדער אקטריסע אין ווארשע און פון נאנ־טער פראווינץ וואס זאלן נישט האבן געקומען ווארפן א לעצטן בליק אפן פארשטארבענעם. אויך טויזנטער אידישע טעאטער־באזוכער זיינען געקומען צוטיילן דעם לעצטן כבוד צו דעם, וואס האט אפגעגעבן זיין גאנץ לעבן אף צו שאפן און אויפהאלטן אידיש טעאטער וואס האט דערפרייט זייערע הערצער. אויך די צייטונגען האבן פאר זיין לעצטן כבוד געוויד־מעט גרויסע נעקראלאג־ארטיקלען, אפשאצנדיק זיינע גרויסע לייסטונגען און פארדינסטן נישט בלויז פארן טעאטער בכלל, נאר פארן בעסערן טע־אטער בפרט, פאר וועלכן לייזער ראפעל האט אלעמאל געהאט א סך

פּיעטעט און נישט איינמאָל האָט ראַפּעל געגעבן בעסערע פּיעסן וויסנדיק פּאָזיטיוו, אַז ער וועט צו זיי דערלייגן געלט.

די טעלעגראַפן האָבן באַלד צעטראָגן די ידיעה וועגן ראַפּעלס טויט און אַפּצומאָרגנס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טעלעגראַפישע טרויער־אויסדרוקן פון אַלע פּראָווינץ־שטעט פון פּוילן און גאַליציען, פון אײ־בערעל וואו עס האָבן זיך נאָר געפונען אידישע אַקטיאָרן, האָב איך באַ־קומען אויסדרוקן פון מיטגעפיל צום גרויסן פאַרלוסט און אַפן דריטן טאָג האָב איך אפילו שוין באַקומען טרויער־אויסדרוקן פון אַמעריקע, וואָס דאָס באַווייזט, אַז די טעלעגראַפן־אַגענטורן האָבן אויך מיטגעטיילט דער וועלט, אַז לייזער ראַפּעל, דער גרויסער אידישער טעאַטער־אונטער־נעמער איז געשטאָרבן.

אידישע טעאַטערס אין גאַנץ פּוילן האָבן אַלס טרויער־אויסדרוק, אין דעם טאָג נישט געשפּילט.

די לויה פון לייזער ראַפּעל איז געווען אַן אמתע מאַניפעסטאַציע פאַרן אידישן טעאַטער־וועזן. באַ דער לויה איז אַמשטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק די ליבע פון אידישן טעאַטער־עולם און די פאַרערונג, צו דעם מענטשן, וואָס האָט געמאַכט דערפרייען זייערע הערצער.

עס איז דעמלט געווען אַן אויסערגעוויינלעך הייסער תמוז־טאָג און פונדעסטוועגן זיינען טויזנטער מענטשן געקומען באַגלייטן דעם פאַר־שטאָרבענעם צו זיין לעצטער רו. אַפן גענשער בית־עולם איז געווען אַזאַ געדרענג, אַז אַ סך מענטשן האָבן געהלשט און אַקטיאָרן און שרייבער האָבן געהאַלטן הספדים איבערן אָפענעם קבר, לויבנדיק די אומדערמיד־לעכע טעטיקייטן פון לייזער ראַפּעל סיי אַלס אונטערנעמער, ווי אַלס שוישפּילער וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַ היבשער צאָל פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר.

„זיי צופרידן, ער איז געשטאָרבן אין עושר און אין כבוד"

דאָס זיינען געווען די ווערטער מיט וועלכע אסתר־רחל קאַמינסקי האָט מיך געטרייסט צוריקפאָרנדיק פון בית־עולם אַהיים.

אסתר־רחל האָט דערמאָנט. ווי אַזוי אַנדערע טעאַטער־אונטערנעמער זיינען געשטאָרבן אין דחקות, אין די שפּיטעלער, זי האָט דערמאָנט קאַ־מינסקים אָפּשטאַרבן אין אָרימקייט און זאַנדבערגס טויט אינדערפרעמד און אין אָרימקייט און זי האָט מיך מקנא געווען, וואָס איך האָב געהאַט די זכיה, אַז מיין מאַן זאָל שטאַרבן אַף זיין אייגן בעט און טאַקע אין עושר און אין כבוד ווי ער האָט עס כשר פאַרדינט.

אָבער פון די אַלע טרייסט ווערטער איז מיר דערוויל נישט געוואָרן לייכטער.

איך האָב כסדר געוויינט און גאַנצע קוואַלן טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן און די קוואַלן האָבן זיך אַלץ נישט אויסגעשעפּט. אָבער נאָך מער ווי מיט טרערן, האָט עס געוויינט באַ מיר אין הארצן.

איך בין געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין מיין טרויער, אַז איך האָב גאָר־נישט געזען אַרום זיך און איך האָב אפילו נישט געזען מיינע קינדער, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט אַרום מיר און איך האָב זיי אינסטינקטיוו געדריקט צו מיין האַרץ.

איך בין געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין מיין טרויער, אַז איך האָב אפילו נישט געזען, ווי לייזער ראַפּעלס ברודער, אבא, דער הענטשקעס פאַבריקאַנט, ווי ער ווייזט אַרוים אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו מאַלווינען, ווי ער טרייסט זי און ווישט איר די אויגן און ווען זי וויל זיך צורוקן צו מיר, ציט ער זי צו זיך און האַלט זי אין איין טרייסטן; איך האָב דאָס נישט געזען, נאָר מען האָט עס מיר ערשט דערנאָך דערציילט, דערנאָך, נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ תל פון אונזער שווער פאַרהאָרעוועטן פאַרמעגן...

„דאָס געזעץ פאָדערט אַז מען דאַרף אַלץ פאַרשרייבן"

לייזער ראַפּעלס ברודער, אבא, דער הענטשקע־פאַבריקאַנט, איז גע־קומען צוזאַמען מיט אונז פון בית־עולם, ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיצן „שבעה" צוזאַמען מיט אונז, אין דער שטוב וואו זיין ברודער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

כאָטש באַם לעבן, האָט דער הענטשקע־פאַבריקאַנט גאָרנישט אַרויס־געוויזן אַזויפיל אינטערעס און ברודערלעכקייט צו לייזערן, בין איך אים פונדעסטוועגן געווען דאַנקבאַר. איך האָב געטראַכט, גוט איז כאָטש וואָס ער האָט היינט געזען דעם גרויסן כבוד וואָס מען האָט צוגעטיילט זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער און ער האָט שוין נישט געקאָנט אָפּשטיין פון אַנדערע.

עס איז מיר אָבער אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער איז דאָ אויסן גאָר עפּעס אַנדערש, און אַז זיין קומען אָפּזיצן שבעה ביי מיר אין שטוב, איז נישט פאַרן כבוד פון פאַרשטאָרבענעם, נאָר צוליב זיינע אייגענע אויס־רעכענונגען.

און באַלד האָב איך עס זיך דערוואוסט און דער קלאַפּ איז פאַר מיר געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז איך וויים נישט ווי אַזוי איך האָב עס אויס־

געהאַלטן.

איך האָב זיך נאָך רעכט נישט געהאַט אויסגעוויינט זעענדיק דאָס צעוואָרפענע בעט פון פאַרשטאָרבענעם אין וועלכן ער וועט שוין קיינמאָל מער נישט ליגן, ווי אבא איז צוגעקומען צו מיר, מיך געגלעט און געבעטן איך זאָל קומען צו זיך, ווייל אַ מענטש וואָס לעבט, מוז זיך אָפּשיידן פון טויט און מען מוז אָנהויבן טראַכטן פון לעבעדיקן...

צוערשט האָב איך נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון מיר און איך האָב געבעטן ער זאָל מיך לאָזן אויסוויינען אַף מיין אומגליק; אָבער דאָ איז ער געוואָרן ערנסט און מיר געזאָגט מיט אַ האַרטער שטים, אַז איך מוז קומען צו זיך, ווייל עס איז דאָ וויכטיקע אַרבעט וואָס מוז באַלד געטאָן ווערן.

איך קוק אַף אים און איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט וואָס ער וויל פון מיר און כדי אַ סוף צו מאַכן צום שפיל, האָט ער ענדלעך אויסגערופן: — פאַרשטייסט, זינאידא, דאָס געזעץ פאָדערט, אַז מען דאַרף אַלץ פאַר־שרייבן...

איך האָב אַף אים געקוקט מיט פאַרוואונדערונג און איך האָב נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון מיר און ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט און דייטלעכער, אַז מען מוז פאַרשרייבן אַלעס וואָס ראַפּעל האָט איבערגעלאָזן, ווייל אַ ירושה איז נישט קיין קליינינקייט, מען דאַרף דאָך וויסן ווער וואָס און ווען...

עס האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין האַרצן און אַפן ערשטן מאָמענט, האָט מיר געפעלט אָטעם איך זאָל אים קענען עפּעס ענטפערן; נאָר ווען ער האָט מיט מכלומרשטער באַזאָרגטקייט איבערגעחזרט דאָסזעלבע און צוגעגעבן, אַז דאָס איז בעסער וואָס פריער מען מאַכט עס, האָב איך גע־פילט ווי דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים פון חרפּה און איך האָב אויסגע־רופן: — וואָס איז? וואָס ווילט איר? צי בין איך דען נישט ראַפּעלס גע־זעצלעכע פרוי און צי זיינען נישט די קינדער מיינע אַזוי ווי זיינע? און צו וואָס זייט איר געקומען? צי זייט איר געטרייער מיינע קינדער ווי איך אַליין? איך בין אַ מאַמע און איך וועל שוין זאָרגן פאַר זיי אַזוי ווי ביז היינט...

אבא ראַפּעל האָט זיך ווייזט אוים געריכט, אַז איך וועל אים אַזוי ענטפערן און ער איז נישט איבערראַשט געוואָרן, נאָר ווייטער זיך גע־האַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז אַזעלכע זאַכן איז בעסער ווען מען דערליי־דיקט זיי וואָס שנעלער, ווייל ערגער איז, ווען אַזעלכע זאַכן דאַרפן קומען אין געריכט, דעמלט איז עס צו אַלעמענס שאָדן...

די אינסינואַציע וועגן געריכט, האָט מיך צום איבעריקן דערשלאָגן,

און גלייכצייטיק אויפגעבראַכט. — וואָס הייסט צום געריכט? ווער וועט עס טראָגן אין געריכט? איך בין דאָך אַ מאַמע און איך פיר דאָך ווייטער מיין הויז און ווער וועט זיך וואָגן צו מישן אין מיינע פאַמיליען־אָנגעלעגנ־הייטן?.

אבא ראַפּעל איז צוגעטראָטן נענטער צו מיר און מיר שאַרף אַריינגע־זאָגט אין פּנים אַריין: — דו האָסט ווייזט אויס פאַרגעסן, אַז דו ביזט ראַפּעלס צווייטע פרוי און אַז איר האָט געהאַט אייערע קינדער, זיינע קינדער און אייערע ביידנס קינדער און אַז זיינע קינדער זיינען אין פאַל פון זייער פאָטערס טויט גאַנץ עפּעס אַנדערש...

„נו יאָ, אָבער מאַמע, דו ווייסט..."

זיינע ווערטער האָבן מיך אַזוי אַרויסגעבראַכט פון די כלים, אַז איך האָב אָנגעהויבן יאָמערלעך וויינען און צוגערופן די קינדער, אַלע קינדער האָבן זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום מיר און איך האָב אויסגערופן שלוכצנ־דיק: — זאָגט מיר, קינדער, ווען האָב איך אַמאָל געמאַכט אַ חילוק צווישן אייך? זייט איר נישט אַלע מיינע קינדער

און ווי צו באַשטעטיקן, אַז איך זאָג דעם אמת, האָבן מיך די קינדער גענומען קושן און וויינען מיט מיר צוזאַמען, אָבער אויך דאָס האָט לייזערס ברודער נישט געענדערט, ער האָט זיך פון פריער געהאַט צוגעגרייט צו אַלץ און ער האָט געשפּילט די לעצטע קאָרט: — און וואָס איז מיט לוטעקן וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע? צי וועט ער איינגיין, אַז זיין ירושה זאָל פאַרוואַלטעט ווערן פון אייך?...

אָן לוטעקן האָב איך באמת אין מיין גרויסן ווייטיק געהאַט פאַרגעסן. ראַפּעל האָט זיך פון אים זייער פיל אָנגעליטן, אָבער ער איז געווען זיין פאָטער און ער האָט זיך אָפט געזאָרגט וועגן אים און ווען ער האָט באַ־קומען אַ ידיעה, אַז לוטעק האָט זיך פריוויליק געמאָלדן צו קעמפן קעגן עסטרייך און דייטשלאַנד, האָט לייזער גאָט געבעטן, אַז ער זאָל פון מלחמה צוריקקומען בשלום און ווען ער האָט נאָך דער מלחמה באַקומען אַ ידיעה, אַז לוטעק האָט זיך יאַקאָש איינגעאָרדנט אין אַמעריקע, האָט ער זיך געפרייט און איז געווען גרייט אים צו העלפן מאַטעריעל, אויב ער זאָל עס פאַרלאַנגען, און איך האָב אים צוגערעדט, אַז ער דאַרף אים העלפן און ער זאָל אים העלפן, און זיכער, אַז עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין, ווי אַז אויב לוטעק וועט זיך נויטיקן אין געלט, אָדער אַז ער וועט פאָדערן זיין חלק, וועל איך ביי אים גאָרנישט צונעמען, ווייל ער איז אונזער קינד פונקט ווי די איבעריקע.

איך האָב עס געוואָלט ענטפערן אבאן, אָבער אבא האָט שוין דערוויל באַוויזן אַ ווינק צו געבן מאַלווינאַן און ער איז מיט איר אַרוים אין אַ צווייטער שטוב, זיכער האָט ער איר דאָרט געגוג געזאָגט און אָנגעפילט זי מיט צווייפל, ווייל ווען זי איז צוריק אַריינגעקומען, האָב איך זי ממש נישט דערקענט. נאָר־וואָס האָט זי זיך אַזוי געקלאַמערט אָן מיר און מיך געקושט און פּלוצלינג קומט זי אַריין אָן אָנגעכמורעטע און זי זאָגט מיר:
— נו יאָ, אָבער מאַמע... דו ווייסט... עס קאָן קומען אַ מאָמענט... דו ביזט נאָך יונג, און אַז... איך ווייס... דער פעטער זאָגט, עס קאָן זיך מאַכן אַ שידוך פאַר דיר...

דאָס איז געווען דער לעצטער און שטאַרקסטער קלאַפּ. אויב זי האָט זיך געקאָנט לאָזן פון פעטער אַזוי פאַרגיפטן איר יונג ערלעך האַרץ, דאַן זאָל שוין זיין וואָס עס וויל און זאָל אַ סוף נעמען צו די טענות אין זעלבן טאָג נאָך ראַפעלס לויה, ווען דאָס בעט שטייט נאָך ווי אַן עדות פון מיין גרויסן בראָך!

און איך האָב אַ כאַפּ געטאָן די שליסל און אַ וואָרף געטאָן אַף דר׳ערד און אויסרופנדיק: — טוט מיט אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר לאָזט מיך קלאָגן אַף מיין אומגליק! — בין איך צוזאַמענגעבראָכן אין אַ נייעם העפטיקן געוויין.

פריינט שטעלן זיך אַף מיין זייט

אבא ראַפעל האָט זיך נישט באַליידיקט פון מיין צוואוואַרפן די שליסל, ער האָט זיי אויפגעהויבן פון דער ערד און גענומען אויפשליסן די קאָמאָדן און קופערטס און ווען איך בין נאָך געלעגן איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין קישן און געהעשעט, האָב איך שוין געהערט ווי עס קלימפּערט מיט זילבער, ער האָט זיך שוין געפּאָרעט מיט די זילבערנע חפצים וואָס מיר האָבן געהאַט זייער אַ סך.

ווען איך דערמאָן זיך היינט אָן יענעם מאָמענט, ווייס איך נישט ווי אַזוי איך האָב אים איבערגעלעבט. עס האָט מיר שוין נישט אַזוי וויי געטאָן די גרויליקע טאַט פון ראַפעלס כמעט רייכן ברודער, ווי דער פאַקט, אַז מאַלווינקע האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין מיין געטריישאַפט צו איר.

און אויב איך האָט דעם שווערן מאָמענט דעמלט איבערגעלעבט, איז עס נאָר געווען אַ דאַנק דעם סופליאָר גאָטהאַרד (זיינס אַ זון געפינט זיך היינט אין אַרגענטינע), וועלכער איז געווען אונזערס אַ געטרייער שטוב־מענטש און ער איז פריער וואָכן־לאַנג נישט אָפּגעטרעטן פון מיין מאַנס

קראַנקען-בעט, ער האָט אים געפלעגט און אים געטרייסט און איצט, ביַיזיַיענדיק ביי דעם גאַנצן געשעעניש, האָט ער מיך גענומען טרייסטן און אויסריידן, אַז אַ וועלט איז נישט הפקר און אַז ער וועט נישט שוויַיגן, אַבי איך זאָל זיך בּארויקן, וועלן מיר שוין זען נישט צוצולאָזן אַזאַ רציחה אינמיטן העלן טאָג...

און גאָטהאַרד האָט טאַקע נישט געשוויגן. ער איז אַוועקגעלאָפן צו מיַין שוועסטער פאַני און זי איז באַלד געקומען מיט איר מאַן, יאַקובאַ-וויטשן; גאָטהאַרד איז אויך אַוועק צו אַנגעזעענע טעאַטער-טוער און ער האָט דאָרט אויפגעהויבן אַ געוואַלט, אַז ראַפּעלס ברודער דער הענטשקע-פאַבּריקאַנט וויל באַרויבן די אַלמנה און יתומים און באַלד זיַי-נען אַנגעקומען עטלעכע פריינט און צווישן זיי איז געווען טורקאָוו (דער פאָטער פון מארק טורקאָוו וואָס געפינט זיך היינט אין אַרגענטינע) און ער האָט זיך געשטעלט אַף מיַין זייט און גענומען פאַרוואַרפן מיַין שוואָ-גער זיַין מיאוסע האַנדלונג.

אבא ראַפּעל איז אָבער וויַיזט אוים שוין פון פריער געווען צוגעגרייט צו אַזעלכעס, ווייל אים האָט גאָרנישט איבעראַשט טורקאָווס אריינמישן זיך, ער האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זיַיניקע, אַז ער דערפילט בלויז אַ זיַיער אומאַנגענעמע פליכט, ער וויל פאַרצייכענען אַלץ וואָס איז געבליבן, ער דאַרף גאָרנישט פאַר זיך, ער האָט ברוך-השם פרנסה פון זיַין פאַב-ריק, נאָר ער וויל אַכטונג געבן, אַז ראַפּעלס קינדער לוטעק און מאַלווינע זאָלן נישט באַעולה'ט ווערן און כאָטש ער ווייס, אַז זינאַידאַ איז זיי טאַקע אַלעמאָל געווען אַ מאַמע, אָבער זי איז יונג, עס קאָן זיך איר אונטערוקן אַ שידוך און מיר ווייסן דאָך שוין אַזעלכע מעשות...

טורקאָוו האָט איינגעזען, אַז מיט דעם אידן וועט מען נישט אַזוי לייכט אָפּקומען און אַז דער איד דראָט פאַמעלעך מיט געריכט און אבי געריכט, האָט ער געוואוסט, וועט שוין אַלצאיינס פון אַלעם ווערן אַ תל, האָט ער אָנגעהויבן מיט דעם הענטשקע-פאַבּריקאַנט האַנדלען, ער האָט אים גע-זאָגט, אַז ער שטייט אָפּן צד פון דער אַלמנה ראַפּעל און זאָל ער, אבא ראַפּעל, אויסקלייבן אַ מענטשן פון זיַין צד און זאָל זיַין אַ בוררות.

אבא ראַפּעל איז איינגעגאַנגען דערויף, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיַינס, אַז דערוויַיל דאַרף מען אַלעס פאַרשרייבן וואָס עס איז דאָ און ער מוז האָבן אַ ליסטע פון דער פאַרבליבענער ירושה.

נישט זעענדיק קיין אַנדער אויסוועג, איז טורקאָוו איינגעגאַנגען און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרשרייבן....

מאַלווינע באַדויערט און זי ווערט קראַנק

ווען טורקאָוו און אַנדערע פריינט זיינען געווען אין שטוב און צוגע־זען די פאַרשרייבונג פון אונזער האָב און גוטס, בין איך געלעגן אין אַ ספּאַזמאַטישן צושטאַנד אויפן בעט, און די קינדער אַ חוץ מאַלווינען, האָבן געקלעפּט אַרום מיר און געוויינט און געבעטן ביי מיר, איך זאָל זיך באַרואיקן.

אָבער אַפּצומאַרגנס, האָבן מיר שוין פעסטגעשטעלט, אַז דער גרויסער רינג, צוליב וועלכן לייזער ראַפּעל האָט זיך אַמאָל אַזוי דערשראָקן אַז ער פעלט אים, אַז דער גרויסער רינג און דער גאָלדענער פאָרט־ציגאַר, די צוויי טייערע זאַכן פעלן.

עס קאָן זיין, אַז עס האָבן געפעלט אַ סך זאַכן, אָבער עס איז געווען אַזויפיל, אַז עס איז שווער געווען צו דערקענען; בלויז די צוויי טייערע זאַכן האָבן מיר אַלע גוט געדענקט, און געקאָנט פעסטשטעלן אַז זיי פעלן.

מאַלווינע, וועלכע איז מיר אַלעמאָל געווען אַ געטריי קינד פונקט אַזוי ווי איך איר אַ געטרייע מאַמע, האָט ווייזט אויס אָנגעהויבן ליידן געוויסנסביסן, זי איז אַריינגעקומען פון איר שטוב אין מיינער און זיך גענומען דרייען אַרום מיר, איך האָב געזען אירע פאַרוויינטע רויטע אויגן און איך האָב געזען, אַז זי זוכט אַ געלעגנהייט מיך איבערצובעטן, אָבער דאָס האַרץ איז מיר געווען אַזוי פאַרביטערט קעגן איר, אַז איך האָב זיך באַמיט נישט צו קוקן אין איר זייט און דאָס האָט זי נאָך מער דערשלאָגן און זי איז צוריק אַוועק מיט אַ געוויין.

ווען זי האָט זיך ביי אסתרן דערוואוסט, אַז דער פעטער האָט צוגע־נומען דעם גרויסן רינג און דעם גאָלדענעם פאָרט־ציגאַר וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן, האָט זי נאָך מער באַדויערט וואָס זי האָט דערלאָזן, אַז דער פעטער זאָל זיך ראַיען אין זייער האָב און גוטס, האָט זי זיך איינגעשלאָסן אין איר שטוב כדי צו זיין אַליין און דורכלעבן איר ווייטיק, וואָס זי האָט זיך אַליין פאַראורזאַכט.

אבא ראַפּעל איז זיך דערווייל ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין פּלאַן ווי אַזוי צו קענען ווערן דער אַפּעקון איבער זיין ברודערס פאַרמעגן; ער האָט געגלויבט, אַז לייזער ראַפּעל מוז נאָך האָבן ערגיץ אַ סך אומבאַוועג־לעכע גיטער און ער האָט געפּאָרשט און געזוכט און אויסגעניש טערט יע־דעם שטיקל פּאַפּיר און די פּיעסן האָט ער איבערגעמישט יעדעס שטיקל בלעטל און גלייכצייטיק האָט ער אויך נישט פאַרגעסן צו זיכערן זיין לעגאַליטעט אַלס אַפּעקון, ער האָט טעלעגראַפירט צו לוטעקן קיין אַמעריקע און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַפישע

פולמאַכט פון לוטעקן, אַז ער, אבא ראַפּעל, איז זיין איינציקער באַפול-מעכטיקטער אַפּצוהיטן זיין טייל ירושה.

דערוויל האָט טורקאָוו צוגעאײַלט מיטן בוררות; אבא ראַפּעל איז איינגעגאַנגען, אַז אַלס בורר פון זיין זייט זאָל זיין אַ רייכער ייד, אַ הויז אייגנטימער און אָנגעזעענער מענטש, אַ געוויסער יאַקובאָוויטש. אבא ראַפּעל האָט אים, ווייזט אויס, פריער אָנגערעדט קעגן מיר אַלעם וואָס אין דער קאָרט, אַז אָט אָט און איך האָב שוין אָן אַנדער מאַן און איך וועל אָן די קינדער פאַרגעסן און יאַקובאָוויטש האָט באמת געגלויבט, אַז שטעלנדיק זיך אַף זיין זייט, טוט ער אַ גוטע זאַך לטובות די קינדער פון ראַפּעלס ערשטע פרוי; אָבער באַלד האָט אויך ער זיך איבערצייגט, אַז אַבאַ ראַפּעל איז דאָ מער אויסן אַליין אָפּצולעקן אַ פעטן ביין און ער האָט זיך אויך געשטעלט אַף מיין זייט.

דאָס האָט דער ערלעכער בורר פעסטגעשטעלט, ווען ראַפּעל האָט געוויזן די ליסטע פון צירונג און עס איז געבליבן, אַז די מענער-צירונג, ווי רינגען, קראַוואַט-שפּילקעס און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס האָבן געהערט צו לייזערן, זאָל בלייבן ירושה פאַר אבאס באַשיצטע קינדער און די פרויען צירונג זאָלן זיין מיינע און מיינע קינדערס.

האָט אבא ראַפּעל גענומען אָנקוקן און סאָרטירן די רינגען און אַ גאַנצע מענגע דאַמען-רינגען וואָס איך האָב באַקומען אַלס מתנות אין פאַרשידענע שטעט, וואָס זיי זיינען געווען נישט גענוי לויט מיין מאָס, נאָר אביסל גרעסער, האָט אבאַ געשריגן, אַז דאָס זיינען מענער-רינגען און מיט דעם האָט ער באַוויזן, אַז ער וויל מיך פשוט באַרויבן און אויך יאַקובאָוויטש איז אַריבער אַף מיין זייט.

איך פאַרקויף מאַזאָן די קאָסטיומען פון אַלע עפּאָכן

נאָך לייזער אָפּשטאַרבן איז געבליבן אַזויפיל זאַכן, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט מיט זיי אַזוי שנעל אָפּפאַרטיקן.

אָבער דערוויל האָט מען באַדאַרפט געלט אַף צו לעבן; עס זיינען געבליבן געלטער אין פאַרשידענע וואַליוטעס, פונטן, דאָלאַרן, רובל און פוילישע מאַרק, אָבער דאָס איז געווען פאַרצייכנט און איך האָב נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך צורירן דערצו און פאַרביטערט ווי איך בין געווען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די איבער צוואַנציק גרויסע קאָ-פערטעס מיט טעאַטער קאָסטיומען פון אַלע עפּאָכן און נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז אַזאַ אוצר פון קאָסטיומען, וואָלטן מיר געקאָנט פון בלויזן פראָקאַט, פאַרזיכערן אַ שיין לעבן אין עושר און אין כבוד, איך האָב דאָס נישט באַרעכנט, איך האָב געלאָזן רופן מאַזאָן, דעם דירעקטאָר פון דער ווילנער טרופּע און אים פאַרקויפט די אַלע קאָסטנס מיט קאָס-

טיומען פאַר אַ גענוג היבשער סומע, אָבער ווייט נישט אפילו קיין קליי־נעם טייל פון דעם וואָס זיי זיינען ווערט געוועזן.

און דער סוף איז געווען, אַז די ליסטעס האָבן געמוזט אָנקומען צו אַ ריכטער, און עס איז געבליבן, אַז מען דאַרף אַלע געבליבענע זאַכן, אַ חוץ מיינע פּערזענלעכע, פאַרקויפן און אַ דריטל טייל דאַרף אַריבערגיין צו אבא ראַפּעל, דעם אָפּעקון פון מאַלווינא און לוטעק און צו דעם באַפול־מעכטיקטן פון לוטעקן.

מאַלווינא האָט זיך באַלד געכאַפּט אויף איר גרויסן פעלער, זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פעטערס אַפּיעקונסטווע, אָבער עס איז שוין געווען שפּעט און ער איז עס געוואָרן קעגן איר ווילן און פון עגמת־נפש וואָס עס איז אַזוי געשען, איז זי קראַנק געוואָרן און זי האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל איר נישט מוחל זיין, וועט זי שטאַרבן...

איך האָב דאָך גוט געוואוסט, ווי שטאַרק ליב זי האָט מיך אַלעמאָל געהאַט און איך האָב געוואוסט, אַז זי איז נאָר אַזוי שטאַרק פאַרגיפטעט געוואָרן פון איר פעטער און מיטפילנדיק איר ווייטיק, בין איך אַריין צו איר, איך האָב זי געטראָפן אין הויכן פיבער און דערפילנדיק מיך בײַם בעט . האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן קושן מיינע הענט און איך האָב געפילט ווי זי וואַשט זיי מיט אירע טרערן, איז מיר דאָס האַרץ אַזוי איבערגעגאַנגען, אַז איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר און זי אָנגעהויבן קושן און מיר האָבן זיך אַרומגענומען און צוגעדריקטע איינס צום אַנדערן, האָבן מיר ביידע זיך צעהעשעט אין העפטיקן געוויין.

פאַרקויפט די זאַכן, מאַלווינאַס התונה

די געשעענישן האָבן מיך אַזוי צעטרייסלט, אַז איך בין שוין געווען צופרידן, וואָס די זאַכן זיינען פאַרקויפט געוואָרן, זאָל זיין פאַר וויפיל עס איז, אַבי איך זאָל שוין פטור ווערן פון די דענערווירונגען און כסדרדיקן לויפן צו די ריכטער.

די זאַכן זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ האַלבן מיליאָן מאַרק, דאָס איז דעמלט געווען אַ גאַר גרויסע סומע, ווייל דער דאָלאַר איז נאָך דע־מלט געשטאַנען ביי די דרייסיק מאַרק, דאָס געלט איז צעטיילט געוואָרן אויף דריי דריטל, איין דריטל האָט גענומען אבא ראַפּעל און צוויי דריטל האָב איך לויט טורקאָווס עצה, געגעבן אלס היפּאָטעקאַרע הלואה טאָקע צו דעם רייכן בורר און הייזער אייגנטימער יאַקובאָוויטש און איך בין צוריק אַריינגעטראָטן אין לעבן פון די טעגלעכע זאָרגן און טעגלעכע פריידן.

פאַרשטייט זיך, אַז די געשעענישן האָבן אַ סך געווירקט, אַז לייזער ראַפּעלס אָנדענק זאָל פאַרשוועכט ווערן עס האָט געווירקט, אַז פון

איין זייט האָב איך באַדויערט זיין פּריציייטיקן טויט און פון דער אַנדערער — האָט מיך געקרענקט, פאַרוואָס ער האָט נישט געלאָזן קיין צוואה און דאָס אַלעס וואָלט געווען אויסגעמיטן געוואָרן.

אָבער עס איז נישט געווען קיין סך צייט צו טראַכטן; מאַלווינאַס התן האָט געאײַלט מיט דער חתונה און מיר האָבן געוואָלט פריער שטעלן די מצבה און דאָ איז געקומען דער ערשטער טרויעריקער קוריאָז: אבא ראַפּעל האָט געזאָגט, אַז ביי מיר איז דאָ גענוג געלט אָף צו שטעלן אַ מצבה און ער האָט גאַרנישט צוגעגעבן און נאָך בולטער איז געווען זיין אמתע כונה מיטן ווערלן זיין אָפּעקון, ווען מאַלווינאַ איז געגאַנגען צו אים נאָך געלט אָף חתונה-אויסשטאַטונג און ער האָט איר געזאָגט, אַז זי דאַרף זיך נישט אַזוי איילן, זי איז נאָך יונג און מיט אַזעלכע תירוצים איז ער אָפּגעקומען און קיין געלט נישט געגעבן און מאַלווינאַ האָט ערשט איצט געזען ווער עס האָט זיך דאָס אונטערגענומען זי צו פאַרזאָרגן...

איך האָב דערווייל אָנגעהויבן ווידער צו אַקטואירן אין „צענטראַל", אָבער איך בין געווען אַזוי געבראָכן פון די געשעעניש, אַז איך האָב געפילט ווי אַן אַנדערע וואָלט געשטאַנען אָף דער בינע, און איך האָב נישט געפילט די פרייד פון מיין אַרבעט; פרייד האָב איך דעמלט געפילט בלויז אינדערהיים, באַ די צוגרייטונגען צו מאַלווינאַס חתונה.

איך האָב איר אײַנגעקויפט און געלאָזן נייען שיינע און רייכע חתונה קליידער; באַ יעדן מאָל מעסטן אַ קלייד, האָב איך געפילט די אמתע מוטערלעכע פרייד און צו די צוויי חדשים נאָך ראַפּעלס טויט, האָבן מיר געשטעלט אַ שיינע מצבה און באַלד דערנאָך איז מאַלווינאַ געפאָרן קיין טאַרנאָוו און אַ קורצע צייט שפּעטער, האָב איך געמוזט נעמען אורלויב אין טעאַטער „צענטראַל", איך בין געפאָרן צוזאַמען מיט די קינדער קיין טאַרנאָוו און איך בין געווען אַ גליקלעכע מחותנתטע אָף מאַלווינאַס רייכער חתונה.

ערשט זייענדיק אָף דער חתונה, האָב איך געזען וואָס פאַראַ וואוילן שידוך מאַלווינאַ האָט געטראָפן. געווען אָף דער חתונה אַזעלכע פאַרנעמע רייכע באַלעבאַטים פון חסידישן און האַלב--פּראָגרעסיוון שטאַנד, אַז איך האָב געהאַט אַ סך נחת, פילנדיק ווי פיין די אַלע מענטשן וועלכע זיינען דאָך אַזוי וויט און פרעמד פון טעאַטער, זיינען מקרב און גרויסן זיך מיט מיר, די מחותנתטע, די אידישע אַקטריסע...

די מחותנים האָבן מיך פאַרהאַלטן אין טאַרנאָוו איבער די גאַנצע שבע-ברכות און איך האָב איבערגעלעבט אַ סך פרייד און צוריקפאָרנדיק מיט די קינדער פון טאַרנאָוו קיין וואַרשע, האָב איך נאָר גאָט געבעטן, אַז איך זאָל ביי צילין, אסתרלען און אַנדזשען אויך האָבן אַזאַ נחת-רוח...

זיבנאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

אין שטורם פון לעבן — מיין פאַמיליע פאָרט קיין אַרגענטינע — עס יאָווען זיך חתנים פון אַלע זייטן — בערנאַרד זינגער פאָרט קיין סאָוועטן-רוסלאַנד — צילי און אַנדזשע הויבן אָן אַקטואירן — אסתר באַקענט זיך מיט זלמן הירשפעלד — אונזער ריזן-דערפאָלג אין לעמבערג — מען וויל מיך פאַרקנסן מיט מיכל קליין — דער דראַמאַטורג בנימין רעסלער — וואַנדערונגען מיט פאַרשידענע טרופּעס — קאָמפּאַניעיעץ אַנגאַזשירט מיך קיין רומעניע — הערמאַן קאַסאָווסקי וואַרט מיך אָפּ — שמואל אירים וויינט מיט מיר צוזאַמען — מיר פאָרן קיין אַפריקע.

אין שטורם פון לעבן

ווי ריכטיק עס איז דער שפּרוך, אַז וואָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן ווערן! וויפיל איך האָב נאָך אַלץ געוויינט און געטרויערט נאָך ראַפאַעלן, האָט מיך אָבער דאָס לעבן אַזוי אַ נעם געטאָן אין זיינע קלאַמערן, אַז דער אינסטינקטיווער דראַנג צו זעלבסט-פאַרטיידיקונג, האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אָן די טרויעריקע איבערלעבונגען; איך האָב געמוזט שטיין אויף דער וואַך פאַרן וואוילזיין פון מיינע קינדער און אויף צו קענען אויסהאַלטן אַ שטוב מיט אַ סך פאַמיליען-מענטשן.

סיי אין טעאַטער ווי אין מיין פּריוואַט-לעבן, זיינען פאָרגעקומען אַ סך נייעסן; עס איז ביי מיר געווען אַ געמיש פון פרייד און לייד סיי אין טעאַטער ווי אין מיין היים.

שייקען איז געלונגען צוזאַמען מיט זיין פרוי זיך אַרויסצובאַקומען פון דעם גהינום וואָס האָט דעמלט געהערשט אין רוסלאַנד אונטער די באַנדעס פון קאַלטשאַק, דעניקין און ווי די כּלומרשטע „באַפרייער" האָבן דאָרט אַלץ געהייסן; ער איז געקומען קיין וואַרשע קראַנק און צעבראָכן און זיין פרוי שבע, ממש ווי אַ געטרייער מלאך האָט זי אים אָפּגעהיט פּונקט ווי אירע קינדער.

דערווייל האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז מיינע טאַטע-מאַמע מיט מערין און מילין, האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון אוקראַינע און זיי געפינען זיך אין לובלין אין גרויסער נויט, האָב איך זיי געמוזט שיקן געלט זיי זאָלן קומען קיין וואַרשע און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט אידענטיטעט-צייגענישן (קאַרטאַ אָסאָביסטאַ) און מיט לויפן זיך כלאַפּאָ-

טשען וועגן אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין וואַרשע און די גאַנצע גרויסע פאַמיליע (איך מוז דאָ דערמאָנען, אַז מערי, ווי יונג זי איז געווען, האָט זי שוין געהאַט חתונה געהאַט מיט גוטאָוויטשן און זי האָט שוין געהאַט אַ זויג-קינד) האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי מיר און מיינע פאַרדינסטן האָבן ווייט נישט געקלעקט צו קענען דאָס אַלעס אויסהאַלטן, האָב איך אָנגעהויבן צוערשט פאַרזעצן און דערנאָך פאַרקויפן פאַרשידענע שמוק-זאַכן און יעדע עטלעכע טעג, האָט אונזער דינסטמיידל באַדאַרפט אוועקטראָגן אָן אַנדער רינגל אָדער בראָש און אַזוי איז מיין האָב און גוטס פאַמעלעך צעטרענצלט געוואָרן און אויסזיכטן אָפּ צו קענען זאַמלען און שפּאָרן נייע פאַרמעגנס זיינען נישט געווען.

איינפירן אַן עקאָנאָמיע, איז נישט געווען מעגלעך; מיר האָבן געפירט אַ רייכע באַלעבאַטישקייט אין אַ רייכער דירה און מען קאָן זיך דאָך אַזוי לייכט נישט אָפּזאָגן פון די לעבנס-געוואוינהייטן; די פאַמיליען-מענטשן, וואָס זיינען געווען פליטים, האָט מען דאָך געמוזט אויסהאַלטן און עס האָט אונז געמוזט אַ סך קאָסטן, פאַר יעדן טאָג דערלויבעניש, אַז מיינע טאַטע-מאַמע זאָלן מעגן בלייבן אין וואַרשע און דער סוף איז געווען, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר מיט אַ מעלדונג, אַז טאַטע-מאַמע מוזן וואָס שנעלער פאַרלאָזן וואַרשע, ווען נישט וועט מען זיי צוריקשיקן קיין רוסלאַנד.

די לאַגע ביי אונז איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע.

דער אויסווייז פאַר מיינע טאַטע-מאַמע פון וואַרשע, איז געווען אַ פּאָזיטיווער און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע — וואוהין? וואוהין זאָלן פאָרן די מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר אידיש טעאַטער און זיי טויגן זיך צו קיין שום אַנדער זאַך אַבסאָלוט נישט אויס?

צום גליק האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו און טעלעגראַמעס פון אַרגענטינע, די ידיעות זיינען געווען, אַז אַדאָלף מידע, (דאָס אַמאָליקע אינגל וואָס האָט אַקטואירט בּאַ מיינע עלטערן אין טרופּע) האָט אַ טעאַטער אין בוענאָס איירעס און ער וויל, אַז די פאַמיליע ציפּקום זאָל קומען צו אים אַקטואירן.

נישט האָבנדיק קיין אַנדערע אויסזיכטן, האָבן זיך מיינע עלטערן דערפרייט מיט דעם פאָרשלאָג און זיי האָבן זיך טאַקע באַלד גענומען גרייטן. שייקע איז אויך געווען צווישן די אַנגאַזשירטע, אָבער ער איז נאָך געווען שוואַך און נישט געקאָנט פאָרן, זיינען דערווייל אַרויסגעפאָרן די עלטערן מיט מילין און מערין און שייקע איז ערשט אַ קורצע צייט שפּעטער אַרויסגעפאָרן„ און אָט האָב איך שוין געהאַט מיינע נאָנטע אין



„אויב שפּילן אָפּערעטן, דאַרף מען זיי שפּילן אונטער דער רעזשי פון הערמאַן יאַבלאָקאָוו!"
אַזוי האָט זינאַ גערזאָגט, בעת יאַבלאָקאָווס גאַסטראָלן אין ב. איירעס, אין טעאַטער עקסעלסיאָר

אַ נחת און אַ פרייד איז פאַר
מיר געווען, ווען די ליב-
האַרציקע אַנאַ און יוליוס
נ אַ ט אַ נ ז אָ ן האָבן
גאַסטראָלירט אין
עקסעלסיאָר

●

מ נ ש ה
ס ק ו ל נ י ק ס
זאָגן אַ וויץ, קאָן
קיינער נישט אימיטירן
און עס איז אַ פאַרגעניגן
צו שפּילן מיט אים צוזאַמען.

דעם ווייטן לאַנד, וואוהין איך האָב אַמאָל בשום אופן נישט געוואָלט פאָרן מיט מיין מאַן און וואו דער גורל פירט מיך שפּעטער, כדי איך זאָל דאָרט בויען מיין נעסט פאַר מיין ווייטערדיקן לעבן.

עס יאָווען זיך חתנים פון אַלע זייטן

אויב ראַפּעלס טויט האָט אַרויסגערופן טרויער און מיטגעפיל ביי אַלע פריינט און נאָענטע טעאַטער-מענטשן, האָט ער אָבער אויך ביי אַ סך געבוירן דעם געדאַנק, אַז די יונגע און שיינע אלמנה נויטיק זיך אין אַ „טרייסט"...

עס האָבן זיך פּלוצלינג געיאָוועט פריינט, וואָס האָבן נאָר געזאָרגט, צי בענקט זיך מיר נישט און ווען איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך האָב גע־נוג מיט וואָס אויסצופילן מיין צייט, אַז איך בין אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער און איך דאַרף זיי באַשטאַטן און איך אַרבעט, דאָ לערנען ראָלן, דאָ פּראָבן און דאָ שפּילן טעאַטער, האָב איך גענוג אויף זיך און איך נויטיק זיך נישט אין קיין פלירטן... אָבער די „פאַרערער" האָבן פונדעסטוועגן זיך געדרייט אַרום מיר און אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו קענען מיט מיר אויסריידן אַ וואָרט.

געווען אָבער אויך אַזעלכע פאַרערער, וואָס, האָבן באמת געוואָלט זיך מיט מיר נענטער באַקענען און ווען זיי האָבן זיך באַקענט, האָבן זיי אָנגעהויבן שווערמען אַז איך זאָל אויפגעבן מיין אלמנהשאַפט.

ביי פאַנין און יאַקובאָוויטשן אין שטוב, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ רייכן עלטערן בחור, אַ געוויסער ווינער, ער איז געווען אַ זייער אינטע־רעסאַנטער מענטש, פון איבערצייגונג — אַ לינק-געשטימטער, נאָר פון געוואוינהייט — אַ ליבהאָבער פון וואוילטאָג און פאַרגעניגנס ווי עס פּאַסט פאַר אַ רייכן מאַן.

דער ווינער האָט זיך מיר דערקלערט אין ליבע, ער האָט נאָר גע־וואָלט, אַז אויב איך וועל התונה האָבן מיט אים, זאָל איך אויפגעבן מיין קאַריערע אַלס שוישפּילערן און עס וועט מיר זיין וואויל און גוט.

פאַני האָט מיך זייער שטאַרק צוגערעדט, אַז איך זאָל זאָגן יאָ; זי האָט מיר אויפגעוויזן, אַז דאָס אידישע טעאַטער גייט כסדר באַרג אַראָפּ און אַז עס קאָן מער נישט געבן אויף אַזויפיל, אַז מען זאָל קענען לעבן ווי אַ מענטש און ווען איך וועל חתונה האָבן מיט ווינערן, וועט עס זיין פאַר מיר אַ גליק.

אָבער איך האָב צוריקגעוויזן דעם פאָרשלאָג. איך האָב נאָר געהאַט איין טענה, אַז איך וועל אָן טעאַטער נישט קענען לעבן; — ווי וועל איך

קענען אַטעמען אַן טעאַטער, אַז טעאַטער איז מיין אָטעם וואָס גיט מיר לעבן?

און עס קאָן זיין, אַז ווינער וואָלט מיר אפילו געוועז נאָכגעגעבן, אַז איך זאָל יאָ מעגן שפּילן טעאַטער, נאָר זיין פּאַראַזיטיקע באַוואָרעניש, אַז איך זאָל נישט שפּילן קיין טעאַטער, האָט אים פון מיר אַזוי דערוויטערט, אַז איך האָב אים אפילו מער נישט געוואָלט זען און אויפגעהערט צו קו־מען צו מיין שוועסטער.

געווען נאָך אַנדערע פּאַרערער פון סוחרישן שטאַנד און נישט ווייניק אַקטיאָרן, וואָס האָבן דערקלערט זייער גרייטקייט מיט מיר זיך צו פאַר־בינדן געזעצלעך, אָבער איך האָב זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעשומיעט פון מיינע איבערלעבענישן און איך האָב אַלע פאַרשלאָגן צוריקגעוויזן.

בערנאַרד זינגער פאָרט קיין רוסלאַנד

דערווייל האָבן די צייטונגען געמאָלדן, אַז דער שרייבער בערנאַרד זינגער פאָרט אויף אַ באַזוך קיין סאָוועט־רוסלאַנד און איך האָב אים מיט־געגעבן אַ בריוו מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל נאָכפרעגן אויף דער פיבעך, אפשר וועט ער זי געפינען, זאָל ער איר דעם בריוו איבערגעבן.

עס האָט מיר אָפּגעגליקט, ער האָט זי געפונען און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָב איך פון איר באַקומען אַן ענטפער. די גוטע חברטע מיינע, די פיינע אינטעליגענטע אידישע אַקטריסע, האָט מיר געשריבן אַ בריוו פול מיט בענקשאַפט צו מיר, און זי האָט מיר צוגעשריבן גרוסן פון אַ סך פון מיינע פריינט און פאַרערער, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן אין רוסלאַנד.

איך האָב דאַן ביי איר נאָכגעפרעגט אויף עליא בארו, און אַ קורצע צייט שפּעטער, באַקום איך אַ גרויסן בריוו פון דעם אמתן גוטן פריינט און ברייטהאַרציקן מענטשן; אין בריוו טיילט ער מיר מיט די טרויעריקע ידיעה, אַז זיין ווייב איז געשטאָרבן נאָך אַן אָפּעראַציע אויף אַפּענדיסיטיס און איך ווער איבעראַשט פעסטשטעלנדיק לויט זיין אָנגעגעבענע דאַטע פון איר טויט, אַז זי איז געשטאָרבן אין זעלבן טאָג ווען לייזער ראַפּפּל האָט זיינע אויגן פאַרמאַכט אויף שטענדיק.

דער אויסערגעוויינלעכער צוזאַמענטרעף פון די דאַטעס, האָבן אויף מיר זייער געווירקט און איך האָב באַלד געענטפערט מיט אַ בריוו אויסדריקנ־דיק מיין באמת טיפן וויטיק, וואָס אַזאַ וואוילע און ליבנסווירדיקע פרוי האָט געמוזט אָפּשטאַרבן אין אירע שענסטע יאָרן און אַזוי האָט זיך גע־מאַכט, אַז ער האָט מיר ווידער געשריבן און איך אים, מיר האָבן זיך אַ

לענגערע צייט קאָרעספּאָנדירט און כּמעט איך האָב געוואוסט פון זיינע בריוו, אַז אים גייט עס היינט נישט מער אַזוי גוט, אַז דאָס לעבן האָט זיך אין ראַטנפאַרבאַנד אינגאַנצן געענדערט, פונדעסטוועגן קאָן זיין, אַז צו אים וואָלט איך זיך יאָ געוועזן באַשלאָסן, אָבער דערווייל איז דאָרט ווידער געוואָרן אַ שטיקל בהלה, ברייוו האָבן אויפגעהערט אָנקומען און איך האָב אונטערגענומען אַ טור איבער דער פּראָווינץ און אַזוי איז אונזער קאָרעספּאָנדענץ איבערגעריסן געוואָרן און איך האָב מער נישט געהערט וועגן דעם גרויסן און ברייטהאַרציקן ליבהאָבער פון אידישן טעאַטער.

צילי און אַנדזשעלע הייבן אָן אַקטוירן

ווי זאָגט דאָס טרויעריקע ווערטל: — אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אוים; און דאָס ווערטל האָב איך אָנגעהויבן זייער שאַרף פילן אין מיין שטוב.

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין סך זאַכן וואָס צו פאַרזעצן אָדער פאַרקויפן און איך האָב געמוזט טראַכטן ווי אַזוי אויפצוהאַלטן אונזער שטאַט.

דעמלט איז אָנגעקומען קלאַרא יאַנג קיין וואַרשע און סיי איר קומען ווי איר אויפטריט, זיינען געווען גרויסע סענסאַציעס. בועז יונגוויץ, כאָטש ער איז שוין געווען געגט מיט קלאַראַן, האָט ער אָבער געמאַכט אַלע פּראָפּאַגאַנדעס פאַר איר און געווען איר פּעאיקער געשעפט-פירער און דאָס ערשטע נאָך זיין אָנקומען אין וואַרשע, האָט ער מיך אויפגעזוכט, אויסגעדריקט זיין מיטגעפיל צו מיין אלמנהשאַפט און ער האָט זיך אָנגעהויבן שדכענען צו מיר.

איך האָב אים אָף אָן איידעלן אופן צוריקגעוויזן, איך האָב אים זייער ליב געהאַט אַלס פריינט, אָבער איך האָב געפילט, אַז אַלס פרוי וואָלט איך בא אים נישט געקאָנט זיין גליקלעך.

האָט ער זיך נישט באַליידיקט פון מיין אָפּזאָג, ער האָט געזאָגט, אַז ער גיט מיר צייט זיך צו באַטראַכטן און דערווייל האָט ער אָנגאַזשירט צילין פאַרן כאָר און אַנדזשעלען, פאַר אַן אויפטריט צווישן די קינדערלעך ביי דער „רומענישער חתונה״.

אסתר האָט נאָך באַזוכט די דראַמאַטישע שולע פון וויכערט און הערמאַן און זי איז אָפּט געקומען אַהיים פון שולע אין באַגלייטונג פון אַ חבר, דאָס איז געווען זלמן הירשפעלד.

ווען הירשפעלד איז געקומען דאָס ערשטע מאָל, איז ער מיר פאַרגעקומען באַקאַנט און באַלד האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך האָב אים גע-

זען אַלס יונגן סטודענט אין לאָדזש, אין הויז פון זיין שוועסטער די אַק־טריסע סארנע, וואָס האָט מיט מיר געשפּילט אין גאַליציע.

נאָך דעמלט האָב איך געהערט, אַז ער איז אַ גרויסער מתמיד און ער לערנט גוט, און איצט האָב איך זיך פון אסתרן דערוואוסט, אַז ער האָט שוין געלאָזן זיין שטודיום אין לאָדזש, ער האָט ליב טעאַטער און ער איז געקומען קיין ווארשע וואו ער איז צוערשט אריינגעטראָטן אין דער פּוי־לישער דראַמשולע און דערנאָך איז ער אריבער אין דער דראַמשולע פון וייכערט און הערמאַן און זיי לערנען דאָרט צוזאַמען.

די באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט פון מיין טאָכטער מיט אַזאַ וואוילן יונגענמאַן, איז מיר געווען זייער צום הארצן און ווען איך האָב באַקומען אַ פאָרשלאָג פון גימפּלען אין לעמבערג, אַז איך זאָל קומען צו אים גאַסטראָלירן און אַז איך קאָן מיטנעמען מיט זיך אַקטיאָרן וועלכע איך פארשטיי, האָב איך אָנגענומען דעם אָנבאָט, אָבער נישט באַלד בין איך געפאָרן, ווייל איך האָב צוערשט געמוזט ארויספאָרן מיט אַ טרופּע אַף דער פּוילישער פּראָווינץ, ווי איך האָב שוין געהאַט צוגעזאָגט און באַלד נאָך מיין פארענדיקן אין קאַמינסקים טעאַטער, וואו איך האָב שוין זייט אַ צייט געשפּילט, בין איך ארויסגעפאָרן בראש פון אַ טרופּע, איבער דער פּראָווינץ פון פּוילן און גאַליציען.

אַף דעם טורנע האָב איך געהאַט גרויסע און אפילו שטורמישע דער־פאָלגן, אָבער מער קינסטלערישע דערפאָלגן ווי מאַטעריעלע און דערוויל האָט גימפּעל מיך דערמאנט אָן מיין אָפּמאַך מיט אים, איך האָב פארענ־דיקט מיין טורנע און צוריקקומענדיק קיין ווארשע, האָב איך דאָרט אָנ־גאַזשירט נאַזשיקן, מיכל קליין און מיטגענומען צילין שוין אַלס אַקטריסע און געפאָרן גאַסטראָלירן קיין לעמבערג אין גימפּלס טעאַטער, איבער־לאָזנדיק אסתרן מיט אַנדזשעלען מיט דער דינסט אין ווארשע.

אסתר איז געווען כסדר מיין עקאָנאָמקע אין שטוב, זי האָט מיט פּליים אָנגעפירט די מאַטעריעלע זייט פון אונזער באַלעבאַטישקייט און איך האָב געקאָנט גאַנץ רואיק אַוועקפאָרן גאַסטראָלירן, ווויסנדיק, אַז איך האָב זיך אַף וועמען צו פארלאָזן.

אונזער ריזן-דערפאָלג אין לעמבערג

אין לעמבערג, אין גימפּלס טעאַטער, האָבן מיר געהאַט אַן אומגעהוי־ערן דערפאָלג און די פרייד האָט מיך דערמאנט אָן מיינע דערפאָלגן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, קיעוו און אדעס.

און נישט איך אַליין האָט געהאַט דערפאָלג; אויך מיין טאָכטער, צילי,

האָט אָנגעהויבן שיינען אויף דער בינע און זי האָט ממש געשרפהט מיט איר בליקן און געצונדן הערצער און נאָך די פאָרשטעלונגען האָט מען אונז ביידן באַשאָנקען מיט בלומען און עס האָבן זיך געיאָווועט פאַרערער, עלטערע וואָס האָבן זיך געוואָלט צושאַרן צו מיר און יונגע בחורים און סטודענטן, באַלעבאַטישע קינדער, האָבן געשווערמט זיך צו באַקענען מיט צילין און גליקלעך איז געווען דער פון זיי, ווען זי האָט געענטפערט אַ וואָרט.

דערוויל האָט מיכל קליין געהאַט אין לעמבערג אַ זייער רייכן פריינט, דער פריינט האָט אונז איינגעלאַדן אויף וועטשערינקעס און ער האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט דעם גרעסטן רעספעקט און ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער איז אַ פאַרהייראַטער מאַן און ער טאָר נישט טראַכטן וועגן מיר, וואָלט ער געוואָלט, אַז איך זאָל ווערן זיין פריינטס פרוי.

ער האָט מיך פשוט געוואָלט פאַרשדכענען צו מיכל קליין, וועלכער האָט מיר אַלעמאָל אַרויסגעוויזן אַכטונג און קיינמאָל נישט געוואַגט מיר אַרויסצואווייזן סמנים פון ליבע.

איך האָב געלאַכט און געזאָגט, אַז אַזאַ רייכער מאַן איז פאַר מיר אַ צו טייערער שדכן און דעם רויט-געוואָרענעם מיכל קליין, האָב איך פשוט דערקלערט, אַז ער איז מיר זייער ליב אַלס פריינט, נאָר וועגן חתונה האָבן טראַכט איך אפילו נישט, איך האָב צופיל אויפגאַבן פאַר זיך און איך טאָר דערוויל נישט טראַכטן וועגן פאַרבינדן זיך מיט אַ מאַן.

עס קאָן זיין, אַז אבא ראַפּעלס ווערטער, אַז עס קאָן קומען אַ מאָמענט ווען איך, אַלס יונגע פרוי, זאָל וועלן אפסניי חתונה האָבן, אַז די ווערטער, וועלכע האָבן מיך דעמלט אַזוי שטאַרק געטראָפן און באַליידיקט, האָבן נאָך אַלץ אויף מיר געווירקט און איך האָב אָפּגעשטויסן יעדן געדאַנק וועגן חתונה האָבן.

איך האָב אין לעמבערג געשפילט מיין רעפּערטואַר און יעדע אויפפירונג איז פאַר מיר געווען אַ נייער דערפאָלג און צילי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון די בחורים וואָס האָבן זיך נישט אויפגעהערט דרייען אַרום איר און דערוויל איז געקומען דער דירעקטאָר האַרט קיין לעמבערג און ער האָט מיך מיט צילין אַנגאַזשירט אויף ברוטאָ- פּראָצענטן און נאָכן פאַרענדיקן דעם אָפּמאַך אין לעמבערג, האָבן מיר זיך געלאָזן קיין דראָהאָביטש, וואו מיר האָבן ווידעראַמאָל געשפילט מיט גאָר גרויסן דערפאָלג.

דער דראַמאַטורג בנימין רעסלער

אַלס סופליאָר און געהילף-רעזשיסאָר אין האַרטס טרופּע, איז דעמלט

געווען אַ יונגערמאַנטשיק, ממש נאָך אַ אינגל, **בנימין רעסלער**

ער האָט צילין אַרויסגעוויזן צאַרטע פריינטשאַפט, גאַנץ אַנדערש ווי די אַלע אַנדערע בהורים און ער איז מיר זייער געפעלן און איך האָב געהאַט פאַרדרוס, זעענדיק ווי ער ליידט ביים טעאַטער פון יעדן פון די אַקטיאָרן, ווי יעדער שאַפט זיך מיט אים און ער באַמיט זיך אָן פּראָטעסט יעדן נאָכצוקומען די קאַפּריזן.

בנימין רעסלער איז געקומען צו מיר אין הויז און ער האָט אונז פאַרגעלייענט זיינס אַ דראַמע און לידער און איך האָב געזען, אַז ער איז אַ יונגער מענטש מיט אַ גרויסן טאַלאַנט און איך האָב אים אָנגעהויבן צורעדן, ער זאָל נישט בלייבן דאָ מיט דער טרופּע וואָס דערגייט אים די יאָר, ער זאָל פאָרן קיין וואַרשע, דאָרט זיינען פאַראַן אַ סך אידישע שרייבער און דאָרט איז דער יריד פאַר טעאַטער און ליטעראַטור און איך בין זיכער, אַז ער וועט דאָרט קענען מאַכן אַ קאַריערע.

מיינע ווערטער האָבן אַף דעם יונגן בחור זייער גוט געווירקט און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז בא דער ערשטער געלעגנהייט, וועט ער פאָלגן מיין עצה.

די דערפאָלגן מיינע און צילים זיינען אין האַרטס טרופּע געווען זייער גרויס, אָבער (און ביי אידיש טעאַטער גייט קיינמאָל קיין שום זאַך אָן אָן „אָבער") אָבער, דאָרט האָט אויך אַקטואירט די פּוקס און זי האָט אָן אַ פאַרוואָס אָנגעהויבן צו אינטריגירן אַלע טרופּע-חברים און אַזוי ווי מיר איז נישט אָנגעשטאַנען זיך צו אַמפּערן מיט איר, האָב איך אָפּגעוואָרפן האַרטס ביטע וועגן פראָלאָנגאַציע פון מיינע גאַסטראָלן, און ווי נאָר איך האָב פאַרענדיקט מיין ערשטן טערמין, האָב איך פאַרפּאַקט די זאַכן צום פאָרן צוריק קיין וואַרשע.

שוין זייענדיק ביי דער באַן צום אָפּפאָרן, קומט אָן רעסלער מיט אַ קליין טשעמאָדאַנטשיקל און ער זאָגט מיר האַלב פאַרשעמט, אַז ער זעט איין, אַז איך בין גערעכט און אויב וואַרטן אַף אַ געלעגנהייט, גלויבט ער, אַז איצט קאָן אויך זיין די געלעגנהייט און ער וויל פאָרן צוזאַמען מיט אונז.

און ער איז טאַקע געפאָרן צוזאַמען מיט אונז און אין וואַרשע איז ער געווען ביי אונז אין שטוב, ביז ער האָט זיך באַקענט מיט שרייבער און ער האָט זיך יאַקאָש איינגעאָרדנט אין דער „יריד-שטאָט" פון אידיש טעאַטער און ליטעראַטור.

ווען י. בולאָוו האָט מיט יאָרן שפּעטער אויפגעפירט אין ב. איירעס רעסלערס וואונדערלעכע סאַטירע „זעכציק טויזנט גיבורים" און עס איז געווען אַזאַ דערפאָלג, האָב איך געפילט אַ האַרציקן נחת, וויסנדיק, אַז

איך האָב אים געהאָלפן אַרויסקריכן פון געמויזעכץ אין האַרטס פּראָווינץ־טרופּע און אַז איך האָב כאַטש אַ קליין שטיקעלע חלק אין דעם דערפאָלג פון דעם יונגן פּאָעט און דראַמאַטורג.

וואַנדערונגען מיט פאַרשידענע טרופּעס

נאָך מיין צוריקקומען פון גאַליציען קיין וואַרשע, בין איך אַריינגעטראָטן אין קאַמינסקים טעאַטער און איבערשפּילנדיק דאָרט עטלעכע חדשים כמעט מיין גאַנצן רעפּערטואַר און עטלעכע נייע מעלאָדראַמעס, האָט מען מיך אַנגאַזשירט קיין ווילנע, וואו קאַרפּאַנאָוויטש איז געווען אונטערנעמער.

די טרופּע אין ווילנע איז געווען פון זייער שלעכטן צוזאַמענשטעל און אויסער מיט זיידמאַן און לערנער, האָב איך דאָרט נישט געהאַט מיט וועמען אויסצורידן קיין וואָרט. געווען דאָרט אין טרופּע דער אַרטיסט סטרוגאַטש, האָט ער מער געטרונקען ווי געמאַכט פּראָבן און ער האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט ציניזם און איך האָב דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן און עס האָט דאָרט געשפּילט אַ פרוי ווינטער, וואָס האָט נאָר דערגרייכט אַן אויפטריט אַ דאַנק די וועטשערינקעס וואָס זי האָט איינגעאָרדנט פאַר די אַקטיאָרן. איך האָב אין דער טרופּע זייער פיל געליטן מאָראַליש און נאָר אַ דאַנק די חברלעכע און רעספּעקטפולע באַציאונג וואָס זיידמאַן־לערנער האָבן מיר אַרויסגעוויזן, האָב איך געקאָנט אויסהאַלטן מיין קאָנטראַקט מיטן אונטערנעמער.

קאַרפּאַנאָוויטש האָט אפילו דוקא געוואָלט, אַז איך זאָל פּראָלאָנגירן און בלייבן, ער איז גרייט געווען די טרופּע צו רעאָרגאַניזירן, אַז איך זאָל זיין צופרידן אָבער איך האָב שוין דאָרט געהאַט אַזויפיל קרענקונג, אַז איך האָב נישט געוואָלט בלייבן און גראד איז מיר אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון וואַרשעווער אַרטיסטן פאַריין, אַז איך זאָל שוין קומען קיין וואַרשע, האָב איך געהאַט אַ פיינע געלעגנהייט קאַרפּאַנאָוויטשן אָפּצוזאָגן אויף אַ טאַקטישן אופן.

אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָט מען מיך אָפּגעוואַרט ביי דער באַן און מען האָט בא מיר גענומען אַ וואָרט, אַז איך וועל שפּילן אין צענטראַל־טעאַטער.

איך האָב געגעבן דאָס וואָרט, ווייל איך האָב נישט געוואוסט, אַז דער פאַריין האָט מיך אַרויסגערופן כדי מיך צו שטעלן בראש פון אַ טרופּע אין קאַמינסקים טעאַטער און ווייל איך האָב שוין געגעבן אַ וואָרט, בין איך אַריינגעטראָטן אין „צענטראַל״, וואו מען האָט אגב געשפּילט בעסערן רעפּערטואַר, וואָס איז מיר געווען מער צום האַרצן.

נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט דעם סעזאָן אין „צענטראַל", זייַנען גראַד אָנגעקומען פּאול ברייטמאַן מיט ווערא קאַניעווסקי און עס האָט זיך פאַרמירט אַ חברים-טרופּע פאַרן קאַמינסקי-טעאַטער און איך בין אַרייַנגעטראָטן אין דער חברים-טרופּע.

מיר האָבן געשפּילט אַ געמישטן רעפּערטואַר. איך האָב געשפּילט די הויפּטראָלן אין מייַנע פּיעסן און די קאַניעווסקי אין אירע, צילי האָט מיטגעאַרבעט אין כאָר, און כאָטש די געשעפטן זייַנען געווען שוואַכע, וואָלטן מיר געווען פאַרענדיקט דעם אָפּמאַך, ווען נישט אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ היבשן שטורעם פון פּאַרדרוס.

די פּאַסירונג איז געווען, וואָס שטאָקפעדער, דעם געשעפטפירערס פרוי, האָט אין אַ געוויסן טאָג בעת פּראָבע דערציילט, אַז זי האָט זיך געלאָזן אויפנייען זעקס קליידער.

אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעקוקט: — פונוואַנען האָט זי געהאַט זיך צו מאַכן אַזש זעקס קליידער מיט אַמאָל? מיר האָבן געוואוסט אַז זי איז אַן אַנשטענדיקע פרוי, טאָ פונוואַנען פאַרט, ווען מיר אַרבעטן און פאַרדינען שוין אַזוי לאַנג נישט אַפילו אויף קאַרגער נויטיקער אויסקומעניש? און דאָ איז אויפגעשוואומען דער פאַרדאַכט, אַז שטאָקפעדער איז נישט ערלעך אין דער געשעפט-פירונג און מיך האָט עס אַזוי געערגערט, אַז בעת איך פאַרדין נישט אויף ברויט, זאָל זיך אַ צווייטער טרופּע-מיטגליד קויפן אַזש זעקס קליידער... בין איך אַהיים, און געזאָגט, אַז ווען איך זאָל וויסן צו שטאַרבן פון הונגער, וועל איך נישט גיין שפּילן און איך האָב טאַקע דעמזועלבן טאָג געמוזט פאַרקויפן דאָס לעצטע רינגל וואָס איז מיר נאָך געבליבן פון מייַנע גוטע צייַטן, כדי צו האָבן דאָס נויטיקע פאַר מיין הויזפירונג.

לאַנג בין איך נישט געזעסן אומאַקטיוו, ווייל באַלד האָבן פעניגשטיין און נאָזשיק פאַרמירט אַ טרופּע פאַרן טעאַטער אויף דזשעלנאַ. אסתר האָט גראָד געהאַט געענדיקט די דראַמאַטישע שול און איך, מיט מייַנע דריי קינדער, (אַנדזשעלע פאַר קינדער ראָלן) זייַנען אַרייַנגעטראָטן אין טרופּע.

קאָמפּאַניִעץ אַנגאַזשירט מיך קיין רומעניע

אין יענער צייַט, איז דער רומעניש-אידישער טעאַטער-אונטערנעמער קרעמניצער געווען אין פּוילן, ער האָט אָפּגעמאַכט מיט קאָמפּאַניִעצן, אַז ער זאָל אַנגאַזשירן אַ טרופּע וואָס זאָל מיט אים קומען קיין רומעניע.

קרעמניצער האָט מיך געזען שפּילן אין טעאַטער אויף דזשעלנאַ און איך בין אים זייער געפעלן, האָט ער אויפגעפאָדערט קאָמפּאַניִעצן, אַז איך זאָל זייַן צווישן די אַנגאַזשירטע.

ווען קאָמפּאַניעיעץ האָט מיך אָנגעהויבן צורײדן, אַז איך זאָל מיט אים פאָרן קיין רומעניע אַלס סובּרעטן, האָב איך געפרעגט ווער עס וועט זיין אין טרופּע און ער האָט מיר אויסגערעכנט אַ רייע נעמען פון אָנגע־זעענע אַקטיאָרן און אַקטריסעס און אויך די באַוואוסטע פּרימאַדאָנע און געשולטע אָפּערע־זינגערן רות רעגע.

אָבער אָנקומענדיק קיין רומעניע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רות רעגע איז נישט געקומען, עס איז נישטאָ דאָ ווער עס זאָל שפּילן די פּרימאַדאָנע־ראָלן און אומגערן, האָב איך זיך געמוזט אונטערוואַרפן די אומשטענדן און ווערן די פּרימאַדאָנע אנשטאָט די סובּרעטן פון טרופּע.

אונזער קומען קיין רומעניע איז שוין געווען גוט פּראָפּאַגאַנדירט פאַר די רומעניש־אידישע טעאַטער־באַזוכער, אין אַ סך שטעט וואו מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן, זיינען ליבהאָבער פון אידישן טעאַטער געקומען צו דער באַן אונז באַגריסן און ביי איין סטאַנציע, זע איך אַ יונגערמאַן לויפט הענדום־פּענדום צו מיין וואַגאָן, ער קומט אַרויף און לויפט צו צו מיר און כאַפּט מיך אַרום קושן און איך זע טרערן פון פרייד אין זיינע אויגן.

דאָס איז געווען הערמאַן קאַסאָווסקי.

ער איז געווען אַ יונג אינגל ווען ער איז געקומען קיין אדעס און לייזער ראַפּעל האָט אים אַריינגענומען אין זיין טעאַטער און ראַפּעל האָט קאַסאָווסקין ליב געהאַט, פאַר זיין פליים און פאַר זיין אַרבעטזאַם־קייט, פאַר זיין צוקוקן זיך ווי מען שפּילט טעאַטער און פאַר זיין ווילן קענען שפּילן טעאַטער.

קאַסאָווסקי האָט דערנאָך מיט מיר געשפּילט אין קיעוו און כמעט עטלעכע יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין די טרופּעס וואו איך האָב גע־שפּילט און אודאי האָב איך זיך אויך דערפרייט, ווען איך האָב אים דער־זען אין דעם פרעמדן לאַנד, וואָס כאָטש איך בין שוין געווען אין רומעניע נישט צום ערשטן מאָל, אָבער דאָך אַן אַנדער לאַנד וואו איך בין אַרויסגע־פאָרן אַליין, אַנגאַזשירט אַלס סובּרעטן און וואו איך וועל דאַרפן שפּילן פּרימאַדאָנעס.

אונזער ערשטע אויפפירונג אין בוקאַרעשט, איז געווען די „רומענישע התונה". און אַנשטאָט „דבורה" האָב איך באַדאַרפט שפּילן „רחלע" און דבורה האָט געשפּילט די באַריסאָוואַ און דער סוף איז געווען, אַז מיין רחלע האָט געצויגן אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט סיי פון פובליקום ווי פון די קריטיקער און פיינשמעקער, אַז מען האָט פאַרגעסן אַן דבורה און נאָר גערעדט וועגן מיר

אַ צייטונג האָט אָנגעוויזן, אַז די ווילנער טרופּע וועלכע פאָרט היינט אַרום איבער רומעניע, וואָלט זיכער געהאַט אַ גרויס געווינס, ווען זיי

ציען מיך צו פּאָר זייער טרופּע און פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע לויב־ווערטער אַף מיין אדרעס, האָבן אַרויסגערופן קנאה־געפילן פון חברטעס און זיי האָבן אויסגעטייטשט מיין דערפאָלג דערמיט, וואָס איך בין שוין געוועזן אין רומעניע און אַ באַוויז, איבערהויפּט האָב איך באַקאַנטע און מען וואַרט מיך אָפּ און מען פרייט זיך מיט מיר...

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס אין טרופּע; קרעלמאַן, וועלכער איז געווען מיט אונז, האָט געבונטעוועט די טרופּע, אַז מיר דאַרפן נישט קאָמפּאַניעיעצן, אַז ער האָט אונז אנגאַזשירט פאַר קליינע גאַזשעס בעת ער נעמט פאַר אונז גוט געלט און עס איז בעסער, אַז מיר זאָלן דאָ בלייבן אַליין, וועלן מיר פאַרדינען שטיקער גאָלד.

די אינטריגעס זיינען געפירט געוואָרן אין געהיים, אָבער קאָמפּאַניע־יעץ האָט געפילט, אַז עפּעס בונטעוועט זיך הינטער זיינע פּלייצעס און ער האָט חושד געווען, אַז איך בין דאָס די אינטריגאַנטקע און איך האָב געזען, אַז ער גייט אַרום אָנגעכמורעט און דאָס האָט מיר זייער ווייט געטאָן.

מיר האָט דעמלט זייער ווייט געטאָן, וואָס קאָמפּאַניעיעץ האָט אַזוי ליבט געקאַנט מיך חושד זיין אין אַזאַ זאַך, איבערהויפּט, ווען ער האָט גוט געוואוסט, אַז אַזעלכע בונטן זיינען גאַרנישט אייגן פאַר מיין כאַראַקטער און אויפירונג אין עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל באַשליסן צו פאַרלאָזן די טרופּע. אָבער קרעמניצער דער אונטערנעמער, האָט געטאָן אַלעס מעגלעכע, אַז איך זאָל פאַרבלייבן, ער האָט אפילו געפּרוווט צו וועלן מיך פאַרקנבן אין רומעניע און ער האָט מיך באַקענט מיט אַ פיינעם פּיאַניסט, אַ געוויסן גראַף, וועלכער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער מענטש, מיט אינטעליגענץ און פיינער באַנעמונג און קרעמניצער האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט גראַפן און פאַרבלייבן אין רומעניע.

אָבער גראַף, ווי שטאַרק ער איז מיר געפעלן אַלס געזעלשאַפט־לייטער און ווי שטאַרק איך האָב ליב געהאַט מיט אים צו פאַרברענגען, האָבן מיר ביידע דאָך איינגעזען, אַז מיר פילן נישט אַף צו פאַרבונדן זיך אַלס מאַן און פרוי און אונזער אַכטונג פון איינעם צום אַנדערן, האָט נישט דערלויבט קיין שום אָנרעגונג צו אַנדערע געפילן אויסער פריינט־שאַפטלעכע.

מיר זיינען נאָך אַרומגעפאָרן איבער רומענישע פּראָווינץ־שטעט און ווידער האָבן מיר געשפּילט אין בוקארעסט, דעמלט איז אויך געקומען די ווילנער טרופּע פון זייער טורנע און שמואל אירים וואָס האָט אַקטואירט צוזאַמען מיט די „ווילנער", איז געקומען צו לויפן און ער האָט געוויינט,

הערנדיק, אַז איך שפּיל נישט די סוברעט־ראָלן וואָס האָבן מיך געקרוינט מיט אַזויפיל רום.

ריידנדיק מיט אירימן, האָבן זיך אין מיר ווידער געוועקט זכרונות פון מיין גרויסקייט אין אַדעס, די מתנות וואָס איך האָב באַקומען אין יעקאַ־טערינאָסלאַוו, דאָס פאַרמעגן וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אין צירינג און וואָס? וואָס איז געבליבן פון דעם אַלעם? ראַפּעל איז טויט, דאָס צירינג פאַמעלעך אויספאַרקויפט און אָט פאַר איך אַרום איינע אַליין איבער רו־מעניע און איך גריזשע זיך טראַץ מיינע דערפאָלגן, ווייל איך פיל, אַז אין מיינע כוברעט־ראָלן וואָלט איך געהאַט גרעסערע דערפאָלגן.

און שמואל אירים האָט מיר נאָך צוגעגעבן היץ, ער האָט מיך דער־מאָנט אָן מיין „אַמעריקאַנערן” און אויסגערופן: אוי וואָלט איך נאָך וועלן מיטשפּילן מיט אייך אַלס „ליטוואַק”... און איך האָב זיך דערמאָנט זיין גרויסן דערפאָלג אַלס ליטוואַק און מיר האָבן ביידע געוויינט...

מיין פאַרדרוס אין טרופּע צוליב קאָמפּאַניעיעצנס פאַרדאַכט קעגן מיר, האָט אַלץ אָנגעהאַלטן און איך האָב נאָר געוואַרט די געלעגנהייט צו קע־נען פאַרענדיקן און זייענדיק אין בוקאַרעסט, האָב איך געוואוינט בא מאַניע שליאָסבערג, די טאָכטער פון דיריזשאָר, זי איז מיר געווען ליב און געטריי, ווי נאָר עס קאָן זיין אַן אייגענע שוועסטער און זי האָט מיך געטרייסט און אויפגעהאַלטן און עס האָט שוין אפילו געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל אַריינטרעטן אין אַן אָרטיקער טרופּע, אָבער דערווייל האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון ברייטמאַנען אין וואַרשע, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט צו פאָרן קיין אַפריקע און ער וויל מיך אַנגאַזשירן צוזאַמען מיט צילין.

די פאַרהאַנדלונגען זיינען אָנגעגאַנגען טעלעגראַפיש, און ענדלעך האָב איך אָפּגעמאַכט און איך האָב געמוזט צוריקפאָרן קיין וואַרשע.

איך האָב זיך געזעגנט מיט אַלע מיינע פריינט, אויך מיט דעם פּיאַ־ניסט גראַף, וואָס איך וויל אגב דערמאַנען, אַז ער איז געווען דער אַק־טריסע לאַהלע וויינטרויבס מאַן און ער האָט זיך געגט מיט איר.

שליאָסבערגס טאָכטער האָט נישט אויפגעהערט וויינען ווען זי האָט מיך באַגלייט צו דער באַן, זי האָט מיר געווינטשן אַ סך גליק און ענדלעך האָבן מיר זיך געמוזט שיידן, איך בין געפאָרן קיין וואַרשע.

מיר פאָרן קיין אַפריקע

איך האָב זיך געפילט גליקלעך, ווען איך האָב קומענדיק קיין וואַרשע געטראָפן מיינע קינדער געזונטע און פריילעכע. אסתר האָט זיך אַלץ גע־

חברט מיט דעם אינטעליגענטן און פיינדערצויגענעם זלמן הירשפעלד, וועלכער האָט אויפגעגעבן זיין סטודענטנשאַפט אוים ליבע צום טעאַטער און צילי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון די פילע פאַרערער וואָס האָבן געגאַרט מיט איר אויסצורייידן אַ וואָרט און אנדזשעלע, כאָטש זי האָט שוין געשפילט טעאַטער, האָט נאָך ווייטער געלערנט אין דראַמשולע און איך האָב געזען, אַז איך קאָן זיך אָף אסתרן פאַרלאָזן. איך און צילי, מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו פאָרן צום ערשטן מאָל איבער ימים אין דער ווייטער וועלט, אָף אַ צווייטן קאָנטינענט, שפּילן אידיש טעאַטער.

ברייטמאַן האָט שוין געהאַט אַנגאַזשירט די גאַנצע טרופּע, אין איר זיינען געווען: — רות רענע, טעפנער, ליפמאַן און פּרוי, ברין, לייבל פרידמאַן, פּאול און נאטאן ברייטמאַן, וויערא קאַניעווסקא, דיריזשאַר בייגלמאַן, איך און צילי.

פון אפריקע האָט עס געהאַגלט מיט טעלעגראַמעס, אַז מיר זאָלן צו־איילן מיט אונזער קומען און ענדלעך זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע אפן וועג קיין לאָנדאָן, פונוואַנען מיר האָבן פאַרגעזעצט די רייזע ביז קעיפּטאָן און פון דאָרט קיין יאָהאַנעסבורג.

אכטאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

איבער ימים און קאָנטינענטן — לאָנדאָן און דערנאָך קעיפּטאַון — מען נעמט מיר צו מיין ראָל און מען גיט זי צילין — צילי וויל נישט שפּילן די ראָל און איך באַפעל עס איר — אמאַטאָרן וואַרטן אונז אָפּ — אונזער אַקטואַציע אין אַפריקע — אַ טור איבער אַפריקאַנער פּראָווינץ־שטעט — רות רענע און ליפּמאַן — אַ פאַבריקאַנט ווייזט ווי שוואַרצע שקלאַפן אַרבעטן — פון סאַנטאָס קיין סאַן פּאַולאָ — איך זע מיינע עלטערן — שייקע איז פּאַראַליזירט — ריאָ דע זשאַניירא — איך זע מיין יוגנט חברטע חוהלע פּאָלאַנסקי — מיר קומען אָן קיין אַרגענטינע.

איבער ימים און קאָנטינענטן

און אַזוי איז אײַנגעטראָטן אַ נייע פּאַזע אין מיין לעבן.

געוועזן צייטן, ווען ראַפּעל האָט מיך געבעטן: — לאָמיר פאָרן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע, דאָרט האָט זיך שוין איינגעאָרדנט אַ פיין אידיש לעבן און „אידיש טעאַטער עסט מען מיט ברויט" און דו ביזט דאָך אַ קעניגן פון דער אידישער בינע און טויזנטער מענטשן פאַרגעטערן דיך, לאָמיר פאָרן און לאָמיר בויען!... — אָבער איך האָב דעמלט נישט געוואָלט פאַרלאָזן מיין היים־לאַנד, איך האָב נישט געוואָלט זיין ווייט פון מיינע קינדער, איך האָב אויך, אפשר מער אינסטינקטיוו ווי באַוואוסט־זיניק, מורא געהאַט, אַז אַ ווייטע רייזע זאָל נישט צעשטערן און רואינירן אונזער באַלעבאַטישקייט און אונזער דערוואָרבן פאַרמעגן.

און אָט לאָז איך זיך שוין אין וועג, אָט מיט דער באַן און אָט פאָרן מיר שוין אַף אַ שיף קיין לאָנדאָן, אַן אַנדער לאַנד, אַן אַנדער שפּראַך און פון דאָרט קלויבן מיר זיך ערשט פאָרן איבער ווייטע ימען אַף אַן אַנדער קאָנטינענט און איצט פאַר איך נישט ווי אַ קעניגן, מיין קעניג וואָס האָט אַזוי געזאָרגט פאַר מיר, איז שוין טויט און פון מיין פאַרמעגן, איז שוין כמעט קיין זכר נישט געבליבן און איך האָב נישט ווער עס זאָל פאַר מיר זאָרגן, איך בין אַליין, און אַליין מוז איך זאָרגן צו קענען אויפהאַלטן די היים, מוז איך פאַרלאָזן די היים און פאָרן אַף ווייטע וועגן, איבער ימים, און פאָרן נישט ווי אַ קעניגין, נאָר ווי אַ געדונגענע אַקטריסע, וואָס כאָטש מען זאָגט עס מיר נישט, פיל איך און מען מאַכט מיך פילן, אַז מען האָט מיך „מיטגענומען"; נישט איך נעם מיט, נאָר מען האָט מיך מיט־

גענומען און איך מוז זיין גרייט צוליידן עגמת-נפשן, וועלכע איך וועל זיכער נישט קאָנען אויסמיידן.

מיין איינציקע פרייד איז נאָר, וואָס איך האָב אינדערהיים איבערגע־לאָזן שוין נישט קיין קליינע קינדער, אסתר איז געוואקסן שיין און באַ־וואוסטזיניק און איר זעלבסטשטענדיקייט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן פון קינדהייט אָן, איז מיט איר מיטגעוואקסן און זי האָט אַזאַ וואוילן פאַר־ערער ווי דער איידעלער און געלערנטער זלמן הירשפעלד און זי וועט שוין האָבן אַן אויג אויך אויף אַנדזשעלען, וואָס איז אויך שוין נישט קיין קינד און זי קאָן זיך שוין אויך איר שטעטל באַשטיין; געפרייט האָט מיך אויך, וואָס איך האָב דאָ מיט זיך מיין עלטסטע טאָכטער, מיין צילי, וואָס שפּרייט פון זיך מיט פייער פון איר וואולקאַנישן טעמפּעראַמענט, און אַז זי דערשיינט אויף דער בינע, פילט זיך אַן אויפלעבונג צווישן עולם.

איך האָב אויך געהאַט האַרציקן נחת פאַרברענגענדיק אויפן וועג מיט מאַנכע פון די חברים וואָס זיינען מיט אונז געפאָרן, די ערשטע איז געווען די אינטעליגענטע און שטודירטע זינגערן רות רענע, וואָס איז נישט נאָר געווען אַ גוטע זינגערן און אַ גוטע אַקטריסע, וואָס האָט אינטערפּרעטירט אירע ראָלן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, נאָר זי איז אויך געווען אַ גוטע חברטע און אַבי זי האָט געפילט קעגנזייטיקע אויפריכטיקייט, איז זי געוואָרן ווי אַ געטרייע און האַרציקע שוועסטער.

עס האָבן מיך אויך געפרייט די באַגעגענישן מיט פריינט און פאַרערער וואָס האָבן מיך איבעראַל אָפּגעוואַרט און זיך מיט מיר אַזוי דערפרייט, אַז איך האָב פאַרגעסן די דיסטאַנץ וואָס טיילט מיך אָפּ פון מיין היים און איך בין געווען אַזוי גליקלעך, אַז עס איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן, אַז די גרויסע פאַרערונג וואָס מען ווייזט מיר איבעראַל אַרום וועט וועקן די קנאה ביי מאַנכע פון אונזער טרופּע און זיי וועלן דערנאָך זוכן די דאָזיקע פרייד מיר צו צעשטערן...

לאָנדאָן און דערנאָך קעיפּטאַון

אין לאָנדאָן האָבן איך געטראָפן מיין פריינט יעקב לערמאַן, וואָס האָט אַ סך מיטגעאַרבעט אין מיינע טרופּעס, איך האָב דאָרט אויך געטראָפן די דירעקטאָרשע בלומענטאַל וועלכע האָט מיר אַרויסגעוויזן אמתע שוועסטערלעכע ליבע און זי מיט נאָך פריינט, האָבן אונז אַרומגעפירט און געוויזן אַלע זענסווירדיקייטן פון דעם פאַרנעפּלטן לאָנדאָן, זיי האָבן מיך דוקא געוואָלט פאַרהאַלטן אין לאָנדאָן אויף גאַסט-שפּילן, מען האָט מיך דוקא געוואָלט אָפּריידן נישט צו פאָרן מיט דער קאַניעווסקי קיין

אפריקע, אָבער עס האָט געמוזט בלייבן, אַז ווען די ראַפּעלס מאַכן אָפּ, אָדער ווען זיי גיבן בלויז אַ וואָרט, מוז עס זיין היילִיק און איך האָב בלויז נאָך באַוויזן צו זען אין לאָנדאָן די פאַרשטעלונג „צוריק צו זיין פאָלק". וואָס דער עולם האָט עס זייער גוט אויפגענומען און איך האָב זיך הארציק געזעגנט מיט מיינע פריינט און אָט זיצן מיר שוין אָף דער שיף און מיר פאָרן איבער ווייטע ימים, טעג גייען אַריבער און איך זע נישט מער ווי הימל און וואַסער און ווי אונזער שיף וויגט זיך צווישן הימל און וואַסער און איז ווי אַ שפּילעכל אין די אָרעמס פון דער נאַטור-סטיכיע...

עס האָט אויסגעזען, אַז צילי טרעט נישט אָפּ פון מיר, אָבער פּאַקטיש, איז מיט איר פול געווען די גאַנצע שיף.

אָט איז זי געווען נעבן מיר, מיך געקושט און זיך געלאַשציעט צו מיר און אָט איז זי אַוועקגעלאָפן לענג אויס דער שיף און איבעראַל האָט זי געהאַט ווּעמען צוצוזוואָרפן אַ וואָרט, א קיבעץ, אַ וויץ און אָט איז זי שוין ווידער געווען נעבן מיר און אפּסניי מיך אַרומגענומען און ווידער געקושט און איך האָב געשעפּט נחת, זעענדיק איר פריילעכקייט און לעבעדיקע באַוועגלעכקייט.

פאַרבראַכט געזעלשאַפטלעך אין משך פון דער גענוג לאַנגער רייזע, האָב איך מערסטנס מיט דער האַרציקער רות רענע און טיילווייז אויך מיט ליפמאַנען, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטשאַפט און נאָך מער רעספּעקט.

פלוצלינג האָב איך באַמערקט, אַז די פּנימער סיי פון ליפמאַנען ווי פון רות רענע, זיינען עפּעס פאַרכמאַרעט און זיי קענען מיר נישט קוקן גלייך אין די אויגן; איך האָב זיך משער געווען, אַז עפּעס איז דאָ פאַרגעקומען און ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן צוקוקן, האָב איך באַמערקט ווי ברייטמאַן מיטן ברודער און די קאַניעווסקי שושקען זיך עפּעס און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ מיינט מען אודאי מיך.

איך האָב געפּרואווט פאַרשן ביי רות רענע און ביי ליפמאַנען און איך האָב גוט באַמערקט, אַז זיי ווייסן ווּעגן וואָס עס האַנדלט זיך, נאָר זיי ווילן נישט זיין די שטורם-אַנזאָגער וואָס זאָלן מיר פאַרשאַפן צער.

אָבער איך האָב לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן, ביז דער סוד איז אַרויס אָף דער אויבערפלאַך.

מען נעמט מיר צו מיין ראָל און מען גיט זי צילין

דעם אָפּמאַך צו פאָרן מיט אַ טרופּע קיין אַפריקע, האָט געשלאָסן ברייטמאַן, אָבער ער האָט זיך צוגענומען אַלס שותף טעפּנערן און זיי

ביידע האָבן אָנגעפירט מיט דער דירעקציע ווי באַלעבאַטים פון דער אונטערנעמונג.

טעפּנער מיט ברייטמאַנען זיינען צוגעקומען צו מיר און נאָך אַ לאַנגער איינלייטונג וועגן זייערע פריער באַשטימטע פּלענער ווי אַזוי צו אַקטואירן, זיינען זיי ענדלעך אַרוים מיט לשון, אַז אַזוי ווי עס איז געווען באַשטימט, אַז די ערשטע פּיעסע צום אויפירן אין יאָהאַנעסבורג דאַרף זיין „קאַווקאַזער ליבע״, אַזוי וועט עס בלייבן.

איך האָב געזען אַז זיי קוועטשט עפּעס, וואָס זיי קענען עס נישט אַזוי לייכט אַרויסזאָגן און אַזוי ווי קיין גוטס האָב איך פון זיי נישט דערוואַרט, האָב איך זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און געפרעגט פאַרוואונדערט: — טאַ וואָס? איז דאָך ווידער גוט! מיר האָבן דאָך אַזוי אָפּגערעדט!...

— נו יאָ, האָבן זיי זיך אָפּסניי אָנגעהויבן קווענקלען; — איר פאַרשטייט, זינאַידאַ, די פּיעסע, די זעלבע, נאָר... איר פאַרשטייט... די ראָלן מוזן אַביסל איבערגעאַנדערשט ווערן... ראָלן דאַרפן פאַרטיילט ווערן מיט אַ טאָלק,„ און מיר האָבן געזען אַז צילי איז אַ ברען... איר פאַרשטייט זינאַידאַ... איר האָט געוואָלט שפּילן די סוברעטן, איז בלויז אַ קלייניקייט... מיר האָבן באַשלאָסן, אַז די סוברעטן אין „קאַווקאַזער ליבע״ זאָל שפּילן צילי און איר וועט שפּילן די כאַראַקטער-ראָל...

דאָס לעצטע, — „מיר האָבן באַשלאָסן״ — איז שוין געווען אַרויסגעזאָגט מיט מוט, מיט דרייסטקייט, ווי עס פּאַסט פאַר באַלעבאַטים און איך וויל זיך דאָ מודה זיין, אַז ווען איך זאָל דעמלט געווען שטיין ווי אַלעמאָל בּאַ דער באַריערע פון ברעג שיף, וואָלט איך זיכער זיי נישט געענטפערט קיין וואָרט, נאָר איך וואָלט געטאָן אַ שטאַרקן שפּרונג און איך וואָלט זיך געלאָזן פאַרשלינגען פון די ים-כוואַליעס.

אין משך פון איין סעקונדע, נאָכדעם ווי זיי האָבן מיר דאָס געזאָגט, האָב איך איבערגעלעבט גאַנצע אייביקייטן און ווי אַ רעפלעקטאָר שטערנדיק... [sic]

האָב איך איבערגעלעבט גאַנצע אייביקייטן און ווי אַ רעפלעקטאָר שוּ-מערירט מיט בונטע פייערן אויף דער בינע צו אַ מאַסן-טאַנץ אין אַ פינאַל-סצענע, אַזוי האָבן אין מיין מוח אויפגעלויכטן בונטע איבערלעבענישן און סצענעס פון מיין גרויסן רום, ווי איך שוועב אין הויכע הימלען און פּלוצלינג דערלאַנגט מען מיר מיט אַ קינזשאַל אין האַרצן און איך הויב אָן פאַלן און איך פאַל, פאַל און קאָן דעם באָדן אונטער זיך נישט דערגרייכן...

אָבער פּלוצלינג איז מיר אויפגעשוואומען אין זכרון די סצענע צווישן אסתר-רחל קאַמינסקי און איר טאָכטער אידאַ; די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אדעס, ווען אידאַ האָט זיך געשטעלט קעגן איר מוטער, זי האָט געוואָלט זיין פּונקט אַזוי גרויס אַנאַנסירט און נעמען נישט קיין

און לאַחלע געדימטאַ-
לער אסתר-רחל קליינער
זינגט מיט אירע אייניק-
מע-מאַמע, זעט מען דאַ
נישטאַ מער זינגט מאַ-
אַזוי אַ דור קומט
אַ דור גייט

זינאַ אין דער ראָל אַלס „באַבושקאַ“ ברעשקאָווסקאַיאַ, אין „אַזעף“
(אויפגעפירט פון זלמן הירשפעלד אין טעאַטער אָמבו 1932)

קלענערן לוין פֿון אסתר-רחלען און עס איז געקומען צו אַ שטאַרקן קאָנפליקט צווישן מוטער און טאָכטער און די טאָכטער האָט פֿאַרשטרייקט און איך האָב דעמלט געמוזט פֿאַרטרעטן און שפּילן אידאס ראָל...

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער סצענע און עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער נאָך אידאס קול, ווי זי זאָגט צו דער מוטער: — נו יאָ, דו האָסט שוין דיינס אָפּגעשפּילט און איצט קומט מיין צייט... און אָט האָב איך זיך אַליין געזען אין דער דעמלסדיקער טראַגיש-פֿאַרשעמטער פּאָזע פֿון אסתר-רחלען, און צילין האָב איך געזען אנשטאָט אידאן און איך וואָלט אודאי נישט געוועזן אויסגעהאַלטן נישט אויסצושרייען פֿון טיפֿן ווייטיק, ווען עס גיט מיר נישט פּלוצלינג אַ שווים אויף אין געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע בייטן פֿון די ראָלן האָבן זיי נאָר באַשלאָסן כדי צו האָבן אַ סענסאַציע און אַ סקאַנדאַלעכל אָף דער שיף און איך האָב זיך שוין דערמאָנט זייער קנאה ווען זיי האָבן געזען, אַז מען טיילט מיר איבעראל צו מער כבוד ווי זיי און אָט אָ דער געדאַנק האָט מיך פּלוצלינג ווי אויסגעניכטערט און איך האָב דערפֿילט אַ געוואַלדיקע ליידנשאַפֿט, זיי דוקא נישט צו פֿאַרשאַפֿן דאָס נחת צו האָבן אַ סקאַנדאַלעכל און די דאָזיקע ליידנשאַפֿט האָט אין מיר געשאַפֿן איבערמענטשלעכע כחות און איך האָב זיך צעשמייכלט...

איין סעקונדע האָט דאָס אַלץ געדויערט און איך ווייס אפֿילו נישט, צי זיי האָבן באַוויזן צו באַמערקן אָף מיין פּנים מיינע טיפֿע איבערלעבענישן, ווייל באַלד האָט זיי מיין שמייכל איבעראַשט און נאָך מער האָט זיי איבעראַשט מיין ענטפֿער, אַז מיך אַרט עס נישט, פֿאַרקערט, איך בין זייער צופֿרידן; פֿאַר אַן אַנדער אַקטריסע אפֿשר נישט, אָבער פֿאַר מיין טאָכטער, אדרבא, זאָל זי האָבן דעם שאַנס צו פּרוּוון אירע כחות אַלס סובּרעטן.

מיין רואיקער ענטפֿער און מיין שמייכל האָט זיי אַזוי איבעראַשט, אַז זיי זיינען געבליבן אַ ווײַלע אָן לשון. טעפּנער איז צו זיך געקומען דער ערשטער און ער האָט ווידער געוואָלט אָנהויבן מיט זיינע קווײַנקלדיקע ריידעלעך, אַזוי ווי ער וואָלט באַדויערט און באַלד האָט אויך ברייטמאַן אָנגעהויבן צוצוהעלפֿן, אפֿשר וועט זיי פֿאָרט געלונגען מיך אויפֿצורייצן, אָבער איך האָב זיי דאָס פֿאַרגעניגן נישט פֿאַרשאַפֿט, איך האָב זיך געהאַלטן רואיק און שמייכלענדיק און זיי זיינען פֿון מיר אַוועק ווי אָפּגעשמיסענע...

צילי וויל נישט שפּילן די ראָל און איך באַפֿעל עס איר

עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן נאָך געהאָפֿט, אַז אין מיר וועט זיך אויפ-

ווען זייער דערוואַרטע רעאַקציע, אָבער זייער האָפענונג האָט זיי אָפּ־געגנאַרט. איך בין וואָס אַ מינוט ווייטער, מער צופרידן געווען מיט מיין האַנדלונג און די צופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע מיינע גלידער, ביז צו אַ שטופּ פון גליק, וואָס איך האָב באַוויזן מנצח צו זיין אין זיך די קינסטלערישע אמביציע און איך האָב געפילט ווי אין מיר גייט אויף אַ ליכט פון הייליקייט, וואָס קומט געוויינלעך נאָך אַ גרויסער מענטש־לעכער טאַט.

און נאָך מער איז זיך אין מיר צעוואַקסן די גליקלעכע הייליקייט, ווען איך האָב געהערט, אַז צילי, מיין טעמפּעראַמענטפולע קוועקזילבער־דיקע טאָכטער, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַנצונעמען די ראָל וואָס איז געווען פאַר מיר באַשטימט און איך האָב איר נאָך באַדאַרפט באַפעלן, אַז זי זאָל זי אָנעמען און דערביי האָב איך איר נאָך געגעבן אַ לעקציע וועגן טעאַטער־דיסציפּלין, אַז אויב מען איז אַנגאַזשירט, דאַרף מען זיך אונ־טערוואַרפן די באַשלוסן פון די רעזשיסאָרן און מען דאַרף זען אויסמיידן יעדע שוועריקייט, וואָס קאָן זיך שלעכט אָפּרופן אפן גאַנג פון די פאָרשטע־לונגען.

די בעלי־קנאה וואָס האָבן אונז אַנגאַזשירט צו פאָרן דעם ווייטן וועג קיין אפריקע האָבן זיך נישט דערוואַרט אַף דעם געגאַרטן סקאַנדאַלעכל און אַ געהייליקטע בין איך אָנגעקומען קיין קעיפּטאָן.

אַמאַטאָרן וואַרטן אונז אָפּ

די טרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „קאַניעווסקי־ברייטמאַן־טרופּע", איז שוין אין אפריקע געווען באַקאַנט פון זייערן אַ פריערדיקן טורנע מיט אַ יאָר צוריק און דערזעענדיק בעתן אָנקומען אין קעיפּטאָן, אַז עס וואַרטן באַם פּאָרט א סך מענטשן, האָבן ברייטמאַן־קאַניעווסקי דאָס גענומען אַף זייער חשבון און א סך פריינט האָבן טאַקע געוואַרט אַף זיי צום באַגריסן, ווייל מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי דאָרט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג; אָבער עס האָט זיי אודאי נישט געשמעקט דער פאַקט, וואָס א סך פון די אָפּ־וואַרטנדיקע, וואָס זיינען געווען אַמאַטאָרן און ליבהאָבער פון בעסער טעאַטער, וועלכע האָבן זיך פון די ציידונגען דערוואוסט, אַז מיט דער טרופּע קומט אויך מיט זינאַידאַ ראַפּעל, ווען אָט די היבשע גרופּע אַמאַ־טאָרן האָבן זיך נאָכגעפרעגט ווער פון די אַקטריסעס עס איז זינאַידאַ ראַפּעל.

מיר האָבן אַלע באַקומען אַ זייער פיינעם קבלת־פּנים, מיר האָבן געהערט בראַוואָ־אויסרופן פאַר אונזער כבוד און מען דאַרף זיך קאָנען פאָרשטעלן, וואָס דאָס מיינט אַזוינס אַזאַ אויפנאַמע פאַר אַקטיאָרן, וואָס

קומען אין אַ ווייט פרעמד לאַנד און ווי אַזאַ וואַרימע אויפנאַמע מאַכט דעם קינסטלער ער זאָל זיך איבעראַל פילן היימיש.

די אַמאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אַלס די נאָנטסטע מחותנים פון טעאַטער און פון אַקטיאָרן, האָבן אונז אַרומגעפירט און אויסגעוויזן אַלע אינטערעסאַנטע פלעצער פון קעיפּטאָון און די אומגעבונג, מיר, איך און רות רענע מיט צילין, איז זייער שטאַרק געפעלן די עקזאָטישקייט פון דעם ווייטן וועלט-ווינקל, וואו מיר האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט צו זיין און ענדלעך, נאָכן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די פיל פאַרביקע פּאַנאָ-ראַמעס וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ געמיש פון ווילדקייט, נאַטור-סטיכיע און ציוויליזאַציע, האָבן מיר ענדלעך גענומען פאָרזעצן אונזער רייזע קיין יאָהאַנעסבורג.

אין יאָהאַנעסבורג האָט אונז אָפּגעוואַרט אַ גאָר גרויסער עולם און עס איז מער ווי זיכער, אַז ברייטמאַן-קאַניעווסקי האָבן מיט אַ יאָר צוריק דאָרט געמוזט האָבן גרויסע דערפאָלגן, ווייל די אָוואַציעס האָבן לאַנג אָנגעהאַלטן און מען האָט אונז באַוואָרפן מיט בלומען.

אונזער אַקטואַציע אין אַפריקע

דעבוטירט האָבן מיר טאַקע מיט דער אָפּערעטע „קאַווקאַזער ליבע", צילי האָט געשפּילט צום ערשטן מאָל אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע סוברעט-ראָל און זי האָט אָף אַ גאָר פיינעם אופן אויסגעהאַלטן די פּראָבע.

די ערשטע אויפירונג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. די צייטונגען האָבן געשריבן וועגן אונז און צילין באַטיטלט מיטן נאָמען „דער קליינער סטאַר" און כאָטש איך האָב געשפּילט אַ געוויינלעכע כאַראַקטער-ראָל, פונדעסטוועגן האָט מען מיך דערמאָנט אַלס וויכטיקע מיטהעלפערן צום דערפאָלג פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג.

אָבער נאָך דעם ערשטן דערפאָלג, האָבן זיך די געשעפטן גענומען קייקלען אַף אַראָפּ און מען האָט געמוזט זוכן וועגן ווי אַזוי אויפצוהאַלטן די שטימונג פאַרן טעאַטער און מען האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ געמישטן רעפּערטואַר.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע דערשיינונג; קאַניעווסקי און ברייטמאַן וועלכע האָבן זיך אַף שריט און טריט געהאַלטן פאַר די גע-זאַלבטע און אַנערקענטע קינסטלער, וואָס זיינען די „ליבלינגע" אין יאָ-האַנעסבורג, און איבערהויפּט די קאַניעווסקי, האָט דוקא נישט דערגרייכט קיין גרויסן פוראָר מיט אירע אויפטריטן און דוקא רות רענע און איך, ווען מיר האָבן זיך באַוויזן אַף דער בינע, האָט דער עולם אַרויסגעוויזן

גאָר גרויסע צופרידנקייט, וואָס זיי האָבן אונז געגעבן צו פילן דורך שטורמישע אַפּלאָזן.

די ציַיטונגען האָבן אָנגעהויבן דערמאָנען, אַז די קאַניעווסקי באַוויַיזט זיך צופיל אין הויזן וואָס פּאַסן איר נישט אַזוי שטאַרק און די קריטיקער האָבן געמאָנט, אַז די ראַפּפּעל און רות רענע זאָלן זיך וואָס מער באַוויַיזן אויף דער בינע און כדי צו דערהאַלטן דאָס געשעפט, האָט מען געמוזט נאָכגעבן און מיר, איך, רות רענע און ליפּמאַן, מיר האָבן געהאַט מעגלעכקייטן זיך אויסצוציַיכענען אויף אַזויפיל, אַז די ציַיטונגען האָבן כסדר געשריבן, אַז מען זאָל אונז שוין פאַרהאַלטן אין אַפריקע פאַר אַ פּערמאַנענטן טעאַטער.

אויך צילי האָט שטאַרק געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו זיך און די ציַיטונגען האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו דערמאָנען מיט לויב דעם „קליינעם סטאַר".

די געשעפטן האָבן געצוואונגען, אַז מיר זאָלן שפּילן אַזאַ רעפּערטואַר, אין וועלכן די קאַניעווסקי האָט נישט געהאַט קיין ראָל און זי האָט נישט מיטגעשפּילט און דווקא די פּיעסן זיַינען אַמערסטן געליבט געוואָרן און דווקא די פּיעסן האָבן אַמערסטן געצויגן אַ גרויס פּובליקום; אַזוי איז געווען מיט שלום עליכמס „שווער צו זיַין אַ איד", וואָס האָט געהאַט אַזאַ שטורמישן דערפאָלג, אַז טעפּנער מיט ברייטמאַנען האָבן עס נישט געקאָנט איבערטראָגן און זיי האָבן שפּילנדיק אויף דער בינע, גענומען חוזקן פון דער פּיעסע, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכענונג, אַז דאָס חוזקן זיי פון זיך אַליין און די לייכטע באַציאונג זייערע צו פּיעסן אין וועלכע די קאַניעווסקי האָט נישט מיטגעשפּילט, האָט זיך בולט געמערקט סיי פאַר אונז אַקטיאָרן און אפילו פאַרן עולם, וועלכן געוויסע אַקטיאָרן האַלטן געוויינלעך פאַר אַ גולם...

עס איז געקומען אַזוי וויַיט, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס און מען האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט אונז, (מיט מיר, רות רענע און ליפּמאַן און נאָך אַנדערע פון טרופּע) אַז מען זאָל מאַכן אַזוי, אַז ברייטמאַן־קאַניעווסקי זאָלן פאַרענדיקן זייערע גאַסט־שפּילן און מיר זאָלן בליַיבן און מען וועט אונז העלפן אין אַלץ, אַז מיר זאָלן קענען שפּילן פּערמאַנענט טעאַטער.

איך בין געווען קעגן אַזאַ האַנדלונג און עס האָט מיך געפרייט, ווען די איידעלע און אינטעליגענטע רות רענע איז אויך געווען מיט מיַין מייַנונג, אַז מעגן ברייטמאַן און קאַניעווסקי באַגיין די אַלע נאַרישקייטן, אָבער מיר מוזן זיך האַלטן אַנדערש אויב מיר זיַינען געקומען מיט זיי, דאַרפן מיר דאָ צוזאַמען מיט זיי פאַרענדיקן.

אַ טור איבער אפריקאַנער פּראָווינץ

קיין סך שטעט אין ענגלישן אפריקע וואו עס וואוינען אַ גרעסערע צאָל אידישע פאַמיליעס, זיינען נישט געווען; אָבער די ווייניקע שטעט האָבן מיר פונדעסטוועגן באַזוכט און מיר האָבן די פון אידישקייט ווייט־אָפּגעריסענע אידן דערפרייט מיט אידיש טעאַטער. עס האָט זיך פשוט געוואָלט וויינען, זעענדיק די דאַנקבאַרקייט פון די אידן וואָס מיר האָבן זיי אויפגעפרישט מיט דעם אידישן וואָרט און דעם אידישן ליד.

מיר האָבן געשפּילט אין קעיפּטאָן און אין אַנדערע שטעט, איבעראַל האָבן אונז דערוואַרבענע פריינט אַרומגעפירט און געוויזן די זענסווירדי־קייטן פון די שטעט און אומגעבונג און מיר האָבן אויך באַזוכט אַ רייע ימים־טובים ביי די האַלב־ווילדע אפריקאַנער, וועלכע פייערן זייערע פעסט־טעג מיט ווילדע טענץ און פרימיטיווער מוזיק.

אַזעלכע ימים־טובים האָבן מיר בייגעוואוינט אין דער אומגעבונג פון יאָהאַנעסבורג און די אַפריקאַנער, זעענדיק, אַז עס זיינען דאָ אייראָפּעער וואָס קוקן זיך צו, האָבן מיט נאָך מער טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט אויסגעטאַנצט זייערע ווילדע טענץ.

נאָכן אָפּשפּילן אין אַ רייע פּראָווינץ שטעט, זיינען מיר צוריקגעפאָרן קיין יאָהאַנעסבורג, וואו מיר האָבן אפסניי אָנגעהויבן שפּילן און דערווייל האָט ברייטמאַן באַקומען אַ פאָרשלאַג פון אַדאָלף מידע אין אַרגענטינע, ער זאָל קומען מיט עטלעכע אַקטיאָרן און אַקטריסעס גאַסטראָלירן קיין בוענאָס איירעס.

ברייטמאַן האָט גלייך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט אונז און אויב איך האָב נאָך מיט איין טאָג פריער נישט געטראַכט אפילו, אַז איך וועל ערגיץ־וואו פאָרן און ווייטער אַקטוּאירן מיט ברייטמאַנען, האָט זיך היינט די לאַגע אינגאַנצן געענדערט, ווייל דערהערנדיק דאָס וואָרט אַרגענטינע, האָב איך ממש אויפגעצאַפּלט. אַרגענטינע! דאָרט האָב איך דאָך היינט מיין גאַנצע משפחה! (אַרגענטינע און בראַזיל איז דאָרט באַטראַכט גע־וואָרן ווי אַ שטאָט מיט אַ פּראָווינץ־שטאָט...) דאָרט האָב איך דאָך מיינע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער און נאָך דער גאָטזעליקער ראַפאַעל האָט דאָך געזאָגט, אַז אַרגענטינע איז „אַ לאַנד וואו מען עסט אידיש טעאַטער מיט ברויט”, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט פאָרן אַהין און זיין צוזאַמען מיט מיין גאַנצער פאַמיליע און אויך אַריבערנעמען אסתרן מיט אַנדזשעלען און בויען דאָרט אונזער נייע היים?

רות רענע און ליפּמאַן און אַנדערע האָבן מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל מיט זיי פאָרן קיין לאָנדאָן, דאָרט וועלן מיר מאַכן גוטע געשעפטן, נאָר

ווען זיי האָבן געהערט די סיבות וואָס מאַכן מיך קווינקלען, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז איך בין גערעכט. זיי האָבן בלויז באַדויערט, וואָס איך וועל ווייטער דאַרפן אויסשטיין די הינטער-קוליסן-פּאָליטיק און אינטריגעס וואָס האָבן אין דער ברייטמאַן-קאַניעווסקי-טרופּע קיינמאָל נישט אויפגעהערט.

דער שטאַרקער דראַנג זיך צו קענען זען מיט די מיינעקע אין דעם ווייטן לאַנד פון זיד אַמעריקע, האָט מיך געשטויסן אָפּצומאַכן מיט ברייטמאַנען פאַר מיר מיט צילין און באַלד האָט זיך אונזער טרופּע גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן אַפריקע. אַ טייל פון טרופּע האָט זיך געקליבן פאָרן קיין לאָנדאָן און אַ צווייטער טייל — קיין אַרגענטינע.

אַ פאַבריקאַנט ווייזט אונז ווי שוואַרצע שקלאַפן אַרבעטן

אַ סצענע וואָס איך האָב געזען אין אַ פאַבריק עטלעכע טעג פאַר אונזער אָפּפאָרן, וועט מיר בלייבן אין זכרון ווי לאַנג איך וועל לעבן.

אַ אידישער פאַבריקאַנט, אַ ליבהאָבער פון אידיש טעאַטער און פון אידישע אַקטיאָרן, האָט אונז איינגעלאַדן ווייזן אונז זיין פאַבריק.

די פאַבריק האָט פאַרנומען אַ גאָר גרויסן שטח. דאָס איז געווען אַ פאַבריק פון אייזן-גיסעריי און מינעראַל-שטיינער. דער פאַבריקאַנט האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ גאָר גרויסן האָל וואו מאַשינען האָבן גערוישט און אַרום זיי האָבן אַרומגעשמייעט נישט האַלב, נאָר גאַנץ נאַקעטע נעגער-אַרבעטער און פלוצלינג איז אין דעם פאַבריקאַנטס האַנט אויסגעוואַקסן אַ לאַנגע בייטש, ווי עס האָבן געוויינלעך די פערד-אַנטרייבער אין אַ צירק און עס האָט זיך געהערט אַ קנאַל און די בייטש האָט געטראָפן אַף עטלעכע שוואַרץ-לייביקע מיט אַמאָל.

באַלד האָט זיך געהערט אַ צווייטער קנאַל פון דער בייטש, ער האָט געשמיסן די נעגער-שקלאַפן מיט ווילדער רציחה און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַזוי שנעל באַוועגן באַ זייער אַרבעט, ווי אין ווילדער פאַניק.

איך האָב עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן און בין צוגעלאָפן און אים אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט און געבעטן, אַז ער זאָל מיך שוין אַרויספירן פון דעם גהינום.

דער פאַבריקאַנט האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס זיינען נאָר האַלב-ווילדע שקלאַפן און אַז אויב ער וועט זיי נישט שמייסן מיט דער בייטש, וועלן זיי אים שמייסן...

איך האָב דעם תירוץ נישט אָנגענומען און געבעטן, אַז אויב ער וויל נישט איך זאָל שוין אַוועק, זאָל ער אויפהערן פייניקן די אומגליקלעכע מענטשן-קינדער.

דער פאַבריקאַנט האָט געשמייכלט און מיר צוליב געטאָן און פּלוצ־לינג האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו די שקלאַפן: — טאַנצן! און עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, און אַלע אַרבעטער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טענצער, אין ווילדע עקסטאַזפולע טענצער, אַזוי ווי איך האָב זיי גע־זען אין זייערע ימים־טובים.

דער טאַנץ פון די שקלאַפן, האָט מיך נאָך מער געקרענקט ווי פריער זייער אַרבעט אונטער דער בייטש, איך האָב אַרויסגעכאַפּט עטלעכע שילינג און אַנגעהויבן טיילן צווישן זיי און עס איז געווען אַ מוראדיק בילד, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד און געקושט מיינע פיס.

ניין, דאָס בילד אין דער אידישער פאַבריק אין יאָהאַנעסבורג, וועל איך נישט פאַרגעסן ווי לאַנג איך וועל לעבן.

בלויז אַ דריי טעג שפּעטער נאָך דעם פיינלעכן איינדרוק אין פאַבריק, זיינען אַ טייל פון אונזער טרופּע מיט רות רענע און ליפּמאַן געפאָרן קיין לאָנדאָן און עטלעכע שעה שפּעטער זיינען מיר, איך און צילי מיט אונ־זערע אַנגאַזשירער, אַרויף אויף אַ יאַפּאַנישער שיף, וואָס האָט באַלד אַרויפגעצויגן די אַנקערס און זיך געלאָזן אויפן וויטן וועג קיין זיד אַמעריקע.

איך זע מיין פאַמיליע און חוה פּאָלאַנסקי

וואָכן לאַנג זיינען מיר געפאָרן צווישן הימל און וואַסער. בײַ די קליינע און קורצע אָפּשטעלן, האָב איך אַפילו נישט געטראַכט אַראָפּצו־גיין פון שיף, איך האָב געברענט פון בענקשאַפט וואָס שנעלער צו זיין אין בראַזיל און זען מיינע עלטערן.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען קיין סאַנטאָס.

באַם פּאָרט האָבן מיר געטראָפן יוליוס אַדלער, און ברין, דעם געוועז־ענעם דירעקטאָר פון וואַרשעווער „צענטראַל־טעאַטער" און מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז די שיף וועט דאָ שטיין גאַנצע דריי טעג; זיינען מיר אַראָפּ. אַדלער האָט אונז געפירט צו זיך און דערנאָך אויף אַ שפּאַציר, אָבער מיר איז גאָרנישט איינגעגאַנגען און ווען איך האָב געהערט, אַז אַדלער פאָרט ביינאַכט קיין סאַן־פּאולאָ שפּילן טעאַטער, האָב איך באַלד געזאָגט, אַז איך פאָר מיט, כדי צו זען זיך מיט מיינע עלטערן.

ברייטמאַן האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל געדענקען צו זיין צוריק אין צייט, כדי נישט צו פאַרלירן די שיף; איך האָב אים צוגעזאָגט און מיטנעמענדיק צילין מיט זיך, זיינען מיר צוזאַמען מיט אַדלערן געפאָרן קיין סאַן־פּאולאָ.

אין סאַן־פּאולאָ, האָט אַ פריינט אָפּגעוואַרט אַדלערן מיט פּאָלי זאַנד,

און דער פריינט, האָט אונז געפירט אפן אַדרעס צו מיינע עלטערן.

עס איז מיר שווער צו שילדערן די גרויסע פרייד פון מיין מאַמען, ווען צילי איז פּלוצלינג צוגעשפּרונגען צו איר און זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס.

מיר זיינען אַריינגעקומען פּלוצלינג, די מאַמע איז געשטאַנען אויס־געדרייט מיט די פּלייצעס צו אונז, אָבער זי האָט געהערט אַ גערויש, האָט זי זיך אויסגעדרייט און דעמלט איז צילי צוגעשפּרונגען און זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס און די מאַמע האָט צילין אַזוי געדריקט צו זיך מיט ליבע און די טרערן זיינען קוואַלנוויז גערונען פון אירע אויגן. אַז ווען איך בין צוגעקומען, האָט זי נישט געוואוסט צי זאָל זי צילין אָפּ־לאָזן און מיך אַרומכאַפּן און דערווייל האָב איך די מאַמען אַ כאַפּ אַרומ־גענומען און אַלע דריי, באַבע־טאַכטער־אייניקל, האָבן מיר זיך צונויפגע־פלאָכטן אין איין קערפּער, איין גוף און איין נשמה און אַלע דריי האָבן מיר געוויינט מיט פריידיקע טרערן.

דער טאַטע האָט זיך געטראָפן מיט אַדלערן און זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען געקומען, איז ער געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער און ווי־דער האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שטאַרקע סצענע פון פּלוצלינגדיקן ווידערזען אין אַזאַ ווייטער מדינה.

געקומען צו זיך נאָך דער ערשטער פרייד, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מילי מיט מערין שפּילן טעאַטער ביי אַדאָלף מידע אין אַרגענטינע און איך וועל זיי דאָרט זען און אַז שייקע וואוינט דאָ נישט ווייט, ער איז קראַנק און שבע איז זיין מלאך וואָס היט אים אָפּ ווי אַ קליין קינד און די מאַמע האָט זיך צעוויינט דערמאָנענדיק וויפיל די גוטע פרוי, איר שנור, ליידט זיך אָפּ ביי איר זון.

איך האָב געאיילט צו לויפן זען שייקען מיט זיין געטרייער פרוי. די מאַמע מיטן טאַטן האָבן אונז געפירט צו זיי און גאָט מיינער! אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך האָב שייקען געטראָפן אַריינקומענדיק אין זייער שטוב!...

שייקע איז געזעסן אויף אַ שטול אַ פּאַראַליזירטער, און שבע איז גראַד געשטאַנען נעבן אים און דערלאַנגט אים מיט אַ לעפעלע מילך צום מויל.

דאָס טעפל מיטן לעפעלע איז שבען אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, ווען זי האָט אונז דערזען און שייקע האָט אונז ווייזט אויס דערקענט, ווייל ער האָט אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר עס האָט זיך בלויז געהערט אַ פאַרדעמפּטער קרעכץ... בלויז זיינע אויגן זיינען געוואָרן אביסל ליכ־טיקער און אַ שמייכל האָט זיך געזאָלט אויסשפּרייטן אויף זיין פּנים, נאָר איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווידערלעכער גרימאַסע...

איך בין צוגעפאַלן צו מיין ברודערס פיס און יאָמערלעך געוויינט און נעבן מיר האָט זיך אויך שבע געוואָרפן און געוויינט מיט מיר צוזאַמען און עס האָט דער מאַמען געקאָסט א סך מי, ביז זי האָט אונז ביידע אוועקגעריסן פון דעם אומגליקלעכן ברודער מיינעם.

שבע האָט מיר דערציילט איר טרויעריק לעבן. זי האָט אויפגעגעבן דאָס שפּילן טעאַטער און איר גרעסטער אידעאַל איז אָפּצוהיטן איר קראַנקן מאַן און זי האָט זיך צוליב דעם צוועק איינגעאָרדנט מיט א קלייטל און דאַנקען גאָט, עס גיט פּרנסה און זי קאָן די קינדער דערציען פאַר לייט און גלייכצייטיק אָפּהיטן שייקען.

געגעכטיקט האָבן מיר ביי שבען. זי האָט אונז גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן; איר פרייד וואָס מיר זיינען ביי איר איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט געהאַלטן אין איין לאַכן און אין איין וויינען און איך, כאָטש איך האָב גערעדט כלומרשט פריילעך, כדי נישט צו געבן איר צו פילן ווי שטאַרק מיין ברודערס אומגליק ווירקט אַף מיר, האָב איך געוויינט אין האַרצן און איך האָב געפילט, אַז אָט אָט און איך וועל צוזאַמענברעכן.

דערוויל האָט אָנגערוקט דער מאָמענט, איך האָב געמוזט פאָרן צוריק קיין סאַנטאָס און ווידער שטאַרקע סצענעס פון געזעגענען זיך מיט טאַטע־מאַמע, מיט דער גוטער שבע און אירע קינדערלעך און צום סוף, די שטומע געזעגן־סצענע מיט שייקען... און אָט זיצן מיר שוין אין באַן, צילי וויינט און קאָן נישט פאַרגעסן דאָס אויסזען פון איר אומגליקלעכן פעטער, איך טרייסט זי און אַזוי צווישן טרערן און טרייסט־ווערטער האָט זיך די צייט גערוקט און מיר זיינען אָנגעקומען קיין סאַנטאָס. א נס וואָס מיר האָבן באַלד געכאַפּט אַן אויטאָ צו פאָרן צום פאָרט, ווייל אָנקומענדיק צום פאָרט, האָט מען שוין געהאַלטן ביי אַראָפּנעמען דאָס בריקל צום שיף, מיר האָבן נאָך באַוויזן אַרויפצוכאַפּן זיך און די שיף האָט זיך געלאָזן אַף איר ווייטערדיקן וועג קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ.

אין ריאָ בין איך אויך אַראָפּ פון שיף. דער טעאַטער־אונטערנעמער לובעלטשיק איז שוין געווען אין ריאָ און ער האָט מיך אָפּגעוואַרט ביי דער שיף, ער האָט מיך אומבאַדינגט געוואָלט פירן צו זיך אַהיים אלס זיין גאַסט, אָבער איך האָב געזאָגט, אַז מיין פוס וועט אין ערגיץ די שוועל נישט באַטרעטן, ביז איך וועל נישט זיין פריער ביי מיין יוגנט־חברטע דזשוהלע פאָלאַנסקי.

איר אַדרעס האָב איך געהאַט פון מיין מאַמען און לובעלטשיק האָט אונז, מיך מיט צילין, געפירט צו איר.

איך האָב מער נישט געטראָפן די יונגע טעמפּעראַמענטפולע חוהלע. זי איז שוין געווען גראָ און פאַרהאָרעוועט, בלויז דער אַמאָליקער חן

און די גלעטנדיקע טיפע בליקן זיינען ביי איר געבליבן און אונזער באַגעגעניש איז געווען נישט וויניקער דראַמאַטיש, ווי די באַגעגעניש מיט מיינע טאַטע-מאַמע.

חוהלע... די זעלבע חוהלע וואָס האָט מיך אַזויפיל געטרייסט אין מיין יוגנט, די זעלבע חוהלע וואָס האָט געזען און מיטגעמאַכט די זעלבע לייד און פרייד פון מיין יוגנט, און אָט זע איך זי מיט איר גרויען קאָפּ האָר, אָבער אַ צופרידענע, זי דערציילט מיר וועגן איר גוטן מאַן וואָס לאָזט נישט, אַז אַ שטויבעלע זאָל אָף איר פאַלן; זי דערציילט מיר ווי שטאַרק ליב ער האָט זי און ווי גליקלעך זי פילט זיך מיט אים און אַז ער אַרבעט שווער ביי זיין פאַך אַלס שילדן-מאָלער, אָבער ער מאַכט גאַנץ פיין פּרנסה און הלואי ווייטער נישט ערגער...

איך האָב שוין אַ טראַכט געטאָן: — אָט האָבן זיך אין אַ ווייט לאַנד געטראָפן צוויי יוגנט-חברטעס, איינע איז געווען אַן עלנטע יתומה און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַרבעטס-מענטש און אַוועק אין דער ווייטער וועלט און אויסגעבויט זיך אַ רואיקע פאַמיליען-נעסט און די צווייטע האָט געמאַכט אַ שטורמישע קאַריערע אַלס קינסטלערן, און אָט איז זי איצט דאָ, זי האָט שוין נישט קיין מאַן, פון איר פאַרמעגן איז אויך גאָרנישט געבליבן, און וואָס? ווער פון די צוויי איז גליקלעכער?...

דערווייל איז אָנגעקומען פּאָלאַנסקי, חוהלעס מאַן, אַ ליבער טייערער מענטש וואָס האָט אָף מיר געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק און איך האָב פאַרבראַכט אין געזעלשאַפט פון חוהלען מיט איר מאַן ביז אָפּצומאָרגנס, ווען איך האָב באַדאַרפט איילן צום שיף, אָף פאַרצוזעצן מיין רייזע קיין אַרגענטינע.

אָנקומענדיק קיין אַרגענטינע, האָבן מיר שוין פונווייטן, צופאָרנדיק צום פּאָרט, געהערט אויסגעשרייען: — קאַניעווסקי! ברייטמאַן! ראַפּעל! און עפּעס האָט מיך אַרומגענומען אַ פרייד, אַז כאָטש אַזאַ ווייט לאַנד, דאָך זיינען דאָ מענטשן וואָס ווייסן מיין נאָמען און זיי שרייען אים אויס אַזוי אָפן הויכן קול... וואָס נענטער די שיף איז צוגעקומען, אַלץ שטאַרקער האָבן זיך געהערט די אויסרופן פון אונזערע נעמען, ביז ענדלעך די שיף האָט פאַראַנקערט און מיר זיינען אַראָפּ. איך האָב באַטראָטן דעם באָדן פון מיין נייער היים, איך בין געקומען קיין אַרגענטינע.

ניינאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל:

א. מידע, נאַאום גלאַזונאָוו און מיין ברודער מילי — נישטאָ מער קיין אַקטיאָרן? אַ פאַרבאַט אונז אַנטקעגנצופאָרן — מיר זיינען אין חרם — מען טוט אונז אַן הערנער אָף די קעפּ — אונזער דעבוט אַ גרויסער דערפאָלג — א משפט פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — איך שפּיל מאַמע־ראָלן — מיר גייען איבער אין טעאַטער „אַמבו" — מאַרקוס טעקס קומט מיך וויזיטירן — אַלס מעלאָדראַמע וואָלט עס געווען שונד — טעקס קויפט פאַר צילין אַ פּאָר שיך — צילי וויל אים נישט רופן טאַטע

נישטאָ דאָ מער קיין אַקטיאָרן?

נאָך די עמאָציעס וואָס איך האָב איבערגעלעבט בעת מיין רייזע פון אפריקע קיין אַרגענטינע, און איבערהויפּט, אין בראַזיל, וואו איך האָב געזען מיינע עלטערן, מיין ברודער מיט דער שוועגערן און מיין יוגנט־הברטע חוה פּאָלאַנסקי, בין איך ביז מיין אָנקומען קיין אַרגענטינע געווען ווי פאַרשיכורט און אַלץ האָט אין מיר געזונגען מיט פרייד און האָפענונג.

און כאָטש, ערגיץ־וואו אין מיין הינטער־באַוואוסטזיין, האָט שוין פון לאַנג געטליעט דער פיינלעכער געדאַנק, אַז מיין רום און מיינע שטור־מישע דערפאָלגן, האָב איך איבערגעלאָזן אָף יענער זייט ים, נאָך ווען איך בין אַרויסגעפאָרן קיין אפריקע, פונדעסטוועגן, בין איך נאָך אַלץ באַהערשט געוואָרן פון די אַמאָליקע הייליקע געפילן, ווען איך בין גע־קומען אין אַ נייער שטאָט וואו איך האָב באַדאַרפט אויפטרעטן פאַר נייע מענטשן.

מיט נחת האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי אויך צילי איז באַהערשט פון פרייד־געפילן, ווי זי קאָן נישט איינשטיין אָף אָן אָרט, ווי זי פאַרעט זיך מיט די קליינע האַנט־באַגאַזשן און ווי יונגעלייט שפּילן פאַר איר די קאַ־וואַלירן און העלפן איר צו און אַלע זוכן זיך פאַר איר מיט עפּעס נוצלעך מאַכן, אַבי זי זאָל זיי באַשענקען מיט אירם אַ בליק.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די רעוויזיע פון די פּאַספּאָרטן און דאָס אַראָפּגיין פון שיף און ענדלעך, מיט קלאַפּענדיקע הערצער האָבן מיר געשטעלט די ערשטע טריט אָף אַרגענטינער באָדן.

די ערשטע וואָס האָבן אונז באַגריסט בעתן אַראָפּקומען פון שיף, זיינען געווען מיין ברודער מילי, אַדאָלף מידע און נאַאום גלאַזונאָוו.

נאָך דער ערשטער פריידיקער באַגעגעניש מיט מיין ברודער און נאָכן אויסהערן די פריינטלעכע ווערטער און קאָמפּלימענטן פון אַדאָלף מידע, האָב איך זיך אומגעקוקט און געפרעגט: — זיינען דאָ מער קיין אַקטיאָרן נישט פאַראַן?

עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן און צוזעענדיק די פרייד פון צילין, האָב איך זיך געפילט געשטאַרקט און ווי נאָר מיר זיינען איבערגעקומען דעם צאָל-אַמט (אַדואַנע) מיטן רעווידירן די פולע קופער־טעס קאָסטיומען און פּיעסן, זיינען מיר געפאָרן אין שטאָט אריין.

פונדעסטוועגן, כאָטש איך האָב זיך געוואָלט מוטיקן, האָט פאַרט איבערן גאַנצן וועג, פאַרנדיק פון פּאָרט אין שטאָט אַריין, כסדר אויפגע־בליצט אין מיר די פראַגע: — צי זיינען דאָ נישט פאַראַן מער קיין אַק־טיאָרן? אויב יאָ, טאָ פאַרוואָס זיינען זיי נישט געקומען אונז אַפּוואַרטן?

און בלויז עטלעכע שעה שפּעטער, איז מיר די ווייטיקלעכע פראַגע פאַרענטפערט געוואָרן.

אַ פאַרבאָט אונז אַנטקעגנצופאָרן

מילי האָט שוין געהאַט באַזאָרגט אַ וואוינונג פאַר מיר מיט צילין, אָבער מיר האָבן קוים באַוויזן צו באַטראַכטן אונזער וואוינונג און מער־ווייניק אויספּאַקן אונזערע נויטיקסטע זאַכן, האָט מען אונז שוין גערופן צו פּראָ־בע אין טעאַטער „אָלימפּאָ". נאָך אַפילו נישט געזען די שטאָט, און שוין אַריין אין יאָך פון פּראָבן און צוגרייטונג צום דעבוט.

אַהיימקומענדיק פון פּראָבע, האָבן מיך שוין אָפּגעוואַרט עטלעכע אַק־טיאָרן. דאָס זיינען געווען בנציון פאַלעפּאַדע, זיין פרוי פייגעלע און דער דיריזשאָר מרדכילע האַכבערג און נאָך עטלעכע.

זיי האָבן געהאַט צעשראָקענע פּנימער און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר און מיר האָבן זיך צעקושט, האָב איך געזען טרערן אין זייערע אויגן.

זיי האָבן גערעדט שטיל, ווי מורא האָבנדיק צי עמיץ הערט זיך נישט אונטער און די האַלטונג פון מיינע פריינט וואָס איך האָב זיי אַזויפיל יאָר נישט געזען, איז מיר פאַרגעקומען זייער מאָדנע.

נאָר באַלד האָט מיר פייגעלע, פאַלעפּאַדעס פרוי, איבערגעגעבן, אַז עס איז דאָ אַ צווייט טעאַטער, און דער דירעקטאָר אַקסעלראַד האָט פאַר־באָטן, אַז עמיץ פון זיין טרופּע, זאָל אונז, די ניי־אָנגעקומענע באַזוכן...

די געשיכטע האָט מיך זייער אויפגעבראַכט און איך האָב אַ טראַכט געטאָן אַף צוריק, צו מיין גאַטזעליקן מאַן לייזער ראַפּעל, ער איז דוכט

זיך אויך געווען אַ טעאַטער־דירעקטאָר; ווער נאָך אַזוי ווי ער, האָט גע־פירט אַזאַ גרויסע טעאַטער־מלוכה? נו? צי וואָלט ער אַמאָל געוואַגט צו באַפעלן זיינע אַקטיאָרן מיט וועמען זיי זאָלן יאָ אָדער נישט זיין חבר?

פייגעלע האָט מיך געקושט און געזוכט מיך צו בארואיקן און אַזוי האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אקסלראד האָט געהעצט די אַקטיאָרן, פאַר־וואָס זיי הערלאָזן, אַז מידע זאָל ברענגען אַזש זיבן געסט פון אויסלאַנד, וואָס דאָס איז כמעט אַ גאַנצע טרופּע, וואָס קאָן צעשטערן די עקזיסטענץ פון די היגע שוישפּילער...

— נו? איז דאָ נישט פאַראַן קיין אָרגאַניזאַציע?

— פאַראַן אַן אַקטיאָרן פאַריין, האָט מיר האַכבערג דערקלערט, אָבער אין דער פּרוואַלטונג זיצט אַ גרויסע מערהייט פון אקסלראדס אַק־טיאָרן און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז מען דאַרף באַקעמפן די זיבן געקומענע...

דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר געוואָרפן פון אויפרעגונג. — צי בין איך דען דאָ געקומען אַף עמיצנס ברויט? און איך האָב באַשלאָסן, אַז אויב עס איז דאָ אַן אָרגאַניזאַציע, וועל איך גיין צו דער פאַרוואַלטונג און פאָדערן גערעכטיקייט.

מען טוט אונז אָן הערנער אַף די קעפּ...

ווי מיד איך בין געווען פון די איבערלעבונגען פון אַ גאַנצן טאָג, האָב איך פונדעסטוועגן נישט געקענט איינשלאָפן און ערשט פאַרטאָג־צו, ווען איך האָב נאָכאַמאָל באַשלאָסן, אַז איך וועל גיין צו דער פאַרוואַלטונג און צורעכט ווייזן די אַקטיאָרן, אַז אַזוי טאָר מען נישט האַנדלען און מיין גלויבן אַז מיין מוסר וועט העלפן, האָט מיך אביסל בארואיקט און איך בין איינגעשלאָפן.

באַלד אינדערפרי, כמעט פאַרטאָג, איז מילי געקומען צו לויפן.

אין זיינע אויגן האָב איך באַמערקט אַ שלאָפלאָזע נאַכט און זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: — זינא, איך פאַרשטיי, אַז דו האָסט עגמת־נפש, בין איך שוין געקומען זיך מיט דיר אביסל דורכשמועסן...

און מילי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די גאַנצע טרופּע פון טעאַטער „עקסעלסיאָר” וואָס איז אונטער אקסלראדס דירעקציע, איז קעגן די ניי־אָנגעקומענע און עס וועט אודאי זיין אַ קאַמף, נאָר אַזוי ווי דער אמת און די גערעכטיקייט איז אַף אונזער זייט, וועט עס זיי אודאי גאָרנישט העלפן.

דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט מיין באַשלוס, אַז איך זאָל גיין אין פאַריין און איבערצייגן די אַקטיאָרן, אַז זיי האַנדלען שלעכט, אַז זיי טאָרן זיך נישט לאָזן אָנציען פון אַ דירעקטאָר און אגב, אויב זיי וועלן מיך

איבערצייגן, אַז זיי זיינען גערעכט, וועל איך בעסער וויסן צו שטאַרבן פון הונגער און איך וועל נישט גיין שפּילן.

אָבער די פאַרוואַלטונג פון פאַריין האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן וועלן אויפנעמען אונז און אונז אויסהערן; די פאַרוואַלטונג האָט זיך אפילו נישט געוואָלט אָפּגעבן קיין חשבון, אַז מיר האָבן אין אַפריקע נישט געקאָנט וויסן, אַז זיי ווילן דאָ נישט אַריינלאָזן קיין נייע שוישפּילער און אַז מיר האָבן קאָנטראַקטן מיט מידען, וועלכער האָט אונז געבראַכט אַהער אַף זיינע הוצאות און מיר זיינען געצוואונגען צו האַלטן אונזערע אָפּמאַכן; די פאַרוואַלטונג וועלכע איז טאַקע באַשטאַנען פון אַ גרויסער מאַיאָריטעט פון אַקסלראַדס טרופּע, האָט געקוקט איינזייטיק, לויט קאָנ־וועניענץ פון זייער דירעקטאָר און מען האָט אונז געלייגט אין חרם נאָך איידער מען האָט אונז אויסגעהערט און איידער מיר זיינען אויפגעטראָטן מיט אונזער דעבוט.

און די אַקטיאָרן האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אַ שטילן בויקאָט, וואָס קיינער פון זיי האָט אונז נישט געטאָרט באַזוכן, נאָר זיי האָבן אין טאָג פון אונזער דעבוט אַרויסגעלאָזן פלוג־בלעטלעך, די בלעטלעך זיי־נען געווען באַשטעטיקט פון אַקטיאָרן פאַריין און אַף די בלעטלעך זיי־נען געווען די קלישעען פון אונזער גאַנצער טרופּע און אַף די קעפּ פון אונזערע בילדער, האָבן זיי צוגעמאָלן הערנער און זיי האָבן אונז באַטי־טלט אַלס שטרייקברעכער.

אונזער דעבוט אַ גרויסער דערפאָלג

ווייס איין גאָט, מיט וואָס פאַר אַ הארץ איך בין געגאַנגען אין טעאַ־טער צו מיין דעבוט אין אַרגענטינע!

געפּילפּול און סענטימענטאַל ווי איך בין געווען, האָב איך זיך כסדר געטאָפּט דעם קאָפּ, צי זיינען מיר טאַקע נישט אויסגעוואַקסן קיין הערנער און ביי יעדער קלענסטער געלעגנהייט ווען איך בין געבליבן אליין, האָב איך געוויינט מיט ביטערע טרערן.

אונזער דערפאָלגרייכער דעבוט, האָט נאָך מער אַרויסגערופן די קנאה פון אקסלראדס טרופּע און זיי האָבן געפּלאַנט דעם קאָנפליקט נאָך מער צו פאַרשאַרפן, אָבער אונזער טרופּע האָט זיך נאָכן דערפאָלגרייכן דעבוט געפילט שטאַרקער און אונזער דירעקטאָר אַדאָלף מידע, האָט אויך נישט געשוויגן און עס איז געקומען דערצו, אַז אַנדערע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַריינען און קולטור אינסטיטוציעס האָבן זיך אַריינגעמישט און עס איז געקומען צו אַן עפנטלעכן געזעלשאַפטלעכן און פּראָפעסיאָנעלן

משפט און אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון די פּאַריינס דעלעגאַטן, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער טאַקטיק פון אַקטיאָרן פּאַריין און עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז מיר זיינען נישט קיין שטרייקברעכער און אַז מיר האָבן אַלע רעכטן אָנצוגיין מיט אונזער אַקטואַציע.

דער געררעכטער אורטייל פון די אינסטיטוציעס, האָט אונז אַלעמען באַרואיקט און אַמשטאַרקסטן האָב איך געפילט די באַרואיקונג, ווייל כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז איך בין אומשולדיק, האָב איך אָבער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, אַז איך זאָל שטיין אַף אַ צעטל אַלס שטרייקברעכערן...

איך שפּיל מאַמע-ראָלן

זייענדיק אונטער די שווערע איינדרוקן פון דעם צעשפּילטן קאַמף קעגן אונז, האָב איך געלעבט ווי אין אַ קאָשמאַר און איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי מיינע חברים, וואָס זיינען געקומען צוזאַמען מיט מיר, ניצן דערוויילע אויס די געלעגנהייט ביי די ראָלן-פּאַרטיילונגען.

ערשט ווען דער קאָשמאַר איז אַריבער, ווען די פּאַריינען האָבן אונז באַפרייט פון דער געפערלעכער באַשולדיקונג אין שטרייקברעכעריי, ערשט דעמלט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך שפּיל מאַמע-ראָלן.

אַפן ערשטן מאָמענט האָט עס אין מיר אַ ברען געטאָן, אָבער באַלד האָב איך זיך באַהערשט, איך האָב אַרומגעטראַכט מיין לאַגע, איך האָב געזען ווי צילי נעמט אויס, זי ברענט אַ וועלט אַף דער בינע און אגב, האָב איך דאָך זייער שטאַרק אויסגענומען אויך אַלס מאַמע און אַזוי האָב איך פּאַמעלעך שלום געמאַכט מיט מיין גורל.

וויסנדיק ווי שווער עס איז אַלעמאָל ביי אַקטריסעס דער איבערגאַנג פון יוגנט-ראָלן צו מוטער-ראָלן, האָב איך זיך פאַר זיך אַליין געגרויסט, וואָס איך קאָן אַזוי לייכט איבערלעבן דעם איבערגאַנג און זיך געווינטשן, אַז איך זאָל באַהערשט ווערן פון דעמזעלבן הייליקן ציטער פון קינסטלערישער באַהויכונג פאַר מיינע מוטער-ראָלן, וועלן זיי זיין פונקט אַזוי וואָגיק פאַר דער אויספירונג פון אַ פּיעסע, ווי די יוגנטלעכע ראָלן.

און אַבי איך האָב זיך אַריינגעפּאַסט אין מיינע ראַמען, האָב איך זיך אָנגעהויבן בעסער פילן און איך האָב געהאַט די פריינטשאַפט פון דער גאַנצער טרופּע.

די טרופּע איז דעמלט באַשטאַנען פון פּאָול און נאַטאַן ברייטמאַן, וויערא קאַניעווסקי, בייגלמאַן, ברין, איך און צילי, דאָס זיינען געווען די זיבן געקומענע פון אַפריקע און חוץ אונז, זיינען אין טרופּע געווען מיין

ברודער מילי מיט זיין פרוי, שערמאן און סארא סילוויא פון לאָנדאָן, נאום און בעטי גלאזונאָוו, פעלין, נאאומאָוו און אבראשא לעווין.

איך האָב שוין שלום געמאַכט מיט גורל, די געשעפטן זיינען געגאַנגען פארהעלטנישמעסיק — גוט און איך ווייס נישט וואָס די סבות זיינען געווען, אז נאָך עטלעכע חדשים אָפּשפּילן אין טעאַטער „אָלימפּאָ", האָט אונז מידע פלוצלינג איבערגעפירט אין טעאַטער „אַמבו".

איך האָב דעמלט געהאַט אַזויפיל צו טאָן מיט זיך אַליין, אַז עס איז מיר נישט געבליבן קיין צייט צו פרעגן פאַרוואָס מיר גייען איבער אין אַ צווייט טעאַטער. אגב האָט מיך די גאַנצע זאַך נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט, ווייל איך האָב נאָר געוואַרט אָפן פאַרענדיקן פון אונזער קאָנטראַקט, כדי איך זאָל קענען צוריקפאָרן קיין ווארשע.

די פּערזענלעכע ענינים וואָס האָבן מיך דעמלט אַזוי פאַרנומען, זיינען געווען — מיין פאַמיליע.

קומענדיק פון אפריקע קיין ארגענטינע, האָב איך געהאַט מיין אייגנס גאַנצע אַכציק פונט שטערלינג. ביי מידען האָב איך אויך גאַנץ פיין פאַרדינט, אָבער איך האָב כסדר בעקומען טעלעגראַמעס, דאָ פון ווארשע, פון אסתרן מיט אַנדזשעלען, און דאָ פון מיינע טאַטע-מאַמע אין בראַזיל און העלפן האָב איך געמוזט, האָב איך כסדר געשיקט געלט דאָ קיין ווארשע און דאָ קיין בראַזיל און פון געלט איז געוואָרן ווייניקער און ווייניקער און איך האָב אָנגעהויבן שרעקן, אַז סוף כל סוף, מיין קאָנטראַקט פאַר ארגענטינע וועט זיך ענדיקן און איך וועל נישט האָבן אָף הוצאות צוריקצופאָרן קיין אייראָפּע.

און נאָך עפּעס האָט מיך אָנגעהויבן באַאומרואיקן, און איך האָב גאָט געבעטן, אַז מיין קאָנטראַקט זאָל זיך וואָס שנעלער פאַרענדיקן און איך זאָל קענען אָפּפאָרן.

מאַרקוס טעקס קומט מיך וויזיטירן

עס איז געווען אַ רעגנדיקער נאָכמיטיק. איך בין געזעסן אין מיין צימער אַ פאַרטראַכטע, ווען איך האָב פלוצלינג דערהערט אַזאַ מאָדנע ריטמיש קלאַפּן אין טיר.

אָף מיין אויסרוף: אַריין, עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך די הויכע פיגור מיט דעם אסקעטיש לענגלעכן פנים, מיט דער פיין-אויפגעקעמטער פריזור, פון — מאַרקוס טעקס.

אָפן ערשטן מאָמענט האָט עס מיר געגעבן אַ זעץ אין האַרצן און איך האָב געוואָלט אויסשרייען פון שרעק, אָבער באַמערקנדיק מיין שרעק,

האָט זיך טעקס צעשמייכלט און מיר געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַזוי ווי איינער זאָגט: — איך בין געקומען בלויז אויף איין מינוט... און איך ווייס נישט ביז איצט, צי האָט מיך זיין צייכן מיט דער האַנט טאַקע באַרואיקט, צי האָט מיך נאָר זיין שאַרפער און דורכדרינגענדיקער בליק פאַרהיפּנאָטיזירט, אַז איך בין געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינט.

נישט וואַרטנדיק אויף מיין איינלאַדונג, האָט ער זיך צוגערוקט אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר און נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט ער אָנגעהויבן:

— זינאַידאַ ראַפּעל! ווי איר זעט, האָבן מיר זיך ביידע אַ היבש ביסל געעלטערט; שוין באַ די צוואַנציק יאָר, ווי מיר האָבן זיך נישט געזען; אָבער איך האָב דורך די צוואַנציק יאָר אָנגעזאַמלט אַ היבשן פאַרמעגן אין געלט און אין צירונג און דיר, לויט ווי איך ווייס, איז פון דיינע גליקן גאָרנישט געבליבן... איך בין היינט פריי און איך בענק נאָך אַ ווייב, בין איך געקומען דיר מאַכן דעם פאָרשלאַג, וואָס וועט זיך דיר זיכער לוינען. לאָמיר ביידע צוריק חתונה האָבן. אונזער טאָכטער צילי איז דאָ, איך וועל דיר אויך העלפן שטיצן דיינע אַנדערע קינדער, לאָמיר חתונה האָבן און ווידער זיין מאַן און ווייב און פאַרגעסן די צוואַנציק יאָר וואָס מיר זיינען געווען צעשיידט...

די גאַנצע צייט, ביז ער האָט פאַרענדיקט, בין איך אַלץ געזעסן ווי פאַרשטיינערט. ערשט ווען ער האָט פאַרענדיקט און אַרויסגענומען זיין פּאַרט-ציגאַר און אָנגעהויבן מיט אים מאַניפּולירן אַזוי ווי אַמאָל, אַז איך זאָל מוזן זען דעם גאָלד-גלאַנץ און די שיינע גראַווירונגען, ערשט דעמלט האָט עס מיר ווידער אַ שלאַג געטאָן אין האַרצן און דורך איין סעקונדע, האָב איך ווידער איבערגעפילט מיין פּיין פון אַמאָל, ווען איך האָב זיך געפונען אין שטוב פון דעם כיראָמאַנט און עס האָט מיר אפילו אויסגעוויזן, ווי איבערן קאָפּ פון מאַרקוס טעקס, זע איך דעם טויטן-קאָפּ, וואָס האָט אים אַזוי גענוצט פאַר זיין געשעפט...

ווי מורא האָבנדיק, אַז דער היפּנאָז פון דעם כיראָמאַנט זאָל מיך נישט פאַרשטשעליען, האָב איך זיך ראַפּטום אָנגענומען מיט כח און זיך אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן אים און איך האָב זיך געמוטיקט, צי קענען אים ענטפערן אין זעלבן געשעפטלעכן טאָן, ווי ער האָט מיר געמאַכט דעם פאָרשלאַג:

— הער טעקס, איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אייער פאָרשלאַג קאָן אייך קיין שום נוצן נישט ברענגען. מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך זיך געשיידט פון אייך, ווייל איך האָב אייך נישט געליבט און איך האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן אייער פּראָפעסיע. נאָך ווייניקער וואָלט

איך אייך היינט געקאָנט פאַרטראָגן, נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אַזאַ פערזענלעכקייט ווי לייזער ראַפּעל פאַר אַ מאַן און איך האָב פון אים אַזעלכע וואוילע און געטרייע קינדער...

טעקס האָט זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער, כאָטש אויבערפלעכלעך, האָט עס אויסגעזען ווי ער וואָלט זיי איגנאָרירט. ער האָט זיך געשפּילט מיט די ברילִיאַנטענע זאַפּינקעס, ער האָט זיך צורעכט געמאַכט די גרויסע ברילִיאַנטענע שפּילקע פון קראַוואַט, פונדעסטוועגן האָב איך געזען, אַז ער הערט זיך צו צו יעדן וואָרט און טאַקע באַלד, ווי נאָר איך האָב פאַרענדיקט, האָט ער זיך אַ שטעל אויף געגעבן און ווידער גענומען מיך דורכבויערן מיט זיינע בליקן.

איך האָב זיך אינסטינקטיוו אָפּגעקגעדרייט פון אים, אָבער ער האָט געזוכט צו באַגעגענען מיינע בליקן און זעענדיק אַז איך מייד עס דוקא אויס, האָט ער געפרעגט מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן:

— איז דאָס אייער פּאָזיטיווער ענטפער, זינאַידא ראַפּעל?

נישט טראַכטנדיק קיין סעקונדע, האָב איך אַרויסגעזאָגט פעסט: יאָ. דאָס איז מיין פּאָזיטיווער ענטפער. און כדי צו פאַרשטאַרקן מיינע רייד, האָבן איך צוגעגעבן:

— נאָך אַ מאַרקוס טעקס, איז פאַר מיר געווען אַ גרויס גליק צו קענען חתונה האָבן מיט אַזאַ מענטש ווי לייזער ראַפּעל; אָבער איך וואָלט בעסער געשפּרונגען אין וואַסער אַריין, איידער איך זאָל נאָך אַ לייזער ראַפּעל דאַרפן נעמען אַזאַ מאַן ווי דער כיראָמאַנט מאַרקוס טעקס!...

איך ווייס נישט פונוואַנען עס האָבן זיך צו מיר גענומען די כחות צו קענען אים אָפּענטפערן אַזוי קאַטעגאָריש, אָבער דוקא די קאַטעגאָרישע און פעסטע שטעלונג מיינע, האָט מיר צוגעגעבן מוט, אַז איך זאָל מיט אים אָפּשניידן אַזוי, אַז ער זאָל נישט וואַגן נאָכאַמאָל קומען צו מיר. איך האָב זיך אָפּגעקגעדרייט פון אים, איך האָב בלויז געהערט ווי ער מורמלט עפּעס, איך האָב אָבער זיינע ווערטער מער נישט גענומען אין אַכט און נאָך עטלעכע מינוט האָב איך געהערט ווי ער זאָגט מיר אַדיע, און איך האָב ערשט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען איך האָב געהערט אַז די טיר האָט זיך שוין פאַרמאַכט הינטער אים...

טעקס קויפט פאַר צילין אַ פּאָר שיך

ווען מען זאָל אין אַ טעאַטער אויפירן אַ מעלאָדראַמע, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט אַ פאָטער וואָס האָט נישט געזען זיין קינד בּאַ די צוואַנציק יאָר און וואָס ער האָט קיינמאָל נישט נאָכגעפרעגט וועגן

דעם קינדס געזונט און קיינמאָל נישט געפונען פאַר נויטיק צו שיקן דעם קינד כאָטש אַ קליינע מתנה, וואָס זאָל דאָס קינד דערמאָנען אַז ער איז איר פאָטער, ווען אַזאַ פאָטער קומט נאָך צוואַנציק יאָר ווען דאָס קינד איז שוין אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער שיינער בלום און ער וויל באַ דעם קינד פועלן, אַז פאַר אַ פּאָר שיך וואָס ער קויפט איר, זאָל זי אים רופן „טאַטע"... ווען מען פירט אויף אַ מעלאָדראַמע מיט אַזאַ אינהאַלט, וואָלטן די פיינשמעקער זיכער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שונד-פּיעסע פון ערגסטן מין.

און דאָך האָט טעקס געשפּילט אַזאַ ראָל לגבי צילין.

ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, האָט זיך טעקס שוין זייט עטלעכע יאָר געפונען אין אַרגענטינע, ער האָט געמאַכט זייער גוטע געשעפטן אַלס כיראָמאַנט און נאָך זיין דורכפאַל ביי מיר, האָט ער זיך נישט אונטערגעבן, ער האָט נאָך געוואָלט פּראָווון זיין גליק דורך צילין, אפשר וועט ער געווינען די טאָכטער, וועט ער זיך דערנאָך אפּסניי נעמען צו דער מאַמען.

האָט ער אָנגעהויבן טשאַטעווען אַף צילין, ער זאָל זיך מיט איר קענען באַגעגענען אויג אַף אויג און וויפיל דאָס איז אים אָנגעקומען שווער, ווייל צילי האָט אַלעמאָל געהאַט באַגלייטער, האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט זוכן די געלעגנהייט, ביז איינמאָל האָט עס זיך אים איינגעגעבן ער האָט זי געטראָפן אַליין.

לויט ווי צילי האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, איז ער צו איר גאַנץ דרייסט צוגעגאַנגען, און זי געפרעגט צי זי קען אים. צילי איז געבליבן דערשראָקן און אָנגעהויבן שטאַמלען — ניין... יאָ... זי האָט אַמאָל געזען אַ בילד... און ענדלעך האָט ער איר אַ זאָג געטאָן:

— איך בין דיין פאָטער. דיין טאַטע. איך הייס מאַרקוס טעקס. איך בין היינט עלנט, איינזאַם, געלט האָב איך גענוג. וויל איך, אַז דו זאָלסט זיין מיין קינד...

און צילי ווייס נישט ווי אַזוי עס איז געשען, אַז זי איז מיט אים געגאַנגען אַ לענגערע צייט איבער פאַרשידענע גאַסן, ביז ער האָט זי אַריינגעפירט אין אַ שיך געשעפט און ערשט אינעווייניק, ווען טעקס האָט זי געהייסן מעסטן אַ פּאָר שיך, האָט זי זיך געכאַפּט וואו זי געפינט זיך.

מיין צילי האָט זיך שוין געפילט ווי אין קלעם. זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט אַרויסדרייען און ענדלעך האָט זי צוגעפּאַסט דעם ערשטן שוך און זי האָט ערשט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען זי איז צוריק אַרויסגעקומען אין גאַס.

ערשט אינדרויסן, האָט טעקס זיך אַ שטעל געטאָן קעגן איר, געקוקט

איר גלייך אין די אויגן און איר פּאַמעלעך און שאַרף געזאָגט: — און איצט, קינד מיינס, אַז איך האָב דיר געקויפט אַזאַ פיינע מתנה, זאָג מיר — „טאַטע”; רוף מיך טאַטע און זיי מיין קינד...

ווען צילי האָט מיר דאָס דערציילט, האָט זי אינגאַנצן געציטערט און פּלוצלינג איז זי אויסגעוואַקסן ווי מיט אַ קאָפּ העכער און זי האָט מיר געוויזן ווי זי האָט אים געענטפערט:

— איך זאָל אייך רופן טאַטע? דערצויגן און געזאָרגט פאַר מיר האָט לייזער ראַפּעל און אייך זאָל איך רופן טאַטע? איר מיינט, אַז מיט קויפן אַ פּאָר שיך פאַר אַ דערוואַקסענע טאָכטער, קאָן מען זי געווינען אַלס קינד? הער טעקס, איך דאַרף נישט אייערע שיך! לעבט אייך ווייטער אייער לעבן אָן מיר, און באַליידיקט נישט דעם אָנדענק פון דעם, וואָס האָט מיך דערצויגן און געזאָרגט פאַר מיר, און וועלכן איך האָב אַלע־מאָל באַטראַכט פאַר מיין פאָטער!...

און צילי האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי טעקס האָט נישט געוואָלט צוריקנעמען די שיך, און ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען פון איר, און ווי זי האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן פילן אַ מיטלייד מיט דעם אויסערלעך־עלעגאַנטן און אינערלעך צעבראָכענעם איינזאַמען מענטשן וועלכער איז דאָך פאָרט איר פאָטער... און ווען זי האָט דאָס דערציילט, איז זי געפאַלן אין מיינע אָרעמס און צוזאַמענגעבראָכן מיט אַ ביטער געוויין.

דרייסיקסטער קאַפּיטל:

מיר פאָרן קיין בראזיל — נתן קלינגער — וואַרשע, אָדער אַרגענטינע? — צילי האָט חתונה מיט קלינגערן — אברהם מאַרעווסקי אַלס „סטאַר" — האאַג אָדער קאָפּענהאַגען? — קינסטלערישע אַטמאָספערע — בענקענישן — אין אַפּשיין פון אַמאָל — שלאָפלאָזע נעכט — די געשעענישן לויפן ווייטער—אסתר און אַנדזשע קומען קיין אַרגענטינע

מיר פאָרן קיין בראַזיל

דאָס פאַרענדיקן דעם קאָנטראַקט מיט אַדאָלף מידע, איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע דערלייכטערונג. איך האָב נאָך אַלין מורא געהאַט פאַר נייע צוזאַמענטרעפן מיט דעם כיראַמאַנט וואָס איז אַמאָל געווען מיין מאַן, ער איז גאַנץ אָפט געקומען אין דעם טעאַטער וואו איך האָב געשפּילט און דאָס איז מיר געווען אַזוי פּיינלעך, אַז איך וואָלט לאַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטן אַזוי, און טאַקע באַלד, ווי נאָר אונזער קאָנטראַקט מיט מידען האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר געפּאַקט די זאַכן און מיר זיינען געפאָרן קיין בראַזיל.

גרוים איז געווען מיין פרייד, ווען מיין חברטע חוה פּאָלאַנסקי, האָט מיך אָפּגעוואַרט באַ דער שיף אין ריאָ דע זשאַניירא.

אין בראַזיל האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ פיינע טרופּע, אויסער פּאול און נאַטאַן ברייטמאַן מיט דער קאַניעווסקי, בייגלמאַן, ברין, איך און צילי, זיינען אין דער טרופּע געווען מילי און ראָזא ציפּקום און חוה פּאָלאַנסקי, איז נאָך אַזויפיל יאָר זייט זי האָט חתונה געהאַט, ווידער אויפגעטראָטן, און פאַר בראַזיל איז אַזאַ טרופּע דעמלט געווען אַ דעראייגעניש און מיר האָבן טאַקע געמאַכט גוטע געשעפטן.

דערווייל האָט ברייטמאַן באַקומען טעלעגראַפישע אַרויספאָדערונגען און ער האָט מיך געפרעגט צי וויל איך מיטפאָרן צוריק קיין אייראָפּע און דאָ האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן אין קלעם, איך האָב נישט געוואוסט צו אַנטשיידן, יאָ פאָרן, אָדער נישט פאָרן.

אין אַרגענטינע, איז מיין באַשלוס צו פאָרן צוריק, געווען אַ פעסטער. אָבער זייענדיק אין בראַזיל, האָט זיך צילי באַקענט מיט דעם עלעגאַנטן יונגן אַרטיסט נתן קלינגער, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט געקומען פון

איירָאפּע, קלינגער האָט דערציילט, אַז אין פּוילן גייט עס ערגער און ערגער און צילי האָט ליב באַקומען קלינגערן און זי האָט געשריגן אַז דאָ געפעלט איר בעסער ווי אין דער אַלטער היים און אגב, האָט חוהלע פּאַלאַנסקי מיך אויך אָנגעהויבן צורידן אָפּ צו בלייבן, זי האָט מיר אויפגעוויזן, אַז איך האָב שוין דאָ, אָפּ דער זייט ים מער אָפּצונעמען ווי אין דער אַלטער היים, איך האָב דאָ צילין, מיינע עלטערן, מיינע ברידער מיט זייערע פאַמיליעס און דאָרט — בלויז צוויי טעכטערלעך, וועלכע קוקן זיכער אויס, אַז איך זאָל זיי אַריבערברענגען אַהער...

און אַזוי האָט זיך געמאַכט, אַז ברייטמאַן מיט דער איבעריקער גרופּע זיינען אַוועקגעפאָרן פון בראַזיל, און איך מיט צילין זיינען געבליבן, גלויבנדיק נאָך אַלין, אַז באַ דער ערשטער נייער געלעגנהייט, וועל איך פאָרט צוריקפאָרן קיין איירָאפּע.

צילי האָט חתונה מיט קלינגערן

באַלד נאָך ברייטמאַנס אָפּפאָרן, האָט זיך אונזער טרופּע אין בראַזיל רעפאָרמירט, אין טרופּע איז אויך אַריינגעטראָטן נתן קלינגער, פון ב. איירעס האָט מען אַריבערגעבראַכט דעם יונגטלעכן שוישפּילער סאַמערסאָן און סאַראַ סילוויא און ווידער האָבן די געשעענישן אָנגעהויבן לויפן אַזוי שנעל, אַז איך האָב זיי מיט מיין געדאַנק נישט געקאָנט אָניאָגן.

איך האָב זיך געפונען אין כסדרדיקער פאַרלעגנהייט. פון איין זייט האָב איך געשטרעבט וואָס שנעלער צוריקפאָרן קיין איירָאפּע און פון דער אַנדערער, האָבן מיך אַלע צוגערעדט אַז איך זאָל בלייבן, אַז איך האָב דאָרט אָפּ יענער זייט ים בלויז צוויי קינדער, זאָל איך זיי אַריבערנעמען, ווייל זיי דערוואַרט דאָ אַ בעסערע צוקונפט ווי אין פּוילן און כדי איך זאָל בלייבן, האָט מיך חוה פּאַלאַנסקי באַקענט מיט אַ אידן אַ רייכן פאַבריקאַנט פון ריאָ, אַן אלמן, וועלכער האָט שוין לאַנג געזוכט מיין באַקאַנטשאַפט, אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ מיליאָנער און חוה האָט מיך אָנגעהויבן צורידן, אַז דאָס קאָן פאַר מיר זיין אַ גרויס גליק, און פאַר מיינע קינדער אויך, ווייל ער וועט מיר העלפן זיי אַריבערצוברענגען און איך וועל קענען האָבן אַ זיכערע און גליקלעכע היים.

דער אלמן, דער מיליאָנער, איז געווען אַ זייער פיינער מענטש, מיט גוטע מאַנירן, און איך האָב גוט געזען ווי שטאַרק ער באַמיט זיך מיר צו געפעלן און געווינען מיין סימפּאַטיע. אָבער וואָס מער ער האָט זיך באַמיט מיך צו געווינען, אַלץ מער האָט עס מיך אָפּגעשטויסן פון אים

און אנשטאָט צו בלייבן אין זיין געזעלשאַפט, האָב איך אים וואָס מער אויסגעמיטן.

און די געשעעענישן זיינען זיך דערוויל געלאָפן. אין טעאַטער עקסעל־כיאָר אין ב. איירעס, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. דאָרט איז אַריין יצחק נוגער אַלס אַדמיניסטראַטאָר באַם דירעקטאָר און באַלעבאָס פון טעאַטער, דעם דאָקטאָר קאַנעפּא, אַ קריסט, וועלכער האָט אַנגאַזשירט אַ אידישע טרופּע פאַר זיין טעאַטער.

יצחק נוגער האָט אַנגאַזשירט סאַרא סילוויא אַלס ערשטע אַקטריסע און ער האָט איר געגעבן די אויטאָריזאַציע, אַז זי זאָל אַנגאַזשירן מיך און צילין און מיטברענגען מיט זיך און דאָ האָט צילי אָנגעהויבן ווירקן אויף מיר, אַז אויב מיר פאָרן קיין אַרגענטינע, זאָל איך זען, אַז קלינגער זאָל אויך מיטפאָרן, האָב איך נוגערן געשטעלט אַ באַדינג, אַז איך קאָן זיך אַנגאַזשירן מיט צילין, אויב ער וועט אויך קלינגערן אַנגאַזשירן און שיקן אים אַ שיפסקאַרטע.

די פאַרהאַנדלונגען מיט נוגערן וועגן דעם ענין האָבן זיך אביסל פאַרצויגן און דערוויל האָט מידע זיך אויך אָנגעהויבן באַמיען, אַז מיר זאָלן קומען צו אים און ער האָט באַלד קלינגערן אויך אַנגאַזשירט און אַזוי האָט זיך געמאַכט, אַז מיין גוטע חברטע סאַרא סילוויא איז געפאָרן קיין אַרגענטינע אין טעאַטער עקסעלסיאָר און איך, צילי מיט קלינגערן, מיר זיינען געפאָרן צו מידען אין טעאַטער אַמבו.

זייער שווער איז צוגעגאַנגען מיין געזעגענען זיך מיט מיין ליבער יונגער חברטע הוהלע, און נאָך שווערער — מיין געזעגענען זיך מיט מיינע עלטערן; און אַ מבול פון טרערן האָט געשטראָמט פון מיינע אויגן, ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין אומגליקלעכן פאַראַליזירטן ברודער שייקע און מיט מיין שוועגערן, דעם אידעאַלן מלאך, שבע, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיטן מיין קראַנקן ברודער, ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג.

דער קאָשמאַר אין וועלכן איך האָב געלעבט, דער צווייפל צי בלייב איך דאָ, צי פאָר איך צוריק קיין איראָפּע, האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג, ביז איך בין אָנגעקומען צוריק קיין אַרגענטינע.

ערשט דאָ, אָנהויבנדיק אונזער אַקטואַציע אין אַמבו, האָט זיך דער הימל איבער מיר אָנגעהויבן אויסלייטערן.

פונקט אַזוי אומבאַמערקט ווי איך בין איבערגעגאַנגען צו מוטער־ראָלן אויף דער בינע, אַזוי בין איך אין לעבן איבערגעגאַנגען צו מיין ווירקלעכער מוטער־ראָל, און איך האָב געשעפּט אַ סך נחת, פון דער ליבע צווישן מיין צילי מיט דעם עלעגאַנטן און אינטעליגענטן שוישפּילער נתן קלינגער.

איך האָב גוט געוואוסט, אַז איך קאָן פאַר צילין באַקומען אַ רייכן חתן; נישט איין רייכער יונגערמאַן האָט זיך צו איר געשדכנט און אַלע זייַנען גרייט געווען צו לייגן גרויסע פאַרמעגנס צו אירע פיס; אָבער נאַאיוו און ראָמאַנטיש ווי איך בין געווען, האָב איך דאָך פון מיין טאָכטער נישט געקאָנט פאַרלאַנגען דאָס, וואָס איך האָב פון זיך אַליין נישט פאַרלאַנגט... האָב איך זיך געפרייט מיט איר אויסוואַל און גאַר גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך שוין געהאַט פאַרשטענדיקט און אָפּגעשמועסט זייער חתונה. ווען זיי האָבן מיר געזאָגט וועגן דעם, האָב איך אָנגענומען זייערע הענט און זיי פאַראייניקט און זיי געגעבן מיין מוטערלעכע ברכה.

אַ קורצע צייט שפּעטער, איז אויף דער בינע פון טעאַטער אַמבו, פאַרגעקומען די חתונה פון מיין טאָכטער צילי, מיט נתן קלינגער.

אברהם מאָרעווסקי אַלס „סטאַר"

די חתונה פון צילין מיט קלינגערן, האָט געמאַכט אַ רושם נישט נאָר אין די נאָנטע טעאַטער-קרייזן, נאָר אויך אין ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע און עס איז ביי דער געלעגנהייט גערעדט געוואָרן, אַז די טעאַטער-פאַמיליע ציפּקוס-ראַפּעל צעצווייגט זיך אַלץ מער און זי ווערט רייכער מיט נייע קינסטלערישע כחות; און כאָטש איך האָב דעמלט געהאַט אַ סך מאַטעריעלע זאָרגן, האָב איך זיי נישט אַזוי שטאַרק געפילט, ווייל דער מוטערלעכער נחת האָט איבערגעוואויגן די זאָרגן.

אויך די קינסטלערישע דערפאָלגן האָבן גוט געווירקט אויף מיר און געהאָלפן מיר פאַרגעסן אָן די זאָרגן. מיר זיינען געווען אַ גרויסע און גוטע טרופּע און מיט אונז האָט געלענקט אַזאַ באַרימטער קינסטלער און רעזשיסאָר ווי אברהם מאָרעווסקי און יעדע פּיעסע וואָס ער האָט מיט אונז אויפגעפירט, איז געגאַנגען ווי אַ סימפאָניע און די צייטונגען האָבן געזאָגט וועגן אונז בלויז שבחים און וואָס איז דען דאָס לעבן און די פרייד פון דעם קינסטלער, אויב נישט די אנערקענונג?...

אונזער טרופּע איז דעמלט באַשטאַנען פון צילין, קלינגער, איך, פּאַלעפּאַדע, סאָניע גאָלובטשיק, י. מ. וואַרשאַווסקי, סאַמערסאָן, א. מידעם ערשטע פרוי, אסתר לוסטיק, נאַאום גלאַזונאָוו און פרוי, א. לעווין און נאַאומאָוו, פּעלץ און אברהם מאָרעווסקי אַלס סטאַר.

איך באַנוץ דאָס וואָרט „סטאַר", ווייל אַלס אַזעלכן האָט מידע אים אנגאַזשירט און געבראַכט קיין אַרגענטינע. אין דער ווירקלעכקייט איז

מאַרעווסקי געווען אַ גוטער חבר און אַ גוטער לערער און אַן אויסגעצייכנטער קינסטלער־פּעדאַגאָג.

אונטער מאַרעווסקים מייסטערהאַפטע רעזשי, האָב איך געשפּילט די מאַמע אין „אוריאַל אַקאַסטאַ" און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גאַר גרויסע איבערלעבעניש, ווייל ווען מיר איז אויסגעקומען צו זאָגן די ווערטער: — „וואָס איז מיר דער חילוק וואו איך בין? וועל איך זיין אין האאַג, וועט זיך מיר אויסווייזן, אַז איך בין אין פּאָרטוגאַל..." — ווען איך האָב געזאָגט די ווערטער האָבן זיך מיר די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. און איך האָב געזען מיין אייגענע בענקעניש, וואָס האָט זיך אין מיר געצאַפּלט צווישן בוענאָס איירעס און וואַרשע...

יאָ, די בענקענישן האָבן זיך אין מיר באַנייט. מיטן שכל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף בלייבן דאָ, ווייל נישט ווייט פון אַרגענטינע, האָב איך מיינע עלטערן און מיינע ברידער און דאָ, אין אַרגענטינע גופא, האָב איך מיין טאָכטער צילי מיט מיין איידעם נתן קלינגער; אָבער מיט מיין הארץ, האָב איך געטראַכט אַנדערש! — אַלציינס בין איך דאָך דאָ נישט צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און צילי, איז דאָך שוין נישט אַליין, זי האָט אַ מאַן וואָס האָט זי ליב און זיי אַרבעטן צוזאַמען אין איין טעאַטער, בעת דאָרט, אין וואַרשע, האָב איך צוויי טעכטער, אסתרן מיט אַנדזשעלען, מיידלעך, וואָס וויפיל איך קאָן זיך פאַרלאָזן אויף זייער זעלבסטשטענדיקייט, וועט זיי אָבער פאָרט בעסער זיין צוזאַמען מיט דער מאַמען...

אויסערדעם, האָב איך אויך אָנגעהויבן פילן אַ בענקעניש נאָך מיין אַמאָליקן קינסטלערישן רום. מאָמענטנווייז האָב איך געפילט, אַז כאָטש איך וועל שוין דאָרט, אין וואַרשע, מער נישט האָבן דעם אַמאָליקן רום, וועט אָבער אפילו דער בלויזער שאָטן פון מיין אַמאָליקן רום, מיך וואַרימען און גלעטן מיין נשמה, בעת דאָ, האָב איך דאָך אפילו דעם שאָטן אויך נישט...

אַ סך שלאָפלאָזע נעכט, האָב איך געטראַכט און געחלומט וועגן מיין אַמאָל. איך האָב זיך געזען אַ גליקלעכע און אַ שיינענדיקע אויף דער בינע און איך האָב זיך געזען אַ טרויעריקע און פאַרצוגטע אין מיין היים.

אין די שלאָפלאָזע נעכט, האָב איך זיך דערמאַנט אָן מיין לעבן אַלס די פרוי פון כיראַמאַנט מאַרקוס טעקס און איך האָב ווידער איבערגעלעבט די אַלע פיינען און שרעקן וואָס איך האָב ביי אים געליטן און באַלד זיינען אויך דערשינען מיינע גליקלעכע טעג אַלס פרוי פון לייזער ראַפּעל, ווי ער האָט מיך געמאַכט שטייגן אויף דער לייטער פון קינסטלערישן רום...

די געשעענישן לויפן ווייטער

פיינלעך און פאַרצערנדיק זיינען פאַר מיר געווען די שלאָפלאָזע נעכט, אָבער אָט האָבן אָנגעהויבן לויפן נייע געשעענישן, וואָס האָבן גע־מאַכט מער נאָכטראַכטן וועגן מאָרגן, ווי וועגן נעכטן און היינט.

מאַרעווסקי האָט טאַקע געשפּילט שיין און קינסטלעריש טעאַטער, אָבער די געשעפטן זיינען נישט געווען קיין פויגלדיקע און מידע האָט אויך געבראַכט זילבערטן און מען האָט זיך געטיילט, אַ האַלבע וואָך האָט געשפּילט מאַרעווסקי און אַ האַלבע — זילבערט און איך האָב געשפּילט די מאַמעס אונטער ביידנס רעזשי און די געשעפטן זיינען געגאַנגען ערגער און ערגער, ביז אונזער טרופּע איז מיט מאַרעווסקין בראש, אַרויסגעפאָרן איבער די אַרגענטינער פּראָווינץ־שטעט.

צוריקומענדיק פון פּראָווינץ, זיינען מיר מיט מאַרעווסקין געפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ, אָבער מידע האָט נאָך אַ קורצע צייט אָפּגעצויגן פון אינז אַ היבשן טייל פון אונזער טרופּע, מיר זיינען געבליבן בלויז עטלע־בע פּערזאָן, האָבן מיר געמוזט זוכן אמאַטאָרן, וואָס זאָלן אונז דערמעג־לעכן, אַז מיר זאָלן קענען שפּילן עטלעכע פאָרשטעלונגען.

דערווייל האָט זיך אין אַרגענטינע געשאַפן אַן עמפּרעסע, וואָס האָט געדונגען דעם גרויסן טעאַטער „אַרגענטינאַ" און אָנגעהויבן אָנגאַזשירן אַקטיאָרן און איך, צילי און קלינגער זיינען אויך געווען פאַרעכנט אין טרופּע און עס איז מיר געלונגען צו ווירקן, אַז מען זאָל אַריבערברענגען מיינע צוויי יונגערע טעכטער, אסתרן מיט אַנדזשעלען און פיבערהאַפט זיינען געוואָרן מיינע דערוואַרטונגען, ביז ענדלעך, ענדלעך, איז געקומען דער טאָג ווען מיינע קינדער האָבן באַדאַרפט אָנקומען און איך האָב גע־האוסט, אַז מיר האָבן שוין אַ טעאַטער וואו זיי וועלן באַלד קענען צו־צוטרעטן צו פּראָבן און דעבוטירן און איך בין געוואָרן אָנגעפילט מיט מוטערלעכער גליקזעליקייט און פרייד...

איינאונדרייסיקסטער קאַפּיטל:

מיינע קינדער אסתר און אַנדזשע — גוטע גרוסן וועגן זייער טאַלאַנט — בנציון בערדי־טשעװוסקי מיט זיינע „צווייי" קינדער — דער דעבוט פון מיינע קינדער — „ראָסיטאַ" און „יאַנקעלע" — יאָזעף שיינגאָלד קומט גאַסטראָלירן — איך באַקום אַ ראָל אין ווערטער „אין נאָמען פון גערעכטיקייט" — דער מחבר נחמיה צוקער — נעלי קעסמאַן קומט און איך פאַרלאַז דאָס טעאַטער — אַרבעטסלאָזיקייט, נויט און אינטריגעס.

מיינע קינדער אסתר און אַנדזשע

די געשיכטע פון מיין לעבן וואָלט נישט געווען פולקאָם, ווען איך זאָל דורכלאָזן מיינע איבערלעבענישן, ווען איך האָב געוואַרט ביז מיינע קינדער וועלן קומען קיין אַרגענטינע.

ווען איך זאָל וועלן שילדערן איינצלהייטן פון מיינע בענקענישן, ליידן און קאַמף, בלויז פון דער צייט, זייט איך האָב באַשלאָסן דאָ צו בלייבן און אַריבערברענגען מיינע קינדער, ביז זיי זיינען ענדלעך געקו־מען, וואָלט דאָס אַליין באַדאַרפט פאַרנעמען אַ גאַנץ בוך. איך מוז זיך דעריבער קאָנצענטרירן און אויסשיילן פון מיינע זכרונות, די וויכטיקסטע און פילבאַרסטע מאָמענטן פון דעם קורצן צייט אָפּשניט.

מיינע „גליקן" אין אַרגענטינע, האָבן מיר נישט געגעבן קיין מעגלעכ־קייטן אָנצוזאַמלען אביסל געלט אַף הוצאות, צו קענען אַריבערברענגען מיינע קינדער; נישט נאָר וואָס איך האָב נישט געקענט שפּאָרן קיין געלט, נאָר דאָס וואָס איך האָב געהאַט פון פריער, איז שוין אויך פון לאַנג גע־ווען אויסגעשעפּט און איך בין געווען צופרידן, ווען איך האָב געהאַט דאָס שטיקל ברויט און עטלעכע פּעזעס צו קענען פון צייט צו צייט שטיצן מיינע עלטערן אין בראַזיל.

און ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען איך האָב כסדר באַקומען גרוסן וועגן מיינע קינדער, ווי געראָטן זיי זיינען, און וואָס פאַר אַ קינסטלערישע אָנערקענונג זיי האָבן אין די בעסטע קרייזן פון אידישן וואַרשע.

די לעבעדיקע גרוסן האָב איך דאָ באַקומען פון פאַרשידענע קינסט־לער־געסט וואָס האָבן אַקטואירט אין וואַרשע און זייערע גרוסן האָבן

אויך געווירקט, אַז היגע אידישע טעאַטער-אונטערנעמער זאָלן זיך פאַר־אינטערעסירן מיט די צוויי יונגע אויפגייענדיקע שטערן, אָבער מען האָט זיך עפּעס נישט געוואַגט צו ריזיקירן אַזויפיל הוצאות אָף צו ברענגען זיי קיין אַרגענטינע, מורא האָבנדיק, אַז זיי זיינען נאָך צו יונג, און ווער ווייסט, צי זיינען זיי שוין בכח צו שפילן ערשטע ראָלן...

און וואָס מער גוטע גרוסן איך האָב באַקומען וועגן זיי, אַלץ מער האָב איך אָנגעהויבן בענקען און די בענקענישן האָבן זיך געצויגן ביז די עמפּערעכע פון טעאַטער „אַרגענטינע" האָט באַשלאָסן זיי אַריבערצובריינגען און פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן נישט געפעלט קיין שווערקייטן צוליב מיינע קינדערס מינדעריעריקייט; מען האָט געמוזט טעלעגראַפיש באַזאָרגן דאָקומענטן און בעטן אויפזיכט איבער די קינדער אָף דער שיף.

ענדלעך איז געקומען דער גרויסער טאָג, ווען עס איז אָנגעקומען די טעלעגראַפישע ידיעה, אַז די קינדער זיינען אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע, אָפן וועג קיין ארגענטינע. טאָג און נאַכט האָב איך גאָט געבעטן, אַז די קינדער זאָלן בשלום דורכקומען די רייזע איבערן ים און איך זאָל זיי שוין דערלעבן צו זען.

אין משך פון א גאַנצן חודש האָב איך נישט געוואוסט און נישט גע־רעדט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן מיינע קינדער; איך האָב זיי געזען פאַר זיך אַזוי, ווי איך האָב זיי געלאָזן אין וואַרשע פאַר מיין אוועק־פאָרן קיין אפריקע; און יעדע נאַכט האָב איך זיי אין חלום געדריקט צו מיין האַרצן, ביז עס איז געקומען דער טאָג און די שעה, ווען איך בין גע־פאָרן צום פּאָרט אָפּצוואַרטן די שיף, וואָס קומט באַפרידיקן מיינע בענק־שאַפטן, וואָס ברענגט פאַר דער בענקענדיקער מאַמע אירע צוויי וואוילע געראָטענע קינדער.

בנציון בערדיטשעווסקי מיט זיינע „צוויי" קינדער

אָף אָפּצוואַרטן די שיף, זיינען דעמלט געקומען צום פּאָרט א סך אַקטיאָרן.

מיט דער שיף האָבן באַדאַרפט קומען קינסטלער-געסט פאַר דריי אידישע טעאַטערס אין ב. איירעס און די אונטערנעמער מיט עטלעכע אַרטיסטן פון יעדער טרופּע, זיינען געקומען אָפּגעבן שלום זייערע קינסטלער, ווי נאָר זיי וועלן באַטרעטן דעם אַרגענטינער באָדן.

די מענטשן פון יעדער טרופּע האָבן זיך גרופּירט באַזונדער און עס האָבן נישט געפעלט קיין קיבעצן, שטעכווערטלעך און וויצן פון איין גרופּע אָפן חשבון פון א צווייטער...

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום פּאָרט, האָט מען נאָך אפילו נישט געזען קיין סימן פון דער שיף, אָבער באַלד האָט זי זיך באַוויזן פון ווייטן און דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר אָנגעהויבן וואָרפן פון פרייידיקער דער־וואַרטונג און אומגעדולד.

ווען די שיף האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום פּאָרט, האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַן אויסרוף פון אַ מעכטיקן מענער קול: — ראַפּעל!... ר אַ פּ ע ל ! ... און באַלד נאָכאַמאָל: — ז י נ אַ   ר אַ פּ ע ל ! ...

הערנדיק די אויסרופן פון מיין נאָמען, האָט זיך מיר פּלוצלינג אויסגע־וויזן, אַז נישט איך וואַרט אויף עמיצן וואָס דאַרף אָנקומען מיט דער שיף, נאָר דאָס פּאָר איך גאָר אויף דער שיף און עמיץ, אַן אומבאַקאַנטער, רופט מיר אַנטקעגן מיין נאָמען, אַזוי ווי דאָס איז געווען בעת מיין אָנקומען קיין אפריקע און דערנאָך קיין אַרגענטינע...

און אין דער אמתן, האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט און עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך וויג זיך און אַז אַלעס דרייט זיך אַרום מיר, אַזוי ווי איך וואָלט טאַקע געשטאַנען אויפן דעק פון אַ הוידענדיקער שיף און איך ווייס נישט, צי איז עס געווען אַ מין חלשות, צי בלויז אַן איבערנעמען זיך פון צופיל פרייד, איך ווייס נאָר, אַז איך האָב מער גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט, איך האָב אפילו נישט געפילט ווי עמיץ האָט מיך צוגעפירט נענטער צום ברעג און איך האָב ערשט אָנגעהויבן קומען צו זיך, ווען איך האָב געזען מיינע גאָלדענע קינדערלעך אויפן בריקל צום אַראָפּשטייגן פון שיף.

מיינע בליקן האָבן זיך מיט בענקשאַפט און ליבע איינגעגעסן אין די צוויי צעבליטע בלומען, וואָס האָבן זיך אַזוי לייכט און פריילעך באַוועגט צום אַראָפּגיין פון בריקל און ערשט נאָך אַ ווײלע האָב איך באַמערקט, אַז צוזאַמען מיט מיינע קינדער, גייען אַ פעסטגעבויטער יונגערמאַן מיט צוויי קינדערלעך און איך האָב ערשט איצט נאָכאַמאָל געהערט זיין אויסרוף — ראַפּעל! און איך האָב געזען, אַז דער יונגערמאַן רופט דאָס אוים מיין נאָמען.

— ווער איז דער יונגער מענטש מיט די צוויי קינדערלעך, די שיינע פריילן מיט דעם קליינעם אינגעלע? — די פראַגע האָט מיר אַ בליץ גע־טאָן אין מוח בלויז אויף אַ סעקונדע, ווייל באַלד זיינען מיינע קינדער גע־לעגן אין מיינע אָרעמס, אַלע דריי זיינען מיר געווען אַזוי אַרומגענומען, אַזוי ווי איין קערפּער און איך האָב פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען אַרומגענומען מיט מיינע קינדער אין אומבאַוועגלעכער פּאָזע, איך ווייס נאָר, אַז ווען איי־נער פון מיין גרופּע האָט מיך דעליקאַט אָפּגעריסן פון זיי, זיינען זייערע

גאָלד-בלאָנדע קעפּ געווען נאָס פון מיינע טרערן און עס האָט געדויערט אַ היבשע ווײַלע, ביז איך בין געקומען צו זיך.

איך האָב פאַר מיינע קינדער פאָרגעשטעלט די עמפּרעסאַרן פון טעאַטער „ארגענטינע", וועלכע האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז זיי זאָלן קומען און די קינדער האָבן מיר פאָרגעשטעלט דעם מאַן וואָס האָט מיך גערופן פון שיף — בנציון בערדיטשעווסקי, זיין פרוי שושנה און זייער קינד משהלע; די קינדער האָבן דערביי דערמאָנט, אַז בערדיטשעווסקי און פרוי האָבן זיי באַוואַכט איבערן גאַנצן וועג און אַרויסגעוויזן צו זיי די וואַרימסטע פריינטשאַפט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף שושנהן און איך האָב זיך צעלאַכט. — דאָס איז אייער פרוי? איך האָב דאָך געמיינט, אַז איר קומט דאָ אָן מיט צוויי קינדער!... זע נאָר די פרוי... שושנה האָט באמת אויסגעזען ווי אַ יונג מיידעלע וואָס הויבט ערשט אָן רייף צו ווערן און מיר האָבן דעמלט האַרציק געלאַכט און לאַכנדיק, האָב איך זיי געדאַנקט פאַר דער פריינטשאַפט וואָס זיי האָבן איבערן וועג אַרויסגעוויזן צו מיינע קינדער.

דער דעבוט פון מיינע קינדער

דער טעאַטער „ארגענטינע" איז געווען איינער פון די שענסטע טעאַטערס אין צענטער פון שטאָט און ווען מיינע קינדער זיינען אָנגעקומען, האָבן נאָך געפעלט בלויז פינף טעג צו דער דאַטע, ווען מען האָט באַדאַרפט דערעפענען דעם סעזאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז מיר אפילו נישט געבליבן קיין צייט, אַז איך זאָל זיך קענען רעכט אָפּפּרייען מיט מיינע קינדער, ווייל מען האָט באַלד געמוזט צוטרעטן צו פּראָבע.

אַלס פיעסע פאַר אסתרס דעבוט, האָט מען אויסגעקליבן די שווערע אָפּערעטע „ראָסיטאַ" מיט אסתרן אין דער טיטל-ראָל און כאָטש מען האָט אין די פינף טעג פיבערהאַפט געאַרבעט בא די פּראָבן, האָב איך אַלץ מורא געהאַט, אַז דאָס איז צו ווייניק פּראָבן פאַר אַזאַ אָפּערעטע, אָבער אסתר האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט איר דעבוט, אַז אַחוץ די אַפּלאָדיסמענטן פון פובליקום, איז זי אויך באַוואונדערט געוואָרן פון די אַקטיאָרן גופא, פאַר איר שנעלן אַריינפּאַסן זיך אין אַזאַ ראָל אַלס שפּאַניערין און אויסלערנען אַזוי שנעל אַזויפיל מוזיק.

אסתרס דעבוט איז געווען אַ שטורמישער דערפאָלג און באַלד האָט מען זיך גענומען גרייטן צו אָנדזשעלעס דעבוט, זי האָט באַדאַרפט אויפטרעטן אַלס „יאַנקעלע".

עס וואָלט געווען נאַריש, ווען אַן אייגענע מאַמע זאָל זיך אַוועקשטעלן לויבן אירע קינדער, אָבער דאָס זיינען דאָך מיינע זכרונות און ציטונגען האָבן דאָך דעמלט געשריבן וועגן די ערשטע אויפטריטן פון מיינע קינ־דער און עס זיינען דאָך זיכער פאַראַן אין די אַרכיוון, די דעמלסדיקע „אידישע ציטונג" און די „פּרעסע", טאָ פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט קרעפּטיקן מיט דער מוטערלעכער פרייד, וואָס איך האָב דעמלט דורכ־געפּילט און דורכגעלעבט?

אין סך הכל, זיינען זיי דאָך נאָך געווען קינדער! אסתר איז דאָך נאָך קיין גאַנצע אַכצן יאָר נישט אַלט געווען און אַנדזשעלע איז דאָך נאָך באמת געווען אַ קינד און אויב אסתר האָט שוין באַוויזן „איינצובייסן" אַזאַ פרימאַדאָנע־ראָל צו וועלכער עס נויטיקט זיך א סך טאַלאַנט און נישט ווייניק רוטין; און אויב אַנדזשעלע, וואָס אַ מיידל אין אירע יאָרן גייט נאָך אין שול, האָט שוין באַוויזן אַפּצושפּילן אַזאַ „יאַנקעלע", אַז דער עולם זאָל זי נישט וועלן אַראָפּלאָזן פון דער בינע טאָ פאַרוואָס זאָל זיך די מאַמע נישט קוויקן מיט די זכרונות פון די דאָזיקע פריידן? וואָס איז דען דאָס לעבן פון אַן אַקטריסע, אויב נישט די דעראינערונג פון נעכ־טיקן דערפאָלג און רום און אודאי פיל איך זיך טאָפּלט שטאָלץ דערמיט, וואָס אויב איך האָב געענוג ליכטיקע זכרונות פון מיינע אייגענע דערפאָל־גן, האָב איך דערלעבט דעם נחת צו זען די דערפאָלגן פון מיינע קינדער, וועלכע האָבן זיך ווי איך, געהייליקט פאַרן אידישן טעאַטער!...

איך רייד היינט רואיק וועגן די דאָזיקע טעג פון מוטערלעכער פרייד און נחת; איך וויש בלויז פון צייט צו צייט אַ טרער און מיין האַרץ הויבט זיך אין מיר פון די געפילן וואָס די זכרונות רופן אַרויס אין מיר; אָבער ווי רואיק איך האַלט זיך, קאָן איך זיך נישט אונטערנעמען צו שילדערן ווי איך האָב זיך דעמלט געצאַפּלט צווישן האָפענונג און שרעק, געצאַפּלט זיך, פונקט ווי אַמאָל, בעת מיינע אייגענע ערשטע אויפטריטן, און מיינע קינדערס הערפאָלג. האָט מיך דערהויבן אַף די זעלבע הויכן, אַף וועלכע איך האָב אַמאָל געשוועבט בעת מיינע אייגענע דערפאָלגן.

יאָזעף שיינגאָלד קומט גאַסטראָלירן

אין לויף פון מיינע שילדערונגען, האָב איך שוין נישט איינמאָל דער־מאָנט, אַז אידיש טעאַטער האָט זיינע ליכטיקע און זיינע שאָטן־זייטן.

די דערפאָלגן דערהויבן דעם אידישן בינע קינסטלער, ביז צו די העכסטע ליכטיקע הימלען, אָבער זעלטן ווען, גייען די קינסטלערישע דערפאָלגן צוזאַמען מיט די מאַטעריעלע און מערסטנס קומען באַלד נאָך

די קינסטלערישע דערפאָלגן, די מאַטעריעלע זאָרגן, וואָס רייסן דעם קינסטלער צוריק אַראָפּ פון זיינע הימלען, צו די רעאַלע טאָג־טעגלעכע נויטן.

די קינסטלערישע דערפאָלגן פון מיינע קינדער האָבן טאַקע אָנגעהאַלטן, אָבער די הוצאות אין דעם גרויסן טעאַטער „אַרגענטינע״ מיט דעם גרויסן אַרטיסטן־פּערזאָנאַל, זיינען געווען אַזוי אומגעהויער, אַז די הכנסות זיינען אַריינגעפאַלן ווי אין אַ געלעכערטן זאַק און עס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן די דעפיציטן.

אַקטיאָרן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן סודען צווישן זיך, זיי האָבן שוין מורא געהאַט, ווער ווייס צי די עמפּרעסע וועט אויסהאַלטן און כדי מען זאָל די צוויי עמפּרעסאַרן נישט קענען פאַרוואַרפן, אַז זיי האָבן גאָרנישט געטאָן צו ראַטעווען די לאַגע, האָבן זיי אַנגאַזשירט אַ נייעם גאַסט פון ניו יאָרק, זיי האָבן אַריבערגעבראַכט דעם אַרטיסט יאָזעף שיינגאָלד.

יאָזעף שיינגאָלד, אַ פיינער אַרטיסט, מיט היבשן טאַלאַנט אַלס רעזשיסער, האָט זייער שטאַרק אויסגענומען, אָבער ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע, דער קינסטלערישער דערפאָלג איז געווען גרויס, אָבער די דעפיציטן — נאָך גרעסער, די עמפּרעסע וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי אַקטיאָרן אָן אייגענע קאַפּיטאַלן, האָט געקראַכט און די טרופּע האָט איבערגענומען דאָס טעאַטער אַלס חברים־טרופּע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

איך באַקום אַ ראָל אָן ווערטער

איך גלויב, אַז מען וועט מיך מיטפילן און פאַרשטיין, פאַרוואָס איך בין אַביסל אָפּגעטראָטן פון מיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן אַלס קינסטלערן, ווייל אַ הויז קינסטלערן, בין איך אויך אַ פילבאַרע מאַמע און איך האָב געפילט און פיל נאָך הײַנט, בײַ יעדן דערפאָלג פון מיינע קינדער, אַזוי ווי עס וואָלט געווען מיין אייגענער דערפאָלג.

מיינע קינדער האָבן אונטער שיינגאָלדס רעזשי געשפּילט ערשטע ראָלן, און ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן זייער שטאַרקן ווילן און דראַנג זיך איינצולעבן אין די ראָלן און זיי אויסשפּילן אַזוי, אַז עס זאָל זיך פילן דער ברען פון הייליקער אַרבעט.

און איך אַליין?

איך האָב שוין לאַנג געהאַט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז איך בין מער נישט קיין מיידעלע, אַז איך דאַרף שפּילן מאַמעס און איך מוז צוגעבן מיט דאַנקבאַרקייט צו חברים, אַז מען האָט מיך קיינמאָל ביז דע־

מלט נישט געזוכט צו באַוולען מיט אַ ראָל; מען האָט מיר צוגעטיילט אַזעלכע מוטער־ראָלן, וואָס זיינען געווען פאַר מיין כבוד געשפּילט צו ווערן.

און אין שיינגאָלדס — מערסטנטיילס דראַמאַטישן רעפּערטואַר, האָב איך געהאַט גוטע ראָלן, וועלכע האָבן מיר געגעבן גענוג געלעגנהייטן, אַז איך זאָל זיך קענען אין זיי קינסטלעריש אויסלעבן.

אָבער די מאַטעריעלע לאַגע איז אין טעאַטער שוין געווען אַזוי שלעכט, אַז שיינגאָלד האָט אָנגעהויבן זוכן עפּעס אַן אַטראַקציע און ער האָט זיך דערוואוסט וועגן אַ פּיעסע פון אַ היגן מחבר, אַ פּיעסע וועלכע דער מחבר אַליין האָט מיט אַ יאָר צוריק אויפגעפירט מיט אַ דראַמקרייז און שיינגאָלד האָט געלייענט די פּיעסע און זי איז אים שטאַרק געפעלן און ער האָט באַשלאָסן זי אויפצופירן.

דער מחבר איז געווען (דער שפּעטערדיקער גרינדער און פּאַרוואַל־טער פון אידישן אַקטיאָרן פּאַריין און דער שרייבער פון מיין ביאָגראַפיע) — נ ח מ י ה צ ו ק ע ר , און די פּיעסע זיינע האָט געהייסן: — „אין נאָמען פון גערעכטיקייט”.

שיינגאָלד האָט פאַרגעלייענט די פּיעסע פאַרן אַנסאַמבל, די פּיעסע איז געפעלן, דער מחבר האָט אין איר געשילדערט די טראַגעדיע פון סאַקאָ און וואַנצעטי און מען האָט אָנגעהויבן שרייבן און פאַרטיילן ראָלן, און איך זע, אַז אַלע באַקומען זייערע ראָלן, מיט היבשע צאָלן באַשרי־בענע בלעטלעך, נאָר איך איינע באַקום נישט קיין ראָל.

דאָס האָט מיר זייער שטאַרק ווי געטאָן. אויב שוין יאָ אַ פּיעסע פון אַ היגן מחבר, און דוקא אַ פּיעסע מיט אַ ריזן־פּערזאָנאַזש, טאָ פאַרוואָס קומט מיר די חרפה, אַז איך זאָל זיך אין אַזאַ אויפפירונג נישט באַטייליקן?

איך האָב געליטן און געשוויגן, מיין ווייטיק איז אָבער געוואָרן נאָך גרעסער, ווען איך האָב געזען, אַז דער מחבר האָט אין מיר נישט פאַר־געסן, מען האָט מיך דוקא געהייסן קומען צו פּראָבע, מען האָט מיר, הייסט עס יאָ צוגעטיילט אַ ראָל, נאָר אַ ראָל אָן אַ געשריבענע ראָל, פשוט אַ ראָל אָן ווערטער; פשוט אָן איין וואָרט אפילו!...

אַזאַ באַליידיקונג האָב איך שוין נישט געקאָנט פאַרשווייגן.

— וואָס הייסט עס אַזוינס, אַ ראָל פאַר אַן אַקטריסע אָן איין וואָרט? וואָס איז? וויל מען מיך דאָ פשוט פאַרוואַנדלען אין אַ געוויינלעכער סטאַ־טיסטקע?

און בעת איך בין אַזוי געשטאַנען אין אַ ווינקל ביי די קוליסן און גע־וויינט אַף מיין אומגליק, קומט צו מיר צו דער מחבר פון דער פּיעסע און מיט אַ וואַרימען פריינטלעכן שמייכל הויבט ער מיך אָן באַרואיקן און

ער דערקלערט מיר, אַז ער האָט דאָס פֿאַר מיר באַשטימט די ראָל, ווייל כאַטש דאָס איז אַ ראָל אָן ווערטער, דאַרף מען זי שפּילן אין קאָמפּאָזיציאָנעלן ריטם אין משך פֿון אַ פֿופֿצן מינוט און ער האָט דאָ נישט קיין אַנדערע, וועמען אָנצוטרויען די ראָל, וואָס דאַרף פֿאַרשטעלן די גאָטין פֿון גערעכטיקייט, און זעענדיק אַז איך בין נאָך אַלץ אומרואיק, האָט ער פֿייערלעך אויסגערופֿן, אַז ער גאַראַנטירט מיר מיט זיין קאָפּ, אַז איך וועל אין דער ראָל האָבן אַ גאָר גרויסן דערפֿאָלג.

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי מען קאָן האָבן אַ דערפֿאָלג אין אַ ראָל אָן ווערטער, אָבער צוקערס וואַרימער שמייכל און זיינע פֿאַרזיכערונגען, האָבן מיך אַביסל באַרויקט און אַזוי ווי איך בין קיינמאָל נישט געווען קריגעריש, האָב איך זיך אונטערגעוואָרפֿן מיין גורל, כדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז צוליב מיר איז געשטערט געוואָרן אַ פּראָבע.

מיר האָבן געמאַכט פּראָבע פֿון צוקערס פּיעסע, איך האָב געהאַט צו שפּילן אין פּראָלאָג און אין עפּילאָג אַלס גאָטין פֿון גערעכטיקייט, מיט פֿאַרבונדענע אויגן און שוין ביי די ערשטע פּראָבן, האָב איך אָנגעהויבן פֿילן, אַז עפּעס נעמט מיך די ראָל וואַרימען, אַז עפּעס איז פֿאַראַן אין דער ראָל אַזוינס, וואָס איז מער ווי פּשוטע ווערטער און איך האָב אָנגעהויבן פֿילן, אַז איך דאַרף דאָ מיט זיך פֿאַרשטעלן אַ סימבאָל, און אַז איך בין דאָ נישט סתם אַ שטומע סטאַטיסטקע, נאָר עס שפּילט זיך אַרום מיר אָפּ אַ מוראדיקער גראַנגל צווישן פֿאַרברעכן און אומשולד, און דעם סימבאָל פֿון אומשולד האָט געשפּילט שיינגאָלד אַליין, אויך אָן ווערטער און איך בין פֿאַמעלעך אַריין אין דער ראָל און דוקא, ווייל אָן ווערטער, איז עס פֿאַר מיר געווען אַזאַ נייעס, אַזוי ווי איך וואָלט צום ערשטן מאָל אויפֿגעטראָטן אין אַ זייער וואָגיקער ראָל און מיט הייליקן ציטער האָב איך דורכגעפֿירט מיין אויפֿגאַבע און דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר גע־הויבן פֿון גייסטיקן געניס, ווען דער עולם האָט מיר לאַנג און שטורמיש אַפּלאָדירט און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן, ווען נחמיה צוקער, דער מחבר איז צו מיר צוגעקומען, געקושט מיך פֿון אַנערקענונג און אויסגערופֿן צו מיר: — נו? דאַרף מען דוקא האָבן ווערטער אַף צו ווייזן, אַז מען איז אַ טאַלאַנטירטע קינסטלערן?...

נעלי קעסמאַן קומט און איך פֿאַרלאָז דאָס טעאַטער

די פּיעסע „אין נאָמען פֿון גערעכטיקייט" איז געגאַנגען אַן ערך צוויי וואָכן, וואָס פֿאַר דעמלט, ווען מען האָט געמוזט יעדע וואָך בייטן אַ פּיע־

מע, איז עס געווען זייער אַ סך און עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס טעאַטער האָט אויפגעלעבט.

שיינגאָלד האָט צוריק געווינען זיין מוט און ער האָט נאָך געשטעלט בימקאָם שטאַרקע פּיעסע „דעמבעס", די פּיעסע האָט געהאַט דערפאָלג, אָבער די הכנסות האָבן נישט געקאָנט דעקן די הוצאות און די טרופּע וואָלט זיכער נישט געווען אויסגעהאַלטן, ווען עס קומט דעמלט נישט אָן די אַקטריסע נעלי קעסמאַן.

נעלי קעסמאַן מיט שלמה שטיינבערג זיינען געקומען קיין אַרגענטינע „מיטן רעכטן פוס", די קעסמאַן איז אויפגעטראָטן אַלס „חזנדל" און דער דערפאָלג אירער איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס טעאַטער איז אפילו אין די וואָכן-טעג געווען פול געפּאַקט און די אַקטיאָרן פון טרופּע וואָס זיינען שוין געווען גוט אויסגעהונגערט נאָך אַ פּאַרדינסטל, האָבן זי כמעט פאַרגעטערט און זי באַטראַכט פאַר זייער מלאך המושיע.

אָבער כאָטש מיין מאַטעריעלע לאַגע איז זיכער נישט געווען בעסער ווי ביי די אַנדערע חברים פון טרופּע און נישט אַכטנדיק וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַזעלכע גוטע געשעפטן, האָב איך צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פון טרופּע.

מיין אַרויסטריט פון הברים-קאָלעקטיוו אין טעאַטער „אַרגענטינע", איז געווען אַ שטאַרקער מאָראַלישער קלאַפּ פאַר די חברים פון דערמאָנטן טעאַטער און מורא האָבנדיק, אַז מיינע קינדער וועלן נאָכטאָן דעם ביישפּיל, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשידענע אינטריגעס קעגן מיר און מען האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פאַרשווארצן מיין פּנים אין די אויגן פון מיינע קינדער.

איך בין געווען אַרבעטסלאָז, און וואָס מער איך האָב אָנגעהויבן ליידן מאַטעריעל, אַלץ שטאַרקער האָבן גענומען ווירקן די אינטריגעס און עס האָבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן דערציילט מיינע קינדער, אַז אין בראַזיל האָט זיך צו מיר געשדכנט אַ מיליאָנער און אַז איך בין באַגאַנגען אַ פאַרברעך נישט נאָר קעגן זיך, וואָס איך האָב אים אָפּגעשטויסן, נאָר אויך און נאָך פיל מער קעגן זיי, ווייל וואָס וואָלט זיי דען געפעלט, ווען זיינאַ האָט חתונה מיט דעם מיליאָנער אין בראַזיל?

די העצעס האָבן אָף מיינע קינדער געווירקט ווי סם און וואָס מער איך האָב געליטן, אַלץ מער האָב איך אָנגעהויבן פילן ווי מיינע קינדער דערווייטערן זיך פון מיר, בלויז איין צילי, יאָ, צילי, וואָס זי איז מיט מיר צוזאַמען אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע און מיטגעמאַכט מיט מיר צוזאַמען די אַלע ווייטע וואַנדער-וועגן און וואָס זי האָט אויך געזען דעם מיליאָנער אין בראַזיל, זי איינע האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר מיינע גע-

פילן און האַנדלונגען און אויף איר האָבן די אַלע אינטריגעס נישט געווירקט. זי אַליין, וואָס אויך צו איר האָבן זיך געשדכנט די רייכסטע בחורים און זי האָט דוקא אויסגעקליבן דעם אידישן אַרטיסט נתן קלינגער אַלס דעם אויסדערוויילטן פון איר האַרץ, זי איינע האָט מיך געטרייסט אין מיינע נויטן און אפילו מיר אַרויסגעהאָלפן מאַטעריעל, אויף צו קענען איבערקומען די שווערע צייט.

איך האָב טיף אין האַרצן געפילט, אַז מיינע קינדער זיינען גוטע, אַז זיי ליידן זיכער געוויס צוליב מיינע ליידן, אָבער יונג זיינען זיי, און דער־פאַרענע אינטריגאַנטן גיסן גיפט אין זייערע הערצער און דאָס האָט מיר נאָך מער ווי געטאָן און מיינע מאָראַלישע ליידן, זיינען געוועזן פיל ווייטיקלעכער ווי די מאַטעריעלע.

צוויאונדרייסיקסטער קאַפּיטל:

טעאַטער „אָלימפּאַ" און דערנאָך פּראָווינץ — איך ווער אַנגאַזשירט אין טעאַטער „עקסעלסיאָר" — מיינע קינדער לייזן נויט און איך ווער אַ באָבע — איך אייניק זיך מיט מיין גורל — שושנה בערדיטשעווסקי אַלס מיין קינד — אסתר און אַנדזשע צוזאַמען מיט מיר — סאַלאַמאָ און קלאַרא שטראַמער.

טעאַטער „אָלימפּאַ" און דערנאָך פּראָווינץ

איך קאָן זיך נישט דערמאַנען ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט מיין אַרבעטסלאָזיקייט, אָבער מיר שיינט, אַז זי האָט זיך פאַר מיר געצויגן ווי א סך אייביקייטן, ביז עס האָט זיך ווידער געיאָוועט דער עמפּרעסאַר א. מידע און ער האָט מיך אַנגאַזשירט פאַרן טעאַטער „אָלימפּאַ".

טעאַטער „אָלימפּאַ" האָט דעמלט געהאַט געסט. מידע האָט ווידער אַנגאַזשירט זעקס געסט פון אייראָפּע, דאָס זיינען געווען יצחק דייטש, אסתר פּערלמאַן, שמואל און כאַניע אירים, לעאָ און הדסה האַלפּערן און אין טרופּע זיינען שוין געווען פון פריער גלאַזונאָוו מיט דער פרוי, בנציון פאַלעפּאַדע, י. מ. וואַרשאַווסקי, ישכר האַנטפּוס און זישע גאָלד און די געסט האָבן געגעבן די בעסטע אויסזיכטן אויף גוטע געשעפטן.

באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז געשפּילט האָט מען טאַקע שיין טעאַטער, נאָר די געשעפטן זיינען נישט געווען קיין גוטע.

יצחק דייטש, דער וואונדערלעכער זינגער און פיינער ליריקער, האָט צוזאַמען מיט דער טעמפּעראַמענטפולער אסתר פּערלמאַן, נישט באַוויזן „איינצונעמען" דעם בוענאָס איירעסער אידישן טעאַטער-עולם. און די געשעפטן זיינען געגאַנגען שלעכט און מען האָט זיך געזוכט צו „ראַטעווען" מיט „דער זינגער פון זיין טרויער", אַ באַרימטע פּיעסע וואָס די „ווילנער טרופּע" האָט אין אייראָפּע געשפּילט מיט אומגעהויערן דערפאָלג און אירים, וועלכער האָט אַקטואירט מיט די „ווילנער" האָט געהאַט די פּיעסע און ער האָט זי אויפגעפירט אין „אָלימפּאַ" אויפן רייכסטן אופן, סטיליזירט, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, אַלע באַטייליקטע האָבן באַקומען זייער גוטע רעצענזיעס, נאָר קיין פּרנסה איז נישט געווען און דאָס טעאַטער האָט געקראַכט.

אין דער צווישן-צייט, האָט זיך מיין אַנדזשעלע די ערשטע אַרומגע-

זען, אַז די אַלע אינטריגאַנטן וואָס העצן זי קעגן דער מאַמען זיינען איר גאַרנישט אַזעלכע גוטע פריינט און אין אַ שיינעם טאָג, האָט איר קינדישע ערלעכקייט איר געשטויסן, אַז זי זאָל מיך באַזוכן און זיך אַנטשולדיקן פאַר מיר און ווען די סצענע פון אונזער ווידערזען זאָל זיך געווען אָפּשפּילן אויף אַ בינע, וואָלט דער עולם געמוזט זאָגן, אַז דאָס איז אַ האַרצרייסנדע סצענע פון פרייד, חרטה און געוויין...

ווען „אָלימפּאָ" האָט זיך פאַרמאַכט, האָט רודאָלף זאַסלאַווסקי גראד פאַרמירט אַ טרופּע פאַר דער פּראָווינץ, און אַנדזשע, וועלכע האָט נישט געוואָלט מער ליידן פון די אינטריגעס, האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצופאָרן מיט דער קעסמאַן אויף דער פּראָווינץ, נאָר זי איז געפאָרן מיט מיר, מיט דער זאַסלאַווסקי-טרופּע.

אונזערע געשעפטן אויף דער פּראָווינץ זיינען געווען גוטע און נאָך דעם ים פון ליידן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים, איז פאַר מיר די רייזע מיט זאַסלאַווסקין, געווען אַ פּשוטער גן-עדן.

י. נוגער אַנגאַזשירט מיך פאַרן „עקסעלסיאָר"

נאָך איידער איך בין געפאָרן אויף דער פּראָווינץ, האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט דעם טעאַטער-אונטערנעמער יצחק נוגער און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט האָבן אַ טעאַטער, וועט ער געדענקען אָן מיר.

און נוגער האָט געהאַלטן וואָרט. ווי נאָר איך בין צוריקגעקומען פון פּראָווינץ, האָט נוגער מיך אַנגאַזשירט פאַרן טעאַטער „עקסעלסיאָר".

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער זיג, ווייל עס האָט דעמאָלט געהערשט אַ תוהו ובוהו אין אידישן טעאַטער וועלטל.

קיין אַקטיאָרן פאַריין וואָס זאָל באַוואַכן די געשעפטן, איז נישט געווען, צוליב שלעכטער אָנפירונג האָט ער זיך ליקווידירט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן הפקרותן אין די טעאַטער-געשעפטן און יצחק נוגער איז דעמאָלט געווען דער איינציקער מענטש וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטע רעפּוטאַציע אַלס אחריות-פולער טעאַטער-אונטערנעמער.

די הפקרדיקע מאַכינאַציעס סיי פון אונטערנעמער ווי פון אַקטיאָרן גופא, האָט דערפירט דערצו, אַז אָפּמאַכן זיינען נישט געווען קיין אָפּמאַכן און איין טעאַטער האָט געקאָנט אויסדינגען אַקטיאָרן פון אַ צווייטן טעאַטער און אפילו „סטאַרס" פון אַמעריקע וועלכע האָבן אָפּגעמאַכט צו קומען אין אַ טעאַטער, האָט מען געמוזט גוט אַכטונג געבן און זיי אַנטקעגנפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ און שטיין אויף דער וואַך, אַז אַן אונטער-

געמער פון אַ צווייטן טעאַטער זאָל דעם „סטאַר" נישט „אָפּקיטלען" פאַר אַ טייערערן פרייז...

יצחק נוגער האָט פאַרטרעטן אַ סאָליד געשעפט, ער האָט אנגאַזשירט אַן ערשט-קלאַסיקע טרופּע פאַר דעם דעמלט שוין פערמאַנענטן אידישן טעאַטער אין „עקסעלסיאָר" און אַלס גאַסטראָליאָר האָט ער אַריבערגע־בראַכט דעם אַרטיסט און פּיעסן-שרייבער מאַרקאָוויטש פון לאָנדאָן.

די טרופּע מיט מאַרקאָוויטשן בראש, איז באַשטאַנען פון בערדי־טשעווסקי און פרוי, אירים און פרוי, האַלפּערן און פרוי אסתר לוסטיק, סאמועל זילבערבערג, סעם וועלער, סאַרא סילוויא, אַדאָלף שטרייטמאַן, פעליז, ראַבינאָוו, קלאַצקין און איך.

בעת אונזער טעאַטער האָט זיך שוין געגרייט צו דער דערעפענונג פון סעזאָן, האָבן נאָך אַנדערע אונטערנעמער אינטריגירט איינער קעגן צוויי־טן און זיך אויסגעכאַפּט מענטשן און אַזוי איז עס געשען, אַז אַ גוטע ערשט-קלאַסיקע טרופּע צוזאַמען מיט מיינע קינדער, איז געבליבן אָן אַ טעאַטער און די טרופּע האָט געמוזט פאַרן מאַכן אַ פּרוואוו אין ראָזאַריאָ פון שאַפן דאָרט אַ פערמאַנענטן טעאַטער-סעזאָן.

אין טעאַטער עקסעלסיאָר האָב איך ערשט אָנגעהויבן אָפּאָטעמען נאָך די שווערע חדשים פון ליידן און פּיין.

י. נוגער האָט מיר צוגעטיילט א סך כבוד און מאַרקאָוויטש האָט מיך אַזוי פאַרערט, אַז ער האָט ספּעציעל צוליב מיר אויפגעפירט זיינס אַ פּיע־סע „די מאַמעס טרערן", אין וועלכער איך האָב געשפּילט די הויפּט-ראָל און מאַרקאָוויטש האָט מיך דערמיט צוריק דערהויבן צו מיין אַמאָליקן קינסטלערישן גלאַנץ.

אָבער פון ראָזאַריאָ האָב איך באַקומען שלעכטע ידיעות, וואָס האָבן מיר געשטערט די פרייד פון מיין אַרבעט אין „עקסעלסיאָר".

דער פּרוואוו האָט זיך אין ראָזאַריאָ נישט איינגעגעבן און די טרופּע דאָרט, צוזאַמען מיט מיינע קינדער, האָט געהונגערט און איך האָב גע־טראַכט ווי אַזוי צו העלפן מיינע קינדער און דאָס האָט מיר גערויבט מיין רו.

ווידער האָב איך אָנגעהויבן פילן די בענקשאַפט נאָך מיינע קינדער און וויפיל איך האָב זיך געפרייט מיט דער ידיעה, אַז צילי האָט געבוירן אַ מיידעלע און קלינגער האָט דעם קינד א נאָמען געגעבן אסתר-רחלע, אַז איך בין געוואָרן א באַבע פון אַן אייניקל וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער מאַמע פון אידישן טעאַטער אין פּוילן און אין רוסלאַנד, פונדעסט־וועגן האָט מיר די פרייד נישט געקאָנט איינגיין, ווויסנדיק, אַז צילי איז

נישט מיט מיר און זי ליידט דאָרט צוזאַמען מיט אסתרן און אַנדזשעלען נויט.

זעענדיק מיינע ליידן, האָט מען מיך אין טעאַטער עקסעלסיאָר פון אַלע זייטן אַזוי מקרב געווען, איך האָב גענאָסן פון אַזויפיל פריינטשאַפט, אַז נאָר דאָס האָט מיר געגעבן כח, אַריבערצוטראָגן מיין בענקשאַפט און האַרצווייטיק.

יצחק נוגער האָט זיבער גאַרנישט געהאַט צו באַדויערן וואָס ער האָט מיך אַנגאַזשירט פאַר זיין טעאַטער, אָבער מיין דאַנקבאַרקייט וואָס איך פיל צו אים דערפאַר, וועט אַלעמאָל גליען אין מיין האַרץ, ווייל נאָר אַ דאַנק אים, האָט זיך מיין לאַגע אין אַרגענטינע סטאַביליזירט. איך האָב אַקטואירט דעם גאַנצן סעזאָן, נאָך מאַרקאָוויטשן איז געקומען גאָלדענבורג און אויך ער האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט רעספעקט און אָנערקענונג; דערנאָך איז געקומען רעכטצייט און אויך ער האָט מיר געגעבן אַנטשפּרעכנדיקע ראָלן און דאָס וויכטיקסטע, אַז נאָך פאַרן פאַרענדיקן דעם סעזאָן, האָט מיר נוגער פאַרזיכערט, אַז איך וועל דעם קומענדיקן סעזאָן ווידער אַקטואירן צוזאַמען מיט אים.

בעת אַרום און אַרום איז דאָס אידישע טעאַטער געווען אַ פעלד פאַר אינטריגעס און הפקרדיקע מאַכינאַציעס און עס איז נישט געווען קיין אַקטיאָרן פאַריין וואָס זאָל באַוואַכן די אינטערעסן פון אַקטיאָרן און פון דער פּראָפעסיע, און בעת מיינע קינדער האָבן געהונגערט אין ראָזאַריאָ און זיי האָבן פון דאָרט צוזאַמען מיט דער גאַנצער טרופּע געמוזט אומוואַנדערן קיין בראַזיל אַף צו זוכן אַן אַרבעטס-פּלאַץ און ברויט, האָב איך דאָ רואיק אַקטואירט און שוין געהאַט דעם צוזאָג פאַרן נייעם סעזאָן און מיין איינציקער גרויסער ווייטיק איז נאָר געווען, וואָס מיינע קינדער דאַרפן זיך שלעפּן ווי בלאָנדזשענדע שטערן און זוכן אַף נע-ונד-וועגן זייער שטיקל ברויט.

שושנה בערדיטשעווסקי אַלס מיין קינד

אין שעהן פון נאָכטראַכטן וועגן דעם גורל פון מיינע קינדער, האָב איך גאַנץ אָפט באַוויינט מיין פינסטער מזל, וואָס נאָך אַלעם, ווען גאָט האָט מיר שוין געהאָלפן און איך האָב די קינדער אַריבערגעבראַכט, דאַרפן זיי זיך ערשט שלעפּן נע-ונד און איך בין ווידער נישט מיט זיי צוזאַמען. אין אַזעלכע טעג פון ווייטיקלעכע בענקעניש, האָט גאַנץ אָפט געטראָפן, אַז זיצנדיק אין מיין קאַמאַרין צווישן איין אויפטריט און צווייטן, בין איך פאַרזונקען אין אַ מין אַפּאַטיע, בעסער געזאָגט — אַ מורה-שחורה, וואָס

האָט ווי איינגעשלעפערט מיין געדאַנק און איך בין אַזוי געזעסן אין מיין קאַמאַרין ווי אין אַ היפּנאָטיזירטן צושטאַנד. דער בינע־לייטער האָט מיך צומאָל עטלעכע מאָל געמוזט רופן און דערמאַנען, אַז איך דאַרף שוין אַרויפגיין אַף דער בינע און אַ וואונדערלעכע זאַך! ווי נאָר איך האָב זיך אויפגעריסן פון מיין פאַרגליווערונג און בין אַרוים אַף דער בינע, האָט שוין פאַר מיר קיין שום זאַך נישט עקזיסטירט, איך בין געווען אין מיין ראָל און מיין פערזענלעכער געפיל איז אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פאַר דער אינטערפּרעטאַציע פון דער ראָל וואָס איך האָב באַדאַרפט שפּילן.

און איינמאָל, בעת איך בין אַזוי געזעסן אין מיין קאַמאַרין אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזע, הער איך פּלוצלינג ווי עמיץ רופט אַזוי שטיל, אַזוי שעפּציענדיק: — מאַמע... מאַמע... און עפּעס האָט זיך אין מיר אַ צאַפּל געטאָן און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מיין אַנדזשעלע רופט מיך דאָס אַזוי צאַרט, אָבער ניין, עס איז נישט אַנדזשעלע, ס'איז נאָר שושנה בערדיטשעווסקי, די קליינע האַרציקע חברטע, בערדיטשעווסקיס פרוי, אַף וועמען איך האָב ביי דער שיף געמיינט, אַז זי איז זיין קינד...

איך בין געווען אַזוי דורכגענומען פון איר צאַרטן אויסרוף „מאַמע", אַז איך האָב זי אַרומגעכאַפּט און געדריקט זי צו מיין האַרץ און געוואָלט מיט איר שטילן מיין בענקעניש נאָך מיינע קינדער און שושנה האָט זיך צו מיר געטוליעט און געלאַשציעט און דערזעענדיק טרערן אין אירע תמימותדיקע שמייכלענדיקע אויגן, האָב איך אויסגעבראָכן אין געוויין און שושנה האָט אַלין געשעפּציעט: — מאַמע... מאַמע... און טוליענדיק זיך צו מיר, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געפילט די צאַרטקייט פון אַ מאַמעס אומאַרמונג און פון מוטערלעכער צערטלעכקייט, ווייל איר מוטער איז געשטאָרבן ווען זי איז נאָך געווען אַ זויג־קינד.

און אַזוי איז עס געווען, אַז אַ מאַמע וואָס האָט געבענקט נאָך אירע קינדער און אַ קינד וואָס האָט געבענקט נאָך מוטערלעכער צערטלעכקייט, האָבן זיך אין קאַמאַרין פון טעאַטער „עקסעלסיאָר" געהאַלטן אַרומגענומען, דאָס קינד האָט געשעפּציעט: — „מאַמע" און די מאַמע האָט געגלעט דאָס קינד און געצערטלט עס און צוגערופן: — „קינד מיינס... דו ביסט מיין קינד... פון היינט אָן, אַדאַפּטיר איך דיך אַלס מיין טאָכטער און איך וועל דיך פאַררעכענען פאַר מיין קינד פונקט ווי צילין, אסתרן און אַנדזשעלען..."

און זייט דעמלט האָב איך זי טאַקע געהאַלטן פאַר מיין קינד און ווען איך דערמאָן זיך היינט אָן דעם איבערפלוס פון געפילן פון מוטער צו קינד און פון קינד צו מוטער, וואָס האָט דעמלט געהערשט אין קאַמאַרין,

פיל איך פונקט ווי דעמלט און איך פריי זיך מיט שושנה'ס יעדן דער-פאלג, סיי אף דער בינע, ווי אין איר פריוואטן לעבן, פונקט ווי עס פרייט מיך יעדער דערפאלג פון מיינע אנדערע קינדער און הלוואי וואלט איך גע-האט א גרויס פארמעגן צו לאזן ירושה, וואלט איך באלד פארשריבן, אז שושנה דארף באקומען א גלייכן חלק מיט מיינע איבעריקע קינדער.

אסתר און אנדזשע צוזאמען מיט מיר

די געשעענישן האבן זיך גערוקט ווייטער פאראויס.

דער סעזאן אין „עקסעלסיאר" האט זיך געענדיקט, מיר זיינען ארומ-געפארן אף דער פראווינץ און צו די שלעכטע געשעפטן וואס מיר האבן געמאכט אף דער פראווינץ, האב איך נאך באקומען טרויעריקע בשורות פון בראזיל, אז מיינע קינדער גייט עס נאך ערגער און אזוי האט די מאמע געוואגלט נע-ונד איבער ארגענטינער פראווינץ-שטעטלעך און די קינ-דער — איבער בראזיליאנער שטעטלעך...

אבער ווי אנדערש איז עס געווען דא, ווי דארט, אין דער אלטער היים!...

ווען איך בין ארויסגעפארן פון ווארשע אף א טורנע, האב איך גע-וואוסט, אז איך לאז מיינע קינדער אינדערהיים, אין א שטוב פון כל-טוב, און היינט זיינען שוין מיינע קינדער גרויסע, זיי האבן זיך שוין פארנומען אף דעמזעלבן שווערן וועג פון אידיש טעאטער ווי איך, און דאך גייען מיר נישט צוזאמען אף דעם שווערן וועג, נאר אפגעטיילט אזוי ווייט, די מאמע פון די קינדער...

און ווי גרויס עס איז געווען מיין פרייד, ווען איך האב — נאך ארומ-פארנדיק אף דער פראווינץ — באקומען א ידיעה פון יצחק נוגער, אז ער האט פארן קומענדיקן סעזאן דעם גרויסן צענטר-טעאטער „נועווא" און אז איך בין פארעכנט אין זיין טרופע, איז מיר אבער די פרייד נישט איינגעגאנגען און איך האב אלץ נישט אויפגעהערט בענקען און איך האב גאט געבעטן, אז די טעאטראלן אונזערע אין ב. איירעס, זאלן זיך ארומזען, אז מיינע קינדער זיינען יונגע און טאלאנטירטע אקטריסעס, און אז דאס אידישע טעאטער נויטיקט זיך אין זיי און אז עס איז א פארברעך, אז זיי זאלן זיך דארפן מוטשען אף נע-ונד...

נאך שווערער איז מיר געווארן, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון דער פראווינץ קיין ב. איירעס און איך האב געזען, אז מען קאכט זיך און מען

מאַכט פאַרשידענע פּלענער פאַרן נאָנטן טעאַטער־סעזאָן, נאָר מיינע קינדער ווערן אפילו נישט דערמאָנט...

די טור אַף דער פּראָווינץ האָט מיך זייער פאַראַרימט און איך האָב געמוזט דינגען אַ קליין שטיבל און איך האָב זיך געפילט אַזוי עלנט, און איך האָב אַזויפיל געוויינט, אַז איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך האָב ד׳עמלט נישט אַרויסגעוויינט פון זיך מיין גאַנץ ביסל חיות.

אַזוי האָבן זיך פאַר מיר געצויגן טעג און וואָכן, ביז איינמאָל, שיקט יצחק נוגער צו מיר אַנפרעגן אַף די אַדרעסן פון מיינע קינדער אין בראַזיל, ווייל ער וויל זיי אַנגאַזשירן פאַרן „נועוואָ".

— איך וועל זיין צוזאַמען מיט מיינע קינדער!... — האָט עס מיר געזונגען אין הארצן...

און בלויז עטלעכע טעג שפּעטער, האָט מיר נוגער אַנגעזאָגט די בשורה, אַז ער האָט מיינע קינדער אסתרן מיט אַנדזשעלען אַנגאַזשירט טעלעגראַפיש און זיי וועלן באַלד קומען פון בראַזיל.

סאַלאָמאָן און קלאַראַ שטראַמער

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג ווען מיר האָבן באַדאַרפט צוטרעטן צו פּראָבן אין טעאַטער „נועוואָ".

דער טעאַטער „נועוואָ" איז געווען איינער פון די שענסטע צענטער־טעאַטערס פון ב. איירעס. (די מוניציפּאַליטעט האָט דערנאָך דאָס טעאַטער אָפּגעקויפט און געענדערט דעם נאָמען „נועוואָ" אַף „קאַריענטעס" און עס אָוועקגעשאָנקען פאַר אַ מוניציפּאַלן פאָלקס־טעאַטער).

נאָר אַזאַ פּעאיקן טעאַטער־טוער ווי יצחק נוגער, האָט זיך געקאָנט איינגעבן צו באַקומען דעם „נועוואָ" פאַר אידיש טעאַטער. אַף צו באַקומען דאָס טעאַטער, האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ סך טויזנטער און נוגער האָט באַקומען אַ מעצענאַט, דאָס איז געווען דער ה׳ משה בערעסטאָוואַי, וועלכער איז געווען פאַקטישער דירעקטאָר, נאָר ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין נאָמען זאָל פיגורירן.

צו די פּראָבן איז מען צוגעטראָטן מיט פאַרנעם.

יצחק נוגער האָט געהאַט אַנגאַזשירט די פאַמיליע שטראַמער און מיינע קינדער זיינען אָנגעקומען דעמזעלבן טאָג ווען די שטראַמערס און מען איז גלייך צוגעטראָטן צו פּראָבן, אונטער דער רעזשי פון סאַלאָמאָן שטראַמער.

אין טרופּע האָבן זיך באַטייליקט די פאַמיליע שטראַמער (באַשטייענ־

דיק פון סאלאמאן און קלארא שטראמער, ישראל און חנה פעלדבוים און עלזא ראבינאוויטש) און הויז זיי, איך, אסתר און אנדזשע, אדאלף און קלארא שטרייטמאן, סארא סילוויא, סאמועל זילבערבערג, מ. פעלץ, און יוסף שיין, מיט א גרויסן כאר און ארקעסטער.

דאס שיינע טעאטער און די מי־פולע טעכנישע צוגרייטונגען, האבן צוגעגעבן פייער צו די פראבן און שטראמער האט מיר מיט מיינע קינדער ארויסגעוויזן א סך הברישקייט און פארערונג, און אזוי האט זיך מיין טריבער הימל, פאמעלעך אנגעהויבן אויסלייטערן...

דרייאונדרייסיקסטער קאפיטל:

יעקב בן־עמי און יעקב מעסטל — מיין מוטער שטארבט פון א הארץ־אטאקע — פון „מאן מיטן פארטפעל" צום „חונדל" — אנדזשעלע ווערט א כלה — די מאמעס קינדער — עס גרינדעט זיך א אידישער אקטיארן פאריין — טעאטער „אמבו" — זלמן הירשפעלד — די „ברויט־מיל" און „אזעף" — נאך ל. סאקאלאוו קומט אהרן פאליאקאוו — ווידער א סעזאן אין „ארגענטינע" — די טרופע לייזט זיך אויף — געשעע־נישן לויפן — מארים שווארץ און „יאשע קאלב"

יעקב בן-עמי און יעקב מעסטל

אף א שטיקל צייט האט די זון פאר מיר אויפגעשיינט.

צו די רעדוצירטע פארדינסטן באם אידישן טעאטער אין ארגענטינע, בין איך שוין געווען צוגעוואוינט; צו דעם „באקן" פיעסן און די כסדר־דיקע פראבן, ווייל זייער אפט האט מען געמוזט שטעלן א נייע פיעסע, בין איך אויך שוין געווען צוגעוואוינט און אסתר מיט אנדזשעלען האבן אקטואירט מיט מיר צוזאמען אין דעם שיינעם טעאטער „נועווא" און די שטראמערס האבן אנערקענט מיין סטאזש און מיר צוגעטיילט דעם גע־העריקן כבוד און די געשעפטן זיינען געגאנגען נישטקשהדיק, דער די־רעקטאר הער בערעסטאוואי, האט געצאלט פינקטלעך די גאזשע און מיר האבן זיך ערנסט אפגעגעבן מיט די כסדרדיקע נייע פראבן און מיר האבן זיך געפילט גליקלעך און צופרידן.

עס קאן גאנץ מעגלעך זיין, אז מיר וואלטן אזוי געווען געקאנט אפ־שפילן א גאנצן סעזאן מיט די שטראמערס, ביי די זעלבע נארמאלע גע־שעפטן, ווען נישט דער איינגעפירטער סטארן־סיסטעם, וואס האט גע־צוואונגען, אז מען האט געמוזט כסדר טוישן נישט בלויז די פיעסן, נאר אויך די „סטארס" וואס האבן געשפילט בראש פון א טרופע.

דער סטאר־סיסטעם, אזוי ווי ער איז איינגעפירט געווארן אין אר־גענטינע, האט נישט דערלאזן, אז א טעאטער זאל זיך קאנען סטאביליזירן לויט א פאראויס צוגעגרייטן פלאן, אז מען זאל וויסן וועלכעס איז א טעאטער פאר דראמע און קאמעדיע, וועלכעס פאר מעלאדראמע און וועל־כעס פאר אפערעטע. אלס ביישפיל פון דעם געשאפענעם צושטאנד קאן טאקע דינען דער דערמאנטער סעזאן אין טעאטער „נועווא".

דערעפנט דעם סעזאָן, האָבן די שטראָמערס מיט אַ טרופּע, וואָס איז געווען זייער גוט געאייגנט פאַר אָפּערעטע און די געשעפטן פון אָפּערעטן־אויפירונגען, זיינען דורכשניטלעך נישט געווען קיין שלעכטע; אָבער שוין זיינען געווען פאַרגרייט אַנדערע סטאַרן, זיי זיינען שוין געווען קאָנטראַקטירט, און דוקא סטאַרן פון אַן אַנדער זשאַנר, עס זיינען אָנגעקומען יעקב בן־עמי און יעקב מעסטל.

איך, פערזענלעך, און מיין אסתר, מיר האָבן זיך זיכער געפרייט, וואָס עס קומט אַזאַ געהויבענער קינסטלער־גאַסט ווי יעקב בן־עמי, מיט זיין גוטן רעפּערטואַר, אין וועלכן איך וועל נישט דאַרפן שפּילן אַזעלכע אויס־געטראַכטע מאַמעס, נאָר מאַמעס רעאַליסטישע, דורכגעלעבטע און דורכ־געפילטע און אסתר, וואָס האָט מיטגעמאַכט די דראַמשולע פון הערמאַן און ווייכערט, האָט זיך אויך געפרייט צו קענען שפּילן אונטער דער רע־זשי פון אַזאַ קינסטלער, אָבער דער סעזאָן איז מיט דעם פלוצלינגדיקן אומבייט צעטרייסלט געוואָרן, דער עולם וואָס האָט ליב אָפּערעטן, האָט אויפגעהערט קומען און אונזער טרופּע האָט זיך געמוזט ווי איבער נאַכט טראַנספאָרמירן פון אָפּערעטן־זשאַנר, אַלס קינסטלער פון ערנסטע ליטע־ראַרישע אויפירונגען און צום לויב פון אַלע אַרטיסטן אין טרופּע, האָבן מיר עס באַוויזן, מיר האָבן זיך באמת און ערלעך דערפילט אונזערע קינסטלערישע פליכטן און בן־עמי האָט אָנגעקוואָלן פון אונזער אויפנע־מען און איינלעבן זיך אין די ראָלן.

די ציימונגען האָבן אַגיטירט פאַר אונזער טעאַטער און די פּרעמיע־רע איז דורך מיט אַ קאָלאָסאַלן קינסטלערישן און אויך מאַטעריעלן דער־פאָלג, עס איז געווען אַן אמתע יום־טוב־פאָרשטעלונג, אָבער דער יום־טוב האָט זיך שנעל געענדיקט. באַלד נאָך דער ערשטער, האָט מען געמוזט צוטרעטן צו די פּראָבן פון אַ צווייטער פּיעסע און מען האָט געמוזט אָנהויבן „באַקן" די ליטעראַרישע פּיעסן פונקט אַזוי שנעל (און אַמאָל נאָך שנעלער) ווי די פּיעסן פון דורכשניטלעכן רעפּערטואַר און נאָכאַמאָל מוז איך דערמאָנען, אַז צום לויב פון אונזער טרופּע, וואָס האָט מיט לייב און לעבן זיך איבערגעגעבן צו דער הייליקער אַרבעט פון שפּילן עכט קינסטלעריש טעאַטער, זיינען די פאָרשטעלונגען אַרויסגעקומען ווי נאָך לאַנגע חדשים פּראָבן און די ליבהאָבער פון עכטער קונסט, האָבן באמת געהאַט די גרעסטע גייסטיקע סאַטיספאַקציעס.

מיין מוטער שטאַרבט פון אַ האַרץ־אַטאַקע

אין דער צייט, ווען איך האָב — כאָטש אין מאַמע־ראָלעס — ווידער געשוועבט אין די הימלען פון קינסטלערישן גענוס, האָב איך באַקומען

די טרויעריקע ידיעה פון בראַזיל, אַז מיין מאַמע האָט צוויי מאָל געליטן פון אַטאַקעס אפן האַרץ און די צווייטע אַטאַקע האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן אף אייביק.

די שפּרודלדיקע, טעמפּעראַמענטפולע אַקטריסע איטע פויגל-ציפּקוס, וואָס האָט זיך יאָרן-לאַנג אַרומגעשלעפּט אף וואַגענער צוזאַמען מיט אירע ברעקלעך קינדער, אַזוי ווי ציגיינער, און געפירט מיט זיך אידיש טעאַטער און אידישע פרייד איבער די פּאַרוואָרפנסטע שטעטלעך פון דער אַלטער היים, איטע פויגל איז געשטאָרבן אַן אויסגעוואָרצלטע פון איר היים און פון אידישן טעאַטער אין דעם ווייטן בראַזיל; געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אַטאַקע, וואָס איז זיכער געקומען פון כסדרדיקן האַרץ-ווייטיק און בענקעניש צום אידישן טעאַטער, צו אַן אויפטריט, כדי נאָך איינמאָל צו ווייזן, און אַ שפּיל טאָן אַזוי ווי אַמאָל, אין יענע גוטע טרויעריקע ציַיטן!...

איך האָב באַוויינט דעם גורל פון מיין אָרימער מאַמע און ווען די טרערן האָבן זיך רעכט נישט געהאַט אויסגעטרוקנט, איז געקומען די צווייטע טרויעריקע ידיעה, אַז מיין ברודער שייקע, איז שוין אויך אויסגעלייזט געוואָרן פון זיינע ליידן...

מיין שוועגערן שבע, האָט אים ווי אַ גוטער מלאך אָפּגעהיט ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, אָבער קיין רעטונג איז פאַר אים נישט געווען, ער איז איינגעשלאָפן ווי אַ הינדל און דאָס געטרייע ווייב האָט אים די אויגן צוגעמאַכט און די בראַזיליאַנער ערד, האָט צוגענומען אַ צווייטע צווייג פון אונזער פאַמיליען-בוים...

שווער, זייער שווער, איז פאַר מיר געווען דאָס שטיקל צייט פאַר בן-עמים פאַרענדיקן זיין אָפּמאַך; אָבער אַז מען לעבט, מוז מען דאָך לעבן, האָבן מיר כסדר שטודירט די נייע ליטעראַרישע פּיעסן, ביז מען האָט געשפּילט די געזעגן פאָרשטעלונג און פונקט אַזוי שנעל ווי מיר זיינען פון אָפּערעטן-זשאַנר אַריינגעשפּרונגען אין די ליטעראַרישע ראָלן, אַזוי האָבן מיר איצט פּלוצלינג געמוזט צוריקשפּרינגען פון ערנסטן רעפּערטואַר, צו נעלי קעססאַנס „הזנדל".

פון „מאַן מיטן פאָרטפעל" צום „הזנדל"

אויב אונזער טעאַטער האָט באַקומען אַ טרייסל, בעתן פּלוצלינגדיקן איבערגאַנג פון שטראַמערס אָפּערעטן צו בן-עמים ליטעראַרישן רעפּערטואַר, איז די צעטרייסלונג געווען אַ סך שטאַרקער ווען מיר האָבן באַלד

נאָך בן־עמים „מאַן מיטן פּאַרטפעל״ געמוזט איבערגיין צו נעלי קעסמאַנס „חזנדל״.

ווי קאָמיש דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער אַזוי איז עס געווען. נאָך בן־עמי מיט זיין צאַרטן געהילף־רעזשיסער, דעם טעאַטראַל יעקב מעסטל, איז געקומען אין דער ריי — נעלי קעסמאַן.

דער הער בערעסטאָוואַי, וועלכער איז געוואָרן אַ מעצענאַט פון אידישן טעאַטער נאָר צוליב זיין גרויסן פאַרלאַנג צו ברענגען בן־עמין קיין אַרגענטינע, האָט געזוכט אָפּצופאַרדינגען די פאַרלוסטן וואָס ער האָט געהאַט אין משך פון סעזאָן און אַף די „גוטע עצות״ פון מאַנכע, האָט ער אריבער געבראַכט נעלי קעסמאַן, וואָס האָט בעת אירע ערשטע גאַסט־ראָלן, געמאַכט אַזעלכע קאַלאָסאַלע געשעפטן.

אָבער דאָס איז געווען אַ גרויסער טעות. נעלי קעסמאַנס צווייטער וויזיט אין אַרגענטינע, איז געווען אַ גרויסער דורכפאַל; בן־עמים עולם איז שנעל פון דעם „חזנדל״ „אַרויסגעוואָרפן״ געוואָרן פון טעאַ־טער „נועווא״ און נעלי קעסמאַנס פאַראַיאָריקער עולם איז מער נישט געקומען און מיר האָבן מער נישט געשפּילט קיין טעאַטער, נאָר געמוטשעט זיך, כדי צו פאַרענדיקן דעם סעזאָן.

אַנדזשעלע ווערט אַ כלה

ערגיץ, אין די הייליקע ספרים זאָגט זיך, אַז מען זאָל נישט משפּטן קיין חבר, ביז מען קומט נישט אַף זיין פּלאַץ און אין זיין לאַגע.

איך דערמאָן דאָס אַנטקעגן מיינע ליבע קינדער.

ווי לאַנג איז דען, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט אינטריגירן און זיי האָבן זיך געברוגזט קעגן מיר, פאַרוואָס איך האָב אָפּגעוואָרפן אַזויפיל גוטע שי־דוכים, און איבערהויפּט, פאַר מיין אָפּזאָגן זיך פון דעם מיליאָנער אין בראַזיל?

אסתר און אַנדזשעלע האָבן דאָך מיר פאַרגעוואָרפן מיין נישט קלוגע און נישט פּראַקטישע האַנדלונג און אויב זיי האָבן עס מיר פאַרגעוואָרפן, האָט עס דאָך באַדאַרפט הייסן, אַז זיי אַליין וועלן שוין נישט זיין אַזעלכע נאַראַנים ווי זייער מאַמע, זיי וועלן שוין האַנדלען קלוג און פּראַקטיש און זיי וועלן זיך שוין איינמאָל גוט פאַרזאָרגן....

אָבער, זיי זיינען געבליבן נישט מער, ווי דער מאַמעס קינדער.

פּונקט ווי זייער מאַמע, האָבן זיי אויך, ווייזט אויס, געפירט מלחמה צווישן האַרץ און שכל, דער שכל האָט זיי דיקטירט איינס און דאָס האַרץ האָט זיי געצויגן צום צווייטן און פּונקט ווי בא זייער מאַמע, האָט אויך בא זיי געזיגט דאָס האַרץ קעגן שכל...

אונטער י. בולאָווס רעזשי

פון רעכטס אף לינקס: — 1) זינאַ אַלס אַנאַ קאַרעגינאַ; 2) אַלס יעקאַטערינאַ אין „פאַרברעכן און שטראָף“; 3) אַלס די קרעמערקע פון „דוכוס“ און 4) אין אַ ראָל פון ב. רעסלערס „זעכציק טויזנט גבורים“



ז י נ אַ   ר אַ פּ ע ל   אין פאַרשידענע ראָלן.
צו איר יובילוי-יום-טוב אין טעאַטער עקסעלסיאָר
(פאָטאָ מאָנטאַזש)

זעלטן ווען, אַז אַזעלכע יונגע קינדער ווי אסתר און אַנדזשעלע זיינען געווען, זאָלן שוין האָבן דערגרייכט אַזעלכע קאַריערעס אַלס אנערקענטע קינסטלערנס און פאַרשטייט זיך, אַז ארום זיי, פּונקט ווי פריער אַרום צילין, האָבן זיך געדרייט בחורים, וואָס וואָלטן געוועז גליקלעך צו געווינען זייער פריינטשאַפט; צווישן די בחורים זיינען געווען קינדער פון רייכע סוחרים, סטודענטן וואָס האָבן געלערנט אין פאַקולטעט און געהאַלטן ביי ווערן דאָקטוירים און אידישע און אידיש־שפּאַנישע שרייבער וואָס פאַרנעמען היינט וויכטיקע פּאָזיציעס אַלס אַזעלכע; אסתר וואָלט באַ זיי געקאָנט אויסבעטן פאַר זיך דאָס „טעלערל פון הימל", אָבער זי האָט זיך געהאַלטן פונוויַיטן, זי האָט זיך נישט געלאָזן פאַרפלאָנטערן אין אַ צו וויַיטן פלירט, זי איז געווען באַשיידן און גלייכציַיטיק אויסוויַיכנדיק; זי איז אין דער פריער ציַיט, צווישן פּראָבן און פאָרשטעלונגען, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרחלומטע און פאַרבענקטע און ווען איך בין איינמאָל צוגעשטאַנען צו איר, האָט זי זיך פאַר מיר אויסגערעדט, אַז זי בענקט נאָך איר באַשערטן, ער איז אין וואַרשע, ער דינט איצט אין דער פּוילישער אַרמיי, און זי האָט מיך געפרעגט צי איך געדענק אים, דאָס איז דער סטודענט זלמן הירשפעלד, וועלכער האָט געלאָזן זיין גימנאַזיע און איז געקומען קיין וואַרשע אין דער דראַמאַטישער שולע און געווען איר מיט־שילער ביי הערמאַנען און וויַיכערטן.

אויך אַנדזשעלע האָט געהאַט אַ סך מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ רייכן חתן, אָבער אַזוי ווי איר מאַמע, איז זי אויך נאָכגעגאַנגען דעם רוף פון איר האַרץ, און בעת אסתר האָט געבענקט נאָך זלמן הירשפעלד, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אַף יענער זייט ים, האָט אַנדזשעלע דאָ ליב באַקומען דעם יונגן באַלערין, דעם טאַנץ־קינסטלער אַדאָלף געדיסמאַן און קיין שום פּראַקטישע אַרגומענטן פון איר שכל האָבן נישט געהאָלפן, אין איינעם אַ טאָג זיינען זיי ביידע צו מיר געקומען, געדיסמאַן איז געשטאַנען פאַר מיר אַן איבערגעשראָקענער און אַנדזשעלע האָט מיך אַרומגענומען און געבעטן: — מאַמעניו, גיב אונז דיין ברכה...

די אויגן האָבן זיך מיר אָנגעפילט מיט טרערן און איך האָב גענומען זיין האַנט און פאַראייניקט זי מיט מיין אַנדזשעלעס האַנט און איך האָב זיי געבעטן: — קינדערלעך... איר זייט נאָך ביידע זייער יונג, כמעט קינדער, נאָר אויב איר האָט אייך ליב, זייט גליקלעך צוזאַמען, און זייט זיך געטריי איינם דאָס אַנדערע און האָט זיך ליב אַף אייביקע ציַיטן!...

אַנדזשעלע מיט געדיסמאַנען זיינען געוואָרן חתן־כלה און געדיסמאַן האָט זי מיטגענומען אַף אַ טור וואָס ער האָט אונטערגענומען אַלס אָנגע־זעענער און אפילו שוין באַרימטער יונגער טאַנץ־קינסטלער.

עס גרינדעט זיך א אידישער אקטיארן פאריין

איך האב דערמאנט, אז בעת איך בין געקומען קיין ארגענטינע, איז שוין דא געווען אן אקטיארן פאריין און איך האב אויך דערמאנט, וויפיל צער דער פאריין האט מיר צוגעטיילט מיט דעם ארויסלאזן פלוג-בלעטלעך, אף וועלכע מען האט מיך געוויזן מיט הערנער און אלס שטרייקברעכערן.

אלס שטראף פאר אזא אומגערעכטע האנדלונג לטובת איין טעאטער, אין וועלכן די גאנצע פארוואלטונג איז געווען אנגאזשירט, איז דער פאריין באלד דערנאך אויפגעלייזט געווארן און עס האבן זיך אנגעהויבן פארשידענע הפקרותן אפן אידישן טעאטער געביט.

עס האט געפעלט דאס אויג וואס זאל באוואכן די מעשים פון אקטיארן און טעאטער-אונטערנעמער און עס איז געווארן אזוי שלעכט, אז אקטיארן זיינען מער נישט זיכער געווען מיט זייערע קאנטראקטן און דירעקטארן זיינען נישט זיכער געווען מיט די אנגאזשירטע אקטיארן און אפילו מיט די „סטארס" וואס מען האט אנגאזשירט פון נארד-אמעריקע און זיי געשיקט שיפסקארטן און געלט-אוואנסן, איז מען אויך נישט געווען זיכער, ווייל עס האט געקאנט פאסירן, אז א צווייט טעאטער זאל „אפקייטלען" דעם אדער יענעם אקטיאר, אדער גאר אפילו דעם געבראכטן סטאר פאר זיין טעאטער...

צום קולמינאציע-פונקט פון די הפקרותן איז עס געקומען, אין דער צייט ווען עס האט זיך פארענדיקט אונזער סעזאן אין טעאטער „נועווא".

אקטיארן זיינען ארומגעגאנגען דערשלאגענע, זיי האבן געזען ווי עס יאווען זיך יעדן טאג נייע אונטערנעמער און קאפאציטעט, און דער מינדעסטער גאראנטיע אף צו קענען אויסהאלטן א טעאטער און אקטיארן האבן גוט געוואוסט, אז ביי שלעכטע געשעפטן, זיינען זיי די ערשטע כפרה-הינדלעך...

די פארדינסטן אין טעאטער „נועווא" זיינען אין משך פון סעזאן, בכלל נישט געווען קיין גרויסע, אז מען זאל קענען עפעס אפשפארן אף א שווערערע צייט און די אויסזיכטן אף ווייטער, זיינען צוליב דעם געשאפענעם הפקר-צושטאנד — געווען טרויעריקע און אין דער צייט, האב איך זיך דערוואוסט, אז אין שטוב פון דעם שרייבער נחמיה צוקער, פון דעמזעלבן שרייבער וואס האט מיר אמאל אין טעאטער „ארגענטינע" געגעבן א ראל אן ווערטער פון זיין פיעסע „אין נאמען פון גערעכטיקייט" — קומען פאר זיצונגען פון אקטיארן, וועלכע ער האט איינגעלאדן אלס איניציאטיוו-גרופע, צו שאפן א נייעם אקטיארן פאריין.

האבנדיק די דערפארונג פון פריער, האבן א סך אקטיארן נישט

געגלויבט אינם דערפאָלג פון דער איניציאַטיוו, זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז דער פאַריין וועט קענען עקזיסטירן, אָבער באַלד האָט מען זיך דער־וואוסט, אַז צוקער האָט געלייענט די סטאַטוטן און דאָרט איז פאַראַן אַ פונקט, אַז אויב אַן אויסגעוויילטע פאַרוואַלטונג ווערט אַנגאַזשירט אין איין טעאַטער, מוז באַלד אַ טייל פון איר אָפּדאַנקען פון זייערע אַמטן און צוקאָאָפּטירן נייע פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער, מיט אַ גלייכער פאַרטיילונג פון יעדן טעאַטער, און יעדער האָט שוין געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז אַ גוטע גאַראַנטיע פאַר דער אומפּאַרטייאישקייט פון דער פאַר־וואַלטונג.

אַ קורצע צייט שפּעטער, דעם 21טן מערץ 1932, האָט די איניציאַטיוו־גרופּע פאַרופן אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג פון אַלע אַקטיאָרן, נחמיה צוקער האָט פאַרגעלייענט די סטאַטוטן און רעגלאַמענטן און מיין האַרץ האָט זיך אין מיר געשמאָלצן פון פרייד, הערנדיק די צילן און אויפגאַבן פון פאַריין, אַז ער דאַרף זען צו דערהויבן דעם אַנזען פון אידיש טעאַטער בכלל און פון אידישן אַקטיאָר בפרט, אַז ער דאַרף באַשיצן די אינטערעסן פון די מיטגלידער און שאַפן אַ הילפס-פאָנד פאַר נויט-ליידנדיקע אַקטיאָרן...

אין די מינוטן ווען צוקער האָט געלייענט די אַלע גוטע פונקטן, האָב איך זיך דערמאָנט און עס זיינען אין מיין מוח דורכגעלאָפן בילדער פון מיין יוגנט, פון מיין נע-ונד צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און די נויט וואָס מיר האָבן אַזוי אָפט געליטן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין צענ־טראַלע אַדרעס וואו מיר זאָלן זיך קענען ווענדן נאָך הילף...

טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן און אַזוי האָב איך גע־הויבן די האַנט און געשטימט פאַר די סטאַטוטן און ווי אין חלום האָב איך געהערט אויסרופן מיין נאָמען, אַז איך דאַרף אָפּגעבן מיין שטים־צעטל צום אויסוויילן די פאַרוואַלטונג און אין האַרצן האָב איך גאָט געבעטן, אַז עס זאָלן טאַקע קענען אָפּגעהיט ווערן די אַלע פונקטן פון די צילן און אויפגאַבן און זאָל דער פאַריין טאַקע קענען העלפן חברים אין אַ צייט פון נויט!...

טעאַטער „אַמבו״

דער אידישער אַקטיאָרן פאַריין איז געוואָרן אַ פאַקט. דער הויפּט־איניציאַטאָר פאַר זיין גרינדונג, נחמיה צוקער, איז געוואָרן דער פאַר־וואַלטער פון פאַריין און אידישע אַקטיאָרן, האָבנדיק די זיכערקייט, אַז דער פאַריין וועט באַשיצן זייערע אינטערעסן, האָבן זיך אַנגעהויבן גרו־פּירן און לאָזן אַנגאַזשירן פאַרן קומענדיקן סעזאָן.

דעמלט האָט זיך עטלעכע אַקטיאָרן איינגעגעבן צו געפינען אַ אידן, וואָס האָט אויסגעבאָרגט אַ היבשע סומע געלט אַף צו דינגען דעם טעאַטער „אַמבו”.

דער איד וואָס האָט געבאָרגט די סומע, איז געווען אַ געוויסער **סימאָן בערג.**

צילי מיט קלינגערן צוזאַמען מיט זייער קינד אסתר־רחלע, זיינען גראַד צוריקגעקומען פון בראַזיל און אַזוי האָט זיך פאָרמירט אַ טרופּע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט איך, צילי, אסתר, קלינגער, פאַלע־פאַדע, לעאָ און הדסה האַלפּערן, דוד קאַפּלאַן, משה גאָלדשטיין און אַלס גאַסטראָליאָרן, זיינען געקומען לעאָניד סאָקאָלאָוו און זיין פרוי נינינאַ גנעסיא.

סימאָן בערג האָט אויך אויסגעבאָרגט געלט, אַז מען זאָל קענען אַרי־בערברענגען דעם יונגן אַרטיסט זלמן הירשפעלד און ער איז טאַקע באַלד געקומען פון פוילן און אסתר האָט שוין געהאַט געבן זיך איר האַרצנס־אויסדערוויילטן.

בראש פון טרופּע איז געווען אַנאָנסירט לעאָניד סאָקאָלאָוו. ער האָט אויפגעפירט עטלעכע פּיעסן מיט אַ דורכשניטלעכן דערפאָלג, ענדלעך האָט מען זיך פאַראינטערעסירט מיט די פּיעסן וואָס דער יונגער אַרטיסט זלמן הירשפעלד האָט מיטגעבראַכט מיט זיך און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצופירן בערגלסאָנס דראַמע „די ברויט־מיל”.

„די ברויט־מיל” האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן קינסטלערישן און מאַטעריעלן דערפאָלג און אין מיר איז דאָס האַרץ געוואַקסן פון פרייד, ווען איך האָב געזען די שטראַלנדיקע פּנימער פון זלמנען מיט אסתרן.

„די ברויט־מיל” איז געגאַנגען עטלעכע וואָכן, וואָס דאָס איז ביי יענער צייט געווען אַ גרויסער אויסנאַם, און נאָך דער „ברויט־מיל” האָט הירשפעלד געגעבן די פּיעסע „אַזעף” און ווידער איז עס געווען אַ היבשער דערפאָלג, די קינדער האָבן זיך געפילט גליקלעך, סאָקאָלאָוו האָט טאַקע געהאַט די הויפּט־ראָלן, אָבער אין דעם רעפּערטואַר, זיינען אַלע ראָלן גוטע און מיר אַלע האָבן געהאַט מעגלעכקייטן צו באַווייזן קינסט־לערישע קרעאַציעס און עס האָט אויסגעזען, אַז „אַמבו” וועט איבערשטייגן מיט דערפאָלג אַנדערע טעאַטערס, אַ חוץ „עקסעלסיאָר”, וואו עס האָט גאַסטראָלירט מאָלי פּיקאָן מיט יעקב קאַליך, אונטער דער דירעקציע פון צוויי אידן, סוחרים, מיטקאָוויצער און ווייצער, וואָס האָבן אין דעם טעאַטער אַריינגעלייגט אַ סך געלט, כדי צו ברענגען מאָלי פּיקאָן קיין אַרגענטינע אַף גאַסטראָלן.

עס קאָן זיין, אַז ווען סאַקאַלאָוו זאָל געווען ווייטער אָנגיין מיט זיין אַקטואַציע בראש פון אונזער טרופּע, וואָלט מען אויסגעהאַלטן אַ גאַנצן סעזאָן מיט היבשן דערפאָלג, אָבער ווי דער סדר איז געווען, האָט דאָך איין טעאַטער געוואָלט אַריבעריאָגן דאָס צווייטע און די אַמביציעס פון דעם געיעג, זיינען נישט געווען אױף צו שפּילן בעסער און שענער, נאָר אױף צו ברענגען מער גאַסטראָליאָרן, מער סטאַרס און אַזוי איז עס געווען, אַז ווי נאָר די געשעפטן האָבן זיך אױף איין וואָך אביסל פאַרערגערט, האָט מען שוין אָנאָנסירט די גאַסט-אויפטריטן פון אַ נייעם סטאַר — אהרן פּאַליאַקאָוו.

פּאַליאַקאָוו האָט געבראַכט מיט זיך אַ געמישטן רעפּערטואַר צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען פיינע ראַפינירטע קאָמעדיעס, ווי „אַ מי־ניסטער אָן אַ פּראַק״, אָבער קיין געשעפטן האָט ער נישט געמאַכט.

סימאָן בערג האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג צו קענען אַרוים־באַקומען צוריק כאָטש אַ טייל פון זיינע אַריינגעבראַכטע טויזנטער, אונז האָט אָנגעהויבן גיין שלעכט און ערגער, ביז עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז עס האָט אונז אָנגעהויבן אויספעלן דאָס נויטיקסטע אױף צו דער־האַלטן זיך באָם חיות...

די שווערע צייט האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָכדעם, ווי אסתר האָט מיט מזל חתונה געהאַט מיט איר אויסדערוויילטן זלמן הירשפעלד, מיין מוטער-האַרץ האָט זיך נאָך געשמאָלצן פון נחת, וואָס איך האָב באַקומען אַזאַ פיינעם אינטעליגענטן איידעם, וואָס האָט טאַקע נישט קיין פאַרמעגן, אָבער ער פאַרמאָגט תורה און חכמה און איך בין שטאָלץ געווען אױף מיין טאָכטער, וואָס זי האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון „פּראַקטישע״ געדאַנקען, נאָר דוקא געוואָרט און גענומען דעם, צו וועמען איר האַרץ האָט געצויגן און ווי אױף להכעיס האָבן פּונקט דעמלט די געשעפטן אָנגע־הויבן גיין שלעכט, אַז איך זאָל נישט קענען שעפּן דאָס ביסל נחת אין פולער מאָס...

איך האָב דעמלט געוואוינט אין אַ קליין שטיבל ביי דער מוטער פון דער אַקטריסע מרים לערער, (די פרוי פון שרייבער יעקב באָטאָשאַנסקי) און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז איך האָב שוין נישט געהאַט צו צאָלן קיין דירה-געלט און עס האָט אויסגעפעלט דאָס נויטיקסטע און דעמלט האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָב איך געבויגן מיין שטאָלץ און איך בין אַוועק אױף אַ וויזיט צו סאָניע אירים, די פרוי פון שמואל אירים.

סאָניע האָט מיך זייער וואַרים אויפגענומען, זי האָט מיך נישט גע־פרעגט אױף דער סבה פון מיין וויזיט, זי האָט נאָר אױף מיר אַ קוק געטאָן, האָט זי שוין אַלץ פאַרשטאַנען און מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי מיר

אַריינגעשטופּט אין דער האַנט עטלעכע פּעזעס און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל גאָרנישט זאָרגן, זי איז גרייט מיט מיר צו טיילן דעם ביסן...

איך האָב אויסגעווישט מיינע אויגן און געאיילט אַהיים.

עס זיינען נאָר געווען עטלעכע פּעזעס, ווייל די אירים אַליין האָט אויך נישט געהאַט קיין סך מער, אָבער מיט די עטלעכע פּעזעס, האָב איך אַף דערווייל אביסל אויפגעריכט מיין אָרים שטיבל, דער מוט האָט זיך ביי מיר געהויבן און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אַ די וואַרימע גוטהאַרציקייט וואָס סאָניע אירים האָט מיר דעמלט, אין מיין שווערער מינוט אַרויסגעוויזן.

ווידער אַ סעזאָן אין טעאַטער „אַרגענטינא”

נאָך דעם שווערן סעזאָן אין טעאַטער „אַמבו, האָבן זיך געצויגן נאָך שווערערע חדשים פון אַרבעטסלאָזיקייט און דערוואַרטונג אַפן נייעם סעזאָן, וואָס האָט נאָך נישט געוויזן קיין שום אויסזיכטן.

ערשט נאָענט ערב סעזאָן, האָט זיך געיאָוועט אַן עמפּרעסאַר, דאָס איז געווען דער אידיש־שפּאַנישער דראַמאַטורג בראַנענבערג, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו פינאַנסירן אַ אידישע טעאַטער־אונטערנע־מונג אין טעאַטער „אַרגענטינע”.

בראַנענבערג האָט געדונגען דאָס טעאַטער, אָבער נישט אַלס די־רעקטאָר, נאָר פאַר אַ חברים־קאָאָפּעראַטיוו. דאָס טעאַטער איז געדונגען געוואָרן אַף ברוטאָ פּראָצענטן און בראַנענבערג האָט איינגעצאָלט עט־לעכע טויזנט פּעזעס אַלס קויציע (דעפּאָזיט) און ער האָט אויסגעלייגט נאָך עטלעכע טויזנטער, אַף צו שיקן שיפסקאַרטן און אוואַנסן פאַר סטאַרס פון אויסלאַנד.

די חברים־טרופּע איז באַשטאַנען פון מיר מיט מיינע צוויי קינדער אסתר און צילי, מיט זייערע מענער זלמן הירשפעלד און נתן קלינגער, כאַמועל בלום, יוסף ליבערזאָן, ישכר און ביילע האַנדפּוס, יצחק און סאָניע לאַכמאַן, ווילי און קלאַראַ גאָלדשטיין, פּעלץ, און שוין כמעט באַם אָנהויב סעזאָן איז אָנדזשעלע, שוין אַ חתונה געהאַטע מיט געדיסמאַנען, גראָד צוריקגעקומען, איז זי אויך אַריין אין טרופּע און אַזוי האָט זיך געמאַכט, אַז איך האָב ענדלעך אַקטואירט צוזאַמען נישט בלויז מיט מיינע אַלע קינדער, נאָר אויך די לאַכמאַנס, מיט יצחק לאַכמאַן, וועלכער האָט מיך אַזוי אַפּט דערמאָנט אָן מיינע ליכטיקע איבערלעבענישן אין אדעס און קיעוו, וואו ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן אונזער טרופּע אין וועלכער ער האָט געשפּילט אָנגעזעענע ראָלן.

דערעפנט דעם סעזאָן האָבן מיר מיט גרויס פּאָמפּ.

אַלס סטאַרן פאַר אונזער טרופע, האָט בראַנענבערג אַנגאַזשירט פון ניו יאָרק דעם דראַמאַטורג און רעזשיסאָר אנשל שאָר און זיין פרוי, די באַרימטע אַקטריסע דאָראַ ווייסמאַן.

אונזער טרופע, דערצו מיט אַזעלכע קינסטלער-געסט, האָט געמוזט רופן די אויפמערקזאַמקייט פון עולם און צו דער דערעפענונג-פאָרשטע-לונג, איז טאַקע דער גרויסער טעאַטער „אַרגענטינע" געווען פול געפּאַקט און די גרויסע דערפאָלגן האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט, אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן, אַז די חלה גייט אַריין אין דער המוציא, אַז די הוצאות אין דעם גרויסן טעאַטער שטייגן איבער די הכנסות און וואָס ווייטער, איז געוואָרן ערגער, אָבער די טרופע האָט געהאַט אַמביציע דוקא אויסצוהאַלטן דעם סעזאָן און ווען עס זיינען שוין געקומען אָפּרעכענונגען און אַקטיאָרן האָבן זיך נישט געהאַט מיט וואָס צו טיילן, האָבן מיר פונדעסטוועגן געוואָלט ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט.

און מיר וואָלטן אפשר געווען אויסגעהאַלטן דעם סעזאָן, ווען עס קומט נישט אָן מאָריס שוואַרץ, וועמען אַדאָלף מידע האָט אַריבערגע-בראַכט מיט דער מאַטעריעלער מיטהילף פון באַקאַנטן בוענאָס איירעסער געזעלשאַפטלעכן קולטור-טוער דר. יואל זינגער, און ער האָט פאַר אים געדונגען דאָס גרויסע טעאַטער „קאָליסעאָ".

מידע האָט דעמלט געהאַט אַ זעכצן אַנגאַזשירטע אַרטיסטן, אָבער מאָריס שוואַרץ האָט געוואָלט אויפירן „יאָשע קאַלב", אַ ספּעקטאַקל צו וועלכן ער האָט באַדאַרפט מינדעסטנס אַ פערציק שוישפּילער און ער האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט אונזער גאַנצער טרופע, אַז מיר זאָלן אַריבער פון „אַרגענטינע" אין „קאָליסעאָ".

אונזער טרופע האָט נאָך אַלץ געהאַט אַמביציע און מיר האָבן זייער שטאַרק נישט געוואָלט פאַרלאָזן אונזער טעאַטער, אָבער די געשעפטן זיינען געווען שוין אַזוי שלעכט, אַז אנשל שאָר האָט אַליין איינגעזען, אַז פאַר אונז איז בעסער צו גיין דאָרט וואו מען וויל אונז צאָלן גאַזשע און ער האָט אונז מוחל געווען די ווייטערדיקע אַקטואַציע וואָס האָט נאָך געפעלט ביז צום דערפילן אונזער אָפּמאַך מיט אים און אַזוי ווי דער פאַריין האָט געוואָלט און אפילו זיך באַמיט צו דערמעגלעכן די גרויסע קונסט-ספּעקטאַקלען פון מאָריס שוואַרץ, האָט אונז די פאַרוואַלטונג אויך צוגע-רעדט צו דעם שריט און מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט שטימען, האָט אונזער טרופע ענדלעך באַשלאָסן צו פאַרענדיקן אין טעאַטער „אַרגענטי-נע" און אַריבערגיין צו מאָריס שוואַרץ.

מיט דעם צורייד, אַז מיר זאָלן אַריבערגיין אין „קאָליסעאָ", האָט דער

פאַריין אַף זיך גענומען אַ גרויסע אחריות און וויסנדיק ווי שווער עס איז אויפצוהאַלטן אַ טעאַטער מיט אַזאַ גרויסן אַנסאַמבל, האָט דער פאַריין געפאָדערט גאַראַנטיעס פאַר אונזערע לוינען און די גאַראַנטיעס זיינען טאַקע נויטיק געווען.

די אויפירונג פון „יאָשע קאַלב״ איז אין בוענאָס איירעס געווען אַ גרויסע סענסאַציע. דער ריזן-טעאַטער איז נאַכט אַף נאַכט געווען פול געפאַקט און די גאַנצע טרופע האָט זיך דערפילט דערהויבן, וואָס זי באַטייליקט זיך אין אַזאַ קונסט-אויפירונג.

אויך די וויטערדיקע אויפירונגען פון מאָריס שוואַרץ, זיינען פאַר די אַקטיאָרן געווען אַ קינסטלערישע סאַטיספאַקציע, אָבער קיין גרויסע געשעפטן זיינען שוין נישט געווען, גאַראַנטיעס אַף דער גאַזשע זיינען געווען און מיר האָבן באַקומען פונקטלעך אויסגעצאָלט די לוינען, און ווען די געשעפטן זיינען שוין געווען גאָר שלעכט, האָט דער פאַריין אינטערווענירט און מען האָט אונז ווייטער געצאָלט און ביז היינט ווייס מען נישט, וויפיל די מעצענאַטן מיט דר. זינגער בראש, האָבן דערלייגט געלט צו די גאַסטראָלן פון דעם באַרימטן קינסטלער מאָריס שוואַרץ, איך ווייס אָבער, אַז די אַקטיאָרן, איז מיט דער אינטערווענץ פון פאַריין, אויסגעצאָלט געוואָרן דער לוין, ביז צום לעצטן טאָג פון גרויסן קינסטלערם אַקטואַציע אין „קאַליסעאָ״.

פיראונדרייסיקסטער קאַפּיטל:

„מיר געפינען זיך דאָך אף אַ קליינעם אינזל!...“ — מיין איידעם האָפּט און וואַרט אף עפּעס — אַ חברים־טרופּע פאַר טעאַטער „עקסעלסיאָר“ — די חברים־טרופּע סטאַביליזירט זיך — אַ נײַ אייניקל ווערט געבוירן און דער זיידע שטאַרבט — סטאַרן און „סטאַרן“ — וואָס איז דער מענטש? פיו, פיו, און נישטאָ מער... — איך ציטער און פלאַטער ווי אַמאָל — די איבערגעבורט פון אַ יוגנט — איך טרעט אויף אַלס „שולמית“ — דזשעני גאָלדשטיין, סעמועל גאָלדנבורג, יוליוס און אַנאַ נאַטאַנסאָן, יוסף בולאָוו און ליובאַ קאַדיסאָן, סערעבראָוו און לוסי פינקעל, הערמאַן יאַבלאָקאָוו און בעלאַ מייזל, מנשה סקולניק, נאַזשיק און מנחם רובין — פּראָווינץ־טורן אין די זומער־חדשים — אידישע קאָלאָניסטן, איר זייט מיר איינגעבאַקן אין האַרצן.

מיר געפינען זיך דאָך אף אַ קליינעם אינזל...

די געשעענישן האָבן אָנגעהויבן לויפן, לויפן אַזוי שנעל, אַז איך האָב זיי נישט געקענט אָניאָגן מיט מיין געדאַנק.

איך בין שוין נישט געווען קיין קינד; איך האָב זיך שוין געשפּילט מיט מיין אייניקל אף מיין שוים; איך האָב שוין געהאַט אַ לאַנג לעבן פון ליידן און פריידן געמישט מיט צער און פּיין און איך האָב שוין געבענקט נאָך אַביסל מנוחה, נאָך אַ רואיק לעבן, אָן זאָרג — אויב נישט וועגן מאָרגן, זאָל כאָטש זיין אָן זאָרג פאַרן היינט און דאָ זיינען יעדן טאָג פאָרגעקומען נייעסן, די קינדער האָבן אָפּט אָנגעהויבן אויסדריקן באַדויערן, וואָס זיי זיינען געקומען קיין אַרגענטינע, זיי געפינען זיך דאָ ווי אין אַ קלעם און איך אַליין האָב געמוזט איינזען, אַז אַזעלכע יונגע קינדער מיט טאַלאַנט און מעגלעכקייט, וואָלטן דאָך אין אַן אַנדער לאַנד זיכער עפּעס דערגרייכט, זיי האָלטן דאָך ערשט אין בליען און נאָך פאַר זייער אויפבלי, מוזן זיי שוין אָנהויבן וועלקן... ווייל צו שמאָל זיינען דאָ די האָריזאָנטן פאַר דעם קינסטלער און איך האָב אָנגעהויבן מיטפילן מינע קינדערס ווייטיקן און איך האָב דערפון געהאַט אַזויפיל צער, אַזויפיל צער...

ווען די קינדער זיינען געווען ביי מיר, האָב איך זיך באַמיט זיי אויסצורייד, איך האָב זיך באַמיט זיי צו טרייסטן און זיי באַרואיקן, אָבער איך אַליין, בין שוין גאָרנישט רואיק געווען; איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן

שולדיק קעגן מיינע קינדער; דאָס זיינען דאָך מיינע קינדער און איך זע דאָך אין זיי זיך אַליין, און מיט ווייטיק האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב טאַקע דערגרייכט מיין ציל, איך האָב טאַקע די קינדער נעבן זיך, אָבער צי האָב איך זיי דערמיט געגעבן גליק? זיינען זיי דען נישט גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז זיי געפינען זיך דאָ ווי אויף אַן איזאָלירטן אינזל, פון וועלכן זיי קענען זיך נישט אַרויסראַטעווען?

מיינע טעג האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרגיין מיט זוכן און צוטראַכטן טרייסט-ווערטער פאַר מיינע קינדער און מיינע נעכט האָב איך פאַרבראַכט מיט האַרץ-ווייטיק און צער און אַזוי זיינען געגאַנגען טעג און נעכט און קיין אויסזיכט אויף פרנסה איז נישט געווען, עס האָבן זיך אָנגעהויבן קרישלען די האָפענונגען, אַז איך וועל ווייטער קענען אַקטואירן צוזאַמען מיט מיינע קינדער און איך האָב אפילו נישט געזען קיין האָפענונג, ווי אַזוי איך וועל קאָנען פאַרדינען אַפן שטיקל ברויט פאַר זיך אַליין...

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז איך האָב שוין אַליין אָנגעהויבן טראַכטן צי עס וואָלט נישט כדאי געווען אונטערצונעמען אַ נסיעה צוריק קיין פוילן.

דער געדאַנק איז געווען אַזוי מאָדנע, אַז איך האָב פון אים גלייכצייטיק געמוזט לאַכן און וויינען. — ווי אַזוי נעמט מען אונטער אַזאַ נסיעה? אַמאָל האָב איך בלויז באַדאַרפט שיקן אַ טעלעגראַמע: —איך בין פריי, — און מען האָט מיך אַנגאַזשירט טעלעגראַפיש און געשיקט אויף הוצאות; היינט בין איך דאָך שוין אַ באָבע און איך האָב דאָך דערוואַקסענע, אויסגעגעבענע קינדער און אַנדזשעלע שוואַנגערט שוין אויך און באַלד ווער איך אַ באָבע פון אַ ניי אייניקל און איך וועל דאָך נישט גיין פאָרן אַליין און אויב איך האָב נישט אויף הוצאות פאַר זיך אַליין, וואו וועלן מיר נעמען אויף הוצאות פאַר אַלעמען?

דאָס האָב איך ביי זיך אַליין אַזוי געפרעגט און געקראַצט מיינע וואונדן און איך האָב געזען די לעכערלעכקייט פון מיין געדאַנק וועגן פאָרן צוריק קיין פוילן און מיט ווייטיק האָב איך איבערגעחזרט די ווערטער פון מיינע קינדער: — מיר געפינען זיך דאָך אויף אַן אינזל... ווער וועט אונז אַרויסנעמען פון דאַנען?...

זלמן וואַרט און האָפט אויף עפּעס

די זעלבע געדאַנקען וואָס האָבן מיך געפּלאָגט און מיר פאַראורזאַכט שלאָפלאָזע נעכט, האָבן אויך געפּייניקט די געמיטער פון מיינע קינדער.

מיר האָבן זיך באַמיט נישט צו ריידן דערפון, אָבער מיר האָבן גע־פילט, אַז מיר אַלע טראַכטן דאָס זעלבע און דאָס האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט אונזער ווייטיק, ווייל מיר האָבן געזען, אַז איינער וויל אים באַהאַלטן פון אַנדערן.

דער איינציקער פון אונז וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַביסל האָפערדי־קער, איז געווען זלמן הירשפעלד. ער האָט אויך אין אסתרן אַריינגע־פלאַנצט אַ פונק פון טרייסט און האָפענונג און זייער פונק פון האָפענונג אַף עפּעס וואָס זיי האָבן געוואַרט, איז אויך פאַר מיר געווען אַ שטיקל טרייסט.

אָבער ווען איך האָב זיך דערוואוסט אין וואָס די האָפענונג פון מיין אײדעם באַשטייט, בין איך נאָך טרויעריקער געוואָרן, ווייל פון מיין דער־פאַרונג אין לעבן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די האָפענונג איז אַ פוסטע.

זלמן האָט געהאָפט, אַז מאָרים שוואַרץ וואָס האָט אים אַרויסגעוויזן אַזויפיל אַנערקענונג, און ער האָט אַזוי אויסגעליבט אסתרס טאַלאַנט און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט קומען קיין ניו יאָרק, וועט ער באַלד זען אַז אסתר מיט זלמנען זאָלן אַרויסגעפאָדערט ווערן אַהין, און דאָס האָט דאָס זלמן געוואַרט, אַז מאָרים שוואַרץ וועט דער־פילן זיין צוזאָג. אָבער וואָכן זיינען פאַרגאַנגען און חדשים, און זלמנס האָפענונגען זיינען זיך צעשוואומען ווי רויך און איך האָב באַדאַרפט צו־זען, ווי די קינסטלערישע פאַטענצן שפּאַרן זיך פון מיינע קינדער און זיי מוזן אין זיך דריקן זייערע ווייטיקן און איך קאָן זיי מיט גאָרנישט העלפן...

נאָך שווערער איז מיר געוואָרן, ווען איך האָב זיך געכאַפּט דערויף, אַז אין דער צייט ווען איך טראַכט כסדר וועגן גורל פון מיינע קינדער, האָב איך אַליין, אפילו פאַר זיך אַליין, קיין שום אויסזיכטן אַף צו פאַר־דינען מיין שטיקל ברויט; עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרמירן טרו־פּעס, קיין עמפּרעסאַר אויסער אַדאָלף מידע איז נישט געווען און דער אַקטיאָרן פאַריין האָט געשאַפן ספּעציעלע רעגלאַמענטן פאַרן פאַרמירן פון חברים־טרופּעס, אָבער מיך און מיינע קינדער, האָט מען ווי אינ־גאַנצן פאַרגעסן און צו מיינע טעג און נעכט פון אומרו, איז נאָך צוגע־קומען — פאַרצווייפלונג.

אַ חברים־טרופּע פאַרן „עקסעלסיאָר"

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, ווען איך בין געזעסן אין מיין שטיבל און געווישט די טרערן, וואָס האָבן מיר אומאויפהערלעך געשטראָמט פון די אויגן, קומט צו מיר שמואל אירים און ער דערציילט מיר, אַז ער און בער־

דיטשעווסקי מיט לעאַ האַלפּערן, האַלטן אין פאַרמירן אַ חברים־טרופּע פאַרן טעאַטער „עקסעלסיאָר", און ער וואָלט געוואָלט, אַז איך זאָל אַריינטרעטן צו זיי אין טרופּע.

אין דער מינוט פון מיין פּיין, האָט קיין שום מלאך פון הימל מיר נישט געקענט ברענגען קיין בעסערע בשורה וואָס זאָל מיך מער דערפרייען, אָבער קוים איז אַריבער די ערשטע פרייד, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיינע קינדער און איך האָב אָנגעהויבן פאַרשן וועגן דער מעגלעכקייט, אַז אויך מיינע קינדער זאָלן אָנגעשלאָסן ווערן צו דער טרופּע און אירים האָט מיר צוגעזאָגט, דורכצושמועסן וועגן דעם מיט די איבעריקע אי־ניציאַטאָרן.

דערוויַיל האָט זיך געמאַכט, אַז צילי מיט קלינגערן האָבן זיך שוין געהאַט פאַרבונדן מיט אַן אַנדער טעאַטער און אַנדזשעלע איז שוין געווען אין די העכערע חדשים און דער מאַן האָט זי נישט געלאָזן מער אַקטואירן און אירים האָט מיר געבראַכט די פריידיקע ידיעה, אַז די חברים האָבן אַלצאיינס געטראַכט צוצוציען זלמנען מיט אסתרן און אַזוי איז עס ענד־לעך געשען, אַז מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין דעם חברים־קאָלעקטיוו צו אַקטואירן אין טעאַטער „עקסעלסיאָר" און מיר האָבן פּאַמעלעך פאַר־געסן אָן די וויטיקלעכע און נישט רעאַליזירבאַרע חלומות, צו קענען זיך אַרויסרייסן פון דעם „אינזל" אויף דער גרויסער פרייער וועלט...

מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

יעדער פון אונז אין טרופּע, האָט געוואוסט די גרויסע אחריות וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען מיטן דונגען דעם „עקסעלסיאָר" פאַר אַ חברים־קאָלעקטיוו און כדי מיר זאָלן געווינען דעם צוטרוי פון איינעם צום אַנ־דערן, האָט יעדער פון טרופּע געזוכט זיך נוצלעך צו מאַכן מיט וואָס נאָר מעגלעך און עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ רעגלמעסיקע אָרדענונג און דאָס געשעפט איז דערנאָך געפירט געוואָרן מיט אַ פעסטער האַנט דורך דעם ראַט פון דריי, וועלכע זיינען געווען — אירים, בערדיטשעווסקי און האַלפּערן.

די טרופּע איז געווען פון פאָלגנדן צוזאַמענשטעל: — איך מיט אסתרן און זלמנען, בערדיטשעווסקי און פרוי, אירים און פרוי, האַלפּערן און פרוי, זילבערבערג, אסתר לוסטיק, משהלע גאָלדשטיין, יוסף שיין, יוסף מאורער, פּוילינאַ טאַכמאַן, פעליק, ישכר האַנדפוס, שטרייטמאַן און פרוי.

ווען מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין דער חברים־טרופּע פון טע־אַטער „עקסעלסיאָר", האָבן אונז אַ סך חברים וואָס זיינען געווען אַנגאַ־זשירט אויף גאַזשע, פּשוט באַוויינט און באַדויערט, וואָס מיר ווערלן דאַרפן טראָגן און אויסהאַלטן אַזאַ יאָך פון אַזויפיל הוצאות און ווער ווייס, צי

מיר ווילן כאָטש פאַרדינען אַפן טרוקענעם שטיקל ברויט. אָבער אונזערע ערנסטע צוגרייטונגען האָבן אונז אַליין אַזוי באַגייסטערט, אַז מיר האָבן געהאַט די בעסטע האָפענונגען און מיט פולן מוט האָבן מיר אָפגעוואַרט דעם טאָג פון דערעפענען דעם סעזאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז אונזער קאָלעקטיוו האָט נישט געוואַגט צו ענדערן די געוואוינהייטן פון אַלע יאָר און מיר האָבן דערעפנט דעם סעזאָן מיט אַ סטאַר פון ניו יאָרק און ווי געוויינלעך, האָבן זיך די אָנפירער פון אונזער טרופע, נאָך איידער דער ערשטער סטאַר האָט פאַרענדיקט, באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ צווייטן גאַסט. די געשעפטן זיינען געווען גוטע און מיר האָבן זיך נישט בלויז געטיילט מיט גוטע פאַרדינסטן, נאָר מיר האָבן נאָך פופצן פראָצענט פון די פאַרדינסטן געלאָזן אין דער געמיינזאַמער קאַסע, כדי צו האָבן אַף די ווייטערדיקע חדשים, וואָס קענען ווי געוויינלעך זיין ערגער, אָדער גאָר שלעכט.

צום גליק, זיינען די ווייטערדיקע חדשים אויך געווען גוט און מיר האָבן געענדיקט דעם סעזאָן מיט אַ גרויסן זיג סיי מאָראַליש ווי מאַטעריעל.

דער באַלעבאָס פון טעאַטער, דער קריסט — דר. קאַנעפּאַ, האָט אויסגעדריקט זיין גרויסע צופרידנהייט מיט אונז און נאָך איידער עס האָט זיך פאַרענדיקט דער סעזאָן, האָט ער שוין מיט די אָנפירער פון אונזער טרופע אָפגעשלאָסן אַ קאָנטראַקט פאַרן נייעם סעזאָן און אין שטאָט האָט מען שוין געוואוסט, אַז די חברים טרופע אין טעאַטער עקסעלסיאָר, האָט זיך סטאַביליזירט און זי פירט אָן מיטן טעאַטער-געשעפט ערנסט און כאָליד און די טרופע האָט געווינען א סך צוטרוי.

מיר אַרבעטן יאָר-איין יאָר אויס

דער צוטרוי צו די פירער פון אונזער טעאַטער, און במילא צו דער גאַנצער טרופע, איז געוואַקסן און אונזער פּאָזיציע האָט זיך פאַרפעסטיקט.

ווי געוויינלעך, האָבן אויך צווישן אונזערע חברים נישט געפעלט קיין סכסוכים, אַ טייל סכסוכים האָבן אפילו דערפירט דערצו, אַז מאנכער פון די אָנגעשלאָסענע, זאָל צום סוף פון סעזאָן אַרויסטרעטן פון קאָלעקטיוו און אַזוי איז טאַקע געשען, אַז באַלד נאָכן ערשטן סעזאָן זיינען אַרויסגעטראָטן לעאָ האַלפּערן מיט זיין פרוי הדסה און אַפן פלאַץ פון לעאָ האַלפּערן, האָט מען צו דער אָנפירערשאַפט צוגעצויגן סאַמועל זילבערבערג און אַזוי האָט מען כסדר פראָלאָנגירט די אָפמאַכן פון איין סעזאָן אַפן צווייטן און אפילו ווען דאָס טעאַטער איז צוליב חובות פון דר. קאַנעפּאַ איבערגעגאַנגען אין געריכטלעכע הענט און דאָס טעאַטער האָט באַדאַרפט גיין

אף ליציטאציע, האט דער באפולמעכטיקטער פון געריכט אויך אפגעשלאסן א קאנטראקט מיט דער חברים-טרופע און אזוי האט זיך דאס טעאטער סטאביליזירט אלס פערמאנענט אידיש טעאטער מיט גרויסן אנזען און עס האט אויסגעזען, אז דער עקסעלסיאר איז א זיכערע פעסטונג פאר דעם אידישן טעאטער אין בוענאס איירעס.

און אזוי, איז דער טעאטער עקסעלסיאר אין בוענאס איירעס, געווארן מיין היים אין דער ווייטער ארגענטינע.

די געשעפטן זיינען אפילו נישט אלע יאר געווען אזעלכע גוטע; א ניין! מיר האבן אין דעם סטאבילן טעאטער עקסעלסיאר געהאט גענוג טעג, וואכן און אפילו חדשים פון נויט און פיין; עס האט געטראפן, אז מיר האבן באקומען „סטארן" וואס זייערע נעמען האבן ארויפגעשיינט פון ניו יארקער טעאטער-אנאנסן, אבער דא, האט זיך באלד ארויסגעוויזן זייער מיטלמעסיקייט, וועלכע האט נישט געקענט איבעראשן אונזער עולם און בעת די מיטלמעסיקע „סטארס" האבן יעדע נאכט אפגענומען זייערע ברוטא-פראצענטן פון דער הכנסה, און דאס האבן זיי געטאן אפילו ביי די ערגסטע געשעפטן אן וועלכער עס איז הנחה, האבן מיר געוואוסט, אז נאך די צען טעג ווען עס קומט די אפרעכענונג, וועלן מיר נישט נאר נישט האבן מיט וואס זיך צו טיילן, נאר מיר וועלן נאך האבן א דעפיציט...

און נישט זעלטן האט אויך געטראפן, אז עס איז געקומען א סטאר, א פערזענלעכקייט, נאר עפעס האט ער נישט אריינגעטראפן מיטן רעכטן פוס און אדער ער אדער די פיעסע האט נישט אויסגענומען און מיר האבן געמוזט ליידן די קאנסעקווענצן.

אבער טראץ די אלע שווערע איבערלעבענישן, האבן מיר אויסגעהאלטן גאנצע סעזאנען און נאך שלעכטע סעזאנען, האבן מיר זיך געזוכט צו ראטעווען מיט בענעפיט-פארשטעלונגען און דער עולם האט אונז וואַרים אונטערשטיצט און געקומען צו אונזערע ימים-טובים און אזוי האבן מיר זיך געהאלטן אלס סטאבילע חברים-טרופע ביז צום סעזאן 1940, ווען עס איז געקומען דער ניו-יארקער טעאטער-אונטערנעמער דר. משארל וו. גראל, וועלכער האט געלאזן איבערבויען דעם קינא „סאלעיל" אף א שיין טעאטער און זיין אונטערנעמונג האט אנגעהויבן באדראען די עקזיסטענץ פון אונזער סטאבילע טרופע מיט א צעטרייסלונג.

א ניי אייניקל ווערט געבוירן און דער זיידע שטארבט

רוידנדיק וועגן מיין אקטואציע אלס מיטגליד פון דער חברים-טרופע אין טעאטער „עקסעלסיאר", האב איך זיך נישט געקאנט פארהאלטן און בין געלאפן פאראויס, אזש ביז צום יאר 1940.

יאָ, פון 1934 ביז 1940 האָבן מיר יאָר איין און יאָר אויס געשפּילט אַלס חברים-קאָלעקטיוו, אָבער אַ חוץ די גוטע אָדער שלעכטע געשעפטן וואָס מיר האָבן געמאַכט, אַ חוץ דיליידן און פריידן וואָס איך האָב אי־בערגעלעבט צוזאַמען מיט מיינע קינדער זלמן און אסתר און מיט דער גאַנצער טרופּע אין טעאַטער, האָב איך אויך געהאַט גענוג פּערזענלעכע אי־בערלעבענישן, איבערלעבענישן פון פרייד און לייד, וואָס ציטערן און פלאַטערן נאָך ביז היינט ביי מיר אין האַרצן.

אודאי, האָבנדיק שוין אַ סטאַבילן אַרבעטס-פּלאַץ און דערצו צוזאַ־מען מיט מיין טאָכטער און איידעם און אַן אייניקל וואָס הייסט נאָך דער גרויסער קינסטלערין אסתר רחל (קאַמינסקי) און באַלד דאַרף קומען אַ צווייט אייניקל אויף דער וועלט, אודאי האָב איך שוין נישט געטראַכט וועגן אוועקפאָרן, איך האָב שוין געבענקט נאָך מנוחה, דאָס אַלטע און דאָס געוועזענע איז שוין לאַנג אַוועק און איך האָב זיך שוין פון לאַנג געהאַט געאייניקט מיט מיין גורל און אויב מיינע קינדער האָבן נאָך אין שווערע מינוטן פון מאָראַלישע ליידן, ווען זיי האָבן אַמאָל געמוזט „אונ־טערשפּילן" אַ גאָרנישט זאָגנדיקן „סטאַר" — אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אוועקפאָרן, האָבן זיי אויך באַלד איינגעזען, אַז דאָס איז אַ נישט־רעאַליזירבאַרער חלום און איך האָב מיטגעפילט זייערע ליידן, וואָס זיי, אַלס יונגע קינסטלער מיט אַ סך מעגלעכקייטן פאַר גרויסע קרעאַציעס, מוזן דאָ זיצן און שלום מאַכן מיט זייער גורל פונקט ווי זייער מאַמע...

אַ סך מאָל, זעענדיק ווי אסתר, אַלס דיסציפּלינירטער מיטגליד אין טרופּע, מוז זיך אונטערוואַרפן און שפּילן אַ גאָרנישט-זאָגנדיק ראָלעכל, בעת די „סטאַריכע" פּירט איבער די הויפּט־ראָל, און די סטאַריכע באַ־קומט נאָך דערפאַר ברוטאָ-פּראָצענטער, האָב איך אַליין געפילט, אַז איך דאַרף אסתרן הייסן אַנטלויפן, אָבער וואוהין? אַז אייראָפּע איז ווייט און אַמעריקע איז אומדערגרייכבאַר און אַרגענטינע איז נישט ווי אין דער אַלטער היים, וואו מען האָט געקענט פאָרן פון וואַרשע קיין לעמבערג און איבער הונדערט אַנדערע שטעט, מען זיצט דאָך דאָ אויף אַן אינזל!... האָב איך ווייטיקלעך געשוויגן און נישט געוואָלט שיטן זאַלץ אויף מיין טאָכטערס וואונדן.

אַ סך צער האָב איך אויך געהאַט דערפון, וואָס צילי מיט קלינגערן האָבן נישט אַקטואירט מיט מיר צוזאַמען, נאָר געוואָגלט פון איין טעאַ־טער אין אַנדערן, אַמאָל אַלס אַנגאַזשירטע און מערסטנס אין חברים־טרופּעס וואָס האָבן זיך געמוטשעט און זעלטן אויסגעהאַלטן אַ גאַנצן סעזאָן, און די גרויסע פרייד וואָס איך האָב געהאַט ווען אַנדזשעלע האָט מיט מזל געבוירן אַ שיין שוואַרץ-חנעוודיק טעכטערל און זי האָט עס אַ

נאָמען געגעבן לאהלע, איז מיר אויך די פרייד באַלד צעשטערט געוואָרן צוליב אַ ידיעה פון בראַזיל, אַז מיין פאָטער האָט נאָך עטלעכע טעג קראַנק זיין, אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם און די בראַזיליאַנער ערד האָט פאַרשלונגען די עלצטע צווייג פון אונזער פאַמיליען־בוים...

„וואָס איז דער מענטש? פיו! פיו! און נישטאָ מער..."

וועגן טויט פון מיין פאָטער, דעם פיאָנער פון אידישן טעאַטער, האָב איך געהערט — אַז עטלעכע טעג איז ער בלויז קראַנק געווען און בלויז אַ טאָג פאַרן טויט, האָט ער זיך דוקא אָנגעהויבן פילן בעסער און ער האָט געוואָלט נישט אַנדערש, נאָר איינאָרדנען אַ פאָרלעזונג פון זיינע אַ נייע זאַך וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

די פריינט וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט פאַרן טויט, האָבן רחמנות געהאַט אַף דעם אַלטן אַקטיאָר וואָס האָט זיך נאָך אַזוי געריסן כאָטש איינמאָל אויפצוטרעטן אַף אַ בינע, אָדער כאָטש אַזוי, אַ „דערלאַנג טאָן" אַ פאָרלעזונג פון זיינס אַ זאַך, האָבן זיי איינגעאָרדנט די פאָרלעזונג טאָקע ביי אים אין שטוב און עס זיינען געקומען אַ צענדלינג פריינט און דער טאַטע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויבנאָן און אָנגעהויבן לייענען אַ דראַמאַטישן עטיוד.

צוערשט האָט ער געלייענט שטיל, לויט זיינע שוואַכע כחות, אָבער וואָס ווייטער, איז ער אַריין אין גרעסערן עקסטאַז און גענומען לייענען העכער, מיט מער פאַטאָס, ביז עס איז געקומען צו דער שטעל וואו זיין העלד פרעגט: — „וואָס איז דער מענטש?" און באַלד קומט דער ענטפער: — „פיו, פיו, און נישטאָ מער"...

און בעת מיין טאַטע האָט געזאָגט — „פיו, פיו, און נישטאָ מער" — איז ער אַ פאַל געטאָן אַף דער ערד, די צוהערער זיינען צוגעלאָפן, זיי האָבן אים געוואָלט מונטערן, אָבער — דער טאַטע איז שוין געווען טויט...

די ידיעה ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען מיין טאַטנס אָפּשטאַרבן, האָט אַף מיר נאָך מער געווירקט ווי זיין אָפּשטאַרבן גופא, און איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוויינט אַף מיין געלעגער און נאָכגעטראַכט און איבערגע־טראַכט וועגן מיין טאַטנס לעבן פון מיין קינדהייט אָן, זיינע וואַגלענישן, זיינע קאַמפן, זיינע דיסקוסיעס וועגן אידיש טעאַטער און טראַכטנדיק וועגן מיין טאַטנס לעבן, האָב איך אויך געזען מיין אייגן לעבן פון אַמאָל און אַלע מיינע וואַגלענישן און אַט בין איך אַליין שוין אַ באַבע און וואָס? וואָס, מישטיינס געזאָגט, איז דער מענטש אינגאַנצן? — פיו, פיו, און נישטאָ מער!...



זינאַ האָט נישט דער־
לעבט דעם גרויסן נחת

אסתר ראַפּעל דע הירש־
פעלד מיט איר קינד וואָס
הייסט אידל (יהודה) נאָך
דער ערשט פאַרשטאָר־
בענער קינסטלערן זינאַ
(יהודית) ראַפּעל

איך ציטער און פלאַטער ווי אַמאָל

נאָך מיין פריידיקער איבערלעבעניש אַלס באבע פון אַ צוויט אייניקל און נאָך מיין פיינפולער איבערלעבעניש פון מיין פּאַטערס טויט, האָבן אָנגעהויבן גיין און קומען טעג און וואָכן, איינע ענלעך צו דער אַנדערער.

האָבן מיינע טעכטער צילי און אַנדזשע געשפּילט אין בוענאָס איירעס, האָב איך זיך געזען מיט זיי און געטיילט זיך מיט זייער לייד און פריידי און איך האָב זיך געשפּילט מיט זייערע קינדער, מיינע טייערע אייניקלעך; האָבן מיר אין עקסעלסיאָר געמאַכט בעסערע געשעפטן, האָבן מיר גע־לעבט בעסער און חלילה ערגערע — האָב איך געזוכט איינשפּאָרן יעדן סענט ביי די שטוב הוצאות, אַזוי האָב איך זיך צוגעוואוינט צו יעדער לאַגע און איך האָב שוין געוואוסט, אַז אַט גייט עס גוט און אַט קאָן ווערן שלעכט און איך האָב נאָר גאָט געבעטן, אַז עס זאָל נישט ווערן נאָך ערגער...

אָבער מערסטנס, האָבן צילי, קלינגער און אַנדזשעלע אַקטואירט אין מאָנטעווידעאָ און איך האָב געוואוסט, אַז זיי פאַרדינען קוים אויף אַ גע־מוטשעט לעבן און מיר האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר זיי. איך האָב דאָך געוואוסט, אַז אַזאַ צילי, אַזאַ פייער, אַזאַ ברען, וואָס דער עולם האָט זי אַזוי ליב צו זען אויף דער בינע; און אַנדזשעלע, די קליינע קינדיש־חנעוו־דיקע אַנדזשעלע ווי שפּילעוודיק זי איז; און אַזעלכע צוויי יונגע טאַלאַנטן דאַרפן זיך מוטשען אין מאָנטעווידעאָ און ליידן דחקות, בעת זיי וואָלטן דאָ געקאָנט שפּילן מיט דערפאָלג און אפשר גאָר ראַטעווען אַ טרופּע פון אונטערגאַנג אינמיטן סעזאָן...

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען טעג איינער ענלעך צום אַנדערן, ליידן געמישט מיט פריידיקע מאָמענטן, אַ גאַנצן טאָג לייד און איין מינוט פרייד, ביז עס איז געקומען אַ שטיקל צייט, ווען מיין האַרץ איז ווידער דורכגענומען געוואָרן פון דעם הייליקן ציטער און פלאַטער ווי אַמאָל, אין מיינע יונגע יאָרן, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אויף דער בינע.

דאָס איז געווען, ווען די חברים פון טעאַטער עקסעלסיאָר האָבן באַ־שלאָסן פאַר מיר איינצואָרדנען אַן ערן־אָוונט און זיי האָבן דוקא געוואָלט, אַז איך זאָל צו מיין ערן־אָוונט שפּילן „שולמית".

צוערשט האָב איך זיך דערשראָקן פאַר דעם פאָרשלאָג: — וואָס הייסט, איך זאָל שפּילן „שולמית"? ווי מעג איך גאָר אַזוינס וואָגן? וואו האָב איך מיין יוגנט פאַר אַ „שולמית"? וואו האָב איך אַ שטים אויף צו קע־נען אויסזינגען אַ „שולמית"? צי וועט עס נישט זיין אַ פשוטע פאַרשווע־כונג פון מיינע אייגענע אַמאָליקע הייליקע געפילן, ווען איך האָב מיט

פינפאונדרייסיק יאָר צוריק צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין גאָלדפאַדנס מייסטערווערק?

אָבער די אַקטיאָרן זיינען צוגעשטאַנען, זיי האָבן מיר געגעבן מוט און אַט האָט מען שוין פאַרגרייט אַ פּראָבע און איך, ווי אין שיכורן צושטאַנד האָב אָנגעהויבן נעמען טענער און די חברים האָבן מיר אַפּלאָדירט און די קליינע שושנה בערדיטשעווסקי, מיין אַדאָפּטירט טעכטערל, האָט מיך אַרומגענומען און איך האָב אין אירע אויגן געזען טרערן פון פרייד, האָב איך זיך אויך צעוויינט און אַזוי האָט מען מיך אריינגעצויגן אין שפּיל און איך האָב ווידער געשוועבט אין הייליקן פלאַטער, ווי מיט פינפאונדרייסיק יאָר צוריק און דאָס שטאַרקע נאָכפרעגן זיך נאָך בילעטן, באַלד צומאָרגנס נאָכן אַנאָנסירן, אז איך שפּיל צו מיין ערן-אָוונט „שולמית", דאָס אַלץ האָט מיר צוגעגעבן נאָך מער מוט און ענדלעך איז געקומען דער גרויסער אָוונט, ווען איך האָב ווי אַמאָל, אף יענער זייט ים, געוואַרט אין די קוליסן אף מיין אויפטריט מיט הייליקן ציטער.

דאָס איז געווען אַ הייליקער ווידערגעבורט פון אַ יוגנט און נאָר דאָס הייליקע פייער וואָס האָט אויפגעפלאַקערט אין מיין ברוסט, האָט מיר געגעבן כחות צו קענען אויסזינגען און אויסשפּילן די דראַמאַטישע פּרימאַדאָנע-ראָל און ווען דער עולם האָט מיר נאָך יעדן אַקט און אפילו באַם אָפענעם פאָרהאַנג אַזוי לאַנג און שטורמיש אַפּלאָדירט, האָב איך ווידער געפילט, ווי זיידענע פליגל הויבן מיך אין דער לופט און איך שוועב, שוועב אין ליכטיקע הויכן וואו עס איז אזוי גוט, אַזוי גוט, אָן אַ ברעג, אַזוי אומענדלעך גוט!...

מיין פרייד האַלט אָן אַ לענגערע צייט

דער גרויסער דערפאָלג פון מיין „שולמית" האָט באַוואויגן אונזער טרופּע, אז כאָטש מיר האָבן דעמלט געהאַט סטאַרן אין אונזער טעאַטער, דעמלט זיינען גראָד געווען די האַרציקע ליבע יוליום און אַנאַ נאַטאַנזאָן — זאָל איך ווייטער שפּילן „שולמית" און איך האָב געמוזט שפּילן די ראָל עטלעכע מאָל און מיין יוגנט-פרייד האָט געגלעט מיין געמיט און איך האָב געשוועבט אין די הויכע וועלטן פון גייסטיקער גליקזעליקייט.

אָבער אַזוי ווי מיין אמתע יוגנט, זיינען אויך די טעג פון מיין באַנייטער יוגנט אַוועק און ווידער האָבן אָנגעהויבן פליסן טעג איינער ענלעך צום אַנדערן און אַזוי זיינען די דורכשניטלעכע טעג פאַרשוואונדן אין דער פאַרגאַנגענהייט, ביז איך האָב אַ צוויי יאָר שפּעטער ווידער איבערגעלעבט אַ שטאַרקע צעטרייסלונג, ווען איך האָב באַקומען די טרויעריקע

ידיעה פון בראַזיל, אַז מיין יונגער ברודער מילי איז געשטאָרבן. מילי!

ער איז דאָך געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין טעאַטער און ער איז אינגאַנצן געווען טעאַטער און ווי האָט ער געקאָנט לעבן אָן טעאַטער? האָט ער זיך טאַקע געמאַטערט אין בראַזיל און איז פאַרבענקט און פאַר־קרענקט געוואָרן וואַרטנדיק, ביז עס וועט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אַהין אַ אידישע טרופּע... און די בענקעניש זיך צו קענען אויסלעבן קינסטלע־ריש, האָט אים פּאַמעלעך פאַרצערט, ביז ער איז אַוועקגעפאַלן און אויס־געהויכט זיין לעצטן אָטעם און די בראַזיליאַנער ערד וואָס האָט שוין גע־האַט צוגענומען מיינע טאַטע־מאַמע און מיין ברודער שייקע, האָט אויך מיין ברודער מילי צוגענומען...

סטאַרן וואָס האָבן אַקטואירט אין עקסעלסיאָר

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אין משך פון די זיבן יאָר, פון 1934 ביז 1940, האָבן בראש פון דער סטאַביליזירטער חברים־טרופּע אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", גאַסטראָלירט פאַרשידענע סטאַרס און עס וואָלט געווען אַ גרויסע עולה, ווען איך זאָל נישט דערמאָנען די אַלע גאַסטראָליאָרן פון מיין טעאַטער, וואָס זיינען צו מיר געווען אַזוי חברלעך פריינטלעך און אַ טייל פון זיי טאַקע מיט ברודערלעכע און שוועסטערלעכע באַציאונג און איך האָב זיי ליב געהאַט מיטן גאַנצן הארצן.

איך האָב שוין דערמאָנט די האַרציקע יוליוס און אַנאַ נאַטאַנזאָן, דאָס פיינע און אַרבעטזאַמע אַרטיסטן־פּאָרל; זי, אַנאַ, אַ האַרציק קינד, אַזאַ באַשיידענע און צוגעלאָזענע, וואָס מען מוז זי ליב האָבן און יוליוס, אַ דזשענטלמאַן פון פיינעם מאַניר און פונקט ווי איך האָב ליב געהאַט דעם אופן פון זיין רעזשי, אַזוי האָב איך אים אויך ליב געהאַט אַלס גייסטרייכן שמועסער אין געזעלשאַפט.

וועגן דזשעני גאָלדשטיין האָב איך אַ סך געהערט נאָך איידער איך האָב זי געזען און דאָך, בין איך פון איר אויסערגעוויינלעך איבעראַשט געוואָרן, ווען זי איז געקומען קיין בוענאָס איירעס אַלס סטאַר פאַר אונזער טעאַטער.

איך האָב געהערט וועגן איר ענערגיע, וועגן איר קלוגשאַפט, איר טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט, אָבער דאָס אַלעס וואָס איך האָב געהערט וועגן איר, האָט אויסגעזען ווי געזען דורך אַ פאַרקלענערונגס־גלאָז, אַנט־קעגן דעם ווי איך האָב זי געזען אין דער ווירקלעכקייט.

איך האָב געשטוינט זעענדיק מיט וואָס פאַר אַ ענערגיע זי פירט אָן

מיט דער אַרבעט באַם איינשטודירן אַ פּיעסע, ווי זי באַהערשט יעדע סיטואַציע און נאָך מער האָב איך באַוואונדערט איר שנעלע אָריענטאַציע באַ די שווערסטע טעאַטער-פּראָבלעמען און איר לאָגישע אַרגומענטאַציע, ווען זי האָט געוואָלט געבן צו פאַרשטיין אירס אַ געדאַנק.

אין דזשעני גאָלדשטיין האָב איך געזען דעם שכל און פעסטן ווילן פון אַן ענערגישן און קלוגן מאַן און איך האָב זי נישט איינמאָל מקנא געווען, טראַכטנדיק, אַז ווען איך וואָלט געווען געהאַט כאָטש אַ טייל פון אירע אייגנשאַפטן, וואָלט איך נישט געמוזט פאַרבלייבן אויף אייביק אויף דעם אינזל וואָס הייסט בוענאָס אײרעס...

יוסף בולאָוו און ליובאַ קאַדיסאָן, זיינען געווען צוויי באַזונדערע עקזעמפּליאַרן, וואָס יעדער פון זיי, האָט אויף אַ באַזונדערן אופן צוגעצויגן צו זיך.

ליובאַ, אַ זיסע„ אַ האַרציקע הברטע, ממש אַ קינד, נאָר מיט אַ געזעצטן שכל, וואָס יעדעס גערעדטע וואָרט אירס, איז אַן אויסגעדריקטע מיינונג פון אַ באַוואוסטזיניקן מענטש.

ער, בולאָוו, אַ נערוועזער, אַ צעטראָגענער, וואָס אויבנאויפיק קאָן זיך אויסווייזן, אַז ער ווייס בכלל נישט וואָס ער וויל... ביי די פּראָבן האָט ער אַזעלכע מאָדנע איינפאַלן, אַז עס קאָן זיך אויסדוכטן, אַז ער סטאַרעט זיך דאָ צו פאַרגרייטן אַן אומגליק און נישט קיין פאָרשטעלונג, אָבער באַלד כאַפּט מען זיך, אַז אָט אַ דער צעטראָגענער בולאָוו, כאַפּט אויף יעדעס וואָרט און ער ווייס וואָס ער וויל, ווייל עס וואַקסט אַ סצענע נאָך אַ סצענע און עס הויבט זיך דערפון אָן באַקומען אַ גאַנצע זאַך און מען טראַכט שוין ווידער אויף צוריק, אַז אָט אַ דער בולאָוו שפּילט נאָר דעם צעטראָגענעם און נערוועזן אָבער אין דער אמתן איז ער וואַכזאַם אויף אַלע איינצלהייטן וואָס האָבן אַ שייכות צו זיינע ספּעציאַליטעטן באַם אויפירן אַ פּיעסע.

אַ וואונדערלעכן עקזעמפּליאַר פון אַ אידישן קינסטלער, האָב איך געזען אין מנשה סקולניק.

וויפיל אַנדערע אַרטיסטן האָבן שוין געפּרוווט נאָכמאַכן דעם אופן ווי אַזוי סקולניק זאָגט אַרויס אַ וויץ, אָדער נאָכמאַכן זיינס אַ זשעסט וואָס רופט אַלעמאָל אַרויס געלעכטער, אָבער קיינער האָט נישט באַוויזן צו דערגרייכן צו די קנאַכל פון סקולניקס נאַטירלעכן אויסדרוק פון הומאָר און וויץ.

אין גאָלדנבורגן האָב איך געזען דעם קלאַסישן אַרטיסט פון פיינעם מאַניר און מיך האָט אַ סך מאָל פאַרדראָסן אויף אים, פאַרוואָס ער שטעלט נישט די פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר, אָבער ווען איך האָב איינמאָל

געריעדט מיט אים וועגן דעם, האָט ער מיר געענטפערט בלויז מיט אַ בליק, אָבער דער בליק האָט מיר אַזויפיל געזאָגט, אַז איך האָב אים שוין קיינמאָל מער נישט געוואָלט פרעגן וועגן דעם.

אין דעם בליק איז געלעגן אַזויפיל סאַרקאַזם, איראָניע און פאַרביטערונג, און אַ קליינע האַנט-באַוועגונג זיינע האָט מיט זיך אויסגעדריקט אַזויפיל אַנטוישונג און פאַרדרוס, אַז איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נישט גאָלדנבורג האָט אָפּגעשטויסן פון זיך דעם בעסערן רעפּערטואַר, נאָר מען האָט אים אָפּגעשטויסן.

אַ גרויסע פרייד איז פאַר מיר געווען ווען נאַזשיק איז געקומען אַלס גאַסטראָלירנדיקער רעזשיסאָר פאַר אונזער טעאַטער.

דאָס איז דאָך דערזעלבער נאַזשיק וואָס האָט אַמאָל געשריבן פּיעסן ספּעציעל פאַר מיר און איך האָב אין אים געזען אַן אָפּשיין פון מיין אַמאָליקן קינסטלערישן גלאַנץ.

מנחם רובין וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, צוליב דעם נחת-רוח וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט מיט זיין סטיליזירטער אויפפירונג פון שלום-עליכמס „דאָס גרויסע געווינס", אין וועלכן איך האָב געשפּילט עטי-מעני און געהאַט אַזאַ קינסטלערישן דערפאָלג.

געווען נאָך פאַרשידענע קינסטלער-געסט אין אונזער טעאַטער, געווען בעסערע און ערגערע און יעדער האָט מיט זיך געבראַכט אַ געוויסן נייעם טאָן וואָס האָט באַרייכערט די טעאַטער-קונסט אין אַרגענטינע, געווען דער סובטעלער סערעבראָוו מיט דער נאָך מער סובטעלער לוסי פינקעל, געווען די פיינפיליקע לוסי און מישאַ גערמאַן, געווען מאַקס קלעטער און גוירטי בולמאַן און נאָך און נאָך, מען האָט דאָך געבראַכט צו צוויי און אַמאָל נאָך מער געסט דורכן סעזאָן!

אָבער אַזאַ איינדרוק מיט אָפּערעטן-אויפירונגען ווי עס האָט אויף מיר געמאַכט הערמאַן יאַבלאָקאָוו, דאָס האָט קיינער נישט באַוויזן.

הערמאַן יאַבלאָקאָוו איז געקומען צוזאַמען מיט זיין ליבער בעלא מייזל. זי, אַזאַ צוגעלאָזענע, אַזאַ צאַרטע, וואָס דרינגט מיט איר סאַמעטענעם ווייכן בליק גלייך אין האַרץ אַריין און מען מוז זי ליב בקומען.

ער, מיט פיינעם מאַניר, סימפּאַטישן שמייכל, ער איז צוגעלאָזן פריינטלעך, אָבער גלייכצייטיק וועקט ער אַלעמאָל צו זיך אַ געוויסן רעספּעקט, וואָס האַלט אייך אין געוויסער פאַרערנדיקער דיסטאַנץ.

ווען איך האָב אים געזען באַ דער אַרבעט פון אויפירן אַן אָפּערעטע, האָב איך זיך דערמאַנט אַן מיין אַקטואַציע אין „קאַליסעאָ", אונטער דער רעזשי פון מאָרים שוואַרץ.

הערמאַן יאַבלאָקאָוו סטאַרעט זיך מיט דעם זעלבן ערנסט פאַר דער

פיינער אויפירונג פון דער אָפּערעטע, פונקט אַזוי ווי מאָרים שוואַרץ, פאַר דעם געשליפענעם ליטעראַרישן ספּעקטאַקל.

אַזוי ווי מאָרים שוואַרץ זוכט אַ האַרמאָנישע דריי־איניקייט אויף דער בינע פון ליכט, דעקאָראַציע און שוישפּיל, אַזוי זוכט עס יאַבלאָקאָוו אויך פאַר דער אָפּערעטע און שפּילנדיק אין יאַבלאָקאָווס אָפּערעטן־ספּעקטאַקל, האָב איך נישט איינמאָל געזאָגט צו זיך אַליין: — אויב שפּילן אָפּערעטן, דאַרף מען זיי שפּילן אונטער דער רעזשי פון הערמאַן יאַבלאָקאָוו!...

אין אונזער טעאַטער האָבן אויך גאַסטראָלירט דער קוועקזילבערדי־קער היימי דזשייקאָבסאָן, דער פריילעכער און וואַוויליונגערישער פּסחקע בורשטיין, פון די אויסגערעכנטע זיינען מאַנכע געווען צו צוויי און מער מאָל אונזערע געסט און די מערסטע פון די אַלע קינסטלער־געסט, האָבן אין מיר איבערגעלאָזן אַ וואַרימען געפיל פון פריינטשאַפט און בענק־שאַפט נאָך זיי.

פּראָווינץ־טורן אין די זומער חדשים

אין משך פון די יאָרן, האָב איך נאָך שלעכט־פאַרענדיקטע סעזאָנען אין עקסעלסיאָר, אויך מיטגעמאַכט רייזעס איבער די אַרגענטינער פּראָ־ווינץ־שטעט.

מילא, די שטעט אין צענטראַל אַרגענטינע זיינען נאָך געווען צום דערליידן; גרויסע שטעט, ראָזאַריאָ, סאַנטאַ־פע, קאָרדאָבאַ, טוקומאַן, עס זיינען פאַראַן האָטעלן, שיינע טעאַטער־סאַלאָנען און שפּילנדיק טעאַטער, קאָן מען אַ סך מאָל פאַרגעסן, אַז מען שפּילט אין אַ פּראָווינץ־שטאָט.

אפילו מאָזעסוויל, וואָס איז אייגנטלעך אַ קאָלאָניסטישע שטאָט, איז זי אָבער אויך אַ שטאָט, מיט אַ שיינעם גרויסן אידישן טעאַטער סאַלאָן.

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געווען אין ענטרע ריאָס; דאָרט זיינען קליינע שטעטלעך און אידן קומען זיך צונויף פון די אַרומיקע קאָלאָניעס צו אַן אידיש טעאַטער און מען דאַרף אָפּט פאָרן פון איין שטעטל אין צווייטן מיט אַ לאַסט־אויטאָ (קאַמיאָן) און דער אויטאָ פאַרקריכט אָפט אין אַ בלאָטיקער גרוב און די אַקטיאָרן מוזן אַראָפּקריכן און אַרויסשלעפּן דעם שווערן לאַסט־אויטאָ פון בלאָטע...

אויב מיין ווידער אויפירונג פון „שולמית״ אין עקסעלסיאָר האָט מיך דערמאָנט אָן די הייליקע מאָמענטן פון מיין יוגנט, האָט מיך די נסיעה איבער ענטרע ריאָס, דערמאַנט אָן די ליידן פון מיין נע־ונד אין מיינע קינדער־יאָרן.

און דאָך האָב איך ליבער געהאַט די נסיעה איבער ענטרע ריאָס, ווי אַ טור איבער די שטעט פון צענטראַל אַרגענטינע.

אין צענטראַל אַרגענטינע אַ חוץ מאָזעסוויל, האָב איך אין טעאַטער געזען כמעט דיזעלבע אידן ווי אין בוענאָס איירעס, נאָר מיט וויניקער ליבע צום אידישן טעאַטער ווי אין דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט; אָבער אין ענטרע ריאָס, האָב איך געזען אידישע קאָלאָניסטן, אידן מיט בערד און מיט פּאַרמאַזאָליעטע הענט פון פּראַצע אױף זייערע פעלדער און וויפיל פרייד האָט אַרויסגעשיינט פון זייערע פּנימער, ווען אונזערס אַ פאָרשטע־לונג איז זיי געפעלן!...

און פון מיינע טורן אין די זומער־חדשים איבער דער פּראָווינץ, זיינען מיר די אידישע קאָלאָניסטן אין ענטרע ריאָס, געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן און יאָ צו פאַרדינען אָדער נישט צו פאַרדינען, וואָלט איך צו יעדער צייט גרייט געווען, ווידער זיך צו מוטשען פאָרנדיק אױף די לאַסט־וועגענער, כדי ווידער צו שפּילן אידיש טעאַטער פאַר די ערלעכע, האָרע־פּאַשנע אידישע קאָלאָניסטן אין ענטרע ריאָס!...

פינפונדדרייסיקסטער קאַפּיטל:

דר. טשאַרלז וו. גראַל קומט קיין בוענאָס איירעס — די צעטרייסלונג פון אונזער טעאַטער — דר. גראַל איז אַן אונטערנעמער מיט שוואונג — אַ „פאַרזיכערונגס־פאָנד" פאַר אַלטע און קראַנקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס — אַ שווערער סעזאָן און נייע צעטרייסלונגען — דזשעני גאָלדשטיין — פּסחקע בורשטיין און ליליען לוקס — אַלע ווילן גיין צום דר. גראַל — מיר רעאָרגאַניזירן זיך אין „עקסעלסיאָר" און מיר האַלטן זיך אויף — מאָריס שוואַרץ מיט „ברידער אשכנזי" — מיין אייניקל שפּילט שוין אויך אידיש טעאַטער — דער אַקטיאָרן פאַריין קויפט אַ געביידע פאַר אַן אַקטיאָרן־היים — זעכציק יאָר אַלט און פופציק יאָר אידיש טעאַטער — אַ „יזכור" נאָך די פון הונגער און נויט אויסגעגאַנגענע חברים — זייט געבענטשט חברים! — צוגאָב.

אונזער טעאַטער האַלט זיך פעסט

דאָס אָנקומען פון דר. טשאַרלז וו. גראַל קיין בוענאָס איירעס, האָט גורם געווען אַ שטאַרקע צעטרייסלונג פון אונזער סטאַבילן טעאַטער.

די חברים פון אונזער טרופּע זיינען יעדן טאָג פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם קינאָ „סאַלעיל" (וועלכעס געפינט זיך אָף דערזעלבער זייט גאַס, בלויז אַ הונדערט מעטער ווייט פון עקסעלסיאָר) און געזען ווי פיבערהאַפט עס גייט צו די איבערבוי־אַרבעט פון דעם קינאָ אָף אַ טעאַטער און די צייטונגען האָבן יעדן טאָג געשריבן וועגן דער איבערבוי־אַרבעט פון דעם נייעם אידישן טעאַטער און כאָטש עס זיינען צווישן אונז געווען חברים, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז פונקט ווי די היגע שפּאַנישע טעאַטערס זיינען קאָנצענטרירט איינס נעבן צווייטן אין צענטער שטאָט און איין טעאַטער שעדיקט נישט די אינטערעסן פון אַנדערן, אַזוי קאָן דאָס צווייטע אידישע טעאַטער נעבן עקסעלסיאָר אויך זיין דוקא אַ מעלה, ווייל עס וועט ציען מער אויפמערקזאַמקייט און מען דאַרף זיך דעריבער נישט זאָרגן, פונדעסטוועגן האָבן זיך חברים געזאָרגט, און נאָך ערגער איז געווען, וואָס מען האָט אָנגעהויבן מורמלען, אַז דר. גראַל פאַרהאַנדלט מיט חברים פון אונזער טרופּע און איין חבר האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צום אַנדערן און עס האָט אָף אונז אָנגעווייעט אַ נערוועזיטעט און אַ מורא, אַז די סטאַביליטעט פון אונזער טעאַטער זאָל נישט צעטרייסלט ווערן.

און באַלד האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז דר. גראַל האָט טאַקע פאַר־

האַנדלט מיט מיטגלידער פון אונזער טרופּע און די ערשטע וואָס האָבן פאַרלאָזן אונזער טעאַטער און אָפּגעמאַכט מיטן דר. גראַל צו שפּילן אין „סאַלעיל" זיינען געווען סאַלאָמאָן און קלארא שטראַמער, לעאָן נאַרעפּקין און מישא שווארץ.

אודאי איז פאַר אונז דאָס אַרויסטרעטן פון אַזעלכע וויכטיקע חברים געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, אָבער דאָ מוז איך דערמאַנען מיט ליוב, די שטאַרקייט און דעם נישט צעצטרייסלטן מוט פון די חברים בערדימשעווסקי, אירים און זילבערבערג, די אָנפירער פון אונזער טרופּע, וועלכע האָבן זיך נישט פאַרלוירן, נאָר פאַרקערט, עס האָט זיך אין זיי געשטאַרקט די אַמביציע און זיי האָבן דערגענצט אונזער טרופּע דורך נייצוגעצויגענע מיטגלידער און מיר האָבן זיך מיט באַנייטן מוט גענומען צום סעזאָן 1940.

דער פאַקט פון דעם נייעם אידישן טעאַטער און דער פאַקט וואָס דר. גראַל האָט אַנגאַזשירט אַרטיסטן וואָס האָבן פריער אַקטואירט אין אַנדערע טעאַטערס, האָט פאַרשטייט זיך אַרויסגערופן אַ היבשע קנאה און שנאה צווישן חברים און נעכטיקע פריינט, זיינען זיך געוואָרן היינטיקע שונאים און דער אַקטיאָרן פאַריין, איז ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געריכטס-טריבונאַל, וואָס האָט יעדן טאָג געהאַט צו משפּטן נייע אָנקלאָגעס פון חברים קעגן חברים.

אָבער דער פאַריין האָט זיך געהאַלטן אויף דער געהעריקער הויך פון אָביעקטיוויטעט און לטובת די אינטערעסן פון דער פּראָפעסיע. די פילע יאָרן עקזיסטענץ, האָבן דעם פאַריין געקרעפטיקט און די פילע געשעענישן אין משך פון די יאָרן, האָבן אים געגעבן כח צו שטיין אויף דער געהעריקער הויך פון זיינע אויפגאַבן און אנשטאָט דער פאַריין זאָל צעטרייסלט ווערן און אפשר אונטערגיין — ווי מאַנכע פּעסימיסטן צווישן די פאַריינס-מיטגלידער האָבן געגלויבט — איז ער גאָר געשטאַרקט געוואָרן און ער האָט אונטערגענומען נייע איניציאַטיוועס לטובת דעם שאַפן פון אַ פאַרזיכערונגס-פאָנד פאַר אַלטע אָדער קראַנקע אַקטיאָרן.

אַ פאַרזיכערונגס-פאָנד און פינף-סענטן-שטייער

די נייע איניציאַטיווע איז געווען צו שאַפן אַ פאַרזיכערונגס-פאָנד, דורך איינפירן אַ פינף-סענטיקן אָפּצאָל אויף יעדן פאַרקויפטן בילעט, וואָס קאָסט מער פון איין פּעזע.

אין אונזער טעאַטער האָט מען שוין געשמועסט, אַז דער פאַרוואַלטער פון פאַריין נחמיה צוקער, צוזאַמען מיטן דעמלסדיקן פּרעזידענט סאַלאָ-

מאַן שטראַמער, האָבן אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט די עמפּרעסאַרן דר. טשאַרלז וו. גראַל און אַדאָלף מידע, וועגן איינפירן אין זייערע טעאַ־טערס דעם דערמאָנטן פינף־טענטן־שטייער אויף יעדן בילעט וואָס זיי וועלן פאַרקויפן און אַז דאָס געלט דאַרף גיין אויף אַ כּובילאַציע־פאָנד (פּענסיע־פאָנד) פאַר אַלטע אויסגעדינטע און קראַנקע אַקטיאָרן און פאַר הלוואות פאַר אַרבעטסלאָזע.

הערנדיק דאָס, האָבן זיך מיר די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן פון פרייד.

אין געדאַנק זיינען מיר אויפגעשוואומען בילדער פון דעם געמוטשעטן לעבן פון מיינע טאַטע־מאַמע און איך האָב אַ טראַכט געטאָן, ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען מיינע טאַטע־מאַמע זאָלן געווען האָבן אַזאַ כּו־בילאַציע־פּענסיע, וואָס ווי קליין זי וואָלט נישט געווען, וואָלטן זיי דאָך אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן געקאָנט אויסלעבן זייערע יאָרן; און וויפיל זיינען פאַראַן אַזעלכע ווי מיינע טאַטע־מאַמע? און צי וועלן מיר אַלע מיט דער צייט, וועך פריער און וועך שפּעטער, נישט זיין אין דער זעלבער לאַגע ווי מיינע טאַטע־מאַמע זיינען געווען?...

און עס האָט מיר זייער וויי געטאָן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די אָנפירער פון אונזער טעאַטער, האָבן מורא אונטערצושרייבן דעם אָפּ־מאַך; זיי האָבן מורא געהאַט, אַזאַ אַזאַ שטייער וועט שעדיקן די אינטע־רעסן פון טעאַטער.

די פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם וויכטיקן ענין פון שאַפן דעם פאָנד, האָבן זיך געצויגן לאַנג געצויגן נחמיה צוקער איז גאַנץ אָפט געקומען אין אונזער טעאַטער, ער האָט גערעדט אויף זיין אופן, ער האָט אַרגומענטירט און ענדלעך זיינען בערדיטשעווסקי און אירים געקומען אין פאַריין צו אַ ספּעציעלער זיצונג וועגן פאָנד, און אַבי בערדיטשעווסקי און אירים האָבן אין פאַריין אויסגעהערט די אויסגעאַרבעטע רעגלאַמענטן פאַר דעם פאָנד און דעם אָפּמאַך וואָס דער פאַריין האָט שוין געהאַט געשלאָסן מיט די צוויי עמפּרעסאַרן, האָבן זיי שוין איינגעזען די וויכטיקייט פון דעם ענין און זיי האָבן אויך אונטערגעשריבן און דער פאַרזיכערונגס־פאָנד איז געוואָרן אַ פאַקט.

אַ שווערער סעזאָן און נייע צעטרייסלונגען

דער סעזאָן 1940 האָט זיך אָנגעהויבן מיט גרויס פּאָמפּ, אָבער שנעל האָט זיך דער ענטוזיאַזם אָנגעהויבן לעשן, די טעאַטער געשעפטן זיינען נישט געגאַנגען, נאָר געשלעפּט זיך...

אמת, עס האָבן נישט געפעלט קיין תירוצים פאַרוואָס די געשעפטן גייען שלעכט, עס זיינען דאָך יעדן טאָג אָנגעקומען נייע איוב-בשורות פון די אייראָפּעאישע פראָנטן, און מיר זיינען דאָך יעדן טאָג אויפגעטרייסלט געוואָרן פון צער און צאָרן קעגן די היטלער-חיות, וואָס אָקופּירן כסדר נייע לענדער און דאָס ערשטע וואָס זיי טוען אין יעדן לאַנד, איז פּאָגראָ־מען און שחיטות אויף אידן און אודאי האָט מען אין אַזאַ צייט נישט גע־קאָנט פאַרלאַנגען, אַז אידן זאָלן פאַרגעסן אָן זייער וויטיק און קומען אין טעאַטער.

אָבער ווען מען האָט געזען, אַז עס דראָט פּשוט אַ פולשטענדיקער אונטערגאַנג פון אידישן טעאַטער, האָבן די אידישע צייטונגען אויפגע־הויבן אַ שטורם און געמונטערט, אַז מען טאָר נישט פאַרנאַכלעסיקן אונ־זערע קולטור-פּאָזיציעס, אַז פּאַרקערט, טאַקע ווייל היטלער זוכט דאָרט, אויף יענער זייט ים, אומצוברענגען דאָס אידישע לעבן, דאַרפן מיר זיך דאָ נאָך מער אונטערגאַרטלען און דוקא בויען און שאַפן און אויפהאַלטן אונ־זערע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן און מען מוז צוגעבן, אַז די דערמונטערונגס אַרטיקלען האָבן מער-ווייניק געהאָלפן און דאָס אידישע טעאַטער-וועזן האָט זיך באַוויזן ווי נישט איז צוצושלעפן ביז צום סוף סעזאָן.

אַלס צוריקגעצויגענע פרוי וואָס היט דעם אייגענעם אַרבעטס-פּלאַץ, האָב איך מיט דעם דר. גראָל נישט גערעדט, אָבער לויט ווי איך האָב געהערט וועגן אים ריידן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין אַ זייער ענערגישער מענטש און אַ פּעאיקער טעאַטער-טוער.

נישט קוקנדיק וואָס ער האָט געהאַט אַ שלעכטן סעזאָן און דערלייגט אַ סך געלט, האָט ער באַלד, מען קאָן זאָגן — נאָך איידער דער סעזאָן 1940 האָט זיך געענדיקט, שוין אָנגעהויבן בויען פּלענער פאַרן נייעם סע־זאָן פון 1941 און דאָס האָט אויך געשאַפן באַוועגונג אין אונזער טרופּע, אָבער די אויסזיכטן פאַרן נייעם סעזאָן, זיינען פאַר אונז געווען ערגער ווי פאַרן דר. גראָל, ווייל די קינסטלערן דזשעני גאָלדשטיין (די פרוי פון דר. גראָל) איז געווען אין בוענאָס איירעס און דר. גראָל האָט שוין אויך גע־האָט אָנגאַזשירט דאָס פּאָרל פּסחקע בורשטיין און ליליען לוקס, (וועלכע האָבן דערווייל געשפּילט אין מאָנטעווידעאָ) אַזוי, אַז פאַרן טעאַטער „סאַליל" זיינען שוין געווען קינסטלער-געסט, בעת מיר האָבן נישט גע־האָט קיין אויסזיכט צו קענען אָנגאַזשירן אַ גאַסט פון אויסלאַנד.

צוליב דער מלחמה, איז דאָס ברענגען סטאַרס פון אַמעריקע געווען אַ שווערער פּראָבלעם.

נישט יעדער האָט געוואָלט פאָרן איבער די געמינעוועטע ימים און די

פֿאַרהאַנדלונגען האָבן נישט געגעבן קיין שנעלע רעזולטאַטן און די לאַגע פֿון אונזער טרופּע איז געוואָרן אַזאַ פֿאַרצווייפֿלטע, אַז אַפֿילו אונזערע אָנפֿירער האָבן פֿאַרלוירן דעם מוט און ווען דר. גראַל האָט זיי פֿאָרגע־לייגט גוטע קאָנטראַקטן מיט געזיכערטע געהאַלטן פֿאַר זעקס חדשים, האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און זיי האָבן זיך געלאָזן אַנגאַזשירן.

עס האָט געהייסן, אַז דר. גראַל האָט אַנגאַזשירט בנציון און שושנה בערדיטשעווסקי, שמואל און סאָניאַ אירים און סאַמועל זילבערבערגן. אָבער זילבערבערג האָט עפּעס חרטה געטענהט אָפּן אָפּמאַך און ער איז געבליבן מיט אונדז אין עקסעלסיאָר.

דאָס אַוועקגיין פֿון אונזערע אָנפֿירער בערדיטשעווסקי און אירים, איז פֿאַר אונזער טרופּע נאָך אַזויפֿיל יאָר סטאַביליטעט, געווען דער שטאַרקס־טער קלאַפּ און עס האָט אויסגעזען, אַז אונזער פּאָזיציע וועט אונטערגיין.

איך האָב פֿאַרשטאַנען דעם פֿאַרדרוס און די פֿאַרביטערונג פֿון אונ־זערע חברים. איך האָב זיי מיטגעפֿילט, אָבער איך האָב אויך פֿאַרשטאַנען, אַז דר. גראַל האָט געהאַט אַ רעכט צו האַנדלען לויט זיינע אינטערעסן. דר. גראַל האָט האָך נישט אָפּגעריסן אַקטיאָרן פֿון זייער אַרבעט צו אַן אַנדער פֿאַך! זיי האָבן געשפּילט אין עקסעלסיאָר און איצט, ווייל זיי גלויבן אַז אַזוי וועט זיי בעסער זיין, וועלן זיי שפּילן אין „סאַלעיל" און אונז בלייבט נישט עפּעס אַנדערש צו טאָן, ווי אָפּסניי זיך רעאָרגאַניזירן און ווייטער אָנגיין מיט אונזער אַרבעט.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

מיר האָבן אָפּסניי אויפֿגעריכט אונזער טרופּע, צוגעצויגן נייע כחות און נאָך אַ סך אָנשטרענגונג, האָט זיך אונז אויך איינגעגעבן אַריבערצו־ברענגען אַזעלכע קינסטלער־געסט ווי יעקב בן־עמי, בערטאַ גערסטין און יעקב מעסטל און מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער נייעם סעזאָן מיט גרויס ענטוזיאַזם און די געשעפֿטן זיינען געווען גוטע, בעסער ווי מיר האָבן זיך געריכט. אָבער דער איינגעפֿונדעוועטער סטאַר־סיסטעם וואָס האָט זיך אַזוי טיף איינגעגעסן אין געביין פֿון היגן אידישן טעאַטער־וועזן, האָט טראָץ דער שווערער מלחמה צייט נישט אויפֿגעהערט ווירקן; בן־עמי, בערטאַ גערסטין און יעקב מעסטל האָבן געשפּילט עטלעכע חדשים מיט גרויסן דערפֿאָלג, אָבער וואָס ווייטער זיינען די געשעפֿטן געוואָרן שוואַכער, דער עולם האָט שוין געוואַרט אָף נייע געסט און די נייע געסט האָט מען נישט אַזוי שנעל געקאָנט באַקומען. דערווייל האָט דר. גראַל אַריבערגעבראַכט מאָרים שוואַרץ און די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון עולם איז געווען געווענדעט צום טעאַטער „סאַלעיל" און די געשעפֿטן

ביי אונז האָבן אָנגעהויבן גיין ערגער און ערגער.

עס האָט זיך אונז אפילו איינגעגעבן צו באַקומען אַ נייעם גאַסט, דאָס איז געווען דער קוועקזילבערדיקער היימי דזשייקאָבסאָן, אָבער ער האָט נישט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין פּאַסיקן רעפּערטואַר און מיר האָבן זיך אַזוי קוים צוגעמוטשעט ביז צום סוף סעזאָן און מיר האָבן זיך אַרויסגעהאָלפן מיט בענעפיט-פאָרשטעלונגען און גרויס איז געווען אונזער פרייד, וואָס מיר האָבן טראָץ די שלעכטע געשעפטן, דערפילט אַלע אונזערע פאַרפליכטונגען, סיי מיטן באַלעבאָס פון טעאַטער, און סיי מיט דעם גאַנצן פּערזאָנאַל, כאָר, אָרקעסטער, בינע אַרבעטער, און מיר זיינען קיינעם נישט שולדיק געבליבן קיין איין סענט.

אונזער סאַטיספאַקציע איז נאָך געווען גרעסער, דערפאַר, ווייל דער טעאַטער „סאַלעיל", וואו מאָרים שוואַרץ האָט געשפּילט זיין גרויסע סענסאַציע-פּיעסע „ברידער אשכנזי" מיט אַזאַ ריזן-דערפאָלג, אפילו דער גרויסער דערפאָלג האָט נישט באַוויזן צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון טעאַטער פאַרן גאַנצן סעזאָן און צוליב די שווערע מלחמה-באַדינגונגען, האָט דר. גראָל געמוזט ענדערן זיינע אָפּמאַכן מיט דער טרופּע און ער האָט ווייטער אָנגעפירט מיטן טעאַטער אַלס חברים-קאָלעקטיוו, ביז צום שלוס סעזאָן.

מיין אייניקל שפּילט אידיש טעאַטער

און אַזוי זיינען די געשעענישן געלאָפן און מיטגעשלעפּט מיט זיך טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן.

די געשעענישן אין טעאַטער האָבן זיך געקייטלט מיט מיינע פּריוואַטע פאַמיליען-געשעענישן.

נאָך דער טרויעריקער ידיעה וועגן מיין ברודער מילים טויט, האָב איך פון זעלבן בראַזיל באַקומען אַ פריידיקע ידיעה, וואָס האָט בא מיר אַרויסגערופן טרערן.

די פריידיקע ידיעה איז געווען, אַז מיין אייניקל, אסתר-רחלע, איז אויפגעטראָטן אויף דער בינע אין אידישן טעאַטער און געשפּילט צום ערשטן מאָל אַ קינדער-ראָל און זי האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג.

צילי האָט דערפרייט איר מאַמעס האַרץ. זי האָט מיר צוגעשיקט אויסשניטן פון צייטונגען וואו איך האָב געזען מיין אייניקלס בילד און זייער וואַרימע אָפּרופן וועגן איר ערשטן אויפטריט און איר פיינער אינטערפּרעטאַציע.

ווער נאָך קאָן זיך אַזוי פרייען ווי איך האָב זיך פון דער ידיעה געפרייט?

אַזוי קאָן זיך נאָר פרייען אַן אַלטער רב וואָס האָט קינדער רבנים און ער דערוואוסט זיך, אַז אויך זיין אייניקל איז שוין געוואָרן רב.

אָבער נאָך דער גרויסער פרייד, זיינען נאָכגעקומען טעג און נעכט פון נאָכטראַכטן און אַריינטראַכטן זיך אין דער פרייד און כאָטש מיין אייניקל איז אויפגעטראָטן ווייט פון מיר, אַזש אין בראַזיל, דאָרט וואו איר עלטער-זיידע און עלטער-באָבע, די ערשטע פיאָנערן פון אידישן טעאַטער זיינען געשטאָרבן, פונדעסטוועגן האָב איך זי געזען אין איר קינדערשער פרייד, איך האָב געזען מיין אייניקל אסתר-רחלע, איך האָב זי געזען אין געדאַנק ווי זי שטייט אויף דער בינע, ווי זי שוועבט אין די הויכן ווען דער עולם אַפּלאָדירט איר און אין איר, האָב איך זיך אַליין געזען, זיך אַליין, ווען איך בין געווען אַזוי ווי זי, צען יאָר אַלט און ווידער האָבן זיך אין מיין זכרון אויפגעמישט די יאָרן און טעג פון מיין גאַנץ לעבן און איך האָב זיך געטראַכט, אַז זיכער האָבן מיינע עלטערן זיך אויך אַזוי געפרייט ווען זיי האָבן געהערט, אַז זייערע אייניקלעך זיינען שוין אויפגעטראָטן אויף דער בינע און געהייליקט זייער לעבן פאַרן אידישן טעאַטער... און אָט, זיי זיינען שוין אויף דער אמתער וועלט און איך בין די באָבע און איך פריי זיך מיט מיין אייניקלס דערפאָלג, איך פריי זיך, מיינע אויגן זיינען מיר אָנגעפילט מיט טרערן פון פרייד, כאָטש איך ווייס שוין דעם שווערן לעבנס-וועג פון אידישן בינע-קינסטלער, כאָטש איך ווייס שוין וואָס עס איז געוואָרן פון מיינע גרויסע גליקן אַלס באַרימטע אַקטריסע און כאָטש איך ווייס שוין, אַז מיינע קינדער, כאָטש מיט נישט ווייניקער טאַלאַנט, האָבן אפילו אַזעלכע „גוטע זיבן יאָר" ווי איך, אויך נישט געהאַט...

אַלס אַקטריסע, האָב איך איבערגעלעבט טויזנט פריידן פון דער ידיעה וועגן מיין אייניקלס אויפטריט; אָבער אַלס אסתר-רחלעס באָבע, אַלס מאַמע און באָבע וואָס איר גרעסטער און הייליקסטער וואונטש איז, אַז די קינדער און אייניקלעך זאָלן האָבן אַ בעסערע דאָליע ווי זי האָט זיך אָנגעצייכנט פאַר איר אייגן לעבן, האָב איך מיין אייניקל באַדויערט און אַזוי האָב איך זיך געגרויסט מיט איר און באַדויערט זי, און ווידער זיך געגרויסט און מאָמענטן-ווייז, כאָטש איך האָב זי באַדויערט, בין איך זיכער, אַז ווען עמיץ פרעגט מיך וואָס מיין אייניקל דאַרף זיין אין דער צוקונפט, וואָלט איך אָן קווייקלעניש אויסגערופן — אַ אידישע אַקטריסע!...

אויך מיין צווייט אייניקל די קליינע לאהלע, אַנדזשעלעס שוואַרץ-

חנעווודיקע טעכטערל האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך נחת און איך האָב אָנ־געקוואָלן און קוועל אָן פון איר פלינקייט, פון איר באַווועגלעכקייט און אויך זי האָט שוין אָנגעהויבן באַווייזן סמנים פון אַ צוקונפטיקער אַקטרי־סע און מיר שיינט, אַז עס איז זיכער ווערט צו קויפן אַ בילעט און קומען קוקן ווי אַזוי דער קליינער שוואַרץ־חנעווודיקע מזיק מאַכט נאָך פאַרשי־דענע מינעס פון אַקטיאָרן און אַקטריסעס וואָס זי האָט געזען אויף דער בינע און ווי טרעפלעך זי קאָפּירט זיי...

אַ טעאַטער מיט אייגענע כחות

מיינע איבערלעבענישן אַלס אַקטריסע, האָבן זיך געקייטלט מיט מיינע איבערלעבענישן אַלס מאַמע און באָבע.

איך האָב זיך שוין לאַנג געהאַט צוגעוואוינט צו מיין גורל אַלס אַק־טריסע וואָס מוז זיין צופרידן מיט יעדער ראָל וואָס מען טיילט איר צו. די ידיעה וועגן מיין אייניקלס ערשטן אויפטריט, האָט מיך — חוץ דער פרייד וואָס זי האָט מיר פאַרשאַפן — נאָכאַמאָל דערמאַנט, אַז איך בין שוין אַ באָבע און איך טאָר שוין נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס, אָבער עס האָט מיר ווי געטאָן די דאָליע פון מיינע קינדער, וועלכע האָבן נישט דערגרייכט דאָס, וואָס זיי האָבן געקאָנט און באַדאַרפט דערגרייכן.

אמת, אסתר און זלמן אַקטואירן צוזאַמען מיט מיר. אסתר שפּילט די ערשטע ראָלן און דער עולם וויזט איר אַרויס די פאַרדינטע אַנערקענונג; אַנדזשעלע אַקטואירט אין דר. גראָלס טעאַטער און אונטער דער רעזשי פון מאָריס שוואַרץ, האָט זי אין אַ הויפּט־ראָל פון יעקב פּרעגערס פּרעכ־טיקער קאָמעדיע „דער וואַסער טרעגער" געהאַט אַ שטורמישן דערפאָלג און די שטאָט האָט מיט איר געקלונגען; אָבער צילי געפינט זיך אַלץ נע־ווּנד, זי האָט געשפּילט אין מאָנטעווידעאָ און זי דאַרף דאָרט ווייטער בלייבן, ווייל פאַר אַזאַ ברענענדיקן טעמפּעראַמענט, פאַר אַזאַ אַקטריסע וואָס שפּרודלט מיט לעבן און רייסט מיט דעם עולם, איז דאָ קיין פּלאַץ נישטאָ...

און דאָ האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון סעזאָן 1942, די מלחמה האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט, אַמעריקע איז אויך אַריין אין מלחמה און וועגן ברענגען אַ גאַסט קאָן אפילו נישט זיין קיין רייד און אַלע פון אונ־זער טרופּע האָבן געוואַרט, אַז דר. גראָל זאָל זיי אַנגאַזשירן און ער האָט טאַקע אַנגאַזשירט אויך סאַמועל זילבערבערג און עס האָט אויסגעזען, אַז די סטאַביליטעט פון אונזער טעאַטער האָט שוין באַקומען דעם לעצטן טוויט־קלאַפּ.

אָבער אונזערע חברים וואָס זיינען שוין געבליבן אַלס אויפגעלייזטע טרופּע, האָבן נישט געזען קיין אַנדערע ברירה ווי קלאַמערן זיך אָן דעם טעאַטער וואו מיר האָבן אַזויפיל יאָר אַקטואירט אין לייד און אין פרייד... א סך פון אונז האָבן געוואַרט און געהאָפט, אפשר וועט אַדאָלף מידע, וועלכער האָט די לעצטע עטלעכע יאָר אַנגעפירט מיט דעם טעאַטער „מיטרע" און דערפילט אַלע זיינע פאַרפּליכטונגען צו אַקטיאָרן, אפשר וועט מידע ווייטער האַלטן דעם „מיטרע" און אַנגאַזשירן אַ טרופּע, אָבער ווען מידע האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אָן סטאָרן האָט ער מורא צו עפענען אַ טעאַטער-סעזאָן און ער וועט זיין טעאַטער „מיטרע" פאַר־וואַנדלען אין אַ קינאָ, ערשט דעמלט האָבן זיך אונזערע חברים אַ נעם געטאָן און אין זייער פאַרצווייפלונג, האָבן זיי געוואַגט אַף אַ גרויסן שריט.

מיין איידעם זלמן הירשפעלד, יוסף שיין, יוסף מאורער און פעלין, האָבן זיך א נעם געטאָן רעאָרגאַניזירן די טרופּע, מען האָט צוגעצויגן נייע חברים ביז צוואַנציק מיטגלידער און ווייסנדיק אַז מיר וועלן האָבן אַזאַ קאָנקורענץ ווי מאָרים שוואַרץ, וואָס וועט אַקטואירן אין דערנעבנדיקן טעאַטער, האָבן מיר זיך מיט ציטערניש אַנגעהויבן גרייטן צו אונזער סעזאָן.

אַקטיאָרן אויסער אונזער טרופּע האָבן געלאַכט און געחוזקט פון אונז, אַז מיר זיינען פּשוטע דאָן קיכאָטן, אַז מיר וועלן צוזאַמענקראַכן אין די ערשטע וואָכן, אָדער גאָר אין די ערשטע טעג, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך אַנדערש; מיר האָבן זיך גוט געגרייט, מיר האָבן אַנגאַזשירט אַ גוטן דייטש-אידישן דיריגענט, לעאָן עסוויט שוואַרץ, אונזער טרופּע איז געווען אַ גרויסע און פון גוטן צוזאַמענשטעל פאַר אָפּערעטן און אונזער ערשטע אָפּערעטע „גרעפין מאַריצאַ" מיט וועלכער מיר האָבן דערעפנט דעם סעזאָן, איז געווען אַזאַ שטורמישער דערפאָלג, אַז מיר האָבן די זעלבע אָפּערעטע געשפּילט און געשפּילט איבער פערציק מאָל.

אונזער טרופּע פאַרן סעזאָן 1942 איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע חברים: יוסף מאורער, פּאַולינאַ טאַכמאַן, יוסף שיין, ביילע האַנטפּוס, מאַקס פּערלמאַן, גיטאַ גאַלינאַ, ישראל און חנה פעלדבוים, שלמה צוקער און אידאַ ראָזנצווייג, מינא אַקסלראַד, מאַקס קלאָס, הערמאַן קאָסאָווסקי, נתן קלינגער, ישכר האַנטפּוס, מ. פּעלין, אסתר זלמן און איך.

אין אונזער פאַרצווייפלונג האָבן מיר געוואַגט צו בויען אַ טעאַטער־סעזאָן מיט אייגענע כחות און מיר האָבן געזיגט. מיר האָבן באַוויזן, אַז מיט אַנגעשטרענגטער און אחריותפולער אַרבעט, קאָן מען אַליין, מיט אייגענע כחות, אויך עפּעס אויפטאָן...

דער אַקטיאָרן פאַריין קויפט אַן אייגענע געבײַדע

מײַנע איבערלעבענישן נאָך די ידיעות וועגן טויט פון מײַנע עלטערן און מײַנע ברידער שייקע און מילי, האָבן פאַרשטאַרקט מײַן אינטערעס צו דער טעטיקייט פון אונזער אַקטיאָרן פאַריין.

איבערהויפּט האָט זיך אין מיר פאַרשטאַרקט דער אינטערעס צום פאַריין, נאָכדעם ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן דער פאַרזיכערונגס-פאָנד אַ דאַנק דער פינף-סענטיקער באַשטייערונג אַף די טעאַטער-בילעטן.

עס האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, דאָס זיך שרעק, אַז דער פינף-סענטן-אָפּצאָל וועט שעדיקן די אינטערעסן פון די טעאַטערס, איז אומבאַגרינ-דעט, ווייל פאַרקערט, דער עולם האָט גערן באַצאָלט דעם קליינעם שטייער צוגאָב און די באַזוכער פון דער גאַליאָרקע האָבן נאָך פּראָטעסטירט, פאַרוואָס מען נעמט נישט אויך בא זיי די פינפער סענטן, ווייל אויך זיי ווילן זיך באַטייליקן און מיטשטייערן פאַר אַזאַ וויכטיקע זאַך, ווי צו קע-נען קובילירן אידישע בינע-קינסטלער אַף זייערע אַלטע יאָר...

דער איינגעפירטער פינף-סענטן-שטייער, איז געווען אַ ברכה פאַרן פאַריין און אַ גרויסע הילף פאַר אַ רייע עלנטע אויסגעדינטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן באַקומען סטאַבילע חודש-פענ-סיעס פון דער פאַרזיכערונגס-קאַסע.

מיט טרערן אין די אויגן האָב איך צוגעזען די שיינע אויפטוען פון פאָנד, ווי אַזוי עס ווערן פונקטלעך אויסגעצאָלט די חודש-פענסיעס און ווי אַזוי דער פאָנד גיט אַרויס — דערוויל קליינע הלוואות צו חברים וואָס געפינען זיך אין אַ נויט, ווי אַזוי מען העלפט אַ קראַנקן חבר און ווי אַזוי עס ווערן געשטיצט גאַנצע טרופּעס וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אַף דער פּראָווינץ און זיי דאַרפן נישט זוכן קיין „בעלי-עגלות-מעצענאַטן" ווי מײַן טאַטע, ווייל דער פאַרזיכערונגס-פאָנד באַם אַקטיאָרן פאַריין, באָרגט זיי אויס אַף הוצאות...

די אַלע אויפטוען האָבן געוואָרימט מײַן געמיט. איך האָב געזען מײַנם אַ הויפּט-חלום פאַרווירקלעכט. איך האָב געזען, אַז דער אידישער אַק-טיאָר הערט אויף צו זײַן אַ הפקר-זאַך, אַז דער אידישער אַקטיאָר דאַרף זיך מער נישט באַטראַכטן ווי אַ פאַראורטיילטער צו אַ שווערער ביטערער עלטער פון עלנט און נויט...

און נאָך גרעסער איז געוואָרן מײַן פרייד, ווען איך האָב געהערט, אַז די אָנפירער פון פאָנד האָבן פאַרטראַכט אַ פּלאַן וועגן קויפן אַן אייגע-נעם בנין פאַר אַן אַקטיאָרן היים.

איך האָב אין דער אידייע וועגן קויפן אַ בנין פאַר אַן אַקטיאָרן היים געזען אַזאַ גרויסקייט, אַז עס האָט מיר צוגענומען דעם שלאָף און טאָג ווי נאַכט האָב איך נאָר געטראַכט וועגן דעם און איך האָב גאָט געבעטן, אַז די אידייע זאָל וואָס שנעלער פאַרווירקלעכט ווערן.

און אין איינעם אַ טאָג, האָב איך געהערט די בשורה, אַז דער פאַריין האָט געקויפט אַ בנין אויף דער גאַס זשאַן זשאַרעס נומער 746.

זעכציק יאָר אַלט, פופציק יאָר אידיש טעאַטער

אָ, איר שיינע זכרונות! און אוי, איר טריבע זכרונות!...

איבערגעבן קאָן מען זכרונות פון אַמאָל, זכרונות פון לאַנג, אָבער שווער צו דערמאַנען זיך זאַכן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ערשט נעכטן און היינט...

געשעענישן פון נעכטן און היינט, האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אַריינ־צוזאַפּן אין האַרץ און אין דער נשמה און זיי האָבן נאָך נישט אָנגענומען די פאָרמען פון אַ זאַך וואָס מען קאָן ריידן וועגן איר.

און דאָך, איז די געשעעניש מיטן קויפן דעם בנין פאַרן אַקטיאָרן היים באַלד, אין ערשטן מאָמענט, אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה, אַז איך האָב אָנגעהויבן פילן ווי אַ גרויס ליכט הויבט אָן באַלייכטן מיין לעבן און דאָס לעבן פון אַלע אידישע אַקטיאָרן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומזען, אַז אָט ווער איך שוין באַלד זעכציק יאָר אַלט און באַלד ווערן שוין פופציק יאָר זייט איך בין ווי מיין אייניקל אסתר־רחלע, אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אויף דער בינע און וואָס האָב איך נישט מיטגעמאַכט אין משך פון דעם האַלבן יאָרהונדערט אידיש טעאַטער? וואָס האָבן מיינע טאַטע־מאַמע דורכגעליטן אין זייער לאַנגן קאַמף פאַר אידיש טעאַטער, פאַר קענען זיך אויסלעבן קינסטלעריש, פאַר קענען אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און מיטפירן מיט זיך דאָס אידישע ליד און שפּרייטן פרייד צווישן די פאַרחשכטע אידישע מאַסן?...

ווי גליקלעך וואָלטן זיך מיינע עלטערן געוועזן געפילט, ווען זיי זיינען מיטגלידער פון אַזאַ פאַריין, וואָס גרייט פאַר זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ אויף זייערע אַלטע יאָר און אַ מינימום־פענסיע, אויף צו קענען אויסקומען מיט דעם נויטיקסטן? צי האָבן זיי דען נישט פאַרדינט אַזעלכעס פאַר זייער לאַנגן נע־ונד? און צי פאַרדינען נישט אַזעלכעס אויך די היינט־צייטיקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס ווערן נישט יונגער נאָר עלטער, אַז אין

זייער געמוטשעט לעבן, זאָלן זיי, כאָטש פאַר זייער קינסטלערישער טעטיקייט זיין געזיכערט אויף די עלטערע יאָרן מיט א דאַך איבערן קאָפּ און מיט אַ שטיקל ברויט?

און איך האָב געפילט אַ גרויסע און הייליקע פאַרגעלטונג פאַר די אַלע שווערע איבערלעבענישן מיינע און אין דעם טאָג ווען איך האָב געהערט, אַז דער פאַריין האָט זיך שוין אריבערגעקליבן אין אייגענעם בנין, האָב איך ווידער געשוועבט אין די הויכע הויכן פון גייסטיקער גליקזעליקייט און אין מיין געדאַנק האָב איך געזען אונזער גאַנצע אַקטיאָרן משפחה און איך צוזאַמען מיט מיינע קינדער, אַלע פאַראייניקט אונטער איין דאַך, אונטער דעם דאַך פון אייגענעם בנין און אין הארצן האָב איך באַוויינט די אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, קרבנות פון נע-ונד, נויט און הונגער, אויסגעדינטע, איינזאַמע, פאַרלאָזענע פון עולם און פון אייגענע, וואָס האָבן נישט געהאַט די זכיה צו דערלעבן אַזאַ דערהויבענעם מאָמענט.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געטראַכט וועגן דער גרויסער געשעעניש, איך האָב צום ווי פלטן מאָל געבענטשט די חברים נחמיה צוקער, בנציון בערדיטשעווסקי, סאַלאָמאָן שטראַמער, מישא שוואַרץ, זלמן הירשפעלד, דר. גראַל און אדאָלף מידע, וועלכע זיינען געוועזן די גוטע שלוחים פון פאַריין און געקויפט דעם בנין און אפּצומאַרגנס אינדערפרי, האָט עס מיך פריער ווי יעדן פרימאָרגן ארויסגעטריבן פון בעט, איך בין אַראָפּ אין גאַס און זיך געלאָזן אפן וועג צום אייגענעם בנין פון אַקטיאָרן פאַריין און גייענדיק אַזוי, פאַרטיפט אין געדאַנקען דערהער איך פלוצלינג ווי עמיץ רופט מיר אַנטקעגן: — „פלאָרעס״ (בלומען)... איך גיב אַ קוק, אַ בלומען-פאַרקויפער האָט מיך פאַרהאַלטן און מיר פאָרגעלייגט איך זאָל קויפן אַ בוקעט...

— —

— —

— —

צוגאָב:

דעמזעלבן טאָג, נאָכמיטיק, ווען די פאַרוואַלטונג פון אַקטיאָרן פאַריין איז געקומען אָפּהאַלטן די ערשטע זיצונג אין אייגענעם בנין, זיינען די חברים איבעראַשט געוואָרן זעענדיק אַ שיינעם בוקעט בלומען אויפן טיש.

— פון וועמען קענען דאָס זיין די בלומען?

באַלד איז דאָס רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרן.
צווישן די בלומען איז געלעגן אַ בריוול געשריבן מיט אַ פרויען האַנט־שריפט און דאָרט איז געווען אָנגעשריבן פאָלגנדעס:

„טייערע חברים, אַ גרויסן דאַנק אייך!
איך שטעל דאָ אוועק בלומען, אנשטאט אױף די אומבאַקאַנטע קברים פון די אידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס וואָס זיינען נאָך לאַנגע יאָרן קאַמף און ליידן פארן אידישן טעאַטער, ערגייץ־וואו אויסגעגאַנגען פון הונגער, עלנט און נויט. זאָלן די בלומען באַם באַנייען אונזער אייגענעם בנין פאַרן אַקטיאָרן היים, דינען צום ליכטיקן אָנדענק נאָך אונזערע פאַרשטאָרבענע חברים און חברטעס!
מיט הייליקן ציטער, אייער זינאַ ראַפּעל״.

עפּילאָג:

„פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ"!...

גענענדיקט זיך די לייד און די פריידי, — „פּיו,-פּיו, און נישטאָ מער..."

נישטאָ מער די צאַרטע מאַמע פון אידישן טעאַטער אין אַרגענטינע.

זי האָט נישט דערלעבט צו פּראַווען איר זעכציקסטן געבורטסטאָג און נישט איר טעאַטער-יובל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אויף דער אידישער בינע.

זי האָט נישט דערלעבט די גרויסע פרייד, צו זען איר לעבנס-געשיכטע געדרוקט אין בוך-פאָרם.

זינאַ ראַפּעל, די סובטעלע קינסטלערן, האָט פאַרמאַכט אירע אויגן אויף אייביק.

„פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ"!...

ווי אַזוי איז עס פּלוצלינג געשען?

זינאַ אַליין, וואָלט אויף דער פראַגע געענטפערט אויף איר אייגענעם אופן, אַז, — ביי אידיש טעאַטער איז עס אַזוי; זייער פאַמעלעך קומט דאָס ביסעלע גליק, כדי וואָס שנעלער ווידער צו פאַרשווינדן און צרות און פיין קומען שנעל און האַלטן זיך ווי שטאַם-געסט...

זינאַ ראַפּעל האָט זיך געפילט גליקלעך בלויז באַם געדאַנק, אַז אינגיכן וועט זי פּראַווען איר טעאַטער-יובל, אויף וועלכן עס וועט דערשיינען איר לעבנס-געשיכטע אין בוך-פאָרם.

איבערגענומען פון דערהויבנדיקער פרייד, האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אַ סך מאָל אויסגערופן: — אוי, וועט דאָס פאַר מיר זיין אַ יום-טוב!...

און פון איר אויסרוף האָט זיך געפילט איר אומענדלעכע פרייד, וואָס איז בכח צו מאַכן פאַרגעסן אַלע דורכגעלעבטעליידן.

הערנדיק פאַרלייענען קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל פון איר לעבנסגעשיכטע, האָט זי גאַנץ אָפט געווישט אירע טרערן און ווען מען האָט גערעדט וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן באַערונגס-קאָמיטעט וואָס וועט זאָרגן, אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשיינען צו איר יובל-יום-טוב, האָט זי זיך געפרייט ווי אַ יונג מיידל און זי האָט געזאָגט, אַז עס גלויבט זיך איר גאָרנישט אַזאַ כבוד, אַזאַ גליק!...

טראַכטנדיק וועגן דעם כבוד, וועגן דעם גרויסן אויסדרוק פון אנערקע־נונג וואָס וואַרט אויף איר, איז זי געווען ווי פאַרשיכורט און די געשעעענישן האָבן — לויט זינאַס אויסדרוק אָנגעהויבן לויפן אַזוי שנעל, אַז זי האָט זיי נישט געקענט אָניאָגן.

עס האָט זיך דערעפנט דער סעזאָן 1943.

קיין טעאַטער איז נישט געווען צו באַקומען. „סאַלעיל" איז אַ קינאָ; „אַמבו" ווערט צעוואָרפן, ווייל די חברה־קדישא וויל אויף דעם פּלאַץ בויען אַ נייע קהילה־געביידע; אין טעאַטער „מיטרע" שפּילט שוין אַ שפּאַנישע טרופּע און דער „עקסעלסיאָר", דאָס איינציקע פּערמאַנענטע אידישע טעאַטער אין משך פון צוואַנציק יאָר, איז פאַרקויפט געוואָרן אויף ליציטאַ־ציע און דער נייער אייגנטימער פאָדערט אַזאַ גרוים דירה־געלט, אַז אי־דישע אַקטיאָרן קענען דאָס נישט באַצאָלן און עס זיינען נישט געווען קיין שום אויסזיכטן צו באַקומען אַ טעאַטער פאַרן סעזאָן 1943.

און — ווי זינאַ ראַפּעל פלעגט זאָגן: — טרויער ברענגט טרויער און פרייד ברענגט נאָך פרייד און צו זינאַ ראַפּעלס פאַרשיכורנדיקע פרייד, איז צוגעקומען אויך די פרייד, וואָס אַ איד, אַ פאַבריקאַנט, אַ געוויסער י. מ. ראָזענבערג, האָט פון פאַרערונג צו דער פאַמיליע ראַפּעל, געדונגען דעם „עקסעלסיאָר" און באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן אַ טרופּע.

פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן די גאַנצע פאַמיליע ראַפּעל און אַלע אַקטיאָרן האָבן זיי מקנא געווען.

אָבער דאָס וואָס אַלע האָבן גערעכנט פאַר אַ גליק, איז פאַר דער צאַרטער פיין־פילנדיקער קינסטלערן געווען אַן אומגליק.

אַנגאַזשירט האָט דער דירעקטאָר נייגצן אַרטיסטן צוזאַמען מיט דער פאַמיליע ראַפּעל און עס זיינען געבליבן איבער פופציק אַקטיאָרן אַרבעטס־לאָז, זיינען אַ סך פון זיי געקומען צו זינאַ ראַפּעל בעטן איר פּראָטעקציע צום באַלעבאָס און זי האָט אינטערוועניִרט און אין איר נאַאיווער גוטס־קייט, האָט זי געגלויבט, אַז דער נייער דירעקטאָר וועט איר צוליב טאָן.

אָבער באַלד, ביי דער ערשטער אינטערווענץ, האָט זי זיך איבערציינגט, אַז זי וועט גאָרנישט אויפטאָן, אַז מער ווי די נייגצן, וועט דער באַלעבאָס נישט אַנגאַזשירן און עס האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט קומען צו איר אַרבעטסלאָזע אַקטיאָרן און זי האָט מיטגעפילט זייער צער און זי האָט זיך דורכגענומען מיט זייער פיין און נאָך ערגער איז איר געוואָרן אויפן געמיט, ווען דער סעזאָן האָט זיך געעפנט.

דאָס געשעפט איז אַוועק זייער שלעכט.

דער באַלעבאָס — אַ הונדערט־פּראָצענטיק פרעמדער פון טעאַטער־געשעפטן, האָט אַנגעשטעלט אַ געשעפט־פירער און דער געשעפט־פירער

האָט „געפירט" אַזוי שלעכט, אַז נישט נאָר וואָס די געשעפטן זיינען גע־וועז שלעכטע, נאָר ער האָט זיך באַלד צעקריגט מיט אַלע אַקטיאָרן און מיט אַלע נאָנטע פון טעאַטער און ווייל מען האָט געוואוסט, אַז דאָס טעאַ־טער איז געדונגען געוואָרן אויס סימפּאַטיע צו דער פאַמיליע ראַפּעל, האָט מען אָנגעהויבן האָבן טענות אויך צו די ראַפּעלס און דער רוגז קעגן באַ־לעבאָס און געשעפט־פירער, האָט זיך זייער טרויעריק אָפּגערופן אויף איר געזונט, ביז זי איז אַוועקגעפאַלן מיט אַן אַטאַקע אויף דער לעבער.

נאָך דער ערשטער אַטאַקע איז געקומען אַצווייטע און אַ דריטע, און דאָקטוירים האָבן געראַטן, זי זאָל זיך אינטערנירן אין שפּיטאָל.

און די געשעפטן זיינען געלאָפן ווייטער.

אָט האָט מען געהערט, אַז עס גייט איר בעסער, דער שרייבער פון דעם בוך, האָט זי אָפט באַזוכט און פאַרגעלייענט פאַרענדיקטע קאַפּיטלען פון איר לעבנסגעשיכטע און זי האָט אַזוי געשיינט פון גליק, אַז עס האָט אויסגעזען אַז נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און זי וועט אַרויס פון שפּיטאָל און זיך ווידער באַווייזן אויף דער בינע.

מעגלעך, אַז זי וואָלט אינגאַנצן געזונט געוואָרן, ווען מען לאָזט נישט צו צו איר די ידיעות וואָס עס טוט זיך אין טעאַטער־וועלטל; אָבער דאָס איז נישט מעגלעך געווען צו פאַרהיטן און זי האָט זיך ווידער גענומען צום האַרץ און די אַטאַקעס האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט און די יסורים זיינען געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זי האָט שוין אָנגעהויבן זען דעם טויט פאַר די אויגן.

די דאָקטוירים האָבן ענדלעך איינגעזען, אַז נאָר אַן אָפּעראַציע קאָן זי ראַטעווען, און האָבנדיק אַזעלכע גהינומדיקע ווייטיקן, האָט זי באַלד מסכים געווען צו גיין אונטערן מעסער און מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן אַלע אַקטיאָרן און הונדערטער טעאַטער־גייער אָנגעפּרעגט ווי אַזוי די אָפּעראַציע איז אַריבער.

די אָפּעראַציע איז אַריבער זייער געלונגען.

זינאַ ראַפּעל האָט צוריקבאַקומען אירע שיינע און צאַרטע פּנים־שטריכן און עס האָט אויסגעזען, אַז זי וועט זיך שנעל דערהאָלן.

זינאַ ראַפּעל האָט זיך אָבער נישט דערהאָלט...

עס איז געווען דריי טעג נאָך דער אָפּעראַציע.

זינאַ ראַפּעל איז געלעגן אַזוי רואיק און אויף איר פּנים האָט געררוט אַזאַ גליקלעכער שמייכל און זי האָט אויסגעזען אַזוי שיין, אַזוי גליקלעך און צופרידן, אַז עס האָט קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער מלאך־המות לויערט שוין אויף איר נשמה.

די דאָקטוירים האָבן געגעבן די בעסטע האָפענונגען, אַז זי וועט שנעל קומען צו זיך און זי אַליין, האָט אויך שוין אָנגעהויבן ריידן וועגן טעאַטער, וואָס פאַר אַ פּיעסן מען גרייט און ווען זי וועט זיך שוין קענען באַטייליקן...

— „וואָס איז דער מענטש? פיו-פיו, און נישטאָ מער"!...

צומאָרגנס פאַרטאָג האָט דער טעלעפאָן פון שפּיטאָל געבראַכט די פאַטאַלע ידיעה, אַז זינאַ ראַפּעל לעבט נישט מער.

אַ פּלוצלינגדיקע אַטאַקע אַפן האַרץ, האָט פאַרענדיקט מיט איר לעבן און איבערגעריסן איר שיינעם חלום וועגן דער פייערונג פון איר יובל און וועגן זען איר לעבנסגעשיכטע אין בוך-פאָרם.

די געשעענישן זיינען געלאָפן אַזוי שנעל פאַרוים, אַז די סובטעלע קינסטלערן האָט זיי נישט געקאָנט אָניאָגן און זי איז געפאַלן, אַזוי פּלוצלינג געפאַלן אינדערמיט וועג...

„פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ"!...

(סוף)

די הויפּט־העלדן פון דעם בוך:

ערשטער דור:

יאַקוב ציפּקוס (יעקב־זיידל ציפּעס).

איטע פויגל־ציפּקוס.

צווייטער דור:

זינאַ ציפּקוס־טעקס־ראַפּעל.

מאַרקוס טעקס (כיראַמאַנט און מאַגיקער איר ערשטער מאַן).

לייזער ראַפּעל, איר צווייטער מאַן.

שייקע ציפּקוס

שבע, זיין פרוי.

פאַני ציפּקוס־יאַקובאָוויטש

לעאַן יאַקובאָוויטש, (שרייבער) איר מאַן.

מילי ציפּקוס

ראַזאַ, זיין פרוי.

מערי ציפּקוס־גוטאָוויטש־מאַרקאַ.

דריטער דור:

צילי טעקס

נתן קלינגער, איר מאַן.

אסתר ראַפּעל

זלמן הירשפעלד, איר מאַן

אַנדזשע ראַפּעל

אַדאָלף גערדיסמאַן, (טאַנץ־קינסטלער) איר מאַן.

מאַלווינאַ ראַפּעל, לייזער ראַפּעלס טאָכטער פון ערשטער פרוי.

פערטער דור:

אסתר־רחל טעקס־קלינגער, (שוין אויפגעטראַטן אויף דער בינע).

לאָהלע ראַפּעל־גערדיסמאַן (קינד).

(די אַלע אויבן אויסגערעכנטע זיינען אידישע אַקטיאָרן אַ חוץ די פּערזאָנען וואו עס איז באַלד אַנגעגעבן אַ אַנדער פּראָפעסיע).

זוך צעטל פון נעמען:

א

אבעלמאַן — 250, 272, 352.
אבעלמאַן (פרוי) — 272.
אבערבערג אַדאָלף — 301.
אבראַמאָוויטש בינע — 15, 25, 27, 28.
אדלער יעקב — 11, 22, 23, 27, 28.
אַדלער יוליוס — 179, 227, 391, 392.
אַדלער מילי — 227.
אדלער סעם — 193, 195, 196, 207.
אַדלער צילי — 263.
„אינלאַ“ (רעצענזענט) 222,213, 223.
איידלמאַן (פרוי) — 227.
אירים שמואל — 271, 274, 275, 367, 378, 379, 421, 423, 443, 444, 457, 458, 460.
אירים סאָניע — 421, 423, 437, 438, 444, 460.
אַפּפּי מיצי — 351.
אקסלראָד אברהם — 29.
אקסלראַד מאַרים — 396, 397.
אקסלראַד מינא — 464.
אקסלראַד רחל — 25, 29, 30, 35, 36, 349.
אריעל סאָניא — 315, 316.
ארנשטיין מאַרק — 195, 199, 226, 228.
ארקאַ יצחק — 175.

ב

באַטאַשאַנסקי יעקב — 437.
באַרו עליא — 313, 327, 328, 340, 345, 370.
באַריסאָווא (פרוי) — (?) 377, 394, 399, 405, 406.
בודמאַן (עמפּרעסאַר — ?) — 278, 289.
בודקין ציליע — 208.
בוזינאָווער יאַסקע — 54, 60, 144, 231.
בוימוואַל יהודה־לייב — 316, 317
בוכבינדער (?) — 15, 53, 64.
בולאָוו יוסף — 374, 441, 452.

בולמאן גוירטי — 453.
בורשטיין פסח — 454, 456, 459.
בייגלמאן דוד — 380, 399, 405.
ביילים מענדל — 309.
בלום סאמועל — 438.
בן עמי יעקב — 429, 430, 431, 432, 460.
בעקער ראזא — 167, 168, 169.
בערג סימאן — 436, 437.
בערדיטשעווסקי בנציון — 411, 412, 414, 423, 444, 457, 458, 460, 467.
בערדיטשעווסקי משה — 414.
בערדיטשעווסקי שושנה — 414, 421, 423, 424, 425, 426, 444, 450, 460.
בערמאן אדאלף — 224, 301.
בערנאר סארא — 181, 188, 189, 302.
בראגינסקי (?) — 195, 204, 205, 211, 212.
בראדסקי (צוקער־פאבריקאנט) — 167, 176,
בראנדעסקא (?) — 227.
בראנענבערג — 438, 439.
177.
ברוין ליאווא — 244, 256, 297, 301, 305־7, 315, 321, 322.
ברי ראזא — 259.
בריימאן נאטאן — 380, 399, 405.
ברייטמאן פאול — 376, 379, 380, 383־391.
ברין מאקס — 380, 391, 399, 405.
ברין ראזא — 208.
ברעסטאוויצקי (פרוי) — 310.

ג

גאטליב העלענא — 244, 321, 352.
גאלד זושע — 421.
גאלדבערג ראזא — 288.
גאלדנבורג סאמועל — 424, 441, 452.
גאלדפאדן אברהם — 11, 15, 18־21, 37, 81, 85, 104, 115, 211, 250.
גאלדפאדן אידל — 11, 15.
גאלדשטיין דזשעני — 441, 451, 456, 459.
גאלדשטיין ווילי — 438.
גאלדשטיין משה — 436, 444.
גאלדשטיין קלארא — 438.
גאטליב סאניע 178.
גאלובטשיק סאניע — 408.
גאלינא גיטא — 464.
גארדין יעקב — 235, 258.
גארטעלעוויטש יעקב — 179, 182, 301, 344.
גארטענשטיין (?) — 20.
גוטאוויטש — 368.
גוטהארד (סופליאר) — 361, 362.
גוטנטאג בערטא — 29.
גוטנטאג קארל — 29.
גורענקא (?) — 244.
גימפל עמיל — 372.
גינזבורג (באראן) — 25, 37.
גלאזונאוו בעטי — 400, 408, 421.
גלאזונאוו נחום — 395, 400, 408, 421.
גנעסיא ניניא — 436.
גענפער מישא — 96, 97.
גערמאן לוסי — 208, 453.
גערמאן מישא — 453.
גערסטין בערטא — 460.
גראל טשארל וו. — 446, 456, 457־61, 463, 467.
גראף לעאן — 378.

ד

דוזע עלעאנארע — 237.
דזשייקאבסאן היימי — 454, 461.
דייטש יצחק — 421.
דראנאוו נאדיא — 196, 244, 301.
דראנאוו נאטאן — 182, 244.

ה

האכבערג מרדכי — 193, 196, 288, 315, 320, 396, 397.
האכבערג רחל — 315.
האלפערן הדסה — 421, 423, 436, 444, 445.
האלפערן לעא — 421, 423, 436, 444, 445.
האנדפוס ביילע — 438, 464.
האנדפוס ישכר — 421, 438, 444, 464.
הארט הערש — 353, 354, 373, 374.
הורוויץ משה, פראפ. — 25, 29, 30, 31־34.
הערמאן דוד — 372, 430.
הערצל טעאדאר — 112.

ו

ווארשאווסקי א. מ. — 408, 421.
ווייכערט מיכאל — 372, 430.
וויינטרויב לאה — 379.
וויינער (?) — 369, 370.
וויינשטיין איטע — 301.
ווייסמאן דארא — 439.
ווייסמאן הערש־לייב — 82, 87, 92, 93, 96, 101, 107, 108־9, 115, 117, 128, 178, 182, 224, 228.
ווייצער און מיטקאוויצער — 436.
ווינטער פרוי (?) — 375.
ווינער לייבל — 272, 309, 326.
וועלער סעם — 423.
ווערעטע (?) — 329, 331, 332.

ז

זאלאטניצקי (?) — 301.
זאלאטניצקי (פרוי — ?) — 301.
זאנגער יעקב — 448.
זאנד פאלי — 391.
זאנדבערג יצחק — 175, 177, 192, 224, 315, 357.

זאסלאווסקי פאני — 175.
זאסלאווסקי רודאלף — 422.
זיידעמאן דוד — 375.
זילבערבערג וואלף — 196, 313, 317.
זילבערבערג סאמועל — 423, 428, 444, 445, 457, 460, 463.
זילבערצווייג זלמן — 221.
זינגער בערנארד — 367, 370.
זינגער יואל דר. — 439, 440.
זשארזש מ. — 167.

ח

חפץ (רעדאקטאר) — 318.

ט

טאכמאן פוילינא — 444, 464.
טאמארקין דר. — 268, 269.
טאמאשעווסקי בארים — 297, 298.
טורקאוו (פאטער) — 362-64.
טורקאוו מארק — 362.
טעפנער אדאלף — 380, 384, 385, 388.
טרילינג מאניע — 224, 301.
טשאאוסאווסקי כאקאבא — 2.
טשערווין קארלאס — 2.

י

יאבלאקאוו הערמאן — 441, 453, 454.
יאנג (יונגוויץ) בועז — 260, 263, 321, 341, 342, 343, 371.
יאנג קלארא — 243, 244, 250-63, 308, 313, 321, 322, 342, 371.
יאנקא יאשא — 196.
יאנקעלעוויטש סאלאמאן — 2.
יאפאנטשיק מישקע — 329, 335-40, 348.
יאקובאוויטש אורי — 44.
יערמאלינא ראזא — 178, 182, 224, 227.

כ

כאימאוויטש (?) — 276, 288, 289, 290, 293.
כאראז לעאן — 352.
כיניעץ (?) — 178.
כליוונער (סופליאר) — 255, 260-62.

ל

לאנגער אהרן — 192.
לאכמאן יצחק — 271, 274-76, 288, 301, 315, 318, 321, 347, 438.
לאכמאן סאניא — 274-76, 288, 301, 315, 321, 324, 347, 438.
לאנדסמאן הערי — 193, 227.
לאנדסמאן (פרוי) — 193, 227.
לובעלטשיק (עמפר. בראזיל) 393.
לוסטיק אסתר — 408, 444.
לוקס ליליען — 456, 459.
ליאוו לעא — 96, 106, 107.
ליבערט יעקב — 175, 177, 193, 227, 263, 271, 272, 341.
ליבערזאן יוסף — 438.
ליטמאן פעפי — 313, 315-17, 319, 336-37, 340, 343-45.
לייבל (?) — 355.
ליפאווסקי נחום — 68-73, 172.
ליפינסקי יצחק — 348.
ליפמאן משה — 380, 381, 383, 388, 389, 391.
ליפמאן נאטאליא — 380.
לעווין אבראשא — 400, 408.
לערמאן יעקב — 244, 272, 315, 382.
לערנער חנה — 375.
לערער מרים — 437.

מ

מאגולעסקא זיגמונט — 28.
מאורער יוסף — 444, 464.
מאזא מ. — 356, 364.
מאלינא (דיריזשאר) — 181, 184-89.
מאסקאוויטש אסיפ אסיפאוויטש — 211, 214, 218.
מארעווסקי אברהם — 405, 408-10.
מארקאוויטש יוסף — 423-24.
מאשקאוויטש מארים — 244, 258, 266.
מאשקאוויטש (פרוי) 255, 265-70.
מידע אדאלף — 247, 368, 389, 392, 395-98, 400, 405, 407, 408, 410, 421, 439, 443, 458, 464, 467.
מיטקאוויצער און ווייצער — 436.
מייזל בעלא — 441, 453.
מייטים (פרוי) — 182, 191, 196.
מיכאלעסקא מיכאל — 352.
מעדוויעדעווא ראסי — 301, 346-47.
מענדעלע מוכר־ספרים — 344.
מעסאל (?) — 268.
מעסטל יעקב — 429-30, 432, 460.
מעערסאן ליאסע — 301.
מעערסאן מ. ל. — 182, 224, 244, 301.

נ

נאאומאוו שלמה — 400, 408.
נאזשיק יצחק — 288, 320-22, 329-30, 376, 441, 453.
נאטאנסאן אנא — 441, 450, 451.
נאטאנסאן יוליוס — 441, 450, 451.
נאמבערג ה. ד. — 243, 245-46.
נארעפקין לעאן — 457.
נוגער יצחק — 407, 422-24, 426-27.
נעראסלאווסקי אסתר — 193, 195-96, 199, 200, 244, 289, 293, 294, 297.

ס

סאבסיי דוד־משה — 15, 27, 28, 36, 58, 59, 67, 192־93.
„סאלנצא" (רעצענזענט) — 340, 342־45.
סאמבערג אייזיק — 244, 321, 352.
סאמערסאן מיכאל — 406, 408.
סאנדלער פרץ — 244, 297.
סאקאלאוו לעאניד — 429, 436־37.
סארנע (פרוי) — 372.
סטרוגאטש יוסף — 375.
סטרינדבערג אויגוסט — 195, 209־10, 258.
סטרעלסקאיא (?) — 97, 348.
סיגאלעסקא אלבערט — 329, 332־33.
סילוויא סארא — 400, 406־07, 423, 428.
סלוצקער (?) — 175, 183, 190־91.
סלוצקער פאני — 183.
סערעבראוו מוני — 441, 453.
ספיוואקאווסקי יעקב — 175, 184, 193, 195־96.
סקאראפאדזקי העטמאן — 329, 339.
סקולניק מנשה — 441, 452.
סקולניק סארא — 208.

ע

עמערמאן (?) (דיריזשאר) — 271, 274־76, 288, 301, 315.
עפלבוים ב. — 301.
עפלבוים (פרוי) — 301.
עפלבערג העשל — 228, 236, 237, 239, 250־51, 258, 261, 263, 272, 308.

פ

פוקס (פרוי) — 374.
פיבער (פרוי) — 301, 319, 370.
פינקעל לוסי — 441, 453.
פינקעל (—) — 53, 64, 67.
פישזאן אברהם — 12, 149, 167, 172־77, 181, 195, 200־03, 231, 270, 272, 274, 275, 293, 297.
פישקינד (?) — 53, 64, 67.
פיינמאן (פרוי) — 244, 263.
פעלדבוים חנה — 428, 464.
פעלדבוים ישראל — 428, 464.
פעלדשטיין מאריאנא — 2.
פריד לאזער — 196.
פרידמאן (פרוי) — 259.
פרידמאן לייבל — 380.

פּ

פּאדלובני (קאפעלמייסטער) — 195, 204־06, 211־212.
פּאטאפּטשינא — 271, 277.
פּאטאצקאיא — 268.
פּאלאנסקי (א מאלער) — 68, 74, 75.
פּאלאנסקי חוה — 96, 106־07, 110, 130־31, 133, 142־43, 153, 157־58, 161־62, 172, 381, 391, 393־94, 405־07.
פּאליאקאוו אהרן — 429, 437.
פּאלעפּאדע בנציון — 82, 88, 90, 91, 93, 95, 129, 396, 408, 421, 436.
פּינסקי דוד — 235.
פּיעקארניק ראזא — 247.
פּיקאן מאלי — 436.
פּעלץ מ. — 400, 408, 423, 428, 438, 444, 464.
פּערלמאן אסתר — 421.
פּערמאן מאקס — 464.
פּרעגער יעקב — 463.

צ

צוקער מאלווינא — 301.
צוקער נחמיה — 411, 417, 418, 434, 435, 457־58, 467.
צוקער שלמה — 464.
צעלמייסטער — 350, 351.

ק

קאדיסאן ליובא — 441, 452.
קאוואלסקי מאטעס — 178.
קאליך יעקב — 436.
קאלמאנאוויטש (—) 288, 301, 315.
קאלמאנאוואטש (פרוי) — 301, 315.
קאמינסקי אידא — 384־85.
קאמינסקי אסתר־רחל — 6, 193, 207, 224, 227, 236־37, 252, 329, 357, 384־85, 447.
קאמינסקי קאזשמיעזש — 268.
קאמיסאזשעווסקאיא — 236.
קאמפּאניעיעץ אבא — 149־50, 167, 177, 179, 182, 197, 199, 206־07, 216־17, 219, 224־28, 234, 263, 271, 272, 350, 353, 367, 376, 377־78.
קאמפּאניעיעץ לאה — 271.
קאמפּאניעיעץ סאניע — 167, 206.
קאנאפּאוו (—) — 308, 309, 341־44.
קאניעווסקי (אדוואקאט) — 133, 140, 141, 147־48.
קאניעווסקי ווערא — 306, 382־83, 386־88, 394, 399, 405.
קאניעווסקי כארלאמפּ (?) — 130, 133, 137, 140, 149, 239.
קאנעפּא ריקארדא — 445.
קאסאווסקי הערמאן — 367, 377, 464.
קאפּלאן דוד — 436.
קאץ (רעדאקטאר) — 342.
קאראפּאטניצקאיא אנא — 322.
קארנבליט (—) — 186, 189.
קארפּאנאוויטש (—) — 375.

קוטנער ש. — 271, 274.
קושטשינסקי — 182, 191.
קייזעראוויטש (מאן) — 244, 315, 348-49.
קייזעראוויטש (פרוי) — 244, 315, 348-49.
קיפנים מ. — 195, 208.
קלאצקין הערמאן — 423.
קליין מיכל — 196, 244, 262, 272, 301, 344, 367, 373.
קלעטער מאקס — 453.
קעלטער (—) — 301.
קעסמאן נעלי — 411, 418-19, 431-32.
קרויזע־מילער — 175, 181-82, 244, 272.
קרויזע שלמה — 176-79, 181-82, 186, 189, 191, 244.
קרעלמאן — 378.
קרעמניצער (—) — 376, 378.

ר

ראבינאוו לעאן — 423.
ראבינאוויטש עלזא — 428.
ראזנצווייג אידא — 464.
ראזנצווייג בעטי — 170-71.
ראזנצווייג פייגעלע — 170-71.
ראמאנאוו ניקאלאי ניקאלאיעוויטש — 283, 286.
ראפעל אבא — 350, 358-61, 364-66, 373.
ראפעל מאקס — 297, 305-07.
ראשעל עליזאבעט — 237.
רובין מנחם — 348, 441, 453.
רובינשטיין (—) — 191-92.
רודמאן (עמפרעסאר) — 278, 289.
ריבאלסקי (—) — 175, 180-81.
רייבער פאני — 129, 396-97.
רענע רות — 377, 380-81, 383, 387-89, 391.
רעסלער בנימין — 367, 373-74.

ש

שאיעוויטש (—) — 196.
שאפראן ליזא — 221, 227.
שאר אנשל — 439.
שווארץ לעאן עסוויט — 464.
שווארץ מארגאריטא — 193, 196.
שווארץ מארים — 429, 439, 440, 443, 454, 456, 460-61, 463-64.
שווארץ מישא — 457, 467.
שווארצבארד (—) — 224.
שטאקפעדער — 348, 367.
שטיינבערג שלמה — 419.
שטראמער סאלאמאן — 421, 427-30, 457, 458, 467.
שטראמער קלארא — 421, 427-30, 457.
שטרייטמאן אדאלף — 288, 423, 428, 444.
שטרייטמאן חיה — 288, 310, 328, 444.
שיין יוסף — 428, 444, 464.
שיינגאלד יאזעף — 411, 415-19.
שילינג סעם — 259.
שליאסבערג יצחק — 175, 201, 244, 308.
שליאסבערג מאניע — 379.
שליאסבערג סאניע — 175, 244.
שלום עליכם — 388.
שעראדזקי (—) — 244.
שערמאן יעקב — 243, 250-54, 256, 400.
שפירא (—) — 175, 177, 182.

דערשינענע ביכער פון נחמיה צוקער

●

חליצה

(דראַמע אין דריי אַקטן)
(60 זייטן)
(אויספארקויפט)

שפּאַס און ערנסט

לידער און פּאַראָדיעס
(180 זייטן)
(אויספארקויפט)

פאַר דראַמקרייזן

(צען איינאַקטערס)

1) אין רעדאַקציע; 2) ווען די נאַכט פאַלט צו...; 3) אפן קאמפ; 4) דער רעצענזענט; 5 די עצה נאָך ש. עליכם); 6) אין פעלד-שפּיטאָל; 7) מקובלים סצענירט); 8) דער מאלער (נאָך עדל-שטאַט); 9) די קליאַטשע (סצענירט); 10) 2 ברידער (סצענירט)
(180 זייטן)

פון אַלץ צו ביסלעך

(סקיצן און דערציילונגען)
(132 זייטן)

אין נאָמען פון גערעכטיקייט

טראַגעדיע אין דריי אַקטן
(60 זייטן)

פאַבריקאַנטן

(איינאַקטער)

באַמערקטע פעלערן

זייט 15 פאָטאָ אילוסטראַציע:
אנשטאט פוילן, דאַרף זיין אין פוילן און רוסלאַנד.

זייט 16 פאָטאָ אילוסטראַציע:
אנשטאָט פון סאָקאָלאָווסקי דאַרף זיין פון אָסטראָווסקי.

זייט 17 פאָטאָ אילוסטראַציע:
אנשטאט חתונה־בילד, דאַרף זיין זינאַ און לייזער ראַפּעל. אַרעס 1917.

זייט 29 פאָטאָ אילוסטראַציע:
דאַרף זיין — אַלס מוטער פון אנא קארענינאַ.

זעלבע זייט:
אנשטאט קרעמערקע, דאַרף זיין קרעטשמערקע.

זייט 144 שורה 7 פון אויבן:
עס דאַרף זיך לייענען: — און דער טאַטע האָט דערמאנט, אַז מיר זיינען שוין אַמאָל געווען אין יערמעלינעץ און אז. וו.

עס גרייט זיך צום דרוק אַן אינטערעסאַנט
בוך פון זעלבן מחבר א. נ.

„שיף אַטלאַנטאַ“

ראָמאַן פון אידישן לעבן אין אַרגענטינע